STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00892

# IN SHTUREM

## David Flinker

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Mildred Kaplan & Sidney & Martin Fine*
*in memory of*
*their parents Samuel & Anna Fine*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פלינקער

# אין שטורעם

ראָמאַן

באַנד צוויי

★

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN, 1950

בוענאָס־איירעס, 1950

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
David Flinker, New York

DAVID FLINKER

# IN SHTUREM

(TORMENTA)

★

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
Buenos Aires

**AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN, 1950**

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

# אינהאַלט

קאַפּ. — זייט


| קאַפּ. | | זייט |
|---|---|---|
| 15 | אין אַ רעגנדיקן פרייטיק | 9 |
| 16 | ר׳ משהלע ראַפּשיצער | 43 |
| 17 | אומרואיקע נעכט אין בערטעס הייזקע | 55 |
| 18 | גרעפישע געסט אין בערטעס הייזקע | 98 |
| 19 | ר׳ משהלע ראַפּשיצער אין ציטאַדעל־קאַמער | 114 |
| 20 | ר׳ משהלע ראַפּשיצער ווערט נתגלה | 133 |
| 21 | דער נסיון | 152 |
| 22 | בערטעס חלום | 170 |
| 23 | פאַלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו איז גרייט | 185 |
| 24 | אַדאָלף בער וואַרט | 193 |
| 25 | ערב יום הדין | 204 |
| 26 | די באַגעגעניש אין ציטאַדעל | 209 |
| 27 | וויקטאָרס פאַרדאַכט | 214 |
| 28 | די וואַך־נאַכט | 224 |
| 29 | דאָס געריכט גייט! | 243 |
| 30 | זיי דיך מודה | 251 |
| 31 | ע ד ו ת | 260 |
| 32 | דער פאַרמעסט | 271 |
| 33 | ר׳ משהלעס לעצט וואָרט | 285 |
| 34 | אין באַראַטונגס־צימער פון געריכט | 289 |
| 35 | דער אורטייל | 307 |
| 36 | דער לעצטער פּרווו | 317 |
| 37 | דער רוף פון שיקזאַל | 327 |
| 38 | מיטן עשאַלאָן | 339 |
| | ביכער־רשימה | 341 |
| | פּרעסע־שטימען | 343 |

# צווייטער באַנד

## קאפיטל 15

# אין אַ רעגנדיקן פרייטיק

פון ביינאַכט אָן קאַפּעט דער רעגן איבער די גאַסן פון וואַרשע. קאַפּעט פויל און זלידנע, אָן אויפהער פון הימל, און פון די דעכער, און פון די באַלקאָנען. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט פאַרגעסן, דער רעגן, אַז עס איז פרייטיק אויף דער וועלט און אַז אויך אין מלחמה־צייט מוזן די באַלעבאָסטעס גיין אין די באָזאַרן און האַלטן צוגרייטן דעם שבת.

שטייען די באַלעבאָסטעס ביי די פענצטער און קוקן אַראָפּ צו דער גאַס, צו די וואַסער אינדזעלעך, וואָס זעען גיכער אויס, ווי אַ נאַסע קלעפּיקע בלאָטע, און קוקן אַרויף צום הימל, וואָס קוקט אַראָפּ אַ מאָנאָטאָן גרויער פון די שפּייז־דעכער, און טראַכטן ביי זיך:

— נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַזאַ ערב שבת...

און זייערע מענער שטייען ביי די טירן פון די קראָמען, קוקן אויף די רעגן־טראָפּנס, וואָס מאַכן אַזעלכע דריידלעך אין די וואַסער קאַלוזשעס און מורמלען צו זיך:

— ווער וועט קומען היינט קויפן, אַז ס'איז אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן...

מיטאַמאָל באַווייזט זיך אַ פורל אויף דער גאַס. אַ פויעריש פורל אין איין פערד געשפּאַנט. דאָס פערדל שלעפּט זיך איבער דער גאַס מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. שווער שטעלט דאָס פערד זיינע טריט אין די קאַלוזשעס וואַסער און צעשפּריצט זיי איבערביידע זייטן טראָטואַר.

די באַלעבאָסטעס ביי די פענצטער פון זייערע דירות און זייערע מענער ביי די טירן פון זייערע קראָמען האָבן נישט וואָס צו טון אין דעם רעגנדיקן פרייטיק, קוקן זיי אויף דער פויערישער שקאַפּע, וואָס

שלעפּט די פיס, זעט אויס, שוין מיט די לעצטע כּוחות און אויף דעם פּורל וואָס הוידעט זיך נאָך דעם פערד. עפּעס מאָדנע זעט עס אויס דאָס פּויערישע פּורל אין מיטן די קאַלוזשעס וואסער. נישט מען זעט דערויף זעק מיט קאַרטאָפל, און נישט עס קוקן פון דעם פּורל אַראָפּ הינערישע קעפּלעך, און נישט מען זעט אויף דעם פּורל שטרויענע קוישלעך, וואָס זענען אָנגעפילט מיט פּוטער און אייער. מיט באַלעבאַטישקייט גאָר איז אָנגעלייגט דאָס פּורל, מיט צעוויקעלטע פון רעגן קישנס און פּערענעס, מיט טעפּ און קופּערנע פאַנען, מיט אָנגעוואָרפענע בגדים פון מענער און פרויען, מיט שיכלעך קינדערישע איז אָנגעוואָרפן דאָס שמאָלע פּויערי־שע פורל, וואָס הוידעט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס איבער דער גאַס, און פון דעם פורל הענגען נאָך אַראָפּ די פיסלעך פון שטולן און ווייסע קיכן־בענקלעך, וואָס זענען, זעט אויס, מיט שטריק צוגעבונדן צו די צעשאָקלטע זייטן פון דעם פורל.

אָבער נישט בלויז מיט באַלעבאַטישקייט איז פול דאָס פּויערישע פּורל. אויבן אויפן סאַמע שפּיץ, אויף די צעוויקעלטע קישנס און פּערענעס, שאָקלען זיך עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע געשטאַלטן, איינגעוויקלטע אין טונקעלע טוכער. די פּנימער און די קעפּ פון די געשטאַלטן זענען פאַר־דעקט מיט די טוכער, נאָר אָט עפנט זיך אַ שפּאַלט, אַ שמאָלער פון איין טונקל טוך און אַ לאַנגע גרויע באָרד קוקט פּלוצלינג אַרויס...

— ווי איז מיר... — קרעכצן אַרויס די ווייבער, וואָס שטייען ביי די פענצטער פון זייערע וואַרימע וווינונגען — יידן — אין אַזאַ גאַס!...

און די קרעמער, וואָס שטייען הינטער די טירן פון זייערע געוועל־בער, בייגן צו זייערע פּנימער צו די שויבן און מורמלען צו זיך מיט פאַר־טאַיעטער שרעק:

— וואָס איז דאָ?... דאַכט זיך, יידן...

דער פּויערישער פורמאַן דרייט זיך אויס מיט דער בייטש אין האַנט צו די איינגעהילטע טוכער. דאָס פורל בלייבט שטיין, ווי עס וואָלט מער נישט געוווסט, וווהין ווייטער צו גיין.

די יידן אין די קראָמען קענען נישט דערהערן, וואָס דער פּויער וויל. זיי זעען נאָר, ווי די טיכער צעשאָקלען זיך עפּעס אַזוי אומבאַהאָלפן און פאַרלוירן.

## אין שטורעם

איין קרעמער שטעלט אויף דעם קאַלנער פון זיין פּאַלטאָ און גייט אַרויס אויף דער גאַס:

— מען דאַרף אַ קוק טון — רוקט ער זיך פּאַרזיכטיק אין די קאַלאַשעס וואַסער צו צו דעם פּורל.

— העי, גאָספּאַדאַזשו, — רופט דער קרעמער צו דעם פּויערישן פורמאַן — וואָס איז?

— ווייסט נישט — ענטפערט דער פּויער גלייכגילטיק — מען טרייבט די יידעלעך!...

דער קרעמער בלייבט שטיין פאַרשטומט. ער האָט מורא צו קוקן אַרויף צו די שוואַרצע טוכער. ער האָט מורא צו זען די שאַקלענדיקע זיך געשטאַלטן אויף די צעווייקטע קישנס. ער קוקט מיט צעטומלטע אויגן אויף דעם פּויער און פרעגט:

— וואָס הייסט, מען טרייבט?...

— מען טרייבט און — שוין, מ'וועט דיך אויך טרייבן, זשידקו!...

—ענטפערט דער פּויער מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער זיכערקייט — אַלע ביז איינעם וועט מען אייך טרייבן...

דער קרעמער בלייבט שטיין אַ פאַרלוירענער.

— וואָס טוט מען? — האָט ער נאָך אַליין מורא אַרויפצוקוקן צו די שוואַרצע טיכער.

באַלד צענעמט ער ביידע הענט און גיט צייכנס צו זיינע שכנים, קרעמער, און שרייט:

— יידן, יידן; קומטץ נאָר אַהער!...

אַ הייפל יידן רינגלען אַרום דאָס פּויערישע פּורל. איין שוואַרץ טוך צעעפנט זיך און עס קוקט דערפון אַפער אַ בלייך געזיכט, אַרומגענומען פון אַ ברייט־צעוואַקסענער גרויער באָרד.

— פון וואַנען? — פרעגן די קרעמער.

— פון וואָרקע, יידן, פון וואָרקע — קרעכצט דער ייד — פרעגט נישט, גאָטס צאָרן האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן.

די יידן האָבן מער נישט געפרעגט, נאָר וואָס צו טון האָבן זיי נישט געוווסט. אַ גאָס רעגן האָט זיך אַ לאָז אַראָפּ געטון אויף זייערע קעפּ און זיי האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן און געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע.

באַלד זענען געקומען אַנצולויפן זייערע ווייבער. ווי אַ שטורעם־ווינט זענען זיי אַרויסגעפאַלן פון זייערע וואַרעמע וווינונגען אויף דער גאַס צו דעם פורל:

— וואָס שטייט עטץ ווי גולמס!... — האָבן זיי זיך צעשריגן אויף די מענער — די קינדער וועלן זיך, חלילה, צוקילן און זיי שטייען און קוקן.

בייז און שטרענג האָבן זיי גערעדט, די ווייבער, נאָר גלייך זענען זייערע שטימען געוואָרן מוטערלעך צאַרט, ווען זיי האָבן גענומען רעדן צו די איינגעהילטע אין די שווערע טיכער געשטאַלטן:

— קומטץ, יידן, קומטץ, האָט נישט קיין מורא, עטץ וועט זיך אין שטוב דערוואַרעמען.

דער ערשטער איז פון פורל אַראָפּ דער עלטערער ייד מיט דער גרויער באָרד און ער האָט גערעדט, קרעכצנדיק:

— קום, רחל, קום, כ׳האָב דיר געזאָגט, צווישן יידן ווערט מען נישט פאַרפאַלן...

אַ יידענע אין אַ גרויס בלאָנד שייטל האָט זיך שווער גענומען שאַרן אַראָפּ פון די בערג פּערענעס.

— קומט, קומט, מומעשי, — האָבן די ווייבער פון די וואַרשעווער הייף זי אונטערגעהאַלטן — האָט נישט קיין מורא, קומט...

די יידענע האָט זיך געטולְיעט אין איר טוך און אויפן פורל האָט אַ יונגע פרוי זיך נישט געקענט אַן עצה געבן מיט דריי קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך אַזוי ווי צוגעקלעפּט צו איר פאַטשיילע.

— קריכט אַרויף אויף דער פור און נעמט אַראָפּ די קינדער! — האָבן די ווייבער געגעבן קורצע און שטרענגע באַפעלן צו די מענער — עטץ זעט דאָך, וואָס טוט זיך.

די מענער האָבן גענומען אומגעשיקט קריכן אויף דעם פורל און די יידענע איז ערשט אַרוים מיט איר קלאָג:

— דריי עופהלעך מיינע, ווו וועל איך זיך מיט זיי אַהינטון... לע־בעדיקע יתומים, נעבעך... דער טאַטע איז אַוועק אין דער מלחמה און מיין טאַכטער נעבעך איז געבליבן מיט די קינדער.

די ווייבער האָבן מיטגעכליפּעט, אָבער זיי האָבן שוין געהאַלטן אין זייערע אָרעמס די קינדער און מיטגענומען מיט זיך דעם ייד מיט דער גרויער באָרד, און די יידענע מיטן שייטל און איר יונגע טאָכטער:

— קומטיך נאָר אַרויף אין שטוב, מ'וועט מאַכן טיי...

אין מיטן וועג איז אָבער די יידענע געבליבן שטיין, זי האָט זיך דער־מאָנט אין דער באַלעבאַטישקייט, וואָס איז געבליבן אויפן פּורל און אונטערן רעגן. די ווייבער האָבן זי באַרואיקט:

— עס וועט אייך גאָרנישט פעלן — און זיי האָבן געשריגן צו די מענער:

—די זאַכן נעמט אַריין אין טויער און צעשטעלט צווישן די שכנים!...

דאָס מאָל האָבן די מאַנסבילן גערן אויסגעפירט די באַפעלן פון זייערע ווייבער. זיי האָבן באַדאַרפט צו האָבן עמיצן, וואָס זאָל זיי געבן באַפעלן, זיי אַליין האָבן זיך געפילט צעטומלט און פאַרלוירן ווי קינדער

זיי האָבן געשלעפּט די קישנס און די פּערענעס, און די צעבראָכענע בענקלעך און די טישן, און די פאַנען, און די טעפּ אין טויער אַריין און פונאַנדערגעשטעלט צווישן די שכנים דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט אַזוי, ווי די ווייבער האָבן זיי געהייסן.

זיי האָבן געשוויצט, נישט זייענדיק געוווינט צו אַזאַ אַרבעט, און זיך געווישט פון די שטערנס דעם שווייס צוזאַמען מיט די רעגן־טראָפּנס.

זיי האָבן אָפּגעאָטעמט שווער נאָך דער אַרבעט און באַצאָלט דעם פויערל פאַר דעם פורל און געמיינט, אַז זיי מעגן שוין צוריקגיין צו זייערע קראָמען.

דער רעגן האָט זיי בייז געכליאַפּעט אין די פּנימער און דער ווינט האָט זיי געטריבן צוריק צו זייערע קלייטן.

נאָר אויף דער גאַס האָבן זיך שוין באַוויזן אַנדערע פויערישע פור־לעך. אַ גאַנצע לאַנגע שרענגע פורלעך זענען מיטאַמאָל, ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן, בלייבנדיק שטיין אין מיטן דער גאַס. מיט יעדער מינוט איז די צאָל פורלעך גרעסער געוואָרן. און אַלע האָבן זיי געהאַט איין פּנים. אַלע זענען זיי געווען פול מיט באַלעבאַטישקייט, מיט טעפּ, און שיסלען, און צעוויי קטע פון רעגנס קישנס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געשאָקלט געשטאַלטן איינגעהילטע אין טיכער.

און נישט בלויז אויף איין גאַס האָט דאָס פּאַסירט. די נאַלעווקעס און גענשע, דזשיקע און טוואַרדע, דער גזשיבאָוו און אַלע אַנדערע יידישע גאַסן זענען מיטאַמאָל פֿאַרפלייצט געוואָרן פֿון פויערישע פורלעך, אַ ים צעווייקטע קישנס, פון אַ ים אין שווערע טיכער איינגעהילטע, שאָקלענ־דיקע זיך געשטאַלטן. אפילו די פּריצישע קרולעווסקע־גאַס האָט געמוזט צווישן אירע אַלטע ליפּע־ביימער אריינגעמען די פויערישע פורלעך.

און יעדעס פורל האָט געבערענגט די זעלבע בשורה:

— מען טרייבט יידן, מען טרייבט...

— פון וואַנען?

— פון קאַלושין...

און אַנדערע האָבן דערציילט:

— פון גריצע...

און פריש אָנגעקומענע פורלעך האָבן מיט אַ האַלב־ליטווישער אויס־שפּראַך געזאָגט:

— פון אָסטראָלענקע...

און דערשראָקענע פּנימער האָבן אַרויסגעקרעכצט:

— פון גער...

און ווייבערישע שטימען האָבן אויסגעכליפּעט:

— פון פּיאַסעטשנאָ...

און גרויע בערד האָבן זיך אבלדיק צעשאָקלט:

— גאַרוואָלין...

און אַ ציטערדיק יחסניש קול האָט קוים אַרויסגערעדט:

— פון קאָצק...

און אַלע האָבן געהאַט צו דערציילן די זעלבע קורצע געשיכטע. אין מיטן דער נאַכט האָט מען דעם רב פון בעט אַרויסגענומען און אים אָנ־געזאָגט:

— אין פאַרלויף פון פיר און צוואַנציק שעה זאָל קיין איין ייד אין שטאָט נישט בלייבן. נאָר מען האָט נישט געגלייבט. מען איז געלאָפן צו די פּריצים מיט געלט און מיט מתנות, מען איז זיי געפאַלן צו די פיס, מען האָט געוויינט און תהילים געזאָגט.

און די שררות האָבן צוגענומען דאָס געלט און די מתנות און געזאָגט,

## אין שטורעם

אַז עס איז ווייניק, האָט מען זיי ווידער געגעבן אין יד אַריין, און זיי האָבן געענטפערט:

— מ׳וועט פּרווון...

האָט מען געהאָפּט און ווייטער תהילים געזאָגט, און ערשט אַ שעה פאַרן אומגליק האָט מען ווידער געשיקט נאָכן רב און צו אים געזאָגט:

— נאָר איין שעה צייט איז אייך געבליבן, זשידקעס, אַרויס פון דער שטאָט נישט מער ווי אַ שעה, געדענקט...

איז געוואָרן די גרויסע בהלה. מענטשן זענען געלאָפן ווי די משו־געים. מען האָט געכאַפּט וואָס עס איז געקומען אונטער דער האַנט און געלאָפן.

קיין צייט אויסצופרעגן איז נישט געווען. די איינגעהילטע אין טי־כער געשטאַלטן האָבן געציטערט פאַר קעלט און זייערע אויגן האָבן זיך געקלעפּט פון מידקייט.

זענען פון אַלע הייזער און פון אַלע קראָמען אַרויס יידן, אַלטע און יונגע, אָרימע און רייכע, יידן מיט פּיאות און בערד, און יידן מיט גלאַט־ראַזירטע פּנימער און אָן היטלען, און אַלע האָבן זיי געשלעפּט די טעלער און שיסלען און דאָס בעטגעוואַנט פון די אַרויסגעטריבענע.

און אין די טויערן האָבן זיך שוין געפּאַרעט די ווייבער מיט די אָנ־געקומענע יידן מיט זייערע פרויען און קינדער.

טיילמאָל זענען צווישן די פאַרפּאַרעטע ווייבער אויסגעבראָכן שווערע קריגערייען.

די רייכע מאַדאַמען פון ערשטן און צווייטן שטאָק האָבן, מעשה גביר, געוואָלט נעמען צו זיך די אַרויסגעטריבענע יידן.

האָבן זיך די ווייבער פון די אָרימע קעלער־ און בוידעם־שטיבער צעשריגן:

— קוקט זיי נאָר אָן, די גבירים, אפילו אַ מצווה אַן אָרימאַן קענען זיי נישט פאַרגינען...

— האָבן די רייכע מאַדאַמען איידל געפּרווט געבן צו פאַרשטיין:

— ביי אונדז וועט דאָך די מענטשן זיין באַקוועמער... ס׳איז דאָך אַ רחמנות...

נאָר די אָרימע ווייבער האָבן זיך נאָך העכער צעשריגן:

— זיי וועלן זיך ביי אונדז פילן בעסער ווי אין אייערע סאַלעס, נישקשה, עס וועט זיי ביי אונדז גאָרנישט פעלן...

נישט לאַנג האָבן געדויערט די קריגערייען. פרישע פורלעך זענען אָנגעקומען און די קעלער־שטיבער, פונקט ווי די אויסגעפּוצטע סאַלעס פון די גבירים, זענען געוואָרן פול מיט יידן, יידענעס, קינדער, וואָס זענען איינגעשלאָפן אין מיטן עסן, און מיט זקנים, וואָס האָבן געמורמלט צו זיך:

— ווי, ווי, פאַרוואָס זענען מיר באַצייטנס נישט געקומען צו קבר אבות אין דער אייגענער היים.

אין די יידישע שטיבער אויף נאַלעווקעס און גזשיבאָוו האָבן העל און ליכטיק געברענט אַלע לאָמפּן. די טישן זענען געווען באַדעקט מיט בלאַנקנדיק־ווייסע טישטעכער. גרויסע ליכט האָבן געברענט אין די זיל־בערנע קאַנדעליאַבערס און לייכטער. די באַלעבאָסטעס האָבן זיך מער ווי יעדן שבת געמיט, אַז די פיש און די שבתדיקע יויך און דאָס צימעס זאָלן זיין באַטעמט און שמעקן זייערע אומגליקלעכע אורחים.

און גוטע רייד האָט מען צו זיי, צו די אורחים, גערעדט. מען האָט זיך געמיט זיי צו טרייסטן און צו מאַכן פאַרגעסן אין זייער צער און אומגליק.

— איר וועט זען, — האָט נאָכן קידוש מאַכן געזאָגט דער באַלעבאָס צו זיינע אורחים — מיטן אויבערשטנס הילף וועט איר זיך שנעל איינ־אָרדענען. איך וועל אויך קענען צוהעלפן ביי מיין מסחר... נאָר נישט געזאָרגט, יידן, נאָר נישט פאַרלירן קוראַזש...

און די באַלעבאָסטעס האָבן איינגענומען מיט גוטע רייד די יידענעס און געזאָגט:

— אפשר איז עס גאָר צום גוטן... איר וועט האָבן דאָ, אין וואַרשע, פיל באַקוועמערע דירות און מען קריגט אין די האַלעס צו קויפן פון אַל־דאָס גוטס, איר וועט זען...

און די שיינע און געבילדעטע טעכטער האָבן געברענגט די יונגע מיידלעך זייערע שענסטע קליידער און זיי איינגערוימט אין אויער:

— מירן אייך פירן אין גרויסן טעאַטער, און מירן מיט אייך גיין אין

## אין שטורעם

די לאַזשענקעס, איר וועט אַליין שפּעטער נישט וועלן צוריקפאָרן אין קליינעם שטעטל.

נאָר וואָס מער גוטע רייד מען האָט צו די אורחים גערעדט, אַלץ טרויעריקער זענען זיי געוואָרן. די מענער איז די ווייכע שבתדיקע חלה געבליבן שטעקן אין האַלדז און געשטיקט עפּעס אַזוי שווער, אַז זיי האָבן קוים־קוים געקענט איינהאַלטן די טרערן, וואָס זענען אָנגעלאָפן אין זייערע אויגן. די ווייבער האָבן זיך נאָך מער צעבליפּעט זיצנדיק ביים ליכטיקן, אָבער פּאָרט פרעמדן שבתדיקן טיש. און די יונגע מיידלעך האָבן דערפילט עפּעס אַזאַ ענגשאַפט פון די שיינע קליידער, וואָס זענען אויף זיי אַזוי פרעמד געלעגן.

און געווען איז עס נישט בלויז דערפאַר וואָס מען האָט זיך דערמאָנט אַז מען איז אַן אורח, אַז מען זיצט ביי אַ פרעמדן טיש, אַז מען עסט פיש און צימעס, וואָס פרעמדע הענט האָבן צוגעגרייט.

און געווען איז עס אויך נישט בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט זיך דערמאָנט, אַז מיטאַמאָל האָט מען אַלץ פאַרלוירן, דאָס באַלעבאַטישקייט, און די קראָם, און אַלץ אויף וואָס מען האָט אַזוי פיל יאָרן געהאָרעוועט. נאָר געקומען זענען דער טרויער און די טרערן הויפּטזעכלעך דער־פאַר, וואָס פון די גוטע רייד איז פאַר די מענטשן קלאָר געוואָרן, אַז דאָס וואָס עס איז געשען, האָט טאַקע אויף אַן אמת מיט זיי פּאַסירט. דאָס אומגליק איז אויף זייערע קעפּ געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין רעכנשאַפט פון דעם, וואָס עס איז געשען. זיי האָבן זיך געפילט אַזוי צעטומלט און אַזוי פאַרלוירן.

די שרעק האָט זיי געטריבן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס איז זיי פאַר־געקומען, אַז עפּעס אַ קאָשמאַר־חלום איז זיי פלוצלינג באַפאַלן, אַז אין חלום לויפן זיי מיט וואַנזיניקע אויגן, אַז אין חלום שמייסט זיי דער רעגן אין פּנים, אַז אין חלום הערן זיי דאָס געוויין פון די הונגעריקע קינדער.

און עס איז זיי פאַרגעקומען, אַז אָט־אָט און זיי וועלן אויפרייסן די אויגן און דעמאָלט וועלן זיי זיך ווידער דערזען אין דער אייגענער שטוב ביי דעם אייגענעם טיש און זיי וועלן דעמאָלט אָפּעטעמען און זאָגן דאָס אָפּשפּרעכעניש נאָך אַ שלעכטן חלום.

ערשט הערנדיק די גוטע רייד ביים ליכטיקן, שבתדיקן טיש, האָבן

די מענער און די פרויען זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ חשבון פון דעם, וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט. ערשט קוקנדיק אויף דעם ווייסן קלאָרן טיש־טוך און אויף די גרויסע העל־ברענענדיקע שבת־ליכט, האָבן זיי אָנגע־הויבן באַנעמען, אַז זיי האָבן אָן אַ פּאַרוואָס פאַרלוירן זייער היים. און מיטאמאָל זענען זיי אַזוי טייער געוואָרן די אָרימע ענגע שטיבלעך, פון וועלכע זיי זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן. און עס זענען זיי אַזוי ליב געוואָרן די אַלטע קליינע מעשענע לייכטערלעך, וואָס ביי זיי האָבן זיי זייערע שבתים און ימים טובים געפּראַוועט. און זיי זענען אויסגע־גאַנגען פון בענקשאַפט נאָך דעם אַלטן מאַרק פון זייער שטעטל, און נאָך דער קאַלטער שול, וואָס איז געווען זייערס און נאָך דעם הילצערנעם בית המדרש, און נאָך דעם פינסטערן קליינעם געסל, וווּ זייער הייזקע איז געשטאַנען...

די שענסטע גרויסע וואַרשעווער שטיבער זענען זיי גרייט אוועק־צוגעבן צו קענען כאָטש איין קוק טון אויף זייער קליינער אָרימער הייזקע. דאָרט, אין דער הייזקע, האָט געוווינט דער טאַטע און דער זיידע, און אויף דעם קליינעם געסל איז יעדער שטיין געווען אַזוי נאָענט און היימיש. איצט איז דאָס אַלץ פאַרלוירן און פאַרשווונדן. יאָ, גוטע מענטשן האָבן אויף זיי רחמנות, נעמען זיי אַריין צו זיך אין שטוב. און אפשר וועט גאָט העלפן, און אין דער גרויסער שטאָט וועט זיין אויך פּרנסה. די אַלטע היים וועט עס אָבער מער נישט זיין. און אויפן גוטן אָרט צו טאַטע־מאַמע און צו דער אַלער באָבע וועט מען נישט קענען אַרויסגיין און פאַר די שטילע, שווייגנדיקע קברים וועט מען זיך פון האַרץ נישט קענען אַראָפּ־רעדן.

און עס טוט זיי באַנג איצט, פאַרוואָס זיי האָבן פריער נישט גע־ווּסט ווי גוט עס איז צו האָבן אַן אייגענע היים. עס דאַכט זיך זיי, אַז זיי האָבן עפּעס פאַרפאַסט אין זייער לעבן, און זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט ווי גליקלעך זיי זענען ערשט נישט לאַנג געווען אין זייער אייגענער אָרי־מער הייזקע. ניין, זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט ווי גוט עס איז זיי געווען אין די שמאָלע, ענגע געסלעך זייערע, אפילו ווען זיי האָבן געקרעכצט און האָבן זיך באַקלאָגט און האָבן מקנא געווען די מענטשן פון דער גרוי־סער שטאָט מיט זייער רייכקייט און באַקוועם לעבן.

# אין שטורעם

זיי פילן זיך איצט זינדיק קעגן זייער אַלטער פאַרלוירענער היים. זיי האָבן זי, די היים זייערע, פאַרשעמט מיט זייער קלאָגן און מיט זייער קרעכצן און מיט זייער קנאה. אָ, איצט וועלן זיי דאָס מער נישט טון. זיי וועלן זיך פרייען מיט יעדן נייעם טאָג. און זיי וועלן זיין גליקלעך אין זייערע אָרימע, ענגע שטיבלעך, און זיי וועלן קיינעם, קיינעם מער נישט מקנא זיין. און די ליפּן פליסטערן אַ תפילה אָן ווערטער:

— גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, טו מיט אונדז דיינע גרויסע גנאָדן און באַווייז צו אונדז דיין חסד און לאָמיר צוריק זיין אין אונדזער היים.

נאָר ביים טיש הערן זיי רחמנות־רייד און צוזאָגן, אַז מ׳וועט זיי העלפן, אַז מערצעשעם נאָך שבת וועלן זיי האָבן אַן אייגענע דירה און אויך פּרנסה וועט מיטן אויבערשטנס הילף זיין.

און דעמאָלט ווייסן זיי, אַז די היים, די אַלטע, איז אויף אייביק פאַרלוירן געגאַנגען און טרערן קומען אין די אויגן, און אַ שטיל כליפּען ברעכט אויס ביים שבתדיקן, ליכטיקן טיש.

ווערט שטיל ביים טיש. די באַלעבאָסטע מיטן באַלעבאָס ווינקען זיך איבער מיט רחמנות־בליקן. בענטשט מען שטיל אָפּ און מען לויפט ווידער אַראָפּ אין גאַס.

וואָרום אויך שבת אַ גאַנצע נאַכט הערן נישט אויף אָנקומען די פורן. די רבנים מיט די גלאַנציקע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס שטייען אויף דער גאַס אין מיטן שלאַקס־רעגן און העלפן טראָגן די קינדער פון די פור־לעך. דער אַלטיטשקער רבי אברהם פּערלמוטער מיט זיין לאַנגער שניי־ווייסער באָרד שטייט ביי די פורלעך. ער איז שוין צו אַלט צו קענען העלפן, נאָר אַוועק אין שטוב וויל ער נישט.

און יעדעס מאָל פאַלט צו אים צו אַ ייד מיט אַ געוויין:

— רבי, — ברעכט זיך דעם יידס קול — ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן מחלל שבת געווען! געקומען צו פאָרן אום שבת, געוואַלד, חילול שבת...

און דעם רבינס ציטערדיקע הענט נעמען אַרום דעם ייד:

— הלואי זאָל איך זוכה זיין — צעשאָקלט זיך דעם רבס שניי־ווייסע באָרד — צו ליידן צוזאַמען מיטן כלל ישראל...

אפילו די רייכע „דייטשן" מיט זייערע ווייבער און טעכטער האָבן דאָס מאָל נישט געקענט איינזיצן רואיק אין די גויאישע גאַסן און זיי זענען געקומען העלפן.

אדאָלף בער, דער גרויסער אַדוואָקאַט, טראָגט אַ קינד אויף דער האַנט. אַנטרעפּנדיק דניאל עפּשטיינען, שמייכלט ער פאַרלעגן:

— פון היינט אָן הייס איך צוריק אברהם, ווי דער פעטער ר' מאירל הערט מיך נישט אויף צו רופן.

און אין זיין שוואַרצער פעלערינע איינגעהילט, גייט שווער איבער דער גאַס י. ל. פּרץ און זיינע דיקע פּריצישע וואָנסעס ציטערן אויף און זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן פלאַמען ווי זיי וואָלטן דערזען די שאָטנס פון אַלטן מאַרק.

אויך צומאָרגנס, שבת בייטאָג, האָבן נישט אויפגעהערט קומען פור־לעך. אַלע בתי מדרשים און שולן און שטיבלעך זענען שוין פול מיט מענער, פרויען און קינדער. אַלע זאַלן פון אַלע יידישע חברות זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אכסניות. אין די שטיבער פון הזמיר שפּילט זיך י. ל. פּרץ מיט קליינע קינדערלעך און טראַכט אוים אויפן אָרט וווּנ־דערלעכע מעשהלעך, וואָס ווערן אויסגעהערט מיט ברייט צעעפנטע טרוי־עריקע קינדישע אייגעלעך.

און אין דער זעלבער צייט הערן נישט אויף צו קומען פרישע וואָגלער מיט דעם קורצן אָנזאָג:

— מען טרייבט...

און יידן נעמען צוזאַמען די אַנטרונענע, צעשיקן זיי איבער די שטובן און וועלכע עס ווערט וואָס אַמאָל ענגער.

צווישן די מחנות זיידענע און טוכענע זשיפּיצעס, וואָס טראָגן אין די הייף דאָס באַלעבאַטישקייט פון די וואָגלער, באַווייזט זיך פון צייט צו צייט אַ שלאַנקע הויכע געשטאַלט אין אַ גלחישער סוטאַנע. דער גלח רעדט צו קיינעם נישט, נאָר די שווערסטע משאות נעמט ער אויף זיינע פּלייצעס און שלעפּט אין די טויערן און הייף.

אין דער ערשטער צעטומלעניש באַמערקט מען אים נישט. שפּעטער אָבער הייבן נייגעריקע בליקן אָן נאָכפאָלגן די גלחישע סוטאַנע. און דער־מאָלט פאַרשווינדט דער גלח פון איין גאַס, כדי אין עטלעכע מינוט

שפעטער זיך צו באַווייזן אין אַ צווייט געסל, און ווידער צו שלעפּן פון די פורלעך פּעק מיט צעווייקטע פון רעגן פּערענעס און קישנס.

נישטאָ קיין צייט אַ סך צו טראַכטן, נאָר פונדעסטוועגן הערן זיך צווישן די פאַרפּאָרעטע יידן קורצע, אָפּגעהאַקטע באַמערקונגען:

— זעסט דאָרט, דעם גלח...

— זע ווי ער טראָגט אויף די פּלייצעס די קישנס...

— און ער רעדט נישט אַרויס אַ וואָרט, דער גלח...

דניאל עפּשטיין האָט זיך שוין צוויי מאָל צוזאַמענגעטראָפן נאָענט מיט דעם גלח און יעדעס מאָל טוען זיי איינער צום אַנדערן אפילו נישט קיין שאָקל, ווי זיי וואָלטן זיך נישט דערקענט.

ר' לוי האָט נאָר פונדערווייטנס געזען די גלחישע סוטאַנע, און ווען ער טרעפט אויף דער גאַס עפּשטיינען, קען ער זיך נישט צוריקהאַלטן פון פרעגן:

— דאָס איז ער טאַקע, שלמהלע?...

— יאָ, דער פּאָטער אַנטאָניוס — דערמאָנט עפּשטיין, אַז שלמהלע באַלאַנגט איצט צום ביסקופּן־פּאַלאַץ.

דער אַלטער פּאַן מיכאַל, דער פּרעזעס פון דער גמינע, האָט אויף דער גאַס פאַרהאַלטן די רבנים און ביי זיי געפרעגט אין האַלב־יידיש און האַלב־פּויליש, צי מען מעג שבת האָבן אַן אסיפה.

— אין אַזאַ שבת מעג מען אַלץ — האָבן די רבנים געפּסקנט — ס'איז דאָך פּיקוח נפש.

זענען זיי אַלע אַוועק אין דער רויטער ציגל־געביידע אויף גזשי־באָווסקע גאַס און דער פּאַן מיכאַל האָט געפּרוווט עפּעס זאָגן און איז אַנשטאָט דעם אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

און די רבנים האָבן געזאָגט, אַז עס איז היינט נישט קיין זמן צו רעדן נאָר צו טון.

זענען אַוועק די אַלטע שררות פון דער קהילה מיט די צילינדערס אויף די קעפּ און די רבנים מיט די ברוינע קאַלפּאַקעס צום פּאָליציי־מייסטער מאַיער און צו אים געזאָגט:

—היינט וועלן מיר וויסן, הער פּאָליציי־מייסטער, צי איר זענט אונדזערס אַן אמתדיקער פריינט...

נאָר דער פּאָליציי־מייסטער האָט בלויז אומבאַהאָלפן פונאַנדער־געשפּרייט ביידע הענט און געענטפערט:

— איך קען גאָרנישט טון, מיינע הערן, היינט איז אַלץ אין זיין האַנט...

דער פּאָליציי־מייסטער האָט נישט אַרויסגערעדט דעם נאָמען פון דעם מאַן, וואָס אַלץ איז אין זיין האַנט, נאָר אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער מיינט נישט קיין אַנדערן ווי דעם גרויספירשט ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש.

האָבן די רבנים געקוקט אויף די דאָזאָרעס און די דאָזאָרעס האָבן געקוקט אויף די רבנים. אין זייערע אַלעמענס אויגן איז געווען פאַרלוי־רנקייט. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז גענעראַלן ציטערן אימת מוות פאַר ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטשן, היינט ווי קענען צו אים אַריינקומען ייִדן מיט בערד און פּיאות און מיט קאַפּאָקעס און זשיפּיצעס.

דער אַלטער ראַדאָמער רב האָט מיט ביידע הענט אָנגענומען זיין שניי־ווייסע באָרד און געזאָגט:

— מען דאַרף גיין צו דעם רשע...

— וואַרט, — האָט דער פּאָליציי־מייסטער געוואָלט ווייזן קהל, אַז ער נעמט נישט אומזיסט ייִדיש געלט און אַז ער קען שטענדיק צונויף קומען — איך וועל פּרוּוון פריער זיך דערוויסן ווו ער איז...

— באַלד איז ער צוריקגעקומען און געזאָגט:

— ליידער איז ער נישט אין שטאָט און אויך גענעראַל יאַנוש־קעוויטש איז נישטאָ...

די אַלטע ייִדן זענען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ צוריקגעגאַנגען צו די ייִדישע גאַסן.

אויף די גאַסן און פאַר די טויערן זענען געשטאַנען ייִדן אין שבת־דיקע בגדים. אויף זייערע פּנימער איז אָבער דאָס מאָל נישט געווען צו דערקענען די רו פון שבת.

זיי האָבן מיט האָפענונג נאָכגעקוקט די רבנים און קהל און פון זייערע פאַרזאָרגטע פּנימער אַראָפּגעלייענט די טרויעריקע בשורה.

דער אַלטער פאַן מיכאַל האָט געזוכט אַ צווייטן וועג. ער האָט גע־האַט גוטע איבערגעגעבענע פריינט צווישן די גרויסע פּוילישע שררות. אַזוי האָט ער ביז דעם שבת געגלויבט. האָט ער זיי געפּרוּווט אויפזוכן.

אויב מיט די יידן וויל מען נישט רעדן, אפשר וועלן אויסגעהערט ווערן די יחסנישע גראפן. אפשר וועלן זיי זאגן א גוט ווארט פאר די יידן.

— איך ווייס נישט וואס עס איז — האט דער אלטער פאן מיכאל זיך געקלאגט פאר דניאל עפשטיין. עפעס טרעף איך נישט היינט קיינעם. צו וועמען איך ווענד זיך, באקום איך דעמזעלבן ענטפער: „נישטא אין דער היים״.

— איר וועט זיי נישט טרעפן... — האט עפשטיין ארויסגערעדט די ווערטער מיט א טרויעריקן שמייכל.

— וואס מיינט איר דערמיט צו זאגן, הער עפשטיין? — איז דעם פאן מיכאל נישט געפעלן געווארן עפשטיינס שמייכל.

— איך מיין דערמיט צו זאגן, אז זיי באהאלטן זיך פון אייך אויס — איז עפשטיינס ענטפער געווען א ברוטאל־קלארער — און איך האב א גוטן גרונט צו זיין זיכער, אז זיי האבן צוגעלייגט א האנט צו דעם אלעם...

— צוגעלייגט א האנט?... — האט די אונטערשטע ליפ ביי פאן מיכאל גענומען ציטערן.

— ליידער איז עס אזוי — האט עפשטיין געקוקט מיט באדויערן אויף דעם אלטן פאן מיכאל. — אין די סאלאנען פון גראף בראנעצקי זענען זיי דורכגעקומען מיטן גענעראל יאנושקעוויטש, אז אין אלע צרות זענען שולדיק די זשידקעס.

די הויכע שלאנקע פיגור פון אלטן פאן מיכאל איז מיטאמאל צוזאמענגעפאלן. ער איז ווי קלענער געווארן, ווי צוזאמענגעשרומפן. אויך זיין פנים איז געווארן זייער אלט און די אויגן האבן גענומען ביי אים עפעס מאדנע פינטלען. דער חלום פון זיין לעבן איז מיטאמאל צונישט געווארן.

— א בריק פון גוטע רייד וואס פירט פון די יידישע גאסן צו די פוילישע — מיט דעם חלום האט דער פאן מיכאל געלעבט.

איצט האט די בריק ווי א שמאטע זיך געוואלגערט ביי די פיס פון פאן מיכאל און ער האט אן א ווארט ארויסצורעדן, א געבויגענער און צוזאמענגעקארטשעטער פארקירעוועט אין א זייטיק געסל.

— איך בין געווען אן אכזר — האט עפשטיין אים נאכגעקוקט — אבער עס וואלט געווען נאך גרויזאמער אים אויך היינט צו נארן.

ר׳ לוי האָט זיך מיט שנעלע טריט געלאָזט נאָך דעם אַלטן פּאַן מיכאַל. ער איז אים מיטאַמאָל נאָענט געוואָרן, דער פּאַן מיכאַל. יעדן טאָג האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטראָפן אין דאָזער־שטיבל, זיי האָבן גע־שמועסט וועגן קהלישע ענינים, האָבן זיך, ווי דער שטייגער, אויסגע־פרעגט וועגן געזונט און וועגן די בני בית און וועגן געשעפט, און האָבן זיך געהאַלטן פאַר אַלטע פריינט. גלייכצייטיק האָבן זיי אָבער געוווּסט, אַז זיי באַלאַנגען צו צוויי פרעמדע וועלטן. דעם פּאַן מיכאַלס וועלט איז געווען די פּוילישע גאַס מיט אירע פריידן און זאָרגן. ר׳ לוי ווידער האָט געהערט צום „שטיבל" און צום חסידישן גזשיבאָוו. אַ הויכע וואַנט איז צווישן זייביידע געשטאַנען, אַ וואַנט פון פרעמדע מנהגים און לעבנס־שטייגער, וואָס האָט נישט דערלאָזט צו אַן אמתער פריינטשאַפט און נאָענטקייט.

נאָר איצט, אין דעם טרויעריקן שבת, זעענדיק די צוזאַמענגעקאָר־טשעטע געשטאַלט פון אַלטן פּאַן מיכאַל, האָט ר׳ לוי געהאַט דאָס געפיל, אַז די וואַנט וואָס האָט זיי פון שטענדיק אָן פונאַנדערגעטיילט איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. דער אַלטער פּאַן מיכאַל איז געוואָרן עפּעס נענ־טער און היימישער צו ר׳ לוין. נענטער אפילו ווי זיין איידעם, דניאל עפּשטיין. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר עפּעס פילט ער אַ רחמנות צו זיין אַלטן פריינט פון דאָזער־שטיבל. ער וויל אים זאָגן עפּעס גוטס און ער ווייסט נישט וואָס.

אַ שווער סאָפּענדיקער האָט ר׳ לוי דעריאָגט דעם פּאַן מיכאַל. און מאָדנע, דער אַלטער גמינע־פרעזעס האָט זיך נישט געוווּנדערט, דערזע־ענדיק לעבן זיך ר׳ לוין. זיינע אַלטע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט אַ פייכט־קייט, ווען ר׳ לוי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און געזאָגט:

— מיין הויז איז נישט ווייט, אפשר מירן אַרויפגיין אויף עטלעכע מינוט...

— מיט פאַרגעניגן, ר׳ לוי...

און אַזוי זענען זיי געגאַנגען איבער דער גאַס, צוויי אַלטע יידן, וואָס אַ גאַנץ לעבן האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר פרעמדע און פּלוצלינג האָבן זיי זיך געפונען און דערקענט, אַז זיי זענען פון איין היים.

אין ר׳ לוים הויז איז געווען טומלדיק. אין אַלע צימערן און אויך

## אין שטורעם

אין דער גרויסער סאַלע זענען געווען אויסגעשטעלט טישן און אַרום די טישן זענען געזעסן יידן ביי דעם שבתדיקן טשאָלנט. פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך זענען זיי געקומען צו לויפן, נאָר איצט זענען זיי געזעסן ביי איין טיש ווי מענטשן וואָס קענען איינער דעם אַנדערן אַ לעבן לאַנג.

און יעדער פון זיי האָט געהאַט אַן אַנדערע געשיכטע צו דער־ציילן, נאָר געווען זענען אַלע זייערע געשיכטעס ענלעך איינע צו דער אַנדערער, ווי ענלעך עס זענען די טראָפּנס וואַסער. מיט פאַרשידענע דרייד האָבן זיי דערציילט איינער דעם אַנדערן ווי אַזוי די רשעים האָבן געטריבן און געשלאָגן און חרוב געמאַכט אין איין שעה די האַרעוואַניע פון דורות גאַנצע.

און מיטאַמאָל האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז עס איז אייגנטלעך נישטאָ וואָס צו דערציילן, אַז זיי חזרן איבער איין געשיכטע, וואָס איז אַזוי אַלט ווי אַלט עס איז דער נאָמען ייד.

און דעמאָלט האָט זיך אַ קרעכץ אַרויסגעריסן פון האַרץ, איין קרעכץ, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע טישן און אַלע שטיבן פון ר׳ לוים גבירישער וווינונג.

— פאָרט שבת — האָט אַן אַלטער ייד אין מיטן קרעכצן זיך דער־מאָנט און גענומען אויסזינגען אַ ניגון.

האָט מען פון אַלע טישן אונטערגעכאַפּט דעם ניגון און אויף דער גאַס אַרויס האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פון מענטשן, וואָס האָבן פאַר־לוירן זייער היים און זייער שטוב און אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט, נאָר די פרייד פון יידישן שבת האָט מען פאָרט ביי זיי נישט געקענט צונעמען.

דבורהלע איז געגאַנגען פון איין טיש צום אַנדערן און ביי יעדן טיש געפרעגט:

— אפשר נאָך אַ שטיקל פיש...

און איר טאָכטער, די שיינע בית־יחידה לאַניא, האָט צוזאַמען מיט די דינסטן מיט אַ פאַררויטלט פּנים געטראָגן פאַלמיסקעס קאָכנדיקן טשאָלענט, און איר מאַן, דניאל עפּשטיין, וואָס איז נאָר וואָס צוריק־געקומען פון פּאָליציימייסטער מאיער, האָט געהאַרכזאַם אויסגעפירט לאַניאַס באַפעלן און געטיילט דעם טשאָלנט אויף די טעלער.

און מיט זיי אַלע האָט קאָמאַנדעוועט, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, יונה סאַרוועך. ער איז שוין געווען זייער אַלט, יונה סאַרוועך. ער איז שוין מער נישט געגאַנגען אויף חתונות און שמחות צו די גבירים אויפן גזשיבאָוו.

— גייט עטץ, קינדער — האָט ער צו זיינע צוויי זין געזאָגט — פאַרפאַלן, אַז מ׳ווערט אַלט העלפן נישט קיין חכמות.

יונה סאַרוועך האָט שווער אָפּגעקרעכצט, ווען הערץ דאָקטאָר האָט אים פאַרבאָטן צו גיין אויף חתונות.

— ווי אַזוי וועט מען זיך אַן עצה געבן אָן מיר? — האָט יונה געפרעגט הערץ דאָקטאָר.

צענדליקער יאָרן האָט יונה סאַרוועך זיך געפּאָרעט אויף אַלע הסי־דיש־נגידישע חתונות אויפן גזשיבאָוו. אָן יונה סאַרוועך האָט מען אויפן גזשיבאָוו נישט געמאַכט קיין שמחה. און די מחותנים און יונה סאַרוועך אַליין האָבן געמיינט, אַז אָן אים קען קיין שמחה נישט געמאָלט זיין אין אַ יידישער שטוב.

דאָקטאָר הערץ האָט יונה סאַרוועך אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע:

— הער, יונה — האָט ער געזאָגט — אָן דאָקטאָר הערץ קען מען זיך אויך נישט קיין עצה געבן אויפן גזשיבאָוו. פּונדעסטוועגן וועלן מיר ביידע גאָר אינקורצן זיך אויסשלאָפן אויפן גוטן אָרט און אויפן גזשי־באָוו וועט מען שוין געפינען אַ צווייטן דאָקטאָר הערץ און אַ צווייטן יונה סאַרוועך...

דאָקטאָר הערץ האָט אויף זיין שטייגער זיך געוויצלט, נאָר מיט שטילן טרויער האָבן אָפּגעקלונגען זיינע ווערטער.

ער האָט זיך שוין דערפילט אַלט, גאָר אַלט, דאָקטאָר הערץ.

— נישט גוט מיט מיר, יידן — האָט ער האַלב באַקלאָגט זיך און האַלב געלאַכט — איך האָב שוין אפילו נישט קיין חשק צו זינדיקן, אוי, נישט גוט...

און ער האָט צו יונהן שטרענג געזאָגט:

— איך זאָל דיך מער נישט זען אויף קיין חתונות, יונה!... ביים קאָלנער וועל איך דיך אַרויסוואַרפן!...

## אין שטורעם

מילא, האָט יונה סאַרווער קיין עצה נישט געהאַט און זיך געמוזט אונטערוואַרפן דער ביטערער גזירה פון הערץ דאָקטאָר. ער האָט אויפ־געהערט צו גיין אויף חתונות און פאַר די שכנים דערמאָנט די יאָרן פון זיין גלאַנץ:

— וואָס ווייסט עטץ סאַרא שמחות ס׳זענען אמאָל ביי יידן געווען, ביי די פּריוועסעס און ביי די גראַמאַנס און ביי די בלאַסעס און ביי די וועגמייסטערס און — אָן יונה סאַרווער האָט מען זיך נישט גערירט...

— אַזוי האָט יונה סאַרווער געבענקט נאָך די אַמאָליקע צייטן. נאָר דעם שבת איז יונה סאַרווער געקומען צו דבורהלען און געזאָגט:

— דעם שבת מוז איך צוהעלפן, און קיין געלט וויל איך נישט. פאַר אַזאַ מצוה נעמט מען נישט קיין געלט...

— אָבער הערץ דאָקטאָר — האָט דבורהלע זיך געקווענקלט.

— וואָס ווייסט ער, דער הערץ דאָקטאָר!... — איז יונה סאַרווער געוואָרן אין כעס — און ביי אַזאַ מצוה קען געוויס נישט שאַטן...

און יונה סאַרווער האָט זיך אַרומגעוויקלט מיטן ווייסן פאַרטוך און אָנגעטון אויפן קאָפּ דאָס הויכע זיידענע קאַפּל און איז מיטאַמאָל יינגער געוואָרן. ער איז געלאָפן פון איין טיש צום אַנדערן, און אפילו מיט דעם מיליאָנטשיק עפּשטיין קאָמאַנדעוועט און אפילו אויף לאָניאַן זיך צעשריגן, ווען זי האָט נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין אויסגעפירט זיין באַפעל.

— עסט, יידן, עסט געזונטערהייט, און האָט זיי אינדרערד, די אַלע רשעים און עמלקים — האָט יונה סאַרווער געמינטערט דעם עולם — און פאַרזוכט טאַקע מיינע ציבעלעס, כ׳זאָג אייך, טעם גן־עדן.

— גוט שבת, ר׳ לוי — איז יונה סאַרווער אַקעגנגעגאַנגען זיין אַלטן באַלעבאָס — נו, איר, ר׳ לוי, מעגט שוין אויך קידוש מאַכן.

יונה סאַרווער האָט דערקענט דעם גרויסן שררה פון די דייטשן, וועמען ר׳ לוי האָט מיטגעבראַכט און ער האָט צוגעגעבן:

— און דער פאַן מיכאַל וועט זיך אויך מחיה זיין מיט מיין טשאָלנט, בנאמנות...

דער פאַן מיכאַל האָט מיטן צילינדער אויפן קאָפּ זיך אַוועקגעזעצט

צווישן די יידן פון גאַרוואָלין און וואָרקע, און סאָבין און קאַרטשעוו, וואָס האָבן פאַרפּולט ר' לוים שטיבער.

דעם פאַן מיכאל האָבן געשמעקט די קאַלטע געפילטע פיש און ער האָט אפילו טועם געווען די ציבעלעס, און געלויבט דעם „פיש" און איז געווען מלא התפעלות פון טשאָלנט, און האָט איינגעשטימט מיט יונה סאַרווער, אַז דער קוגל האָט טעם גן־עדן.

נאָר מער ווי פון יונה סאַרווערס מאכלים האָט ער, דער פאַן מיכאל, הנאה געהאַט פון זיצן ביי איין טיש מיט די באַבערדטע און באַפּיאותטע יידן. ס'גאַנצע לעבן האָט אייגנטלעך דער פאַן מיכאל געהאַט צו טון מיט די דאָזיקע יידן. פאַר זייער טובה וועגן איז ער געזעסן אין דער גמינע און זיך געקהלט — אַזוי יעדנפאַלס האָט ער אַליין געגלייבט. פאַר זיי האָט ער זיך משתדל ביי די צאַרישע שררות. פאַר זיי האָט ער אויפגעבויט דאָס שפּיטאָל אויף טשיסטע און דעם מושב זקנים און דאָס יתומים־הויז, און פאַר זיי גיט ער יעדעס יאָר שווערע געלטער אויף צדקה און נעמט אויך געלט ביי זיינע רייכע פריינט און מחותנים, די נאַטאַנזאָנס און אייגערס.

יאָ, ס'גאַנצע לעבן הערט ער נישט אויף צו זאָרגן פאַר זייערטוועגן, פאַר די דאָזיקע יידן, מיט וועלכע ער עסט איצט צוזאַמען טשאָלנט. ער וויל זיי מאַכן פאַר לייט. ער וויל זיי אויסמענטשלען. ער וויל זייערע קינדער לערנען מלאכה און ער האָט אויפגעשטעלט די גרויסע האַנטווער־קער־שולע און ער וויל זיי הערן רעדן אַ גוטן פּויליש און איז גרייט פאַר זייערע קינדער צו צאָלן שכר־לימוד אין די שולן און אוניווערזיטעטן. ער וויל, אַז זיי זאָלן זיך ממש אָפּשערן די פּיאות און אַביסל אין אָרדע־נונג ברענגען זייערע צעשויבערטע בערד.

אַ לעבן לאַנג האָט ער, דער פאַן מיכאל, געוווסט וואָס ער וויל און וואָס ער וואָלט געוואָלט מאַכן פון די דאָזיקע אָרימע יידן, נעבעך.

נאָר איצט, ווען ער זיצט מיט זיי ביי איין טיש, ווייסט שוין נישט דער פאַן מיכאל אַזוי גענוי, וואָס ער וויל.

ס'ערשטע מאָל זיצט ער מיט זיי ביי איין טיש. ס'ערשטע מאָל עסט ער מיט זיי צוזאַמען קוגל. ס'ערשטע מאָל רירן זייערע זיידענע

צעריסענע זשיפּיצעס אָן זיין אַרבל. ס׳ערשטע מאָל זעט ער זייערע שבתדיקע פּנימער. ס׳ערשטע מאָל הערט ער זיי זמירות זינגען.

און דער פאַן מיכאל ווייסט שוין נישט אויף זיכער, צי ער וויל טאַקע, אַז די דאָזיקע יידן זאָלן פאַרגעסן זייער „זשאַרגאָן" און אָנהייבן רעדן אַ פיין קלינגענדיקן פּויליש.

און ער ווייסט שוין אויך נישט, צי עס וועט טאַקע בעסער זיין, ווען די בערד און פּיאות וועלן פאַרשווינדן פון זייערע פּנימער און זיי וועלן די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס פאַרטוישן אויף עלעגאַנטע פראַקן. ניין, איצט ווייסט ער נישט, דער פאַן מיכאל, אַז אַזוי וועט טאַקע גוט זיין.

ער ווייסט נאָר איצט, אַז עס איז אים גוט צו זיצן אָט דאָ נעבן די יידן. ער אָטעמט איין זיך איין די ריחות פון די זיידענע זשיפּיצעס און פון די שטריימלעך און עס ווילט זיך אים נישט רירן פון אָרט.

ער ווייסט נישט, ווי אַזוי צו רעדן צו די שכנים זיינע ביים טיש. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. ער קוקט אויף זייערע פּנימער. דאָס לעבן האָט אויף די דאָזיקע פּנימער געלייגט זיין שווערן חותם. עס איז זיי נישט לייכט געווען אויך פריער אין זייערע אָרימע שטעטלעך און איצט זענען זיי געבליבן אָן אַלעם, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און דאָך קוקט האָפענונג אַרויס פון זייערע אויגן.

אַ פריילעך געזאַנג ברעכט אויס ביים טיש. די זיידענע קאַפּאָטעס און שטריימלעך צעשאָקלען זיך אין חסידישן ברען.

און דער אַלטער פאַן מיכאל הערט זיך צו צו דעם געזאַנג און טרערן לויפן אָן אין זיינע אַלטע אויגן. ער אַליין וואָלט געוואָלט מיטזינגען, וואָלט זיך געוואָלט צעשאָקלען אָט אַזוי, ווי זיין שכן פון רעכטס, נאָר ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען מאַכט עס.

דער פאַן מיכאל קוקט זיך אַרום איבער ר׳ לוים צימערן. ער קוקט זיך צו צו דעם טומל און מיטאַמאָל דערפילט ער אין זיך עפּעס אַזאַ שטאָלץ מיט די דאָזיקע יידישע עקשנים, וואָס לאָזן זיך נישט ברעכן, וואָס קענען זינגען און זיך פרייען אפילו, יאָ, דווקא, היינט...

דער פאַן מיכאל דערמאָנט זיך, אַז באַלד וועט ער דאַרפן גיין אַהיים צו זיין שיינער וווינונג, צו זיינע גרויסע עלעגאַנטע און ליידיקע זאַלן.

און עס ווערט אים טרויעריק ביים הארץ. עפּעס אַ קעלט יאָגט פון זיינע זאַלן, אַן אייזיקע קעלט.

— איך קען נישט די יידן אַרויפנעמען צו מיר... — קוקט דער פּאַן מיכאַל מיט אַ גנעפּיל פון קנאה אויף זיין חסידישן פריינט ר׳ לוי — צו מיר וועלן זיי נישט גיין.

ביז היינט האָט דער פּאַן מיכאַל זיך געגרויסט מיט זיין דירה. אין אַ מוזעאום פון יידישער קונסט האָט ער זיין דירה פאַרוואַנדלט. אַלטע מנורות, הענג־לייכטער, פּרוכתן, געניייט מיט גאָלד, בילדער געמאָלן פון די באַרימטסטע קינסטלער, בשמים־ביקסלעך און תורה קרוינען — אַ רייזיק פאַרמעגן האָט דער פּאַן מיכאַל פאַרווענדט, כדי אָנצופילן זיינע שטיבער מיט יידישע אַנטיקן.

נאָר איצט יאָגט אויך פון זיי אַ קעלט אויף דעם פּאַן מיכאַל. ער וויל נישט מער קיין טויטע יידישקייט.

לעבעדיקע יידן וויל ער איצט. דאָס טויטע יידישקייט וואַרימט נישט מער.

— פאַרוואָס טאָקע נישט אויפנעמען די יידן אין מיינע לייזיקע זאַלן? — פאַלט איין דעם פּאַן מיכאַל — אַזוי פיל טויזנטער מענטשן זענען געבליבן אָן אַ דאַך און איך דריי זיך איינער אַליין אַרום אין מיינע פּוסטע שטיבער.

ער ווייסט גוט, דער פּאַן מיכאַל, אַז ער וועט דאָס נישט טון. די גויאישע משרתים זיינע וועלן דרייען מיט דער נאָז און לאַכן.

— איז ווער באַלעבאָס? — ווערט דער פּאַן מיכאַל אין כעס אויף זיך אַליין — איך, צי מיין לאַקיי, יאָן?...

ער ווייסט אָבער, אַז נישט בלויז דער לאַקיי, יאַן, וועט לאַכן. אויך זיינע קינדער וועלן קומען צו לויפן מיט צעפּלאַמטע פּנימער. אַזאַ חרפּה זיי אָנטון! פּיאות־יידן גאָר ברענגען אין שטוב אַריין! די גאַנצע שטאָט וועט דאָך לאַכן. זיי קענען דאָך פאַר שאַנדע זיך נישט ווייזן אויף דער גאַס. אין באַנק און אין טעאַטער וועט מען טייטלען אויף זיי מיט די פינגער. איז ווי קען מען זיי אַזאַ זאַך טון. עלעהיי, געלט געבן, מילא, וואָס קען מען טון, כאָטש פון דער אַנדערער זייט איז שוין צייט אָפּ־צוהאַקן מיט דעם יידישקייט...

ער קען זיינע קינדער, דער פאן מיכאל. ער ווייסט, אז אזוי לאנג, ווי ער לעבט, וועלן זיי מיטן יידישקייט נישט אפהאקן. אבער לאנג שבעה וועלן זיי נאך אים נישט זיצן. א, ניין. זיי וועלן זיך שנעל לאזן אפ־שווענקען מיטן הייליקן וואסער און איבערדרייסן די לעצטע דינע פעדים, וואס פארבינדן זיי נאך דערווייל מיט די יידישע גאסן.

— הייסט עס, אז אויך ביי מיר אין שטוב בין איך א פרעמדער — באפאלן טרויעריקע מחשבות דעם פאן מיכאל — אויך מיין אייגענע שטוב שפייט מיך ארויס...

— אייגנטלעך — טוט ער צו זיך א שמייכל — בין איך דאך גלייך צו מיינע שכנים דא. איך האב נישט מער קיין אייגענעם דאך איבערן קאפ. נישט מער וואס וועגן דעם ווייסט קיינער נישט און איך אליין האב ערשט איצט זיך וועגן דעם דערוווסט... נו, מילא, מיט וואס בין איך דאס מער יחסן פון זיי. זיי ווייסן אפשר בעסער צו דערציען זייערע קינדער.

— ביטע — גיסט לאניא אן דעם פאן מיכאל א גלעזל וויין.

דער פאן מיכאל קוקט אויף לאניאס פאררויטלט פון אנשטרענגונג פנים און טראכט אין זיך:

— זי, ר׳ לוים טאכטער, וועט נישט אנטלויפן פון די יידישע גאסן.

ער ווייסט, דער אלטער פאן מיכאל, אז זי, לאניא, האט נישט גע־האט קיין לייכט לעבן. אירע אויגן שיינען איצט. אבער ביי די ווינקלען פון איר מויל זענען געבליבן שפורן פון שווערע איבערלעבענישן און ליידן.

ער דערמאנט זיך, קוקנדיק אויף לאניאן, אן זיין אייגענער טאכטער, אן זיין שיינער מערי.

יא, אלע באוואונדערן זי, די געראטענע טאכטער זיינע. די שיינע מערי רופט מען זי. זי האט אן א שיעור פארערער, די טאכטער זיינע. אפשר שוין צופיל. דער פאן מיכאל זיפצט שווער אפ. ער וואלט געוואלט זען נאר איין פארערער פון זיין מערי, נאר איינעם. ער איז שוין אלט, זייער אלט, דער פאן מיכאל. און ער וויל דאס זעלבע, צו וואס יעדער אלטער ייד שטרעבט, ער וויל פירן זיין טאכטער צו דער חופה. יא, ער וויל עס נאך מער, ווי אן אנדערער. ער איז גארנישט זיכער, צי זיין טאכטערס חופה וועט זיין א יידישע...

דער אַלטער פֿאַן מיכאל דערפֿילט אַ לאַנגן ווייטיקלעכן שטאָך אין האַרץ. ער האָט זיך צופֿיל אָנגעשטרענגט היינט. ער האָט פֿאַרגעסן היינט אָן זיינע יאָרן און איז צופֿיל אַרומגעלאָפֿן. אָבער נאָך וואָס קומט אַזוי אָפֿט צו אים אין שטוב דער באַגדאַן וואַסילעווסקי?... מען זאָגט, אַז ער איז אַ טאַלאַנטפֿולער דיכטער, דער באָגדאַן. מעגלעך. דער פֿאַן מי־כאַל איז שוין אַליין צו אַלט צו פֿאַרשטיין די יונגע פּאָעטן. און ער איז אַ פּראָגרעסיווער מענטש, דער באָגדאַן. ער הערט נישט אויף צו רעדן וועגן דעמאָקראַטיע און גלייכהייט און אַלע אַנדערע שיינע און גרויסע אידעען, רעדט שוין אפשר צופֿיל און צו שיין, אַז מען זאָל אים גלייבן. אָבער וואָס וויל ער פֿון זיין מערי?... פֿאַרוואָס לויפֿן זיינע אויגן איר נאָך מיט אַזאַ הייסן גלאַנץ?... און זי, מערי? עפּעס רעדט זי צו דעם באָגדאַן אַנדערש, ווי צו אירע אַלע אַנדערע פֿאַרערער... טייל־מאָל כאַפּט ער, דער אַלטער פֿאַן מיכאל, אויף די בליקן, מיט וועלכע מערי וואַרפֿט זיך דורך מיט דעם באַגדאַן. עפּעס געפֿעלן אים איצט נישט די דאָזיקע בליקן. עפּעס קומט אים פֿאָר ווי הינטער אים שמועסן זיך אָפּ די דאָזיקע בליקן.

— איך שטער זיי — לאָזט דער פֿאַן מיכאל שווער אַראָפּ דעם קאָפּ — אַזוי לאַנג ווי איך בין דאָ, וואַגט זי נאָך נישט, מיין מערי, אי־בערצורייסן דעם לעצטן דינעם פֿאָדים.

מאָדנע זאַכן קומען איצט פֿאָר מיט דעם פֿאַן מיכאל, ווען ער זיצט ביי ר׳ לוים שבתדיקן טיש. עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז שוין אין קבר און פֿונדעסטוועגן זעען אַזוי קלאָר זיינע אויגן. ער געפֿינט זיך איז זיין אייגענער שטוב. נאָר ער דערקענט זי מער נישט, די שטוב זיינע. ווו זענען די אַלטע פּרוכתן? און די זילבערנע תורה־קרוינען? און די בשמים־ביקסלעך און די חנוכה־לאָמפּן? אַנשטאָט זיי קוקן אויף דעם אַלטן פֿאַן מיכאל צלמים. פֿון אַלע זייטן און פֿון אַלע ווינקלען צלמים.

— מערי, מיין מערי — וויל דער אַלטער פֿאַן מיכאל רופֿן.

ער דערזעט זי, מערין. זי גייט איבער די שטיבער און אַ גרויסער גאָלדענער צלם הענגט אַראָפּ פֿון איר האַלדז. און קליינע שקצימלעך מיט צלמימלעך אויף זייערע העלדזער נעמען זי אַרום און פֿרעגן מיט שרעק:

— מאַמע, וואָס וויל דאָ דער אַלטער זשיד?...

דער אלטער פאן מיכאל עפנט שווער אויף די אויגן. ר' לוי רעדט עפעס צו אים.

— וואס? וואס? — פרעגט איבער דער אלטער פאן מיכאל.

— מען וועט מוזן טראכטן — רעדט ר' לוי — ווי אזוי איינצו־ארדענען די אלע יידן.

און דניאל עפשטיין גיט צו:

— איך מיין, אז נאך היינט אין אוונט וועט מען דארפן זיך צו־נויפקומען און עפענען די בייטלען.

— געוויס, געוויס — שאקלט דער פאן מיכאל צו מיטן קאפ און רופט אן א סומע וואס מאכט שטוינען ר' לוין און עפשטיינען.

די סומע איז אזוי גרויס אפילו פאר אזא רייכן מענטש, ווי דער פאן מיכאל, און עפשטיין פרעגט:

— דער הער פרעזעס מיינט, אז מיר וועלן קענען היינט צונויפזאמ־לען אזא גרויסן סכום.

— די סומע גיב איך — זאגט דער פאן מיכאל — און איך האף, אז קיינער וועט זיך נישט אפזאגן.

ר' לוי קוקט אויף עפשטיינען און זיין בליק פרעגט:

— צי ווייסט ער, דער אלטער, וואס ער טוט? עס איז דאך דער גרעסטער טייל פון זיין פארמעגן...

דער אלטער פאן מיכאל שטעלט זיך אויף:

— צייט פאר מיר צו גיין — געזעגנט ער זיך מיט ר' לוין און עפשטיינען — עס האט מיך זייער געפרייט, ר' לוי, היינט צו זיצן ביי אייער טיש, זייער געפרייט און אין אוונט בעט איך זיך צונויפקומען ביי מיר אין שטוב.

— געוויס, געוויס, — שאקלט ר' לוי מיטן קאפ — איר האט היינט אזוי פיל געטון.

— נארישקייטן — שמייכלט דער אלטער פאן מיכאל — וואס דען זאל איך טון מיטן געלט און כ'בעט וועגן דעם מער נישט רעדן.

ר' לוי באגלייט זיין פריינט ביז צו די טרעפ, און דער אלטער פאן מיכאל האלט זיך פארזיכטיק אן ביים פארענטש און שמייכלט צו זיך:

— זיי מיינען, אז איך בין אזא גוטער און ווייסן נישט, אז אפשר גאר

גיט מען אמאָל מער געלט פון שלעכטקייט... זאָל דער פאַן באַגדאַן האָבן א קלענערע ירושה... הע־הע... נישט וואר, מיט א זשיד קען מען קיינמאָל נישט וויסן, ווו מען האלט...ביים ראנד פון קבר קען ער נאָך ווייזן א פייג, הע, הע...

דער פאַן מיכאל שטעלט קליינע טריטעלעך אויף דער גאַס. ער קוקט אַ פארחידושטער אויף דעם טומל ארום מיט די אויגן פון א מענטש, וואָס זענען אויבנאויפיק געווענדט צום דרויסן, אָבער אין דער אמתן קוקן זיי צו נאָר אין זיך אליין.

ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט, דער פאַן מיכאל, אז מ'קען קוקן מיט די אייגענע אויגן צו זיך זעלבסט, אז מ'קען מיט די אייגענע אויגן זען דעם אייגענעם אינגעווייד. און ער דערשרעקט זיך פאַר דעם וואָס ער זעט. ער זעט אין זיך א גרוים צעטומלעניש. ער האָט גאָרנישט גע־אנט ביז איצט, אז אין זיין אינגעווייד דרימלט ערגעץ ווו פארשטעקט אזא צעטומלעניש. ער האָט ביז היינט געמיינט, אז אַלץ איז פאַר אים קלאָר און פשוט. אזוי פשוט און אזוי קלאָר, אז אויך ר' לוי מיטן שטריימל און דער זיידענער זשיפּעצע וועט עס מוזן דערזען היינט צי מאָרגן. נאָר איצט ווייסט ער שוין גאָרנישט. ער האָט אויפגעהערט צו זען פאַר זיך דעם קלאָרן וועג. איצט דאכט זיך אים, אז ער קען מער קיין טריט נישט שטעלן. אומעטום זיגזאגן, שטרויכלונגען; פינצטערע גריבער זענען עפּעס אויסגעשפּרייט פאַר זיינע פיס. ער האָט מיטאמאָל פארלוירן דעם וועג צו זיך אליין. און ער קוקט זיך אום אין אלע זייטן. אפשר ווייסט פאָרט עמיצער דעם ריכטיקן וועג? אפשר איז עס ר' לוי? און אפשר גאָר זיין טאָכטער מערי? ער ווייסט גאָרנישט, צי ער דאַרף האָבן טענות צו איר, צו זיין טאָכטער. וואָס דען איז איר געבליבן, אויב נישט דער שייגעץ באַגדאַן?...

דער אַלטער פאַן מיכאל טוט זיך א וואקל אויף די פיס. עס גיט אים עפּעס אזא מאָדנער שווינדל פאַר די אויגן. ער הערט אויף א מאָ־מענט אויף צו זען, נאָר די געדאנקען זענען ביי אים גאנץ קלאָרע:

— נאָר נישט אומפאלן — טראכט ער — עס פאסט נישט פארן גמינע־פּרעזעס זיך אויסצוציען אין מיטן גאַס, ווי א שכור...

ער דערפילט, ווי א פעסטע, שטארקע האנט האלט אים אונטער. ער שפּאַרט זיך שווער אָן אויף עמיצנס אָרעם מיט צוגעמאכטע אויגן.

— האָט נישט קיין מורא, ר׳ ייד — הערט דער פאַן מיכאל לעבן זיך אַ פרעמדע שטים — רוט אייך אָפּ אַ ווייל...

דער פאַן מיכאל פילט אין דער לינקער זייט ווידער אַ לאַנגן, דורכ־דרינגענדיקן שטאָך, און ער קען טראָץ דעם ווייטיק נישט צוריקהאַלטן זיך פון אַ שמייכל צו טון. ס׳ערשטע מאָל, ווי עמיצער רופט אים „ר׳ ייד״. שוין צענדליקער יאָרן, ווי ער הערט זיך רופן „פאַן פרעזעס״. דער „פאַן פרעזעס״ האָט זיך שוין ווי צוגעקלעפּט צו אים. יידן און גויים און אפילו רבנים קענען נאָר דעם „פאַן פרעזעס״.

— ר׳ ייד — חזרט אין זיך איבער דער פאַן מיכאל די צוויי ווער־טער, ווי ער וואָלט וועלן דערפילן אויף זיין גומען זייער געשמאַק — ר׳ ייד, עס מוז אוודאי זיין אַ פרעמדער, איינער פון די אַרויסגעטרי־בענע...

דער פאַן מיכאל אָטעמט שווער אָפּ. ער פילט זיך עטוואָס בעסער און ער קען שוין רעדן.

— איר זענט אַ וואַרשעווער? — פרעגט ער אויף פּויליש און וואַגט נאָך אַלץ נישט צו עפענען די אויגן.

—יעך בין פון גער... ליפּע איטשעלע גרונמס פון גער...

— ליפּע איטשעלע גרונמס — באַמיט זיך דער פאַן מיכאל איינ־צוקריצן אין זיין געדעכעניש דעם דאָזיקן לאַנגן אויסטערלישן נאָמען. ער איז נייגעריק צו זען דעם מענטש מיט אַזאַ נאָמען און ער עפנט שווער די אויגן. אַ יונגערמאַן פון מיטעלן וווקס מיט אַ לאַנגער טוכענער קאַ־פּאָטע און אַ קליין היטעלע אויפן קאָפּ, האַלט אים אונטער און קוקט אויף אים אַ באַזאָרגטער:

— ס׳איז אייך בעסער, ר׳ ייד?...

— אַ דאַנק, ס׳איז מיר פיל בעסער...

פונדעסטוועגן פילט זיך נאָך נישט דער פאַן מיכאל בכוח צו גיין אַ היים.

— אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין — זאָגט ער צו דעם יונגנמאַן מיט דעם אויסטערלישן נאָמען ליפּע איטשעלע גרונמס — און מיך צו־פירן דאָ נישט ווייט, צו ר׳ לוי פרענקעל.

— גוט, גוט, ר׳ ייד, יעך גיי דאָך טאַקע צו אים, צו ר׳ לוין...

— איר קענט ר׳ לוין? — וווּנדערט זיך דער פּאַן מיכאל.

— א שאלה א גוטע, צי איך קען ר׳ לוין — פאַרשטייט נישט ליפּע איטשעלע גרונמס, אז עס קען זיך געפינען עמיצער, וואָס זאָל נישט וויסן אזא זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, — אז ר׳ לוי קומט צום רבין, שלאָפט ער דאָך און עסט ביי אונדז.

— כ׳פאַרשטיי — זאָגט דער פּאַן מיכאל, ווערנדיק פאָרזיכטיק געפירט איבער דער גאַס פון ליפּע איטשעלע גרונמס — און איר קענט אויך דעם רבין?...

— ווי דען... — צעשמייכלט זיך ליפּע פון אזעלכע נאַרישע שאלות — וואָס הייסט, יעך זאָל נישט קענען דעם רבין, זאָל לעבן...

— האָט מען אויך פון גער אַרויסגעטריבן? — פרעגט ווייטער דער פּאַן מיכאל.

— יאָ — ענדערט זיך מיטאמאָל ליפּעס קול — פון אומעטום טרייבט מען...

ר׳ לוי האָט זיך באמת נישט אַרויסצווייזן קיין צייכנס פון אומרו דערזעענדיק פלוצלינג אין שטוב דעם פּאַן מיכאל, געפירט אונטערן אָרעם פון ליפּען.

— ס׳מאַכט נישט, ר׳ לוי — האָט דער אלטער גמינע־פּרעזעס פאַר־לעגן געשמייכלט — עס איז די זקנה... כ׳וועל זיך נאָר אביסל אָפּרוען ביי אייך.

ר׳ לוי האָט צוזאַמען מיט ליפּען אריינגעפירט דעם אלטן אין א זייטיק חדר.

דער פּאַן מיכאל האָט זיך דערפילט לייכטער, ווען ער האָט די פיס אויסגעצויגן אויף דער סאָפע.

— דער טאטע איז אויך געקומען? — האָט ר׳ לוי שטיל געפרעגט ליפּען.

— יאָ, — האָט ליפּע קורץ געענטפערט.

— זאָרג נישט, ליפּע — האָט ר׳ לוי צו אים געזאָגט — מ׳וועט עפּעס א קלער טון ווענן דיר מאָרגן.

ליפּע האָט נישט געזאָרגט. און ער האָט זיך אפילו געשעמט דער־

מיט, וואָס ער זאָרגט אַזוי ווייניק, ווען אַלע אַרום גייען מיט אַזעלכע טרויעריקע פּנימער. ער האָט זיך באַמיט צו זיין טרויעריק, ליפּע, אָבער עס האָט אים נישט געהאָלפֿן. אין האַרץ איז דאָס גאַנצע לוּיפּעניש און דער גאַנצער האַרמידער און טומל אים אַפילו געפעלן. און ער איז גע־ווען צופרידן, וואָס ער איז אַזוי שנעל און אומגעריכט געקומען קיין וואַרשע. דאָ וועט ער באַנייען זיין פריינטשאַפט מיט יאַנקל שמייסער.

אויף דער דאָזיקער פריינטשאַפט האָט ליפּע געלייגט גרויסע האָפֿענונגען. ער, יאַנקל, וועט אים העלפן זיך אויסצוגעפינען אין דער גרויסער טומלדיקער שטאָט. ער וועט אים באַקענען מיט זיינע חברים און חברטעס, וועט אים קויפן אַ געבלימלטן זיידענעם שניפּס און ער וועט ווערן, — ווי יאַנקל האָט אים פייערלעך פאַרזיכערט — אַ לייט...

און צוליב דעם טאַקע איז ער איצט געקומען צו ר׳ לוין. געמיינט צו טרעפן אים, יאַנקל שמייסער.

— ווילסט אפשר קידוש מאַכן, ליפּע? — האָט ר׳ לוי געפרעגט.

— כ׳בין שוין נאָכן עסן, ר׳ לוי — האָט ליפּע געוואָלט, אַז ר׳ לוי זאָל וויסן, אַז ער איז נישט געקומען צו אים עסן — כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל דאָ טרעפן יאַנקלען...

— ששששש... — האָט ר׳ לוי אַ בלייך געוואָרענער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן מיט צעשראָקענע אויגן.

— ס׳איז עפּעס געשען מיט יאַנקלען? — האָט ליפּע נישט פאַר־שטאַנען.

— ששששש — האָט זיך ר׳ לוים געזיכט פאַרכמורעט — ער איז נישטאָ!...

און ער האָט שטרענג צוגעגעבן:

— און דערמאָן נישט מער דעם נאָמען, הערסט, ליפּע, נישט רעדן מיט קיינעם קיין איין וואָרט!...

ערשט איצט האָט ליפּע איטשעלע גרונמס זיך דערפילט באַזאָרגט און נידערגעשלאָגן גלייך ווי אַלע. יאַנקל איז נישטאָ. און ער טאָר זיך אַפילו אויף אים נישט פרעגן. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, ליפּע, נאָר איצט פאַרשטייט ער שוין, אַז עפּעס וואָס האָט מיט יאַנקלען געמוזט פּאַסירן. און ער וועט אים, יאַנקלען, מער נישט זען. עס וועט נישט

זיין קיין פריינט, וואָס זאָל אים מאכן פאר לייט, וואָס זאָל אים באַ־זאָרגן מיט א שיינעם שניפּס און א ווייסן, שטייפן, גומענעם קאָלנער, און וואָס זאָל אים באַקענען מיט די שיינע ווארשעווער פּאננעס. ליפּע האָט זיך דערפילט איינזאַם און פארלאָזן, און ער האָט אָנגעהויבן בענ־קען נאָך דער שטילער רבינס גאַס און נאָך די טומלדיקע מיט חסידים שטיבער פון זיין פּאָטערס אכסניה.

ער האָט אָראָפּגעלאָזט טרויעריק דעם קאָפּ, ליפּע, אז ר׳ לוי זאָל נישט זען זיינע אָנגעלאָפענע מיט טרערן אויגן.

אין צימער האָט זיך צעגאָסן אַן איידעלער פּערפום־ריח. מערי, דעם פאן מיכאלס שיינע טאָכטער, איז האַסטיק אריינגעפאלן צוזאמען מיטן אַלטן הערץ דאָקטאָר.

— וואָס איז, פּאָטער? — איז זי צוגעפאלן צו דער סאָפע.

— עט, נארישקייטן, טאָכטער — האָט דער אַלטער געגלעט אירע האָר.

הערץ דאָקטאָר האָט געציילט דעם דופק פון חולה.

— אין אָרדענונג, פּאניע מיכאַלע — האָט ער צו אים געלאכט — מיר, אַלטווארג, לאָזן נישט אַזוי שנעל צו צו זיך דעם מלאך־המוות, נישט ווארּ?

מערי האָט מיט אומרו געקוקט אויפן דאָקטער און געוואָלט ווּיסן, צי מ׳קען אים, דעם חולה, נעמען גלייך אַהיים.

— געווים, געווים, פרייליין מערי — האָבן זיך אין הערץ דאָקטאָרס אויגן אָנגעצונדן עפּעס שפּאָטישע פייערלעך.

זי שעמט זיך, מערי, מיט די זשידעס, האָט דאָקטאָר הערץ געוווּסט, זי איז זייער פּראָגרעסיוו, מערי, און זי מאכט נישט קיין אונטערשיד צווישן פאָלק און רעליגיע. פונדעסטוועגן וואָלט זי פיל געגעבן, מערי, ווען דער דאָזיקער יידישער הויקער שלעפּט זיך איר נישט נאָך און שטייט נישט ווי א פינצטערער שאָטן צווישן איר און באָגדאַנען. ריכטיק, שיינע מערי?

מערי האָט זיך לייכט פאררויטלט אונטער דעם דורכדרינגענדיקן בליק פון אַלטן הערץ און אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. וואָס זאָל זי טון, אז עס ווערט איר איבלדיק, ווען זי געפינט זיך צווישן אַזוי פיל יידן. יאָ,

זי ווייסט, זיי זענען די זעלבע מענטשן און מיט די זעלבע רעכט, אָבער נאָך וואָס שלעפּן זיי זיך אַרום מיט זייערע בערד און פּיאות און מיט די אויסטערלישע הוטן און מיט די אטלאסענע קאַפּאָטעס און מיט זייער לשון, וואָס גרילצט אין אויער?...

און זי פאַרשטייט נישט איר אייגענעם פאָטער, מערי. אַזאַ איבער־געגעבענער, אַזאַ געטרייער פּאָליאַק און קען זיך פאָרט נישט אָפּרייסן פון די דאָזיקע אַלע זשידקעס.

יאָ, זי ווייסט, מערי, איר פאָטער האָט אַ גוט האַרץ און ער האָט רחמנות אויף די אָרימע יידן. מען טרייבט זיי איצט, האָט מערי געהערט, פון זייערע שטעטלעך. אוודאי איז דאָס נישט ריכטיק, און געוויס דאַרף מען קעגן אַזאַ גרויזאַמקייט פּראָטעסטירן. נאָר פאַר זיך אַליין, ווייסט זי, מערי, אַז דאָס אַלץ איז איר גלייכגילטיק. זיי זענען צו איר אַזוי פרעמד, און זי פילט גאָרנישט צו די אַלע יידן. זי האָט זיך נאָר וואָס באַגריסט מיט לאַניאַן. זיי קענען זיך נאָך פון דער שולע. נאָר איצט קומט איר אויך לאַניאַ פאַר פרעמד. אין אַ ווייסן פאַרטוך באַדינט זי, לאַניאַ, די פּיאות־יידן און איר פּנים ווערט עפּעס ענלעך צו זיי...

ניין, מערי פילט זיך נישט גוט אין דער דאָזיקער אַנגעזאַפּטער מיט יידישע מאכלים לופט און זי וואָלט שוין געוואָלט זיין מיט איר פאָטער אין גאַס.

זי פירט דעם פאָטער פאַרזיכטיק צו דער טיר, נאָר פּלוצלינג דרייט דער אַלטער פאַן מיכאל אויס דעם קאָפּ און זאָגט:

— וואַרט, מערי, וואַרט אַ ווייל... כ'האָב זיך פאַרגעסן צו געזעג־נענען...

— מיט וועמען? — קען מערי שוין נישט באַהאַלטן איר אומגעדולד.

דער אַלטער פאַן מיכאל קוקט זיך אַרום. ער זוכט דעם יונגנמאַן, וואָס האָט אים אונטערגעהאַלטן אויף דער גאַס און צוריקגעפירט צו ר' לוים שטוב. ער קען זיך נישט דערמאַנען דעם נאָמען פון יונגנמאַן. פון גער, האָט ער געזאָגט, איז ער, בלויז דאָס געדענקט דער פאַן מיכאל, נאָר דעם נאָמען זיינעם האָט ער פאַרגעסן. אויף דער שפּיץ צונג ליגט אים דער נאָמען. אַזאַ יידישלעך קלינגענדיקער נאָמען... באַלד, באַלד, ער מוז זיך דערמאָנען...

דער פאַן מיכאַל פאַלדעוועט זיין שטערן. אין דער מינוט קומט אים פאַר, אַז דאָס וויכטיקסטע פאַר אים איז זיך צו דערמאָנען דעם נאָמען פון יונגנמאַן פון גער.

די אויגן פון פאַן מיכאַל שיינען מיטאַמאָל אויף. ער דערזעט דעם יונגנמאַן מיט דער לאַנגער טוכענער קאַפּאָטע און קליינעם היטעלע אויפן קאָפּ.

די שיינע מערי ווערט בלייך פאַר אויפרעגונג. שיינע באַקאַנטשאַפטן פאַרשאַפט זיך איר פאָטער אויף דער עלטער. ער ווערט וואָס אַמאָל ענלעכער צו די אַלע זשידעס דאָ. די שיינע מערי פילט, ווי דאָס בלוט קומט איר אָן אָנצולויפן אין פנים פאַר חרפּה.

דער פאַן מיכאַל גייט מיט שנעלע טריטלעך צו דעם יונגנמאַן אין דער טוכענער קאַפּאָטע און מערין בלייבט נישט מער איבער ווי נאָכגיין איר פאָטער.

— אַנטשולדיקט, — רעדט דער פאַן מיכאַל אַ צעשמייכלטער, — כ׳האָב זיך נישט געקענט דערמאָנען דיין נאָמען...

— ליפּע איטשעלע גרונמס פון גער — זאָגט דער יונגערמאַן און קוקט מיט אויגן פול באַוווּנדערונג און שרעק צוגלייך אויף דער שיינער מערי.

—זעסט, מערי — רעדט דער פאַן מיכאַל צו זיין טאָכטער — דאָס האָט ער, ליפּע, איטשעלע גרונמס מיך צוגעהאַלטן אויף דער גאַס און, ווען נישט ער...

— אַ דאַנק — באַוועגן זיך מערים פולע ליפּן קאַלט און אירע אויגן קוקן איבער דעם קאָפּ פון ליפּע איטשעלע גרונמס ווי ער וואָלט פאַר איר נישט עקזיסטירט.

— ליפּע — נעמט דער פאַן מיכאַל אין זיין האַנט — מוזט מאָרגן צו אונדז אַרויפקומען, ריכטיק מערי?

נאָר מערי שווייגט. איר שיין פנים באַקומט אַ האַרטן אויסדרוק. וואָס טוט זיך מיט איר פאָטער היינט?.. אַזעלכע געסט וויל ער ברענגען אין שטוב!...

— ביטע, — רעדט זי צו ליפּען נישט קוקנדיק אויף אים, — גיט מיר אייער אַדרעס און מירן אייך צושיקן עפּעס צום אָנדענק...

ליפּע איטשעלע גרונמס איז געווּוינט צו רעדן מיט די פּויערטעס פון זיין שטעטל און ער כאַפּט שוועך די ווערטער פון דער שיינער מערי. פונדעסטוועגן פאַרשטייט ער, אַז די דאָזיקע שיינע און רייכע פּאַננע מיינט אים צו געבן אַ נדבה, ער ווערט רויט פאַר כעס און ער זאָגט צו דעם אַלטן פּאַן מיכאַל:

— יעך דאַרף גאָרנישט, גאָרנישט... — און ער דרייט זיך אויס אוועקצוגיין.

— אָבער איך דאַרף דיך, ליפּע — לאָזט אים פּאַן מיכאַל נישט אָפּ — קום מאָרגן צו מיר אַרויף נאָכמיטאָג... ועעסט קומען...

ליפּען ווערט עפּעס אַ רחמנות אויף דעם אַלטן. עס דאַכט זיך אים, אַז דער אַלטער איז עפּעס אַזוי אומבאַהאָלפן נעבעכדיק און ער ענטפערט:

— אויב מעגלעך, וועל איך צו אייך קומען...

— דו האָסט אומזיסט באַליידיקט אַ מענטש, מערי, — זאָגט צו איר דער אַלטער שוין אויף דער גאַס.

מערי פאַרבייסט די ליפּן. יאָ, זי ווייסט, אַז זי האָט אים, ליפּען, באַליידיקט. אָבער וואָס קען זי זיך העלפן, מערי, אַז זי קען זיי נישט פאַרליידן, די דאָזיקע יידן. וואָס טוען זיי דאָ אין איר וואַרשע? וואָס פּלאָנטערן זיי זיך שטענדיק ביי די פיס? און איצט קומען זיי צולויפן פון אַלע שטעטלעך. עס ווערט דאָך באַלד נישט זיין קיין אָרט, ווו זיך פאַר זיי אויסצובאַהאַלטן. אוודאי איז זי, מערי, אַ פאָרגעשריטענער מענטש און זי ווייסט, אַז אונטער דער לאַנגער קאַפּאָטע קלאַפּט אויך אַ האַרץ פון אַ מענטש. נאָר טיילמאָל דאַכט זיך איר, אַז זי האָט זיי פיינט, די דאָזיקע יידן מיט די בערד און פּיאות. זיי מאַכן איר ענג די וועלט, מערין. וואָס וועט זיין, אַז באַגדאַן וועט ביי זיי אין שטוב זיך צוזאַמענטרעפן מיט דעם ליפּען? ער וו ע ט ג אָ ר נ י ש ט רעדן, באַגדאַן. געוויס. נאָר עפּעס וועט ער צו איר אַנדערש ווערן. ער וועט קוקן אויף איר מיט אַנדערע אויגן. נישט ווילנדיק, וועט ער, באַגדאַן, זי פאַרגלייכן מיט דעם ליפּען. אַזוי פילט זי, מערי, און פון דעם געפיל

ווערט איר עפּעס אַזוי שווער אויפן האַרץ, און זי וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון איר אייגענער שטוב, וואָס דער פאָטער האַלט אין איין פאַרוואַנדלען אין עפּעס א בית המדרש. טרערן קומען מערין אין די אויגן. זי קוקט אויף די גאַסן־קערער, וואָס שטייען אינמיטן גאַס מיט די בעזימער אין די הענט און מערי טראַכט:

— ווי גוט איז זיי, וואָס זיי האָבן נישט די ליפּעס פאַר זייערע געסט..

## קאפיטל 16

# ר' משהלע ראפשיצער

ר' משהלע ראפשיצער איז צוזאמען מיט אלע יידן ארויס אין דעם רעגנדיקן פרייטיק פון זיין שטעטל.

ער איז געווען אן אייניקל — בן אחרי בן — פון אלטן ראפשיצער זכרונו לברכה. און זיינע חסידים זענען געווען זיכער ביי זיך, אז זייער רבי באלאנגט צו די למד־וואוו־צדיקים.

א שטילער מענטש איז ער געווען, ר' משהלע. און אז ער איז זיך זעלטן אמאל צונויפגעקומען מיט אנדערע רבים, האט מען אויך דעמאלט ר' משהלען נישט ארויסגעזען צווישן זיי. מיט א פעך שווארצער בארד און גרויסע שטענדיק פארחידושטע שווארצע אויגן איז ער געזעסן א שווייגנדיקער צווישן די רבנים און די קאלפאקעס און שטריימלעך און אויסגעזען האט עס, אז נישט בלויז וואס ער אליין האלט צוגעשלאסן זיין מויל, נאר אז ער הערט אויך נישט וואס אנדערע רעדן.

און אויך אין דעם שטעטל, ווו ר' משהלע האט געוווינט און גע־פראוועט רביסטווא, האט מען אן אים ווי פארגעסן.

און פונקט ווי ר' משהלע האט געשוויגן, אזוי איז אויך די נידע־ריקע קליינע הייזקע, וואס ער האט מיט זיין אלטער מאמע און מיט זיין פאטערס שמש, ר' ברוך, פארנומען, אויך געווען — א שווייגעריין.

די ווענט פון דער הייזקע האבן פארשוויגן די גרויסע ארעמקייט פון ר' משהלעס שטוב און די אלטע רביצין מיט ר' ברוך שמש האבן אויך מיט טרויעריקע אויגן געקוקט אויף ר' משהלען און צוזאמען מיט אים — מיטגעשוויגן.

ער איז פון קינדהייט אָן געווען אַ שטילער. ר׳ משהלע, נאָך ווען די יונגע רביצין האָט אין איר ערשטן קימפּעט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, איז ר׳ משהלע אינגאַנצן אַוועק אין זיך און פון דעמאָלט אָן איז אַפילו זיין זעלטן רעדן אויך געווען אַ מין שווייגן.

אויך אין דעם טאָג, ווען דאָס גאַנצע שטעטל האָט געליאַרעמט און געקלאָגט און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און געהאַלטן אין איין אַרומ־לויפן נאָך פויערישע פורלעך, — אויך אין דעם טאָג איז אין דער הייזקע פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער נישט איבערגעריסן געוואָרן דאָס שווייגן.

ווי אַזוי דער אַלטער שמש, ר׳ ברוך, האָט באַוויזן פונדעסטוועגן צו געפינען אַ פויער מיט אַ פורל פאַרן רבין זיינעם, בלייבט זיין, ר׳ ברוכס סוד.

קיין שווערע אַרבעט האָט ר׳ ברוך און די אַלטע רביצין נישט געהאַט. דאָס אָרימע ביסל באַלעבאַטישקייט איז געווען לייכט אָנצו־לאַדענען אויף דעם פויערס פורל.

— מען דאַרף פאָרן — האָט די אַלטע רביצין דערמאָנט איר זון.

ר׳ משהלע האָט פון אירע ווייד ווי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. הגם ער איז געזעסן מיט אָפענע אויגן איבערגעבויגן איבער די געלע בלעטער פון זוהר.

— יאָ, מען דאַרף פאָרן, — ר׳ משהלע האָט מיט אַ שטילן זיפץ פאַרמאַכט דאָס ספר און נעמענדיק עס אונטערן אָרעם זיך געלאָזט גיין נאָך דער אַלטער רביצין.

דעם רבינס פורל איז געווען דאָס לעצטע, וואָס איז אַרויס פון שטעטל. עס האָט זיך שווער און שווייגנדיק נאָכגעשלעפּט אויפן שליאַך נאָך די אַנדערע פורלעך. און דאָס פערד האָט זעט אויס אויך געמוזט זיין אַ שווייגער און אַפילו נישט געהערט דעם „וויאָ״, מיט וועלכן דער פורמאַן האָט עס געטריבן. דער מרחק צווישן דעם רבינס פורל און די אַנדערע איז געוואָרן גרעסער. פונדעסטוועגן אינגאַנצן פון אויג האָט ר׳ ברוך שמש נישט פאַרלוירן די אַנדערע פורלעך.

ערשט, אַז דער אַטוואַצקער וואַלד איז זיי אַנטקעגנגעקומען מיט זיין גרינעם „גוטמאָרגן״ האָט ר׳ משהלע ראַפּשיצער איבערגעריסן זיין שווייגן און געזאָגט צו זיין שמש:

## אין שטורעם

— היים אים אָפּשטעלן זיך...

ר׳ משהלע ראַפּשיצער אַליין איז אַראָפּ פון פורל און פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער.

צווישן די שטילע וויגנדיקע זיך ביימער האָבן די אויגן פון ר׳ משהלען באַקומען עפּעס אַ קינדישן זאָרגלאָזן אויסדרוק. פון קלייניערהייט אָן ציט אים צום וואַלד. די ווענט פון די שטיבער ליגן אַזוי שווער אויף אים. נעמען ביי אים צו דאָס לשון און אַפילו ביי זיך אין שטעטל גייט פאַרטאָג און שפּעט ביינאַכט ר׳ משהלע אַרויס צו די עטלעכע דאַרע ביימלעך, וואָס נעמען אַרום זיין הייזקע. דעמאָלט דערפילט ער זיך לייכט און זיין מויל עפנט זיך און קען אָפּגעבן אַ לויב און אַ שבח צו דעם באַשעפער פון דער וועלט.

ער ווייסט, ר׳ משהלע, אַז זיינע חסידים האַלטן אים פאַר אַ שוויי־גער און ער ווייסט, אַז זיי האָבן אַ טעות, פאַרקערט, ער, ר׳ משהלע, פילט זיך ממש איבערפולט מיט רייד. רייד וואָס פאַרפלייצן זיין גאַנץ וועזן. רייד וואָס גיסן זיך אַרויס פון אים. רייד, וואָס שפּראָצן פון זיין אינגעווייד אַרויס ווי עס שפּראָצן די גראָזן פון דער ערד.

און ער רעדט, ר׳ משהלע, ער הערט נישט אויף צו רעדן צו דעם, וואָס פאַרנעמט דאָס געבעט און דאָס געזאַנג פון אַלע באַשעפענישן פון דעם קלענסטן גרעזל און אַפילו פון דעם וואָרעם, וואָס קריכט אויף דער ערד.

מיט די דאָזיקע רייד קען ער, משהלע, קיינמאָל נישט פאַרטיק ווערן. ער האָט שטענדיק עפּעס נייעס צו זאָגן, עפּעס נייעס צו דערציילן, און עפּעס נייעס צו פרעגן און אַזוי **פ אַ ר ג ע ס ט ע ר צו רעדן** צו מענטשן.

און ער ווייסט נאָך עפּעס, ר׳ משהלע. ער ווייסט, אַז רעדן דאַרף מען נישט דווקא מיטן מויל. יעדעס גליד האָט ז יי ן לשון, יעדעס אבר האָט ז יי ן שפּראַך און טיילמאָל מוז מען שווייגן, כדי אַלע אין דיין וועזן זאָל קענען רעדן, ווי עס שטייט געשריבן — אַלע דיינע ביינער זאָלן רעדן...

ניין, ער איז נישט קיין שווייגער. ער, ר׳ משהלע, ווייסט עס אַמ־בעסטן. עס דאַכט זיך אים נאָר, אַז ווערטער וואָס קומען אַרויס פון

מויל ווערן פאַרקרימט, פאַרדרייט, פאַרלירן זייער אמתן מיין און פאַר־
טרייבן די אמתדיקע רייד, וואָס רייסן זיך פון נפש.

און אָפט קומט אים פאָר, אַז די ווענט פון די הייזער זענען אָנגע־
זאַפּט מיט די פאַלשע מויל־רייד און זיי, די פאַרקרימטע רייד, פאַרשטעלן
דעם וועג פאַר די אמתדיקע ווערטער, וואָס דאָס נפש אַליין זינגט פון זיך
אַרויס.

ר׳ משהלע שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן אַ בוים. אַ גאַנצן טאָג האָט אים
די מרה שחורה געהאַלטן אין קלעם. צו זיינע אויערן איז דערגאַנגען
דאָס געוויין און דער געיאָמער פון שטעטל. זיינע אויגן זענען געווען
געווענדט צו די אָפענע בלעטער פון זוהר, נאָר געזען האָבן זיי מענער
און פרויען און קינדער, וואָס ווייסן נישט מיט זיך וואָס צו טון. און
שווערע ספקות זענען אים באַפאַלן:

— פאַרוואָס? פאַרוועןֿ? — ר׳ משהלע האָט געפילט, אַז ער שטייט
פאַר אַ בלינדער, טויבער וואַנט, און דאָס לשון איז ביי אים ווי אָפּגע־
נומען געוואָרן.

נאָר איצט טאַיעט עפּעס אויף אין זיין וועזן. זיין צונג איז געוואָרן
אויפגעבונדן. זיינע ליפּן באַוועגן זיך נישט. קיין איין קלאַנג קומט נישט
אַרויס פון זיין מויל. און גלייכצייטיק פילט ער, ווי זיין גאַנץ וועזן
זאָגט שירה צוזאַמען מיטן וואַלד און דער וויעוויורקע, וואָס קוקט צו
אים אַראָפּ פון שפּיץ בוים, צוזאַמען מיט די גראָזן, אויף וועלכע ער
שטייט און צוזאַמען מיטן הימל, וואָס רייסט זיך דורך צו אים, דורך
די מיט רעגן טריפנדיקע בלעטער פון דיביימער.

ר׳ משהלע נעמט אַרום מיט זיינעביידע הענט דעם בוים. אויף זיין
לייב פאַלן נאַסע טראָפּנס פון דעם אָנגעטרונקענעם מיט רעגן בוים. ער
פילט, ווי דער רעגן שטילט זיין דאָרשט. ער האָט מער נישט קיין ספקות.
ער פילט זיך באַהאַפטן מיטן גאַנצן באַשאַף. ווי נאַריש איז ער נאַר־
וואָס געווען. געמיינט, אַז מען טרייבט אים פון זיין שטוב און זיין
היים. געפילט זיך ווי אויסגעשפּיגן פון דער בריאה, ווי עפּעס אַ באַ־
שעפעניש, פאַר וועלכן עס איז נישטאָ קיין אָרט אין דער וועלט. און
ער האָט געהאַט טענות, און ער איז געקומען מיט תרעומות כּלפּי
מעלה. און ער האָט געפיבערט פון דער ברענענדיקער פראַגע:

— פאַרוואָס?...

איצט פילט ר' משהלע, ווי דער רעגן לעשט דאָס פייער אין זיין האַרץ. עס איז שטיל ארום און א שטילקייט אַ גוטע, אַ רואיקע, נעמט אַרום זיין וועזן. ער פילט זיך איינס מיט דער גאַנצער בריאה. און ער ווייסט, אַז עס איז נישטאָ קיין כוח וואָס קען אים אָפּרייסן פון גאָטס באַשאַף, ווען זיינע לעפצן פילן דעם אָטעם פון כביכול.

און עס גייט אויף אין זיין האַרץ אַ געפיל פון רחמנות צו די מענטשן, וואָס מיינען אַז זיי קענען אים שלעכט טון. זיי זענען נישט אַזוי שלעכט, טראַכט ר' משהלע, ווי בלינד. זיי האָבן אויגן און זעען נישט גאָט און זיין באַשאַף, און זיי האָבן אויערן און הערן נישט דאָס געזאַנג פון דער בריאה. זיי זעען נישט, אַז גאָטס הויז איז אומעטום, אַז פון דעם הויז קען מען נישט פאַרטרייבן און זיי פילן נישט די גרויסע פרייד פון יצירה.

אַ באַרואיקטער גייט ר' משהלע צוריק צו דעם פורל. זיין פּנים איז אויסגעלייטערט. זיינע אויגן קוקן אויף ר' ברוך שמש און אויף זיין אַלטער מוטער מיט רואיקער שטילער גליקזעליקייט. אפילו דער פויער, וואָס האָט נאַרוואָס געשאָלטן און זיך געזידלט, אַז ער וועט מער נישט וואַרטן אויף דעם „ראַווין", ווערט מיטאָמאָל שטיל.

די צעטומלעניש פון די אַרויסגעטריבענע יידן איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן צומאָל נישט באַמערקט, אַז דאָס פורל פון רבין ר' משהלע איז אין זייער רייע נישטאָ.

שפּעטלעך איז דאָס איינזאַמע פורל אָנגעקומען אין דער פאָרשטאָט פון וואַרשע.

ר' ברוך שמש האָט אַן אומרואיקער געקוקט צום הימל. באַלד וועט זיין שבת און זיי זענען נאָך ווייט פון די יידישע גאַסן. ער האָט געקוקט אַ באַזאָרגטער אויף דעם שווייגנדיקן ר' משהלע און נישט געוווּסט וואָס צו טון.

מיטאָמאָל האָט ר' משהלע זיך ווי אויפגעכאַפּט פון זיינע טראַכטע־נישן און שטיל געזאָגט:

— צייט זיך אָפּצושטעלן, ברוך.

דאָס פורל האָט זיך פאַרהאַלטן אין מיטן גאַס. אַ שטילע גויאישע

גאָס איז עס געווען. קליינע הייזקעס, אַרומגענומען מיט גערטנדלעך, האָבן זיך רואיקע און גלייכגילטיקע צוגעקוקט צו די יידישע פורלעך, וואָס האַלטן אין איין ציען זיך אַ גאַנצן טאָג אונטערן רעגן.

די איינוווינער פון דער גאַס האָבן זיך שנעל צוגעוווינט צו דעם בילד פון די דורכפאָרנדיקע פורלעך און זיך שפּעטער אפילו אויפגעהערט צו זיי צוצוקוקן.

נאָר איין הייזקע האָט אין דעם טאָג אַרויסגעוויזן אינטערעס צו די גלות־פורלעך, ווי יידן און גויים האָבן זיי גערופן. אין דער הייזקע האָט געוווינט בערטע, דניאל עפּשטיינס געוועזענע פרוי.

באַלד אינדערפרי האָט יאַנקל שמייסער זיך גענומען פאָרען אין הויף מיט די צוויי פערד, וואָס ער האָט געהאַט געקויפט פאַר ר' לוין, און וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים פאַרלאָזט דעם גזשיבאָוו.

שוין מער ווי אַ וואָך ווי יאַנקל שמייסער האָט דעם גזשיבאָוו נישט געזען. בערטע האָט אים איבערגעגעבן אין איר הייזקע אַ שטיבל. ער קען זיך נישט באַקלאָגן, יאַנקל שמייסער. זי איז אַ „גוטע מאַדאַם", בערטע. זי האָט אים פיין אויפגענומען. און צו שווער איז די אַרבעט אויך נישט. און אין אָוונט, אַז עס קומען צו בערטען געסט, בעט זי אים צו זיין מיט זיי אין שטוב. און זיי, די געסט, רעדן צו אים, יאַנקלען, ווי צו זייערס גלייכן, הגם נישט אַלע זייערע רייד קען מען באַנעמען. ניין, ער האָט זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן, יאַנקל שמייסער. עס איז אים גאַנץ גוט דאָ. פונדעסטוועגן בענקט זיך אים נאָכן גזשיבאָוו, נאָך דעם טומל דאָרט, נאָך זיינע חברים און פריינט, די בעלי עגלות און פורמאַנעס, און נאָך די דינסטן פון די רייכע גבירישע הייזער, מיט וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו גיין אין יידישן „טריאַטער".

עס בענקט זיך אים מיט יעדן טאָג אַלץ מער. אפשר דערפאַר, ווייל ער ווייסט, אַז ער טאָר דאָרט אַהין נישט קומען.

— געדענק, יאַנקל, — האָט אים אָנגעזאָגט מיט האַרבע רייד אַדאָלף בער מיטן ווייסן קאָפּ האָר — אַז דו וועסט נישט זיין פאָרזיכטיק, קענסטו ברענגען אַן אומגליק אויף יידן.

די דאָזיקע רייד האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף יאַנקל שמייסער. וואָס הייסט, ער זאָל ברענגען אַן אומגליק אויף יידן?...

## אין שטורעם

איז יאַנקל שמייסער אויפֿן גזשיבאָוו נישט געגאַנגען. נאָר זיין בענק־שאַפֿט איז געוואָרן גרעסער און נאָגנדיקער.

און ווי ער האָט נאָר געהאַט אַ פרייע מינוט, איז ער אַרויס צו די צוויי פערד, וואָס ר׳ לוי האָט אים איבערגעגעבן צו השגחה. מיט זיי, מיט די פערד, האָט יאַנקל זיך געפילט נענטער צום גזשיבאָוו און צו זיינע חברים, די בעלי עגלות.

און מיט זיי, מיט די פערד, האָט יאַנקל זיך געקענט פרייער אויס־שמועסן, האָט זיך געקענט אַראָפּרעדן פון האַרץ און זיך באַקלאָגן אויף דעם פאַרטריבן ווערן פון גזשיבאָוו.

איז אויך פּרייטיק אין דעם רעגן יאַנקל שמייסער געשטאַנען מיט זיינע פערד, האָט זיי געקאָרמעט און צו זיי גערעדט, און דעמאָלט האָט ער דערזען די ערשטע פורלעך מיט די אַרויסגעטריבענע יידן.

פון נייגעריקייט איז ער אַרויס אויף דער גאַס, אָבער באַלד איז ער האַסטיק צוריקגעלאָפן צו דער הייזקע און מיט אַ הייזעריקלעכן קול אַנגעזאָגט בערטען — מען טרייבט יידן, מען טרייבט...

פון דער מינוט אָן זענען זיי געשטאַנען ביידע, בערטע און יאַנקל שמייסער, און געוואַרט אויף די אָנקומענדיקע פורלעך.

יאַנקל האָט געשלעפּט קרוגן קאָכעדיקע טיי און בערטע האָט גע־שמירט פעניצער ברויט פאַר די הונגעריקע יידן.

— זאָל אייך גאָט בענטשן — האָבן די יידן זיי אָנגעוווּנטשן — ס׳ביסל וואַרעמס האָט אונדז פשוט מחיה געווען.

נאָר אָפּשטעלן זיך און אַריינגיין צו איר אין שטוב האָבן די יידן נישט געוואָלט:

— ס׳איז פרייטיק, — האָבן זיי געענטפערט, — און מיר ווילן זיין שבת צווישן יידן.

אַ שכנותדיקע הייזקע נעבן בערטען איז געשטאַנען ליידיק. בערטע איז אַוועק צום באַלעבאָס און עס אָפּגעדונגען פאַר היימלאָזע קרובים. נאָר קיינער האָט נישט געוואָלט אַריינגיין אין דער הייזקע:

— זאָל אייך גאָט באַצאָלן פאַר אייער גוט האַרץ —האָבן די וואָגלער זיך ווי פאַרענטפערט פאַר בערטען — נאָר מיר ווילן וווינען צווישן יידן אין די יידישע גאַסן...

און די יידן זענען ווייטער געפאָרן.

ערשט פאַרנאַכט צו, האָט אַן איינזאַם פורל זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס. בערטע און יאַנקל האָבן געזען, ווי פון דעם פורל קריכט אַראָפּ אַ ייד מיט אַ טונקל בלייך פּנים, מיט אַ לאַנגער זיידענע זשיפּיצע און אַ רבנישן הוט. און באַלד נאָך אים גייען אַראָפּ פון דער פור אַן אַלטער ייד און אַן אַלטיטשקע יידענע מיט אַ גרויסן טונקעלן הויב אויפן קאָפּ.

יאַנקל שמייסער איז צו זיי צוגעלאָפן:

— קומט, רבי, — האָט ער געזאָגט, — איר וועט טרינקען אַ גלאָז טיי.

— קען מען דאָ ערגעץ אָפּהאַלטן שבת? — האָט ר׳ ברוך שמש געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף יאַנקלס פּנים.

בערטע איז צוגעקומען און געזאָגט:

— די הייזקע דאָ איז ליידיק און איר קענט דאָרט וווינען ווי לאַנג איר וועט וועלן.

ר׳ משהלע האָט צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן די אויגן. ער האָט געזען די ביימער, וואָס נעמען אַרום די הייזקע, און ער האָט שטיל געזאָגט:

— דאָ וועלן מיר וווינען, מאַמע...

די אַלטע רביצין האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אומצוטרוי. ווען איז איר פאָרגעקומען, אַז גויאישע ריחות טראָגן זיך דאָ פון אַלע זייטן און זי האָט פאַרשנדיק געקוקט אויף בערטען:

— און אַ מנין צום דאַווענען וועט דאָ זיין? — האָט זי געפרעגט.

בערטע האָט אין פאַרלעגנהייט געשוויגן. זי וווינט שוין דאָ עטלעכע חדשים און זי ווייסט נישט, צי עס וווינען דאָ יידן.

דערפאַר האָט יאַנקל שמייסער שוין געוווּסט וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס.

— עס וועט זיין אַ מנין, — האָט ער פאַרזיכערט, — דאָ נישט ווייט איז אַ יידישע קראָם, איך וועל גלייך צולויפן צום קרעמער.

— יאַנקל האָט זיך אַ וואָרף געטון צום פורל און געוואָלט זיך אַ נעם טון צום רבינס אָרימען באַלעבאַטישקייט. נאָר ר׳ ברוך שמש האָט אים מיט דער האַנט שטרענג באַזייטיקט:

— באלד, באלד — האָט ר׳ ברוך מיטביידע הענט פאַרזיכטיק אָנגעהאַלטן די ספר־תורה, איינגעהילט אין אַ טונקל־גרין סאַמעטן מענ־טעלע — נו, איצט קאָנסטו שוין נעמען די זאַכן...

פיל זאַכן צו נעמען איז נישט געווען, איז יאַנקל שנעל פאַרטיק געוואָרן מיטן באַלעבאַטישקייט און געקוקט, ווי די אַלטע רביצן פאַר־דעקט מיט אירע הענט די אויגן און קליינטשינקע טרערעלעך קאַפּען אויף איר צעקנייטשט, איינגעשרומפּן געזיכט.

זי האָט געוווּסט, די אַלטע רביצן האָדל, אַז שבת טאָר מען נישט טרויערן און אַז עס איז אַ זינד אָקעגנצוגיין דער קיניגין שבת מיט טרערן. אָבער וואָס קען זי נעבעך טון, אַז זיי, די טרערן, פרעגן ביי איר נישט קיין דעה און גיסן זיך איבער איר פּנים.

די אַלטע הענט האָבן געציטערט און די רביצן האָדל האָט שטיל תפילה געטון. נישט אויף איר הויז און איר היים, וואָס זי האָט פאַר־לוירן קלאָגט זי. נאָר אַן אַנדער ווייטיק נאָגט איר האַרץ. איר זון, ר׳ משהלע, רעדט נישט, אָבער זי איז אַ מאַמע און צו איר דאַרף מען נישט רעדן. זי זעט ווי זיינע אויגן ברענען טיילמאָל מיט אַן אומהיימ־לעך פייער אַזאַ... זייט מ׳האָט די יונגע רביצן געפירט צו קבורה, האָט זיך דאָס דאָזיקע אומהיימלעך פייער באַוויזן אין איר זונס אויגן און זי שטייט ביי די ברענענדיקע שבת־ליכט און באַשווערט אירע הייליקע אבות:

— לאָזט אים נישט אַליין, מיין משהלע... שיקט אים צו אייער טרייסט, הייליקע צדיקים, און זאָל שבתדיקע מנוחה אַראָפּנידערן אין זיין האַרץ.

יאַנקל שמייסער שטייט אַ פאַרגאַפטער און קען די אויגן נישט אָפּרייסן פון דער אַלטער רביצן, וואָס שאָקלט זיך איבער די ברענענ־דיקע ליכט.

באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז מ׳האָט נאָך די מענטשן נישט געגעבן עפּעס וואַרעמס אין מויל און רוקט זיך שטיל אַרויס אין דער צוויי־טער שטוב.

בערטע אַ באַזאָרגטע באַראַט זיך מיט אים. פאַר אַ רבין שבת ווייסט זי נישט ווי אַזוי צוצוגרייטן.

— זיי וועלן דאָך פון מיין קיך נישט עסן, — רעדט צו אים שטיל בערטע — כ׳וויים נישט...

יאנקל שמייסער האָט שטאַרק געקנייטשט זיין שטערן, נאָר עפּעס רעכטס צוקלערן האָט ער אויך נישט געוווסט.

ר׳ ברוך שמש האָט געמאַכט אַ סוף צו זייערע ספקות.

— היים וואסער האָט מען אויפגעקאָכט פאַר ליכט־צינדן, נו, אַ ברויט און אַ פּרי זענען דאָ, — וועט זיין אַ כשרער שבת, און זונטיק, מערצעשעם, וועט מען זען.

ר׳ ברוך שמש האָט געהאָפט צו פאַרלאָזן זונטיק די דאָזיקע הייזקע און אַריבערקלייבן זיך מיטן רבין אין די יידישע גאַסן.

און באַלד זונטיק אינדערפרי איז ער אַוועק אין שטאָט, האָט אויפגעזוכט עטלעכע חסידים און זיי האָבן אויך געפונען אַ דירה פאַרן רבין אין אַ גרויסן טומלדיקן יידישן הויף.

נאָר ר׳ משהלע האָט נישט געוואָלט אַוועק פון דער שטילער הייזקע. עס איז גוט געווען אין דער הייזקע. און ער האָט זיך געפרייט מיט די עטלעכעביימער, וואָס האָבן שטילע און רואיקע אַריינגעקוקט צו אים אין פענצטער. שפּעט ביינאַכט איז ער געשטאַנען צווישן די ביימער און פאַרטאָג האָט ער מקבל־פּנים געווען דעם זון־אויפגאַנג און ער האָט געפילט, ווי זיינע תפילין באַהעפטן זיך מיט דער שירה פון גאַנצן באַשאַף.

ר׳ משהלע ראַפּשיצער איז אַזוי אַרום געוואָרן בערטעס שכן. צוריקגעהאַלטענע שכנישע באַציאונגען האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן ביידע הייזקעס. און יאנקל שמייסער איז געוואָרן דער פאַרבאַנד צווישן ביידע. ווי נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע מינוט איז ער אַריבערגעגאַנגען צום רבין ר׳ משהלע. ער האָט דאָרט געהאַט פיל צו טון. ר׳ ברוך שמש האָט אים געשיקט מיט שליחותן אין קראָם און די אַלטע רביצן האָט אים געבעטן דאָ צו פאַררעכטן אַ צעבראָכן בענקל און דאָ צורעכט צו מאַכן די קיך, וואָס האָט געררויכערט.

נאָר דער רבי ר׳ משהלע אַליין האָט זיך מיט אים נישט געשאָפט. דערפאַר האָט ער ליב געהאַט זיך מיט אים אויסצושמועסן. עס זאָגט

זיך נאָר אַזוי אויסצושמועסן, ווייל גערעדט האָט נאָר ער, יאַנקל שמיי־סער, און ר׳ משהלע האָט אַ שווייגנדיקער זיך צוגעהערט.

און יאַנקל האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן. ער האָט אַליין פריער גאָרנישט געוווּסט, יאַנקל, אַז ער האָט אַזוי פיל צו דערציילן.

ער האָט דערציילט וועגן גזשיבאָוו און וועגן די בעלי עגלות, וועגן ר׳ לוין און וועגן עפּשטיינען, וועגן בערטען און אירע קינדער. נאָר וועגן איין זאַך האָט יאַנקל נישט גערעדט.

ווען ער, יאַנקל, איז צוגעקומען אין מיטן דערציילן צו דעם פּריי־טיק־צונאַכטס אין גער און צו דעם געשלעג מיטן שיכורן סאָלדאַט, האָט זיך יאַנקל שמייסערס מויל נישט ווילנדיק פאַרמאַכט.

יאַנקל שמייסער איז דערפון געוועזן צעטומלט. ער האָט זייער גע־וואָלט כאָטש פאַר איין מענטש דערציילן, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון גזשיבאָוו. עס איז אים פאַרגעקומען, אַז דאָס רעדן וועגן גזשיבאָוו ברענגט אים עפּעס נענטער צו זיין גאַס. ער האָט אָבער אויך געדענקט דעם שטרענגן אָנזאָג פון אַדאָלף בערן און עפּשטיינען צו שווייגן.

האָט יאַנקל שמייסער געשוויגן און ער האָט זיך נישט געפילט גוט פון דעם שווייגן זיינעם.

עס איז אים פאַרגעקומען, אַז דעם רבינס אויגן ווייסן, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס און איינמאָל האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און געזאָגט:

— רבי, כ׳ווייס אַליין נישט, וואָס כ׳זאָל טון, כ׳מיין, צי כ׳מעג דערציילן פאַרוואָס יאָך זיץ דאָ...

זיינע אויגן האָבן געקוקט בעטנדיק אויף ר׳ משהלען, ווי זיי וואָלטן פון אים געוואָלט הערן באַשייד.

ר׳ משהלע האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין זיינע אויגן און געזאָגט:

— דאַרפסט מיר גאָרנישט דערציילן, יאַנקל...

און ער האָט מיט אַ טרויעריקן שמייכל צוגעגעבן:

— אַלץ וואָס איך דאַרף ווייסן, ווייס איך...

— דער רבי ווייסט? — איז יאַנקל שמייסער געוואָרן נאָך מער צעטומלט.

— יאָ, יאַנקל, איך ווייס, אַז דו האָסט קיין שלעכטס נישט געטון און קיין שלעכטס נישט געוואָלט...

יאַנקל איז פון די ווערטער געוואָרן זיכערער ביי זיך. איצט ווייסט ער, אַז מען דאַרף נישט מורא האָבן. ער האָט קיין שלעכטס נישט געטון. און יאַנקל האָט אַ פריילעכער געפּוצט זיינע צוויי פערד, האָט זיך צוגע־זונגען אַ מרויעריק־פריילעך לידל פון יידישן טריאַטער און האָט אַרי־בערגעקוקט צו דער הייזקע פון ר׳ משהלען.

באַלד האָט ער דערהערט דאָס הייזעריקע קול פון ר׳ ברוך שמש:

— וועסט אפשר, יאַנקל, געבן אַ לויף אַריבער צו דער קראָם...

## קאפיטל 17

# אומרואיקע נעכט אין בערטעס הייזקע

אַנדערש האָבן זיך איינגעשטעלט די באַציאונגען צווישן בערטען און איר רבישן שכן.

בערטע איז אין די ערשטע טעג אַריינגעקומען עטלעכע מאָל צו אירע נייע שכנים. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי זיי נויטיקן זיך נישט אין עפּעס. אָבער נישט ר׳ משהלע ראפּשיצער און נישט זיין מוטער, די רביצין האָדל, און נישט ר׳ ברוך שמש האָבן אַ סך באַדאַרפט צו האָבן.

האָט בערטע אויפגעהערט זיך צו באַווייזן אין דעם אָרימען רבישן הויף, וואָס איז געוואָרן איר שכן.

זי האָט אויך קיין צייט נישט געהאַט זיך צופיל אָפּצוגעבן מיט די דאגות פון ר׳ משהלע ראפּשיצער.

בערטע האָט געהאַט אירע אייגענע שווערע זאָרג. און אויך מיט זיי, אירע אייגענע דאגות, האָט בערטע נישט געהאַט קיין צייט זיך צופיל אָפּצוגעבן. אפשר וואָלט ריכטיקער געווען צו זאָגן, אַז זי, בערטע, האָט מורא געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט אירע אייגענע זאָרג, האָט מורא געהאַט וועגן זיי צו טראַכטן און האָט געטון אַלץ נישט צו האָבן קיין צייט צו טראַכטן.

פון אַן אָרימער שטוב האָט בערטע געשטאַמט. די אָרימקייט איז אָבער נישט געווען אַזוי גרויס צו מאַכן בערטען פילן די ביטערקייט פון קאָנטראַסט צווישן אָרים און רייך.

אירע פריינדינס האָבן זי, בערטען, מקנא געווען צוליב איר מאַן עפּשטיינס רייכטום. אָבער זי, בערטע, האָט געוווּסט, אַז נישט צוליב

דייכקייט האָט איר געצויגן צו דניאלן פון דער ערשטער מינוט, ווען זי האָט אים דערזען.

און נישט איינמאָל האָט בערטע געטראַכט אין אירע גליקלעכע יאָרן, אַז עס וואָלט בעסער געווען, ווען ער, איר מאַן, האָט נישט קיין מיליאָנען, האָט נישט קיין גרויסע עסקים און ווען זיי ביידע מוזן זיך שווער ראַנגלען פאַר ברויט. זיי וואָלטן דאַן געווען נענטער איינער צום אַנדערן. אַזוי האָט בערטע געגלויבט.

נאָר איצט, ווען דניאל איז פון איר אַוועק צו ר' לוים טאָכטער, לאַניא, האָט אַ כוואַליע פון ביטערקייט פאַרפלייצט בערטעס האַרץ.

עס איז איר פאָרגעקומען, אַז דאָס רייכע גבירישע הויז אויפן גזשיבאָוו, האָט צוגענומען ביי איר דניאלן. די יחסנטע לאַניא איז מיט ברייט פריצישער פאַרשייטקייט פּלוצלינג געקומען צו איר, בערטען, און ווי אַ דינסט מויד, אין וועלכער מ'נוייטיקט זיך מער נישט, געהייסן גיין.

בערטע האָט גוט געוווסט, אַז זי איז נישט גערעכט. זי האָט געוווסט און געהערט פון לאַניאס ליבע צו עפּשטיינען נאָך איידער זי, בערטע, האָט אים געקענט.

און זי האָט אויך צו זיך אַליין נישט איינמאָל געזאָגט:

— איך האָב דאָך פון איר, לאַניאַן, צוגענומען דניאלן...

בערטע האָט געוואָלט זיין ערלעך צו לאַניאַן און זי האָט פיל מאָל צו זיך אַליין גערעדט מיט ביטערקייט:

— נאָר זיך נישט אַליין, נאַרישע בערטע. טיף אין האַרץ האָסטו דאָך אויך אין דער צייט פון דיין כלומרשטן גליק געפילט, אַז ער, דניאל, האָט נישט געקענט פאַרגעסן אָן לאַניאַן און נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר...

— און דו האָסט דאָך די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר דעם טאָג פון לאַניאס צוריקקומען — פילט בערטע ווי דינינקע שאַרפע שפּיזלעך שטעכן פון אַלע זייטן איר ליב — און זיי זיך אַליין מודה:

— טיף אין האַרץ האָסטו דאָך געוווסט, אַז דער טאָג וועט קומען.

יאָ, לאַניא ווייסט, אַז זי איז נישט גערעכט. אָבער דאָס באַוווסטזיין

באַרואיקט זי נישט. פאַרקערט. איר פאַרביטערטקייט ווערט נאָך גרעסער און טיפער.

און קעגן דעם געפיל פון פאַרביטערטקייט העלפן נישט אירע איי־גענע לאַגישע טענות.

זי שעמט זיך, בערטע, מיט אירע ביטערע געפילן קעגן לאַניאַן און טאַקע דערפאַר נעמט יערן אין איר האַרץ שנאה. שנאה צו דעם גבירישן הויז, וואָס האָט ביי איר צוגענומען דניאַלן. צו דער יחסנטע לאַניא, וואָס האָט געבערענגט דערצו, אַז זי, בערטע, זאָל זיך מוזן שעמען מיט זיך אַליין.

אין די ערשטע טעג, ווען די וואַרשעווער גאַסן זענען פאַרפלייצט געוואָרן מיט מחנות אַרויסגעטריבענע יידן, האָט בערטע נישט געקענט איינזיצן אין איר הייזקע.

זי איז אַוועק אין די פאָלקס־קיכן און קינדער אינטערנאַטן און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

בערטע האָט אָבער אויך דאָרט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. דאָרט, אין די פאָלקס־קיכן און אינטערנאַטן, האָט זי געטראָפן לאַניאַן.

לאַניאַס געזיכט האָט געשיינט. זי האָט אויסגעזען אַזוי יונג און גליקלעך, לאַניא. און זי האָט זיך געפּאַרעט מיט די קינדער און זייערע עלטערן מיט אַזאַ פרייד, וואָס האָט זיך ווי געריצט מיט בערטען.

בערטע האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך אָנגעשטויסן אויף די רחמנות־בליקן פון אירע פריינדינס.

די דאָזיקע בליקן פון מיטגעפיל זענען פאַר בערטען געווען נאָך פיל ביטערער, ווי דאָס שיינענדיקע געזיכט פון לאַניאַן.

בערטע האָט געוואָלט אַנטלויפן פון די רחמנות־בליקן. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. זי האָט זיך געוואָלט פאַרטומלען און פאַרגעסן פאָרענדיק זיך מיט די אָרימע קינדער און זייערע היימלאָזע עלטערן.

די אַרבעט האָט אָבער בערטען נישט געגעבן קיין באַפרידיקונג. זי איז געווען באַשעפטיקט פון דערפרי ביזן אָוונט, אָבער קיין באַרואי־קונג האָט זי נישט געקענט געפינען אין אַלע אירע באַשעפטיקונגען.

פארקערט. בערטעס אומרו איז גרעסער געוואָרן פון שעה צו שעה. זי האָט מורא געהאַט צו זען דעם אמת פון איר אומרו, וואָס האַלט זי אין איין טרייבן פון אָרט צו אָרט. זי האָט מורא געהאַט זיך מודה צו זיין פאַר זיך אַליין, אַז אייפערזיכט שניידט זיך מיט דער שאַרפקייט פון אַ מעסער איין וואָס אַמאָל טיפער אין איר לייב. זי האָט מורא געהאַט זיך קלאָר צו מאַכן, אַז רעדנדיק מיט די היימלאָזע יידן, און שמייכלענדיק צו זייערע קינדער, הערט זי אפילו אויף מינוט נישט אויף צו טראַכטן וועגן לאַניאַן און דניאלן.

פאַרפאָרעט מיט וואַשן די קעפּ פון קינדער אין אינטערנאַט, הערט בערטע נישט אויף צו זען דאָס בילד פון לאַניאַן און דניאלן, ווען זיי טרעפן זיך אין זייער שטוב אינאָוונט.

עס קומט איר פאָר, אַז זי זעט ווי ער, דניאל, ווישט מיט אַ טיכעלע די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן און קוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף דעם מיד־שיינענדיק פּנים פון לאַניאַן.

בערטע וויל נישט צולאָזן צו זיך דאָס דאָזיקע בילד. זי וויל זיך נישט מודה זיין צו איר אייפערזוכט אפילו פאַר זיך אַליין.

אָבער זי קען זיך נישט העלפן, נישט צו פילן עפּעס אַזאַ פאַר שעמטקייט מיט זיך אַליין.

און זי געפינט אַנדערע סיבות פון איר אומרו און איר אומצופרידנ־קייט מיט זיך זעלבסט:

— עס איז אַ חרפּה און זעלבסטנאַרעריי — רעדט בערטע צו זיך — אונדזער רחמנות און אונדזער מיטגעפיל און אונדזער גאַנצע אַרבעט וואָס מיר טוען איצט.

בערטע מעסט אָפּ מיט קריטישע בליקן אירע פריינדינס, וואָס גייען פאַרביי איר מיט בלאָנקענדיקע ווייסע כאַלאַטן און מיט קאָקעטיש אָן אַ זייט פאַררוקטע ווייס־זיידענע הויבלעך אויף זייערע עלעגאַנט־פאַר־קעמטע און פּערפיומירטע קעפּ:

— זיי האָבן איצט אויסגעפונען פאַר זיך אַ ניי אַמוזירנדיק שפּיל — לאַכט בערטע מיט ביטערקייט אין זיך — עס האָט זיי שוין דערעסן דאָס ווייזן איינע דער אַנדערער זייערע טואַלעטן אין טעאַטער און דאָס אָפּזיצן שעהען גאַנצע אין „זיעמיאַנסקע״ און טרייבן רכילות. האָבן זיי

אויסגעפונען איצט א נייע פאַרוויילונג און צייט־פאַרטרייב. זיי געפעלן זיך זייער אין זייער ראָל פון באַרמהאַרציקע פרויען און יעדע פון זיי באַמיט זיך אויסצוזען שענער און אָנציִענדיקער אין דעם ווייסן כאַלאַט, און יעדע פון זיי באַמיט זיך אויך איבערצושטייגן די אַנדערע מיט איר באַרמהאַרציקייט און מעשים טובים.

אין גרויסן אינטערנאַט־זאַל ווערט אַ באַוועגונג. בערטע הערט פון דער זייט צו דער טיר מענער־שטימען.

— די באַרמהאַרציקע מענער — לאַכט בערטע אין זיך — זענען געקומען באַווונדערן זייערע ווייבער מיט די וויים־זיידענע הויבלעך אויף די קעפּ.

בערטע דרייט אַוועק דעם קאָפּ. זי בייגט זיך איבער דעם בעטל פון אַ קראַנק מיידעלע, וואָס האַלט אין היץ אין איין איבערחזרן איין וואָרט:

— מאַמע...

איינע פון בערטעס פריינדינס פאַרהאַלט זיך אויף איין מאָמענט ביי דעם בעטל און רוימט איר איין מיט פריידיקער נערוועזיטעט:

—קום, בערטע, דער פאַן מיכאַל איז געקומען מיטן שטאַט־ פּרע־זידענט...

בערטע בלייבט ביי דעם קראַנקן קינדס בעטל. זי דרייט נישט אום דעם קאָפּ צו דער זייט, ווו עס שטייען די הויכגעשטעלטע געסט. זי דאַרף נישט קוקן, כדי צו וויסן, אַז אַלע ווייבער זענען זיי שוין דאָרט באַפאַלן, די געסט. דער ווייבערישער בינענשטאָק. און אַלע פּנימלעך שמייכלען אַזוי זיס און מיט אַ קאָפּעטשקע מעלאַנכאָליע באַזאַלצן צו די הויכע שררות פון דער סענאַטאָרן־גאַס, וואָס האָבן באַוויליקט צו קומען אַ קוק טון אויף די אָרימע זשידקעס...

פונדעסטוועגן דערטראָגן זיך צו בערטעס אויערן אָפּגעריסענע ווער־טער. עס דאַכט זיך איר, אַז זי הערט לאַניאַס שטימע.

— יאָ, הער פּרעזידענט, — רעדט לאַניאַ, — מיר מוזן אין דער ערשטער ריי זאָרגן פאַר די קראַנק־געוואָרענע קינדער.

— איר טוט אַ גרויסע און דערהויבענע אַרבעט — דערהערט זיך

א מענערישע באַס־שטים — און אַלס צייכן פון אָנערקענונג וועט די שטאַט...

בערטע דערהערט שוין נישט, וואָס די שטאָט וועט טון, אַלס צייכן פון אָנערקענונג. ווי אַ זשומען פון בינען ברעכט אויס אַ כאָר פון דינע פרויען שטימעלעך.

— אַך, הער פּרעזידענט...

— מיר טוען אַזוי ווייניק...

— מיר ווייסן ווירקלעך נישט, ווי צו דאַנקען...

— די אָרימע מענטשן וועלן עס אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, הער פּרעזידענט.

בערטע מאַכט גלייך די קאָלדרע אויף דעם קראַנקן קינדס בעטל. מיט ביידע הענט האַלט זיך בערטע אָן אָן די אייזערנע שטאַנגען פון ווייסן בעטל.

זי פילט, בערטע, אַז זי מוז זיך אָנהאַלטן ביי דעם בעטל, כדי נישט צוצופאַלן צו דער דאָזיקער גרופּע פון פיין דערצויגענע מענער און אויסגעפּוצטע ווייבער און נישט וואַרפן זיי אין פּנים:

— הערט אויף צו רעדן אייערע פאַלשע צבועתדיקע רייד, הערט אויף!... אַ נייע פאַרוויילונג און נישט מער האָט איר זיך דאָך אויסגעזוכט! די ראָל פון באַרמהאַרציקע געפעלט אייך, נישט מער... פאַר לאַנגווייליקייט און פוסט און פאַסטעוועט זענט איר אפילו מצוות גרייט צו טון און אײַנאָוונט אַהיימצוקומען מיט אַ צופרידען שמייכעלע און זיך צו זאָגן: איך בין אַזוי גוט...

און בערטען האָט זיך מיטאַמאָל פאַרגלוסט צו רעדן צו דעם קראַנקן מיידעלע, וואָס פיבערט און איר זאָגן:

— אַנטלויף פון די דאָזיקע גוטע מענטשן, אַנטלויף. אַי וועלן דיר דיין מאַמע נישט צוריקגעבן און זיי וועלן דיר דיין צעשטערטע היים נישט צוריקגעבן. זיי מיינען גאַרנישט דיך, אָרים קינד. זיי זעען נאָר זיך אַליין און זיי באַוואונדערן בלויז זייערע ווייסע כאַלאַטן און זייערע קאָקעטיש פאַררוקטע אָן אַ זייט ווייסע הויבלעך...

אַ גרימאַסע האָט אויסגעקרימט בערטעס פּנים:

— און איך אַליין בין דען אַנדערש פון זיי? — האָט בערטע צו

זיך גערעדט — איך טראָג דעמזעלבן ווייסן כאַלאַט, ווי זיי, און איך העלף דאָך אויך נאַרן דאָס קראַנקע מיידעלע מיט מיין פאַלשער גוטס־קייט...

בערטע האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דער פאַלשקייט. אַזוי האָט זיך איר יעדנפאַלס געדאַכט. זי האָט זיך געשעמט מיט איר ווייסן כאַלאַט, וואָס נאַרט אָפּ דאָס קראַנקע מיידעלע מיט כלומרשטער באַרמ־האַרציקייט.

— וואָס טוט מען מיט זיך? וווהין אַנטלויפט מען פון זיך זעלבסט? — האָט בערטע געטראַכט, איינהערנדיק זיך אין דעם שווערן עטעמען פון קראַנקן קינד.

— אַנטשולדיק, בערטע, — האָט זי אומגעריכט דערהערט לעבן זיך דאָס קול פון דניאל עפּשטיין.

בערטעס פּנים איז בלייך געוואָרן.

— ער איז געקומען צו איר, צו לאַניאַן — האָט זי, צוהערנדיק זיך צום עטעמען פון דעם קינד, געטראַכט — געקומען באַוווּנדערן לאַניאַס ווייסן כאַלאַט און איצט וואַרפט ער מיר צו — אַ נדבה, ווי די אָרימע לייט, וואָס זיי האַלטן אין אינטערנאַט.

בערטע האָט זיך לאַנגזאַם דערהויבן פון דעם בעטל. איר פּנים איז געווען פאַרשלאָסן און פרעמד, מיט אַ קאַלטן גלייכגילטיקן שמייכל.

— נו, איר זענט אַלע צופרידן? געוויס, אַזוי פיל ווייסע, ריינע בעטלעך, נישט וואָר? — האָט בערטע גערעדט מיט אַ פרעמדער שטים.

דניאל עפּשטיין האָט דערהערט דעם שפּאָט אין בערטעס קול, אָבער נישט בלויז שפּאָט איז געווען אין דעם קול. דניאל עפּשטיין האָט געקענט בערטען. ער האָט געהאַט דרך־ארץ און אויך אַ געפיל פון באַ־וווּנדערונג פאַר בערטעס גלייכגעוויכט און רו.

אויך אין דעם טאָג, ווען ער איז אַוועק פון איר שטוב, האָט זיך אים געדאַכט, אַז בערטע האָט נישט פאַרלוירן איר גלייכגעוויכט. נאָר איצט פילט ער אין איר קול ביטערניש און געבראָכנקייט.

ער האָט נישט געוווּסט וואָס איר צו זאָגן. ער האָט געוווּסט, אַז בערטע וועט נישט אָננעמען זיין מיטגעפיל.

בערטע האָט שווייגנדיק געוואַרט און איר שטאַרער בליק האָט געזאָגט:

— נאָך וואָס שטייסטו דאָ?

— איך בין געקומען צו דיר, בערטע — האָט עפּשטיין זיך דער־מאַנט, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

און ער האָט שטילער צוגעגעבן:

— וויקטאָר האָט מיר היינט געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אַ שליחות צו מיר פון זיוקן און אַז ער וויל זיך טרעפן מיט מיר ביי דיר, בערטע.

— גוט, — האָט בערטע טרוקן געענטפערט — איך וועל זיין אין אָוונט אין שטוב.

— זאָל ער שוין גיין — האָט בערטע געטראַכט זעענדיק די בליקן פון די ווייבער, וואָס זענען געלאָפן מיט פייערלעך פון שאָדן פרייד און נייגעריקייט פון איר צו ליאַנאַן און ווידער צוריק צו איר.

דניאל עפּשטיין איז נאָך אַ ווייַלע געשטאַנען, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. געזאָגט אָבער האָט ער מער גאָרנישט, נאָר איז מיט אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ אוועק צו דער גרופּע מענער, וואָס איז געשטאַנען אין צווייטן עק זאַל, ארומגענומען ווי מיט אַ מויער פון וויים־בלאַנקנדיקע ווייבערישע כאַלאַטן.

בערטע האָט אין דעם טאָג נישט געקענט רעדן צו אירע פריינדינס, וואָס האָבן צוזאַמען מיט איר געאַרבעט אין דעם אינטערנאַט. עס איז איר פאַרגעקומען, אַז זייערע בליקן גליטשן זיך אריין אין איר האַרץ מיט סאַדיסטישער הנאה. זי וואָלט גערן אנטלאָפן, כדי מיט זייערע פריינטלעכע שטעכיקע בליקן זיך נישט צו טרעפן. אָבער זי האָט געוווסט, אַז זיי וואַרטן נאָר אויף דער מינוט פון איר אַנטלויפן און דעמאָלסט וועלן זיי זיך קענען לאָזן ווילגיין אויף איר חשבון.

— ניין, איך וועל נישט גיין! — האָט בערטע אונטערדריקט אין זיך דעם ווילן צו אנטלויפן.

די אַרבעט איז איר געוואָרן אומדערטרעגלעך שווער און דערווידער. זי האָט פאַר זיך אַליין נישט געוואָגט מודה צו זיין, פאַרוואָס זי האָט פּלוצלינג אַזוי פיינט באַקומען די אַרבעט, וואָס זי טוט צוזאַמען מיט אַלע דאַמען פון דער געזעלשאַפט. זי האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין

צו דעם, אַז דאָס טרעפן זיך מיט לאַניאַן ווערט פאַר איר אומדערטרעג־לעך. און זי האָט פאַר אירע געפילן אויסגעזוכט כלערליי אַנדערע תירוצים:

— זיי מיינען דאָך בלויז זיך צו ווײלן — האָט זי פון הינטער־ווײלעכץ נאָכגעקוקט די באַוועגונגען פון אירע פריינדינס — און צו קענען מיט זיך זעלבסט זיך צו גרויסן!... יאָ, דאָס איז עס... און איך מאָך מיט זייער שפּיל, אַך!...

זי האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דעם אָוונט. די ווייזערס פון איר קליין האַנט־זייגערל האָבן זיך אַזוי מוראדיק לאַנגזאַם באַוועגט.

— וועט היינט קיינמאָל נישט ווערן נאַכט?! — האָט בערטע געברענט פון אומגעדולד און זיך אויסגעזוכט אַלץ נייע און אַנדערע באַשעפטיקונגען, כדי אַ מינוט נישט צו דאַרפן שטיין ליידיק.

בערטע האָט פון אַ זייט נישט אַראָפּגעלאָזט לאַניאַן פון אויג. לאַניאַ האָט זיך באַוויזן מיט אַ רואיקער זיכערקייט. פון איר פּנים איז נישט אוועק דער שמייכל פון גליקזעליקייט אַפילו דאַן, ווען אירע אויגן זענען געווען פול מיט טרויער.

— זי מיינט טאַקע, אַז זי מאַכט גליקלעך די וועלט — האָט בערטע געטראַכט מיט בייסיקער בייזקייט — וואָס זי באַוויליקט אַהער צו קומען!...

מיט אַ געפיל פון דערלייזונג האָט בערטע אויפגענומען דאָס צופאַלן פון אָוונט. זי האָט זיך נישט געפילט אימשטאַנד אַרויסצורעדן אַ וואָרט צו די אַנדערע פרויען:

— איך בין היינט עפּעס זייער מיד — האָט בערטע פאַר זיך אַליין צוגעטראַכט אַ תירוץ.

אויף דער גאַס האָט בערטע לייכטער אָפּגעעטעמט. זי האָט זיך געאיילט אַהיים:

— אַ גאַנצן טאָג נישט געזען די קינדער — האָט בערטע געטראַכט.

אַ לייכטע רויטקייט איז אַרויסגעשוואומען אויף בערטעס פּנים. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אויך ער, דניאל עפּשטיין, דאַרף צו איר קומען.

— אפשר איז ער שוין דאָרט? — איז איר דורכגעלאָפן אַ גע־דאַנק.

דוד פלינקער

בערטע איז געווען בייז אויף זיך און האָט געפּרווט מיט גוואַלד־פאַרטרייבן אירע טראַכטענישן וועגן דניאל עפּשטיינען.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איר קליינער סאַמעק איז אַביסל צו־געקילט:

— איך וועל אים מאָרגן נישט שיקן אין שול — האָט בערטע באַשלאָסן.

באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז אירע געדאַנקען קערן זיך צוריק צו עפּשטיינען, האָט זי זיך גלייך דערמאָנט, אַז זי האָט איר טעכטערל רעגינקע צוגעזאָגט צו קויפן אַ ניי קליידל.

— איך וועל אויך רעגינקען מאָרגן נישט שיקן אין שול — האָט בערטע געטראַכט, דערנענטערנדיק זיך צו איר הייזקע — איך וועל זי מיטנעמען אין געשעפט, זי זאָל העלפן קויפן דאָס קליידל. די קליינע וועט זיין גליקלעך...

יאַנקל שמייסער האָט איר געעפנט די טיר. די קינדער האָבן איר אָנקומען דאָס מאָל נישט געהערט.

יעדן טאָג לויפן זיי איר אַנטקעגן מיט פריידיקע אויסגעשרייען. זיי דערקענען איר קלונג ביי דער טיר. נאָר היינט האָבן זיי גאָרנישט געהערט. פון די וויטערדיקע שטיבער האָט זיך צו בערטען דערטראָגן עפּשטיינס קול און די קוויטשענדיק־פריידיקע אויסגעשרייען פון רעגינקען און סאַמעקן:

— פאַ ... פאַ!...

בערטע האָט שטיל געעפנט די טיר פון דער קינדער־שטוב. סאַמעק און רעגינקע זענען ביידע געזעסן אויף דער קני פון עפּשטיינען.

— מאַמע! — זענען ביידע קינדער אַראָפּגעשפּרונגען פון פאָטערס קני און אַרומגעכאַפּט בערטען — פאַר וואָס האָסטו היינט נישט גע־קלונגען.

— כ׳האָב געקלונגען, ווי יעדן טאָג — האָט בערטע געקושט די קינדער — איר זענט געווען אַזוי פאַרשפּילט, אַז איר האָט נישט געהערט.

סאַמעק האָט זיך געעדותט מיטן פאָטער, אַז דאָס האָט זי, רעגינקע, אַזוי געליאַרעמט, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו הערן דאָס קלינגען.

די קליינע רעגינקע האָט העפטיק פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ בלבול

און עפשטיין האָט געמוזט מודה זיין, אַז ער, עפשטיין, האָט געמאַכט מער טומל פאַרביידע און דעריבער איז ער דער איינציקער שולדיקער.

די קינדער האָבן געשמייכלט, הערנדיק זייער פאָטער נעמען אויף זיך די גאַנצע שולד, און זיי האָבן גרויסמוטיק צוגעגעבן, אַז אויך זיי ביידע האָבן פונדעסטוועגן נישט ווייניק ארומגעשטיפט.

— און אָן דעם פעטער וויקטאָר האָט איר אַלע פאַרגעסן! — איז אין דער טיר שטיין געבליבן וויקטאָר און זיין טונקל־בלייך פנים, ארומ־גענומען מיט אַ קיילעכיקער פעך שווארצער באָרד, האָט זיך צעשמייכלט.

— און איצט, קינדער, שלאָפן! — האָט בערטע אומזיסט זיך גע־פּרוווט באפרייען פון די אומאַרמונגען — שוין געגוג שפּעט, קינדער.

סאַמעק האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און די בלויע איי־געלעך פון דער קליינער רעגינקע זענען געוואָרן פול מיט טרערן.

דניאל עפשטיין פון איין זייט און דער פעטער וויקטאָר פון דער אַנדערער, זענען זיי געקומען צו הילף און אָנגעוויזן, אַז אַזוי ווי ביידע וועלן סיי ווי מאָרגן נישט גיין אין שול, מעגן זיי באַקומען נאָך אַ האַלבע שעה ארומצושטיפן.

בערטע האָט נאָך אַ לאַנגער טראַכטעניש איינגעשטימט און סאַמעק האָט פייערלעך דערקלערט, אַז אַזוי ווי ער קען זיך שוין אויפן זייגער, וועט ער אַליין אָנזאָגן, ווען די האַלבע שעה איז דורך.

דער ליאַרעם אין קינדער־שטוב איז געוואָרן נאָך גרעסער און נישט בלויז בערטע און דניאל עפשטיין און וויקטאָר האָבן געמוזט אָנטייל נעמען אין שפּיל, נאָר אויך יאַנקל שמייסער האָט געמוזט מיטמאַכן די קינדערישע שטיפעריייען, וואָס זענען אים קענטיק געווען גאָר נאָענט צום האַרץ.

סאַמעק האָט געהאַלטן וואָרט. פּונקט צו דער מינוט האָט ער מיט אַ זייער ערנסט געזיכט און מיט אַ קונציק נאָכגעמאַכט קול פון זיין שול־לערער אויסגערופן:

— מיינע הערשאַפטן, איך דאַנק אייך זייער, עס איז געווען ווירקלעך אָנגענעם, נאָר די באַשטימטע צייט איז, ליידער, שוין פאַריבער.

אין דער הייזקע איז געוואָרן שטיל. בערטע האָט צום לעצטן מאָל

אַ קוש געטון רעגינקען, וואָס אירע אייגעלעך האָבן זיך שוין געקלעפּט פון שלאָף און פאַרלאָשן די ליכט אין זייער שלאָפצימער.

בערטע האָט אין איר קליין אויפנאַם־צימער דערלאַנגט טיי. די קינדערישע שטיפערייען פון עטלעכע מינוט פריער האָבן איצט מיט מער שאַרפקייט אונטערגעשטראָכן דעם אומעט פון די דערוואַקסענע.

דניאל איז געזעסן טיף פאַררוקט אין ווייכן פאָטעל און אויף זיין פּנים איז געלעגן עפּעס אַ שווערע מידקייט. ער האָט זיך געפילט דער־שעפּט פון די לעצטע איבערלעבענישן. פון דערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האַלט ער אין איין ארומלויפן. אָבער ער איז נישט מיד פון דער אַרבעט. ער איז מיד און דערשעפּט פון באַוווּסטזיין פון אייגענער אומ־באַהאָלפנקייט.

— יאָ, — טראַכט עפּשטיין, — ווען איך קום אין שטוב און זע לאַניאַן, ווערן אַלע עגמת נפשן פאַרגעסן, נאָר ווען איך זע דעם קליינעם סאַמעק און עס לאַכט צו מיר רעגינקע, דעמאָלט, דעמאָלט...

עפּשטיין האָט נישט געוואָלט דערטראַכטן ביזן סוף און פאַררויכערט אַ סיגאַרעט.

— ניין, עס איז נישט אַזוי איינפאַך אין לעבן... — פילט עפּשטיין אַ ווידער־טעם אין מויל פון די אויסגעדראָשענע ווערטער, וואָס קומען אים אויפן געדאַנק.

ער דערמאָנט זיך מיטאַמאָל אָן וויקטאָרן. וואָס וויל ער פון אים היינט, וויקטאָר? זיי נויטיקן זיך ווידער אין הילף, די פּוילישע רעוואָלו־ציאָנערן? אָבער וואָס גייט עס אים, עפּשטיינען, אָן? ווו זענען זיי געווען, די אַלע וויקטאָרס און זויקס, דעם פּרייטיק, ווען די גלות־פּורלעך האָבן זיך באַוויזן אויף די יידישע גאַסן? — קיין איינער פון זיי איז צו מיר נישט געקומען — דערמאָנט זיך עפּשטיין אָן זיינע אַלע סאָציאַ־ליסטישע פריינט — קיין איינער פון זיי האָט אפילו נישט געפונען פאַר נויטיק צו זאָגן אַ גוט וואָרט...

עפּשטיינס בליק ווענדט זיך צו דעם שווייגנדיקן וויקטאָר. ער זעט ווי וויקטאָרס אויגן הענגען אויף בערטען.

עפּשטיין איז דערשטוינט. אַזאַ זאַך איז אים, עפּשטיינען, קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק.

עפשטיין דערמאָנט זיך, אַז נאָך פריער האָט וויקטאָר פיל מאָל פאַרבראַכט מיט בערטען. זאָל עפּעס זיין צווישן זיי?

נישט ווילנדיק ווענדט זיך עפשטיינס בליק נאָכאַמאָל צו וויקטאָרן. אין וויקטאָרס אויגן איז דאָ אַ שטיל געבעט.

— און זי? — פרעגט זיך זעלבסט עפשטיין.

עס ציט אים אַ קוק צו טון צו בערטעס זייט.

— צי איז זי אויך? — פילט מיטאַמאָל עפשטיין, אַז עס וואָלט אים געווען זייער נישט אָנגענעם, ווען בערטען זאָל פאַרבינדן עפּעס נעענטערס מיט וויקטאָרן.

עפשטיין איז בייז אויף זיך:

— וואָס גייט עס מיך אָן? — טראַכט ער — בערטע האָט דאָס רעכט צו מאַכן מיט איר לעבן, וואָס זי וויל...

גלייכצייטיק פילט ער אָבער, אַז עס גייט אים זייער אָן און עס קומט אים אָן מיט גרויס מי צו באַהערשן זיין ווילן אויפצוכאַפּן אין איצטיקן מאָמענט בערטעס בליק.

— עס איז ווי אריינגנבענען זיך צו יענעם אין הארץ, — טראַכט עפשטיין — אַזאַ גנבה איז מיאוסער ווי ארויסגנבענען אַ פרעמדן טייסטער.

בערטע שמייכלט שטיל צו זיך. וויקטאָרס הייסע בליקן, וואָס נעמען זי אַרום זענען איר אַנגענעם.

עס איז איר, בערטען, אַנגענעם צו פילן די בליקן פון באַגער פון אַ מאַן. זי האָט שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז וויקטאָר איז צו איר נישט גלייכגילטיק. נאָר היינט איז זי אים דאַנקבאַר דערפאַר.

און זי באַמערקט אויך, בערטע, עפשטיינס פּלוצלינגדיקע אומרו־איקייט. און אויך די אומרואיקייט איז איר אַנגענעם. עס איז אים דאָך ביז היינט צומאָל נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז עס קען זיך געפינען אַן אַנדערער מאַן...

— אפשר נאָך אַ גלאָז טיי? — שמייכלט זי צופרידן צוביידע.

וויקטאָר הוסט אָפּ.

— זי האָט אַ טיפע וויברירנדיקע שטימע — טראַכט ער וועגן בערטען און זאָגט הויך:

— איך בין אין דער פֿאַבריקער וואָך געווען ביי זיוקן און ער האָט מיר באַפוילן איבערצוגעבן זיינע האַרציקסטע גרוסן דער מאַדאַם בערטע און צו אייך, פריינט עפשטיין.

עפשטיין האָט געשוויגן. זיוק איז אים היינט גלייכגילטיק.

— זיוק האָט מיך דערמאָנט אייער נביאות אַמאָל, אַז דער אויס־געלאַכטער פוילישער רעוואָלוציאָנער וועט נאָך זיצן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ... — האָט וויקטאָר ווייטער גערעדט.

— איך וויל אייך זאָגן דעם אמת, פריינט וויקטאָר, — האָט עפשטיין צום ערשטן מאָל זיך אָנגערופן — איך קען נישט טראַכטן וועגן קעניגלעכע פּאַלאַצן, ווען מען טרייבט פאַר מיינע אויגן מענטשן פון זייערע שטיבער!...

וויקטאָר האָט זיך דערמאָנט אָן זיין לעצטן געשפּרעך מיט זיוקן, אָדער ווי ער און זיינע חברים האָבן אים, זיוקן, איצט גערופן דער „קאָמענדאַנט".

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. זיי זענען ביידע, וויקטאָר און זיוק, געזעסן אין אַן אָנגערויכערטער שטוב אויף איינער פון די שטילע קראָקאווער גאַסן.

מיט עטלעכע מינוט פריער איז די שטוב געווען נאָך פול מיט מענטשן און מיט שטורמישע ברוגזנדיקע קולות.

אין חלל פון דער שטוב האָט זיך נאָך געפילט דער הייסער אָטעם פון דעם שעהענלאַנגן וויכוח פון מענטשן, וואָס האָבן ביז איצט זיך גערופן נישט אַן שטאָלץ רעוואָלוציאָנערן און וואָס קענען זיך נאָך נישט צוגע־וווינען צו דעם נייעם נאָמען זייערן, דעם נאָמען פון לעגיאָנערן.

פיל פון זיי האָבן נאָך אַלץ אין דער צייט פון די וויכוחים גערופן דעם קאָמענדאַנט „חבר זיוק"; און וויקטאָר האָט באַמערקט, ווי זיוקס הויכע ברעמען פאַלדעווען זיך דראָענדיק יעדעס מאָל, ווען עס פאַלט דאָס וואָרט „חבר זיוק".

ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן איז מען צו קיין טאָלק נישט געקומען. אַלע זענען געווען מיד פון די ניין מאָס רייד און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט הייזעריקע העלדזער און יעדער איינער איז ביי זיך געווען טיף איבערצייגט, אַז נאָר ער איז גערעכט.

אויך וויקטאָר האָט שוין געוואָלט אוועקגיין. נאָר זיוק האָט צו אים שטיל אַ זאָג געטון:

— דו בלייב!...

וויקטאָר האָט, זיצנדיק אויף אַ שטול, אויסגעצויגן ביידע פיס און מיט אַ סיגאַרעט אין מויל־ווינקל געטראַכט, אַז ער האָט שוין אַ צייט נישט געזען בערטען. און ער ווייסט נישט, ווען ער וועט קענען גיין קיין וואַרשע און קומען אין דער שטילער געמיטלעכער הייזקע פון בערטען.

זיוק האָט האַסטיק געשפּרייזט אַהין און צוריק איבערן צימער. זיינע געדיכטע, הויכע ברעמען האָבן זיך צונויפגעגאָסן און פאַרשטעלט זיינע טיף אַריינגעזעצטע אויגן.

די גרויע קורטקע, וואָס זיוק האָט געטראָגן זייט ער איז געוואָרן קאָמענדאַנט פון די לעגיאָנען, איז געווען פונאַנדערגעשפּילעט און זיוק האָט גערויכערט איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן און נאָך פאַרשנעלערט זיין שפּרייזן אַהין און צוריק.

פּלוצלינג האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— טפּשים! — איז פון זיין מויל געפאַלן אַ וואָרט ווי אַ שמיץ פון אַ בייטש איבער עמיצנס פּנים — טפּשים זענען זיי אַלע!...

זיוק איז געבליבן שטיין פאַר דעם זיצנדיקן וויקטאָר און אַוועק־געשליידערט דעם נאָר וואָס פאַררויכערטן סיגאַרעט.

— אַ גאַנצע נאַכט, צוהערנדיק זיך צו זייערע פּוסטע רייד, — האָט זיוק מיט זיין שאַרפן דורכדרינגנדיקן בליק דורכגענומען וויקטאָרן, — האָט זיך מיר אָן אויפהער געוואָלט זיי איבעררייסן און צו זיי זאָגן אָפן און קלאָר: זענט איר ווירקלעך אַזעלכע טפּשים, אַז איר מיינט נאָך **אַלץ מיט אייערע דרשות צו ברענגען די רעוואָלוציע און איר ווייסט** נאָך אַלץ נישט, אַז דער חבר זיוק איז מער נישטאָ... אַז אויפן אָרט פון חבר זיוק שטייט פאַר אייך דער קאָמענדאַנט פון אַן אַרמיי, מיט וועלכן מען פירט נישט קיין וויכוחים נאָר מ׳פירט אוים זיינע באַפעלן!...

— איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן, — האָט זיוק ווייטער גערעדט, — איך ווייס, אַז זיי, די טפּשים, וואָלטן מיך באַלד דערקלערט פאַר אַ ראָמאַנטישן בעל חלומות. זיי וואָלטן מיך גלייך דערמאָנט, אַז מיין

ארמיי באשטייט פון עטלעכע יינגלעך, וואָס האָבן אפילו נישט קיין רעכטן מונדיר אויף זייערע לייבער און ווער שמועסט פון אַ רעכטער ביקס...

— און זיי וואָלטן געזאָגט דעם אמת — האָט וויקטאָר זיך אָנגערופן — די אָפיצירן פון עסטרייכישן שטאַב באַציען זיך צו אונדזערע מענטשן, ווי צו גאַסן־יונגען און נישט ווי צו זעלנער.

— איך ווייס דאָס אַלץ. איך ווייס מער פון אייך אַלע — האָט זיוק ווידער גענומען שפּרייזן, רעדנדיק, ארויף און אראָפּ איבערן צימער — יאָ, איך ווייס, אַז זיי, די דייטשע אָפיצירן, לאַכן צווישן זיך פון מיין קאָמענדאַטור. און דו לאַכסט אויך, וויקטאָר? — איז זיוק פאַר אים פּלוצים שטיין געבליבן.

—איך גלויב אין דיר, קאָמענדאַנט! — וויקטאָר איז אנטשוויגן געוואָרן ווי פאַרשעמט פון זיין אייגענעם אויסרוף.

שוין לאַנגע יאָרן, ווי זיי ביידע זענען די אינטימסטע פריינט. וויקטאָר האָט שטענדיק געקוקט אויף זיוקן ווי אויף זיין קאָמענדאַנט און פירער. זיי ביידע האָבן דערפון געוווסט און דערפון נישט גערעדט. נאָר איצט האָט וויקטאָר ארויסגעפילט, אַז זיוק ברעכט זיך, אַז ער אַליין איז נאָך נישט אינגאַנצן זיכער מיט זיך זעלבסט, און ער האָט געוואָלט מיט זיין גלויבן שטאַרקן זיין פריינט און מאַכן אים אַליין גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות.

זיוק האָט ארומגענומען וויקטאָרן און האָט אים צוגעפירט צום פענצטער. פון אנטקעגנאיבער האָבן זיך געשאָטנט אין דער נאַכט די קאָנטורן פון קעניגלעכן וואַוועל־שלאָס:

— זעסט, — האָט זיוק שטיל גערעדט — היינט זענען דאָרט די קברים פון די פּוילישע מלכים... איך וויל דעם טויטן קעניג לעבעדיק מאַכן... דאָס קען איך נאָר דיר אַליין, וויקטאָר, זאָגן...

זיי זענען צוריקגעגאַנגען צום טיש.

— די אַנדערע וואָלטן מיך נישט פאַרשטאַנען, וויקטאָר... דער וואַוועל זאָגט גאָרנישט צו זיי. זיי קלינגלען אַלץ אוים מיט זייערע שאַרפע דיאַלעקטישע מוחות... זיי ווייסן נישט, אַז עס זענען דאָ זאַכן, וואָס מען מוז אַרויספילן... אימפּאָנדעראַביליען זענען נישט ווייניקער רעאַל

און ממשותדיק, ווי זייערע פאקטן און ציפערן... אָבער ווי אזוי קענען זיי פילן דעם אָטעם פון וואָוועל? איז דיר נישט איינגעפאַלן, וויקטאָר, אַז די מערסטע פריינט אונדזערע האָבן אַזעלכע סעמיטישע פּנימער?...

וויקטאָרס אויגן האָבן געקוקט דערשטוינט אויף זיין פריינט און קאמענדאנט. ס׳ערשטע מאָל אַז ער הערט אַזעלכע רייד. ס׳ערשטע מאָל הערט ער פון אַ רעוואָלוציאָנער ווערטער וועגן סעמיטישע פּנימער.

— איך דערשטוין דיך היינט, וויקטאָר... — אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעלייגט איבער זיוקס פּנים — ניין, זיי רואיק, איך גיי נאָך נישט אין דמאָווסקיס שולע... כ׳פּרעדיק נישט קיין אַנטיסעמיטיזם... דו ווייסט, אונדזערע בעסטע פריינט זענען יידן. אין עפּשטיינס דירה האָב איך זיך זייער גוט געפילט. אָבער — נאָך וואָס זיך נאַרן? עפּעס שטייט צווישן מיר און זיי. איך וועל עפּשטיינען נישט צופירן צום פענצטער און אים נישט אַ ווייז טון אויפן וואָוועל. ער וועט נישט פילן דאָס, וואָס דו, וויקטאָר, פילסט...

זיוק האָט איבערגעריסן זיין שפּרייזן אהין און צוריק. ער האָט גערעדט האַרט און שאַרף:

— פאַר דיר האָב איך נישט קיין סודות. דיר מעג איך זאָגן, טייל־מאָל ווערט מיר נישט אנגענעם, ווען איך קוק זיך ארום צווישן אונדזערע פריינט און טרעף אַזוי זעלטן אַן אויף אונדזערס אַ פּנים...

— און אָפטמאָל טראַכט איך, — האָט זיוק ווייטער גענומען גיין איבערן צימער — אַז מען דאַרף זיי, די יידישע פּנימער, נישט אַזוי פיל ארויסזען... זיי זענען פעאיק און זיי זענען נישט קיין נאַראָנים, אָבער צום וואָוועל פּאַסן זיי פּאַרט נישט, וויקטאָר...

— און איך קלער שוין היינט — האָט זיוק ווי פּאַרגעסן אַן וויקטאָרן און גערעדט צו זיך אַליין — אַז ווען מיר וועלן זיין באַלע־באַטים, וועט עס נישט אַזוי לייכט זיין מיט די מיליאָנען יידן, וואָס זענען סוף כל סוף אַזוי פרעמד צום וואָוועל...

זיי ליידן היינט צוליב אונדז — האָט וויקטאָר זיך אָנגערופן — זיי ווערן איצט אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען צוליב אונדז...

— יאָ, וויקטאָר, אַזוי איז עס... זיי ליידן שטענדיק. אַ גורל אַזאַ...

— אָבער טיילמאָל לאָזט מיך נישט רוען דער געדאַנק — האָט

וויקטאָר אין דעם מאָמענט זיך דערמאָנט אָן בערטען — אַז אויך מיר זענען שולדיק אין זייער אומגליק.

— מיר?

— יאָ, מיר. פּאַרוואָס זאָלסטו, קאָמענדאַנט, עפּנטלעך נישט דער־קלערן, אַז די באַשולדיקונגען קעגן יידן זענען פאַלשע און אַז מיר, פּוילישע סאָציאַליסטן, טוען די אַרבעט קעגן דעם צאַרס אַרמייען? אַזוי וואָלט עס געוועז ערלעך...

— דו ביסט אַ סענטימענטאַל, נאַריש ייִנגל, וויקטאָר — האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט — דערפאַר האָב איך דיך ליב, האָרכן אָבער דיך וועל איך נישט...

— דו פאַרשטייסט, וויקטאָר, — איז זיך געוואָרן ערנסט, — מיר איז זייער צו דער האַנט, וואָס דעם צאַרס גענעראַלן און דמאָווסקי מאַכן די יידן פאַר שפּיאָנען. אַזוי אַרום קענען מיר פרייער אַרבעטן, און אַחוץ דעם...

— אַ חוץ דעם? — האָט וויקטאָר איבערגעפרעגט.

זיך האָט זיך אַ וויַיל פאַרטראַכט און נאָכדעם אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איך וועל היינט רעדן צו דיר זייער ברוטאַל, וויקטאָר, דו ביסט דער איינציקער, וואָס איך וויל, אַז דו זאָלסט אַלץ וויסן... הער זשע, וויקטאָר, דו ווייסט גוט, אַז נישט איך טרייב די יידן פון זייערע שטעט. איך האָב פערזענלעך צו זיי גרויס מיטגעפיל. אָבער איך וויים גלייכ־צייטיק, אַז עס וועט זיין צום נוצן פון אונדזער זאַך, וואָס מיר ווערן פּטור פון אַזוי פיל יידן... און דאָס איז נאָך נישט אַלץ, וויקטאָר...

— נאָך נישט אַלץ? — האָט וויקטאָר דערפילט אַ טרוקנקייט אויפן גומען.

— ניין, נישט אַלץ, וויקטאָר. דאָס, וואָס עס געשעט איצט מיט די יידן, האָט געמוזט אויפטרייסלען זייערע מאָסן. אין די הערצער האָט זיך אָנגעזאַמלט שנאה צו זייערע פאַרפאָלגער. פיל יידן וועלן אונדז היינט גרייט זיין צו העלפן כדי נקמה צו נעמען.

— אָבער צי מעגן מיר? — האָט וויקטאָר געקוקט מיט שרעק און באַוווּנדערונג צוגלייך אויף זיוקן — מיר וועלן זיי אויסנוצן און נאָך פאַרגרעסערן זייערע ליידן.

## אין שטורעם

מיר מעגן אלץ! — האבן זיוקס אויגן ווי באצווונגען זיין צו־הערער — דו הערסט, וויקטאר, אין קריג מעג מען אלץ. און א י ך פ י ר קריג. אויב מ'וועט דארפן, וועל איך דיך, וויקטאר, שיקן אין ערשטן פייער! וועסט גיין?

— יא, כ'וועל גיין...

— כ'ווייס עס, וויקטאר. איז פארוואס טאר איך נישט שיקן אין פייער די יידן? פארוואס מוז איך זיך רעכענען מיט זייערע לײדן? עס איז קריג, וויקטאר. אין קריג רעכענען זיך נישט מענטשלעכע לײדן און לעבנס. נאר איין זאך רעכנט זיך: זיג! און איך מוז זיגן!...

זיוק איז אנטשוויגן געווארן און ווידער פאררויכערט א סיגארעט.

— פארוואס שווייגסטו, וויקטאר? אפשר שרעקסטו זיך, וויקטאר?...

— יא, זיוק, אזוי איז עס, איך שרעק זיך היינט פאר דיר און...

— און?

— און איך בלייב מיט דיר, זיוק...

— איך האב געוווסט, וויקטאר, אז דו וועסט מיט מיר בלייבן — האט זיוק זיך אוועקגעזעצט אנטקעגנאיבער וויקטארן — איך וויל, דו זאלסט גיין קיין ווארשע מיט מיין שליחות.

— איך וועל זען בערטען — איז געוועזן וויקטארס ערשטער גע־דאנק.

זיוקס אויגן האבן זיך ווי איינגעגעסן אין וויקטארס טונקל בלייך געזיכט:

— ווייסט, וויקטאר — האט זיוק א שמייכל געטון — ווען איך קוק אויף דיר, דאכט זיך מיר שטענדיק, אז דו באלאנגסט גיכער צום בית המדרש, ווי צום פאלאץ פון דיינע פירשטלעכע אבות...

— די גרעפין יאדוויגא בראניצקא — האט וויקטאר אפגעענטפערט מיט א שמייכל — האט מיר דאס זעלבע שוין געזאגט. ווער ווייסט, אפשר איז עס אויך ריכטיק. איך קען נישט גאראנטירן, אז איינע פון מיינע באבעס האט אמאל נישט געזינדיקט...

ביידע האבן זיך זארגלאז פונאנדערגעלאכט.

באלד איז אבער זיוקס פנים צוריק געווארן ערנסט.

— איך וויל, וויקטאר, אז דו זאלסט זיין מיין שליח צו עפשטיינען.

זאָג אים, אז איך האָב קיינמאָל נישט פארגעסן די ווונדערלעכע מעשה, וואָס ער האָט מיר אַמאָל נאָך דערציילט פון זיין רבין וועגן אַ באָרוויס־ יינגל, וועמען מ'האָט נאָכגעוואָרפן שטיינער, און וועלכער האָט שפּעטער געהאַט אויף זיין קאָפּ די קעניגלעכע קרוין...

די שטרענגע געזיכטס צוגן זענען עפּעס מילדער און ווייכער גע־ וואָרן, ווען זיוק האָט ווייטער גערעדט:

— זאָג אים, אז די צייט איז געקומען, אַז איך גרייט זיך צו באַזעצן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, אין בעלוועדער...

וויקטאָר האָט געקוקט אויף זיין פריינט און נישט דערקענט זיין פּנים:

— ער זעט איצט אויס, ווי אַ נביא — האָט וויקטאָר דערפילט אַ ציטער — זעט ער טאַקע די קעניגלעכע קרוין?...

— און פרעג אים, עפּשטיינען, צי ער איז גרייט מיר צו העלפן...

זיוק האָט דערזען אַ שטומען פראַגע צייכן אויף וויקטאָרס פּנים, און ער האָט געענטפערט אויף דער נישט אַרויסגעזאָגטער פראַגע:

— זאָג אים, אַז איך קען גאָרנישט צוזאָגן. איך קען נישט און וויל זיך נישט בינדן אויף שפּעטער, אָבער דאָס וואָס איך גיב אים איצט, איז נישט ווייניק.

— וואָס?

— איך גיב אים די מעגלעכקייט צו פירן אַ קאַמף מיט זייערע פיינט, מיט די יעניקע, וואָס טרייבן זיי איצט פון זייערע שטעט און זייערע היימען. זאָלן די יידן זיך פאַרבינדן מיט אונדזערע מענטשן. דע־ מאָלט קענען מיר גרויסע זאַכן דערגרייכן. דעמאָלט וועל איך וויסן אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי דעם צאַרס גענעראַלן. דעמאָלט וועט גענעראַל העטצענדאָרף פון עסטרייכישן שטאַב אויפהערן צו קוקן אויף מיר, ווי אויף אַן אָרימען קרוב, וועמען מ'זעצט ביים טיש אַוועק צוזאַמען מיט די משרתים...

אַ לענגערע ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן.

— האָסט גאָרנישט צו זאָגן, וויקטאָר?

— איך קען עפּשטיינען פון לאַנג — האָט וויקטאָר קווענקלענדיק זיך גערעדט — איך גלויב נישט, אַז ער וועט גרייט זיין דערצו...

— נאָר שיינע דרשות וועלן זיי האַלטן, די יידן?

— אָבער זיי וועלן דאָך צאָלן דעם פּרייז...

— זיי צאָלן אים סיי ווי!...

און זיוק האָט צוגעגעבן:

— און זאָג אים אויך, אַז אין פאַל פון זיין אַפּזאָגן זיך, בין איך גרייט איבער זייערע קעפּ זיך צו ווענדן דירעקט צו די פאַרביטערטע יידישע מאַסן... איך האָב ידיעות, אַז דער נאָמען יוזעף פּילסודסקי רעדט צו דער יידישער פאַנטאַזיע...

וויקטאָר האָט געהאַט ספקות. ער האָט נישט געגלויבט אין דערפאָלג פון זיין שליחות. אָבער מער ווי שטענדיק האָט דאַסמאָל אים באַצוווּנגען זיוקס אייזערנער ווילן.

פון דער נאַכט אָן האָט זיך פיל געענדערט אין די באַציאונגען צווישן זיוקן און וויקטאָרן. ביז היינט זענען זיי געווען צוויי פריינט. זיוק איז געווען עלטער און ער איז געווען, וואָס דער אמת, אויך ביז איצט דער בעל דעה. אָבער ביידע האָבן זיך דערפון קיין רעכענשאַפט נישט אָפּגעגעבן. פון דער נאַכט אָן איז זיוק פאַר וויקטאָרן געוואָרן — דער קאָמענדאַנט, וואָס גיט באַפעלן און וואָס נאָר ער איז פאַר די באַפעלן פאַראַנטוואָרטלעך.

פאַר וויקטאָרן איז דאָס דאָזיקע באַוווּסטזיין, אַז דאָס אומגליקלעכע פוילן האָט צוריק באַקומען אַ באַלעבאָס, וואָס גיט באַפעלן, געווען אַ טיפע איבערלעבעניש.

וויקטאָר האָט דערפילט, אַז אַ שווערע לאַסט איז פון זיינע פּלייצעס אַראָפּגענומען געוואָרן. ווי גוט איז עס נישט צו דאַרפן אַליין נאָכטראַכטן און פייניקן זיך מיט ספקות נאָר קענען זאָגן צו זיך:

— נישט מיין זאַך. איך האָב באַקומען אַ באַפעל...

— גלויב, וויקטאָר, אין תחית המתים פון אונדזער פאָלק — האָבן זיוקס אויגן אים ווי געהאַלטן אין היפּנאָז.

און וויקטאָר האָט געגלויבט. ער האָט געגלויבט אין קאָמענדאַנט. דערווייל לאַכן נאָך אַנדערע פון דעם קאָמענדאַנט, פון זיין כאָפּטע יינגלעך מיט צעריסענע הויזן, אָבער ווען דער קאָמענדאַנט וועט זיצן אין בעלוועדער, וועלן זיי אַלע זיך שוין אין דרייען בויגן פאַר אים.

יאָ. ער וועט גיין, וויקטאָר, צו עפּשטיינען. דער קאָמענדאַנט ווייסט וואָס ער האָט צו טון.

נאָר וויקטאָרן האָט אין דער נאַכט דערוואַרט נאָך אַ גרעסערע איבעראַשונג.

— דאַרפסט צוריק באַנייען דיין פריינטשאַפט מיט דיינע קרובים, די גראַפן און פירשטן, וויקטאָר, — די גרעפין יאַדוויגאַ קען דיר פיל צוהעלפן... צו זיי רעד נישט אין מיין נאָמען. רעד אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבן דעם איינדרוק, אַז דו רעדסט אין מיין נאָמען...

— וואָס זאָל איך זיי זאָגן?

— זאָג זיי, וויקטאָר, אַז זיי האָבן געהאַט אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן די „רויטע טייוואָלים". גיב זיי אָנצודייטן, אַז ראָזע לוקסעמבורג האָט גאָרנישט וואָס צו טון מיט מיר. מעגסט זיי דערציילן דעם אמת, אַז ווען כ'האָב אַמאָל געפּרוווט לייענען מאַרקס „קאַפּיטאַל", בין איך גלייך איינגעשלאָפן... זאָלן זיי אויך וויסן, אַז איך שאַץ אָפּ ווי געהע־ריק די ראָל פון דער אַריסטאָקראַטיע, אַז לויט מיין מיינונג וועלן זיי פאַרנעמען אין פוילן דאָס געהעריקע אָרט...

וויקטאָר האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. ער האָט מער נישט איבערגעפרעגט. ער האָט געפילט, אַז דער קאָמענדאַנט, ווי ער, וויקטאָר, האָט פון דער נאַכט אָן זיוקן גערופן, פירט אַ גרויס שפּיל, וואָס דאַרף אים ברענגען אין קעניגלעכן בעלוועדער. און צו דעם צוועק איז ער גרייט אויסצונוצן די רויטע און די שוואַרצע, די יידן און די אַריסטאָקראַטן, און אַז ער, וויקטאָר, דאַרף אים מוז אים העלפן.

— ווען דאַרף איך גיין קיין וואַרשע? — האָט וויקטאָר געפרעגט.

— מאָרגן, וויקטאָר.

אינדרויסן האָט גענומען בלויען אַ נייער טאָג.

וויקטאָר זיצט אין בערטעס שטוב. ער איז ערשט היינט אָנגעקומען קיין וואַרשע. דאָס גנבענען די גרענעץ דורכן קריגס־פראָנט איז דאָס־מאָל נישט געווען לייכט. ער הערט נאָך דאָס זשומען פון די קוילן איבער זיין קאָפּ. איצט פילט ער אין זיין לייב אַ גוטע מידקייט פון אַ מענטש, וואָס האָט ערשט מיט עטלעכע שעה פריער געפילט אויף זיין מויל דעם

קאַלטן אָטעם פון טויט און וואָס קען זיך נאָך אַליין נישט צוגלויבן, אַז ער לעבט און קען פריי באַוועגן מיט זיינע הענט און פיס.

וויקטאָרס אויגן קוקן אויף עפּשטיינען. אָבער אין דער אמתן זעען זיי, זיינע אויגן, נאָר זי, בערטען. ער האָט איר, בערטען, פיל צו זאָגן. ער ווייסט נישט וואָס, נאָר ער פילט, אַז דאָס, וואָס ער האָט היינט צו זאָגן בערטען, איז וויכטיק, זייער וויכטיק. צוליב איר איז ער דאָך אייגנטלעך געקומען אַהער. יאָ, דאָס וויל ער איר, בערטען, איצט זאָגן.

ער דערפילט מיטאַמאָל אויף זיך דעם שווערן היפּנאָטיזירנדיקן בליק פון זיוקס אויגן. דער דאָזיקער בליק שפּעט פון אים:

— צוליב אַ קליידל פאַרגעסטו, וויקטאָר, אָן דיין שליחות!...

וויקטאָר רייבט זיך אויס די מידע אויגן און נעמט רעדן. זיינע אויגן אַנטשולדיקן זיך פאַר בערטען, וואָס זיי זעען איצט נאָר די גע־שטאַלט פון קאמענדאַנט, וועלכער גיט מיט צוזאַמענגענומענע ברעמען שטרענגע באַפעלן.

וויקטאָר דערמאַנט מער נישט דעם נאָמען פון זיוקן, וואָס פלעגט אין בערטעס שטוב ליב האָבן צו דערציילן אויפן פּאָנישן לשון אביסל דראַסטישע אַנעקדאָטן און דערביי אַליין לאַכן מיט אַ ברייט געלעכטער.

איצט רעדט וויקטאָר וועגן קאָמענדאַנט, וואָס שפּרייזט אַהין און צוריק אין זיין צעשפּיליעטער גרויער קורטקע איבער דער שטוב, און „טראַכט פאַר מיליאָנען”, וואָס פילן נישט די גרויסע צייט, וואָס רוקט אָן.

וויקטאָר באַמיט זיך אָנצושטעקן בערטען און עפּשטיינען מיט זיין גלויבן אין קאָמענדאַנט און ווען ער ענדיקט, ווענדט ער זיך שוין בלויז צו עפּשטיינען און זאָגט:

— דער קאָמענדאַנט האָט צוטרוי צו אייך, פריינט עפּשטיין, און ער דערוואַרט אייער הילף.

בערטע קוקט שווייגנדיק אויף עפּשטיינען. זי זעט, ווי ער, דניאל, ווישט מיט אַ טיכל די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן, ווי שטענדיק אין מאָמענטן פון גערירטקייט.

עפּשטיין שווייגט אַ לענגערע צייט. ער באַמיט זיך צו באַהערשן. אָבער וואָס מער ער טראַכט, אַלץ מער אויפגעבראַכט ווערט ער. זיי

שפּילן זיך דאָרט אין קראקע אין קאָמענדאַנטן. זיי האָבן אוודאי שוין אויסגעקלערט עפּעס א שיינעם זעלנערישן מונדיר. געווים ווייסן זיי שוין אויך, ווי צו מאַכן די נייע מעדאלן. אז דאָ ווערן מענטשן געטריבן ווי די הינט, אז דאָ בלייבן קינדער און מוטערס אָן א דאַך איבערן קאָפּ, פאַלט זיי אפילו נישט איין א טראַכט צו טון. ס'זענען דאָך פאָרט נישט מער ווי יידן. הא, ווער האָט דאָס געזאָגט, אז יידיש בלוט שמירט גוט די רעדער פון דער רעוואָלוציע? עפּשטיין קען זיך אין דעם מאָמענט אין קיין פאַל נישט דערמאָנען דעם נאָמען, וואָס ליגט אים אויפן שפּיץ־צונג.

— איך האָב געמיינט, אז חבר זיוק — האָט עפּשטיין אָנגעהויבן און צוגעגעבן מיט א שמייכל — אַנטשולדיקט, פּריינט וויקטאָר, איך בין נאָך נישט געוווינט צו דעם וואָרט „קאָמענדאַנט" און איך געדענק בלויז דעם חבר זיוק... יאָ, איך האָב געמיינט, אז חבר זיוק האָט מיר עפּעס צו זאָגן וועגן דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר מיט אונדז. עס וואונדערט מיך נישט וויניק צו הערן, אז די מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער דאַך איבערן קאָפּ, — זיי גאָר זאָלן נעמען אויף זייערע פּלייצעס דעם קאַמף פון קאָמענדאַנט. איז עס נישט אביסל צופיל, פריינט וויק־טאָר? — האָט עפּשטיין געקוקט אויף דעם בלייכן פּנים פון זיוקס פריינט.

עפּשטיין האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און ווייטער גער־רעדט:

— איך בין א פּשוטער מענטש, אן איינפאַכער סוחר פון גזשיבאָוו, און ווען איך לייד א פיזישן ווייטיק, איז מיר שווער צו טראַכטן וועגן חלומות, וואָס וועבן זיך ארום קעניגלעכע פּאַלאַצן...

— אָבער דאָס באַוווסטזיין פון קאַמף גיט א זין די ליידן — האָט בערטע צום ערשטן מאָל זיך אָנגערופן.

וויקטאָר האָט צוגעוואָרפן בערטען א דאַנקבאַרן בליק און צוגעגעבן:

— דאָס האָט ער געמיינט צוזאָגן, דער קאָמענדאַנט.

— אָבער צי זענט איר אזוי זיכער, פריינט וויקטאָר, — האָט עפּשטיין אים געקוקט גלייך אין די אויגן, — אז ווען מען טרייבט אייער שוועסטער און אייער ברודער ארויס פון זייער שטוב, וואָלט איר צו זיי געגאַנגען און געהייסן זיי אויספירן דעם באַפעל פון קאָמענדאַנט?...

וויקטאָר האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָר עפּשטיין האָט אים אי־בערגעריסן:

— ענטפערט מיר נאָך נישט. שטעלט אייך נאָך פאָר, אַז איר זענט דער אַרויסגעטריבענער ייד, אַז איר זעט, אַז קיינעם — איר הערט, — קיינעם, אויך דעם חבר זיוקן — גייט עס אָן ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי, וואָס עס וועט מיט דעם ייד געשען, און פונדעסטוועגן הייסט מען אים טון דאָס, וואָס איר ווילט...

— אָבער, פריינט עפּשטיין...

— נאָך איין ווײַלע, טייערער וויקטאָר. איך וויל אייך נאָר זאָגן איבערצוגעבן דעם חבר זיוק, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט אין מיר. איך בין נישט קיין העלד. איך בין אַ פּשוטער ייד, וואָס ווייסט נישט, צי מ׳וועט אים מאָרגן אינדערפרי נישט הייסן נעמען דעם שטעקן אין האַנט און גיין. איך וויים דאקעגן, אַז ווען דאָס וועט געשען, וועט קיינער אפילו וועגן מיר נישט אַ טראַכט טון. ניין, ניין, מ׳וועט יאָ אַ טראַכט טון: גוט, וואָס מען איז פון אים פּטור געוואָרן... און דעריבער קען איך היינט, פריינט וויקטאָר, טראַכטן וועגן איין זאַך: וועגן אַ מיטאָג פאַר אַ הונגעריקן און וועגן אַ בעט פאַר אַ היימלאָזן...

— און שפּעטער אין אָוונט אַהיימגיין מיט אַ באַרואיקט געוויסן — האָט בערטע זיך פונאַנדערגעלאַכט — און הייסן זיך באַוווּנדערן פאַרן גוטן האַרץ!...

— אָבער, בערטע... — האָט עפּשטיין דערפילט עפּעס פרעמדס און פיינטלעכס אין בערטעס קול.

— עס איז מיר מיאוס די דאָזיקע גוטסקייט, דו הערסט, מיאוס! — האָט בערטע געפילט, אַז זי מוז פון זיך אַרויסשפּייען די ביטערניש פון די אַלע טעג — זעסט זיי נישט, די ווייבער, וואָס נעכטן האָבן זיי דיך געוואָלט באַצווּבערן מיט זייערע דעקאָלטן און היינט הייסן זיי זיך באַוווּנדערן פאַר זייערע גוטע הערצער!...

— פונדעסטוועגן ווערט דאָך פאַרט — האָט עפּשטיין געפּרוּווט באַרואיקן בערטען.

— יאָ, עס ווערן מענטשן געמאַכט פאַר שנאָרער! — איז בערטע

געוואָרן נאָך אויפגערייצטער — יאָ, פאַר שנאָרער מאַכסטו זיי, מיט דיין ווארעמער זופּ!...

— וואָס קען איך אַנדערש טון? — האָט עפּשטיין געפּילט, אַז עפּעס וואָס קומט פאַר מיט בערטען דעם היינטיקן אָוונט.

— וואָס דו קענסט טון? — האָבן בערטעס אויגן אויפגעבליצט מיט גרינלעכע פייערלעך — ניין, דו וועסט עס נישט טון... דאָסמאָל האָסטו געזאָגט דעם אמת, דניאל. דו ביסט ווירקלעך נישט קיין העלד. ווילסט נישט איינשטעלן דיין היים. צוליב דעם וועסטו די יידן פירן אין הקדש און מאַכן פון זיי שנאָרער אַנשטאָט קעמפער...

— קעמפער, וואָס אפילו די, פאַר וועמען זיי קעמפן, ווילן פון זיי נישט וויסן?

— נקמה אָן שונא איז אַ געטראַנק פון אַלע באַליידיקטע און אונטערדריקטע — האָט בערטעס פּנים באַקומען עפּעס אַ נייעם עקסטאַטישן אויסדרוק — און ווענדנדיק זיך צו וויקטאָרן צוגעגעבן:

— די זאַטע פילן נישט דעם געשמאַק פון דעם געטראַנק, אָבער איך קען הונגעריקע און דאָרשטיקע און זיי וועלן דיך בעסער פאַרשטיין, וויקטאָר.

בערטע איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך נישט געפילט גוט. עפּעס זענען איר פאַרגעקומען אַלע פריערדיקע רייד אויפגעבלאָזענע מליצהדיקפאַלשע. ניין, נישט דאָס האָט זי געוואָלט זאָגן, נישט דאָס...

אַ בלייכע און טיף־פאַרטראַכטע איז בערטע געזעסן. יאָ. ז י וועט טון דאָס, וואָס וויקטאָר וויל. אַמאָל האָט זי דאָס געטון פאַר אים, פאַר דניאלן. צוליב אים האָט זי איר שטוב געמאַכט פאַר דער דירה פון וויקטאָרן און זיוקן, צוליב אים, צוליב דניאלן. אָבער ער איז אַוועק צו לאַניאַן. עס איז אים גוט דאָרט, ביי לאַניאַן. ער איז גליקלעך צו זען לאַניאַס פאַררויטלט פּנים ביים פּאָרען זיך ארום די אָרימע יידן. מער דאַרף ער נישט צו זיין צופרידנקייט. די צופרידנקייט פון די זאַטע. אָבער זי, בערטע, איז נישט זאַט. זי פילט זיך אַרויסגעשפּיגן פון איר אייגענער היים. זי איז איינע פון די פיל פרויען, וואָס זענען געקומען אַנצולויפן מיט די פּויערישע פורלעך. זי מוז עפּעס טון. נישט צו העלפן זיוקן. נאָר צו העלפן זיך אַליין. צוגעבן אַ זין איר לעבן. זי דאַרף נישט פון קיינעם

קיין דאַנק. אפילו נישט פון וויקטאָרן. דאָס באַוווסטזיין, אַז זי טוט עפּעס מיט איר לעבן, איז גענוג.

עס טוט איר איצט באַנג, בערטען, פאַר אירע פריערדיקע רייד. נאָך וואָס רעדן צו אים, אַז ער זעט אויך דאָ נאָר זי, לאַניאַן, נאָך וואָס...

אַ מידער האָט עפּשטיין זיך אויפגעשטעלט פון אָרט. געפילט, אַז ערשט היינט, איז בערטע פון אים אַוועק.

און ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דאָס דאָזיקע אַוועקגיין פאַרשאַפט אים נישט קיין דערלייכטערונג, נאָר פאַרקערט, ער פילט עפּעס כמעט אַ פיזישן ריס.

— עס קען זיין, אַז דו, בערטע, האָסט רעכט — האָט ער צו איר אַ שוואַכן שמייכל געטון — מעגלעך, אַז עס ציט מיך שוין צו די שטעקלאַטשן און מנוחה, מעגלעך...

און ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו וויקטאָרן:

— זאָגט זיוקן, אַז איך בלייב זיין פריינט און אַז אויף מיר אַליין קען ער שטענדיק רעכענען...

וויקטאָר דריקט פעסט עפּשטיינס האַנט. ער פילט אַ טיפן רעספּעקט צו דעם דאָזיקן יידישן סוחר פון גזשיבאָוו, וואָס האָט אים אַזוי אַנטשידן אָפּגעזאָגט צו דערפילן דעם באַפעל פון קאָמענדאַנט און דערביי זיך אַליין געשטעלט צו זיין רשות.

— קומט, מיר וועלן דיך אַרויסבאַגלייטן, דניאל — האָבן בערטעס אויגן געקוקט אויף אים ווידער ווי אַמאָל.

אין דעם קליינעם גערטנדל איז געווען שטיל. מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט טענער פון אַ טרויעריקן יידישן ניגון.

— וואָס איז? — איז עפּשטיין געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער.

אויף דער ווערענדע פון דער הייזקע אַנטקעגנאיבער האָט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט זיך געשאָקלט מיט ריטמישע באַוועגונגען אַ מאָדנע געשטאַלט.

— ר׳ משהלע ראַפּשיצער — האָט בערטע שטיל געזאָגט — אַן אָרימער רב פון די אַרויסגעטריבענע...

— זעסט, בערטע, — האָט עפּשטיין אָנגענומען איר האַנט — כ׳ווייס נישט, צי דו וועסט מיך פאַרשטיין... נאָר מיט דעם ייִד, מיט

ר׳ משהלע ראפשיצערס לעבן, האָב איך נישט קיין רעכט צו זיין אַ גיבור...

— נאָר וואָרעמע זופּ ווילסטו אים געבן?...

— איך האָב נישט עפּעס אַנדערש, בערטע...

— עס איז דאָ עפּעס אַנדערש, דניאל, עס איז דאָ — קאַמף...

דניאל עפּשטיין האָט שטיל הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר. בערטע איז געבליבן שטיין אַליין. זי האָט זיך איינגעהערט אין די קלאַנגען פון דער תפילה וואָס האָבן זיך געטראָגן פון משהלע ראַפּשיצערס מויל. עס איז איר פאָרגעקומען, אַז די דאָזיקע תפילה גליט מיט ליידנשאַפטלעכן באַגער צו קאַמף.

— נאָר נישט קיין וואָרעמע זופּ — האָט בערטע זיך איינגעקוקט אין דעם מאָדנעם געשטאַלט פון איר שכן.

ווען זי איז צוריק אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זי געטראָפן וויקטאָרן שפּרייזן אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, וויקטאָר, און כ׳וויל, אַז אויך זיוק זאָל עס וויסן — עפּשטיין איז גערעכט, יאָ, ער איז גערעכט... האָ, זאָג וויקטאָר, גייט דיך עפּעס אָן, וואָס מיין שכן, ר׳ משהלע ראַפּשיצער, איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זיין היים?

— איך וויל זיין ערלעך... — האָט וויקטאָר געפּרוּווט זוכן די פּאַסיקע ווערטער כדי אויסצוקלערן בערטען, אַז מ׳קען נישט פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר אַ רב מיט פּיאות, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל אין לעבן.

— איך פאַרשטיי נאָר אין אַלגעמיין, אַז עס ווערט געטון אַן עוולה קעגן אומשולדיקע מענטשן, איר פאַרשטייט, וואָס כ׳מיין, מאַדאַם בערטאַ...

— און איך פיל, ווי מ׳וואָלט מיך אַליין אַרויסגעוואָרפן פון מיין שטוב — האָט בערטע גערעדט האַסטיק ווי מורא האָבנדיק עפּעס צו־פאַרשפּעטיקן — דאָס איז דער אונטערשיד צווישן אונדז... און נישט דערפאַר ווייל איך בין בעסער פאַר אַנדערע, פיל איך אַזוי, נאָר ווייל איך ווייס, אַז מאָרגן וועט מען טון מיט מיר דאָס זעלבע, וואָס מען

האָט נעכטן געטון צו ר׳ משהלע ראַפּשיצער, און זיוקן וועט עס ווידער אָנגיין ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי...

— איז נישט פאַר זיוקן טו איך, נאָר פאַר אים, פאַר ר׳ משהלע ראַפּשיצער, דאָס זאָל ער וויסן, זיוק... איך קען פּשוט מער נישט קוקן אויף דער ווארעמער זופּ, וואָס מען גיט אים, ר׳ משהלען... טייל מאָל דאַכט זיך מיר, אַז אויך פאַר מיר וועט שוין סערווירט די דאָזיקע ווארעמע זופּ. דאָס איז אַלץ. און איצט לאָמיר זען וואָס עס איז דאָ צו טון.

וויקטאָר האָט גערעדט שטיל. ער האָט בערטען איבערגעגעבן די קאָנספּיראַטיווע פאַרבינדונגען און ער האָט באַוווּנדערט, ווי זי פּאַסט אַלץ אויף שנעל און גלייך.

— איך האָב גערעכנט — האָט זי צום סוף געזאָגט — נישט מער צוריקצוגיין צו דער אַרבעט אין אינטערנאַט, נאָר איצט וועל איך גיין, ווייל דאָרט וועלן אייערע מענטשן, וויקטאָר, קענען צו מיר אומגעשטערט טרעפן...

— עס איז אַ גוטער געדאַנק — האָט וויקטאָר איינגעשטימט — דאָרט קומען אַזוי פיל פרעמדע מענטשן, אַז עס דערוועקט נישט קיין פאַרדאַכט...

זיי זענען ביידע געבליבן שטיל. וויקטאָרס אויגן האָבן מיט אַ הייסן גלאַנץ אַרומגענומען בערטען.

זי איז די ערשטע פרוי, מיט וועלכער וויקטאָר פילט זיך נישט דרייסט. יעדעס מאָל באַשליסט ער ביי זיך:

— היינט. היינט מוז עס געשען.

און יעדעס מאָל האַלט עפּעס אַן אינערלעכע קראַפט אים צוריק. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געטראַכט און גערעדט וועגן דער שליחות פון קאָמענדאַנט, אָבער אין אמתן האָט ער זיך דאָך די גאַנצע צייט געגרייט צו דעם מאָמענט, ווען ער וועט בלייבן מיט בערטען אַליין. נאָר איצט האַלט אים ווייטער צוריק די אומדרייסטקייט פון אַ זעכצניעריקן שילער.

— בערטע — רייסן זיך זיינע אויגן צו איר לייב.

בערטע זעט וואָס עס קומט איצט פאַר מיט וויקטאָרן. זי זעט דעם געראַנגל צווישן ליידנשאַפט און אומדרייסטקייט אין וויקטאָרס אויגן.

דער הייסער באָגער פון אַ מאַן מאַכט האַסטיקער לויפן איר בלוט. אַ ווײַלע פאַלט איר איין:

— פאַר וואָס נישט?...

איר לײַב לעכצט נאָך אַ שטאַרקער מענערישער אומאַרמונג. זי פילט שוין אויף איר פּנים זײַן הייסן אָטעם.

בערטע מאַכט צו די אויגן. זי ווייסט, זי דאַרף נאָר מאַכן איין באַוועגונג און וויקטאָר וועט צופאַלן צו איר.

— פאַר וואָס נישט? — פרעגט בערטע זיך נאָכאַמאָל.

און זי דערזעט פאַר זיך פלוצלינג דניאלן, ווי ער ווישט די דיקע גלעזער פון זײַנע ברילן.

בערטעס לײַב ציט זיך צוריק. איר פּנים באַקומט זײַן רואיקן גלײַכגילטיקן אויסדרוק:

— אַ גוטע נאַכט, וויקטאָר — זאָגט זי שטיל — יאַנקל האָט אין דער הויך צוגעגרייט דאָס געלעגער...

וויקטאָר פאַרנויגט זיך טיף.

ער גייט מיט לאַנגזאַמע טריט אויף די שמאָלע טרעפּלעך וואָס פירן אויפן צווייטן גאָרן אין דעם קליינעם שטיבל, וואָס ער וועט הײַנט בײַנאַכט טיילן מיט יאַנקל שמייסער.

ער איז צופרידן, וויקטאָר, וואָס ער האָט מיט עטלעכע מינוט צוריק באַוויזן צו באַהערשן די אויפּברויזנדיקע לײַדנשאַפט, וואָס האָט, ווי אַ פלאַם, ארומגעכאַפּט זײַן לײַב.

ער האָט אַרויסגעפילט בערטעס וואַקלעניש. ער האָט געוווסט, אַז זי, בערטע, וואָלט איצט נישט געקענט זיך אַנטקעגנשטעלן.

דער אינסטינקט פון אַ מאַן האָט אים געטריבן:

— נוץ אויס די געלעגנהייט... אַזוי איז דאָס געזעץ פון לעבן...

נאָר אַ צווייט געפיל האָט ווי געפּענטעט וויקטאָרס באַוועגונגען. ער האָט געפילט, אַז ווען אפילו בערטע וועט זיך אים איצט אָפּגעבן, וועט זי אָבער זײַן ווײַט פון אים.

— זי באַלאַנגט נאָך צו אים, צו עפּשטיינען — האָט וויקטאָר געוווסט — און ווען זי וועט אפילו מיך צולאָזן צו זיך, וועט עס זײַן אַלץ צוליב אים, דניאלן...

און ער האָט אַנדערש געוואָלט האָבן בערטען. וויקטאָר האָט זיך דערמאָנט אָן דער שיינער יאַדוויגאַ:

— ניין, נישט אַזוי ווי יאַדוויגאַן וויל ער האָבן בערטען...

און ער ווייסט אויך, אַז בערטע וועט אים קיינמאָל נישט מוחל זיין דאָס אויסנוצן איר שוואַכקייט. ער קען בערטען, וויקטאָר. און ער ווייסט, אַז זי באַלאַנגט צו דעם טיפּ פרויען פאַר וועלכע מאָראַלישע ריינקייט איז ביי זיי אַן אינסטינקט און פאַר וועלכע עס עקזיסטירט נאָר איין מאַן, דער מאַן, וועמען זיי האָבן ליב.

און זי, בערטע, האָט נאָך ביז היינט נישט אויפגעהערט צו ליבן עפּשטיינען. דאָס האָט וויקטאָר היינט דערקענט אין אירע אויגן, דערקענט אין איר ליידנשאַפטלעכן וויכוח מיט עפּשטיינען און איר טראַגיקייט.

— זי וויל זיך באַפרייען פון אים, עפּשטיינען — האָט וויקטאָר געטראַכט, הויבנדיק זיך לאַנגזאַם איבער די שמאָלע טרעפּ, און זי פילט זיך נאָך אַלץ מער צוגעבונדן צו אים.

וועט זי זיך אַמאָל באַפרייען? וויקטאָר האָט נישט געוווּסט. דערפאַר אָבער האָט ער געוווּסט, אַז ער, וויקטאָר, וועט נישט אויפהערן אויף איר וואַרטן און זי באַגערן.

אין דעם קליינעם גאָרן־שטיבל האָט יאַנקל שמייסער אויפגענומען וויקטאָרן ווי אַן אַלטן פריינט.

אָפט מאָל זענען זיי ביידע געשלאָפן אין דעם שטיבל. אין די ערשטע טעג פון זייער באַקאַנטשאַפט האָט יאַנקל זיך באַצויגן מיט פאַרדאַכט צו זיין ביישלעפער, ער האָט באַטראַכט וויקטאָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט פון קאָפּ ביז די פיס און נישט געקענט זיך אַנטשליסן:

— די שוואַרצע, אַביסל צעפלאָשעטע באָרד איז אַ יידישע און גלייכצייטיק איז דאָ עפּעס פרעמדס, גויאישעס אין דעם דאָזיקן פּנים פון אַ ישיבה־בחור.

יאַנקל שמייסער האָט נישט ליב געהאַט קיין אומקלאָרקייטן. אַ גוי זאָל זיין אַ גוי און אַ ייד זאָל זיין אַ ייד. יוזעלס אָרט איז אין דעם קלויסטער און דער יידישער גאָט האָט זיין מקום אין בית מדרש. עס מוז זיין אַ גרענעץ צווישן ביידע. אַזוי האָט יאַנקל געוווּסט איז די

אָרדענונג אויף דער וועלט. וויקטאָרס גויאיש באַנעמען זיך און זיין יידיש פּנים האָט אין יאַנקל שמייסערס אויגן צעשטערט די דאָזיקע אָרדענונג. האָט ער דעריבער, יאַנקל, מיט וואַכסנדיקן פאַרדאַכט נישט אראָפּגעלאָזט פון אויג זיין שכן ביז איינמאָל האָט אים וויקטאָר א פרעג געטון:

— וואָס איז, יאַנקל?

יאַנקל האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און צוריקגעפרעגט:

— דער פּאַן איז אַ גוי צי אַ ייד?

וויקטאָר האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט:

— קודם כל, יאַנקל, בין איך נישט קיין „פּאַן", נאָר איך הייס וויקטאָר — און כדי צו זיין גוטע שכנים לאָמיר נעמען אביסל משקה.

וויקטאָר האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך אוןביידע האָבן געטרונקען לחיים.

אַזאַ ענטפער איז יאַנקלען געפעלן געוואָרן. אָבער צופרידנגעשטעלט האָט ער אים נישט. יאַנקל האָט געהאַט גוטע ברידער אויך צווישן שקצים. אָבער וויסן מוז ער וועהין איינער באַלאַנגט: צום גלח אָדער, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, צום רבין ר' משהלע ראַפּשיצער. וואָרום אין די לעצטע טעג האָט יאַנקל געזען דאָס יידישקייט פאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פון ר' משהלע ראַפּשיצער, וואָס האָט געוווינט אין דער צווייטער הייזקע.

וויקטאָר האָט אָנגעגאָסן נאָכאַמאָל צו גלעזלעך און געזאָגט:

— האָסט נישט ליב די גוים, זייער נישט ליב?

— כ'וועל זאָגן דעם פּאַן, כ'מיין, וויקטאָר — האָט יאַנקל זיך געכאַפּט, אז ער האָט שוין געטרונקען ברודערשאַפט מיט וויקטאָרן — ביז ערשט נישט לאַנג זענען זיי מיר געלעגן אין דער לינקער פּאה, די גוים...

— האָסט נישט געטראַכט וועגן זיי, יאַנקל?

— וואָס איז געווען צו טראַכטן, וואָס? וואָס זענען זיי מיך אָנגעגאַנגען די גוים? נאָר היינט קען איך אויף זיי נישט קוקן!...

יאַנקל האָט אַ בייל געטון זיין פויסט:

— א, ווען איך קריג זיי היינט אין מיין האַנט!... אַזעלכע שלעק, נאָר וועגן דעם טאָר איך נישט רעדן...

— מיט מיר מעגסטו רעדן, יאַנקל, עפּשטיין האָט מיר דערציילט...

— נו, אַז דו ווייסט, וויקטאָר, איז ווי זאָל איך זיי נישט פיינט האָבן, די גויים. געהערט אַ מעשה, דער פּאָניע מעג זיך כאַפּן צום מעסער און איך טאָר נישט! אַ יאַדעם אַזאַ!... אַ רוח אין זייערע גויאישע!...

— נו, און מיך, יאַנקל, האָסטו אויך פיינט?

— דיך, וויקטאָר? ביסט טאַקע, אַ גוי? — האָט יאַנקל זיך געפילט אַנטוישט.

— כ'וויים, האָט וויקטאָר געשמייכלט צו זיך — די גויים זאָגן, אַז איך בין אַ יידישער גוי...

— אַ יידישער גוי? — האָט יאַנקל געקוקט אַ דערשטוינטער אויף וויקטאָרן — וואָס הייסט אַ יידישער גוי?...

יאַנקל האָט ביז היינט פון יידישע גויים נישט געהערט. באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אָן די שבת־גויים, וואָס קומען אין די יידישע שטיבער איינהייצן שבת דעם אויוון און אויסלעשן דעם לאָמפּ. זאָל וויקטאָר זיין אַזאַ שבת־גוי?

— אָבער דו, וויקטאָר, ביסט דאָך נישט קיין שבת־גוי?...

— אָט, אָט, דאָס מיין איך טאַקע, שבת־גוי. אַזוי רופן זיי מיך, מיינע אייגענע קרובים.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די פריינטשאַפט צווישן וויקטאָרן און דעם שמייסער־יונג, יאַנקל פון גזשיבאָוו.

ליגנדיק ביינאַכט אין צוויי שמאָלע בעטלעך איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן האָט וויקטאָר דערציילט אים אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן, אַז אין אָנפאַנג איז יאַנקלען שווער געווען צו גלויבן. אַוודאי האָט יאַנקל אויפן גזשיבאָוו געהערט, אַז עס זענען דאָ „סיציליסטן", וואָס האַלטן מלחמה מיטן קיסר.

די אַלע רייד, זענען אים, יאַנקלען, ערשטנס, אין איין אויער אַריין און פון אַנדערן אַרויס. און, צווייטנס, האָט ער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז די דאָזיקע „סיציליסטן" זענען פונקט אַזעלכע מענטשן, ווי ער, מיט הענט און מיט פיס, און אַז זיי רעדן אַזוי, אַז אויך דער

שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו קען זיי פארשטיין. רעדן אז די אָרימע איז נישט גוט אויף דער וועלט; הגם קאָרן וואקסט גענוג אויף די פעל־דער, האָט אן אָרימאַן אָפט נישט צו עסן א טרוקן שטיקל ברויט.

יאַנקל האָט זיך גענוג אָנגעזען אָרימקייט מיט זיינע אייגענע אויגן. ביז איצט איז אים אָבער נישט איינגעפאַלן, אַז עס קען אַנדערש זיין. אַזוי ווי עס איז דאָ טאָג און נאַכט, אַזוי מוזן אויך זיין אָרימעלייט. יאַנקל האָט וועגן דעם צומאָל נישט געטראַכט. אַזוי איז ער געווען זיכער, אַז אַנדערש קען נישט זיין.

און פּלוצלינג אָבער הערט ער, אַז עס קען אַ נ ד ע ר ש ז י י ן. אַלע צרות קומען פון זיי, די פּאַניעס. זאָל מען נאָר די פּאַניעס אַרויס־טרייבן פון גזשיבאָוו און פון שילעץ און פון גאַנץ וואַרשע, דעמאָלט וועט זיין גוט פאַר דעם אָרימען מענטש.

יאַנקל טראָגט אַ בייז האַרץ אויף די פּאַניעס. זיי האָבן אים צו־גענומען ר' לוים צוויי קאַשטאַן־פערד. און צוליב זיי טאָר ער, יאַנקל, זיך נישט ווייזן אויפן גזשיבאָוו. און זיי האָבן אַרויסגעטריבן פון זיין שטאָט ר' משהלע ראַפּשיצער. און זיי מאַכן בלבולים אויף דעם רבין פון גער. ניין, ער, יאַנקל, האָט גאָרנישט דאַגעגן, אַז די אַלע פּאַניעס זאָלן ברעכן האַלדז און נאַקן און אַז ער זאָל קענען צוריקקומען צו זיין גזשיבאָוו.

נישט קלאָר איז אָבער געווען פאַר יאַנקלען ווי אַזוי וואַרפט מען דאָס אַרויס די פּאַניעס פון דער שטאָט און פון אַלע אַנדערע שטעט. זיי האָבן דאָך אַזוי פיל „וואָיסק" (מיליטער). היינט די קאָזאַקן און די זשאַנדאַרן און די פּאָליציי־לייט און די אָפיצירן און די גענעראַלער — ווער קען זיי דאָס גובר זיין.

— עס ווענדט זיך אין דיר, יאַנקל — האָט וויקטאָר געזאָגט.

— אין מיר?! — האָט יאַנקל שמייסער געמיינט, אַז וויקטאָר שפּאַסט.

— יאָ, אויך אין דיר, יאַנקל — האָט וויקטאָר גערעדט זייער ערנסט.

אַזעלכע רייד האָבן יאַנקלען פאַרדראָסן. ער איז טאַקע נישט מער ווי אַ בעל עגלה און וויקטאָר איז אַ „ציציליסט". פונדעסטוועגן קאַטאָ־וועס טרייבן פון זיך האָט יאַנקל שמייסער נישט ליב. וואָס הייסט, ער,

יאנקל, זאָל זיך פאַרמעסטן אויף די זשאַנדאַרן און אויף די קאָזאַקן און אויף די אַלע חיילות, וואָס קענען חרוב מאַכן א וועלט.

ער, יאַנקל, האָט געהאַלטן וויקטאָרן פאַר אַ מענטש מיט שכל, וואָס איז געגאַנגען „אין די קלאַסן” (אַ געבילדעטער). איז ווי האָט אים געקענט גאָר איינפאַלן אַזעלכע, זיי מיר מוחל, נאַרישע טראַכטענישן?

וויקטאָר האָט נאָר געשמייכלט, צוהערנדיק זיך צו יאַנקלס בייזערן זיך.

— דאָס איז דאָך דאָס אומגליק וואָס די אַלע „יאַנקלעך” ווייסן אַליין נישט זייער כוח.

אַזוי האָט וויקטאָר גערעדט צו יאַנקלען און אים געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז אייגנטלעך באַשטייט די גאַנצע וועלט פון אים, פון יאַנקלען. וואָרום ווער זענען די אַנדערע מענטשן? אפשר הייסן זיי „יאַן” צי „איוואַן”, אָבער אין דער אמתן זענען זיי די זעלבע, וואָס ער, יאַנקל. זיי כאַפּן אויך קלעפּ פון די זשאַנדאַרן, זיי מוזן זיך אויך אויסבאַהאַלטן צוליב פאַלשע בלבולים. זיי האָבן אויך מורא, ווי ער, יאַנקל, פאַר די פּיקעס פון די קאָזאַקן. און זיי פאַרגעסן, די אַלע יאַנקלעך און יאַנעס, און ווי זיי הייסן דאָרט, אַז ווען זיי נעמען זיך אַלע צוזאַמען זענען זיי שטאַרקער פאַר אַלע קיסרים, און אַלע גענעראַלן וואָלטן פאַר שרעק געפאַלן זיי צו די פיס.

— איצט פאַרשטייסטו שוין, יאַנקל, פאַר וואָס אַלץ ווענדט זיך אָן דיר און אָן מיר און אָן נאָך אַזעלכע פּשוטע מענטשן, ווי מיר ביידע.

פון אַזעלכע רייד האָט יאַנקלען שמייסער גענומען שווינדלען אין קאָפּ.

און שוין גאָר צעטומלט איז יאַנקל געוואָרן, ווען וויקטאָר האָט נאָך צוגעגעבן:

— און דו ווייסט נאָך, יאַנקל, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, — אויך זיי, די זשאַנדאַרן און די זעלנער זענען אויך אַזעלכע — יאַנקלעך...

— וואָס, די פּאַניעס? — האָט יאַנקל זיך צעקאָכט.

— צי פון זיי אַראָפּ די מונדירן, יאַנקל — האָט וויקטאָר גע־שמייכלט — און זיי וועלן זיין די זעלבע אָרימע מענטשן, וואָס האָבן מורא פאַר דעם זשאַנדאַר, נישט ווייניקער פאַר דיר און מיר...

## דוד פלינקער

— דו האָסט מורא, וויקטאָר?

— אוודאי האָב איך מורא. איך בין נישט אַנדערש ווי דו, יאַנקל. איך וויל אויך נישט גיין קיין סיביר. נאָר איך ווייס, אַז דאָס מורא האָבן וועט מיר גאָרנישט העלפן. נישט היינט, וועלן זיי מיך מאָרגן פּאַקן, די זשאַנדאַרן, אויב איך וועל גאָרנישט טון. דעריבער טו איך...

— וואָס טוסטו, וויקטאָר?

וויקטאָר האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. מעג ער צו אים רעדן, צו דעם דאָזיקן שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו, וואָס קוקט אויף אים מיט אַזעלכע אויפגעריסענע פון דערשטוינונג אויגן?

דאָס אָפענע ערלעכע פּנים פון יאַנקל שמייסער האָט וויקטאָרן באַרואיקט און ער האָט צו אים געזאָגט:

— ווייסט וואָס איך טו, יאַנקל? איך גיי צו די „יאַנקלעך" און צו די „יאַנס" און זאָג צו זיי: הערט אויף מורא צו האָבן. נעמט אײַך נאָר אַלע צוזאַמען און איר וועט זיין די שטאַרקסטע און מעכטיקסטע אין דער וועלט און איר וועט קענען די פּאַניעס פאַרטרייבן...

— וועט מען זיי טאַקע קענען פאַרטרייבן? — האָט יאַנקל איבער־געפרעגט.

— היינט קען מען מאַכן שנעלער ווי שטענדיק — האָט וויקטאָר גערעדט — זיי פירן היינט מלחמה, די פּאַניעס, און זיי כאַפּן קלעפּ... ניין, זיי זענען גאָרנישט אַזוי שטאַרק, ווי דו מיינסט, יאַנקל...

און וויקטאָר האָט צוגעגעבן:

— ווען דאָס וועט געשען, ווען די זשאַנדאַרן און די קאָזאַקן וועלן פונדאַנען אַרויסגעטריבן ווערן, דעמאָלט וועט אויך דיר, יאַנקל, זיין גוט. דעמאָלט וועלן די אָרימע יאַנס ווערן די באַלעבאַטים אין וואַרשע און זיי וועלן נישט טשעפּען און נישט שלעכטס טון די אָרימע יאַנקלעך פון גזשיבאָוו... פאַרשטייסט?

יאַנקל שמייסער האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך טיף פאַר־טראַכט. ניין. ער קען דערווייל נישט באַנעמען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געהערט. ער מוז עס ערשט גוט צעקייען.

יאַנקל שמייסער האָט געפּוצט און געקאָרמעט די צוויי פערד און

נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער האָט געהערט פון וויקטאָרן.

טײַלמאָל האָט ער זיך אויסגעשמועסט מיט די פערד, האָט זיי געפּרוּווט געבן צו פאַרשטיין:

— נו, גערירט זאָל ווערן, סוסים!... פון היינט אָן זאָלט איר האָבן דרך־ארץ פאַר יאַנקל שמייסער... ער איז נישט אַבי ווער, יאַנקל. איר האָט דאָך געהערט, סוסים, וואָס דער פּאַן וויקטאָר זאָגט... יאָ, יאָ, אַז יאַנקל שמייסער וועט נאָר וועלן, קען ער אָננעמען ביים קאַרק אַלע זשאַנדאַרן און קאָזאַקן און שיקן זיי צו אַלדי רוחות!... געהערט אַ מעשה — כע, כע, כע!...

יאַנקל שמייסער האָט געלאַכט. ווי קען מען נישט לאַכן, פאַר־שטעלנדיק זיך, אַז ער, יאַנקל פון גזשיבאָוו, טרייבט מיט זיין בייטש אַ גענעראַל, וואָס גייט אָנגעטון אין אַ רויט־בלויען מונדיר און ביי זיין זייט שלעפּט זיך נאָך אַ לאַנגע שווערד.

יאַנקל האָט זיך הויך צעלאַכט, פאַרענדיק זיך ביי די פערד. אָבער דער געדאַנק איז אים שוין פון קאָפּ נישט אַרויס. ער האָט נישט געהאַט פיל צו טון, יאַנקל, זייט ער איז פון גזשיבאָוו אַריבערגעקומען אין בערטעם הייזקע. האָט ער ביסלעכווייז זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון טראַכטן. אפשר קענען פאָרט די יאַנקלעך טון דאָס, וואָס וויקטאָר זאָגט?

ער האָט זיך דערמאָנט, יאַנקל, אָן דעם „סטאַיקאָווי“ (פּאָליציסט), וואָס שטייט טאָקע אין דער מיט פון גזשיבאָווער פּלאַץ און קאָמאַנדע־וועט מיט אַלע טרעגער און בעלי עגלות און משרתים פון גזשיבאָוו. ער, יאַנקל, געדענקט פון אַלע יאָרן דעם „סטאַיקאָווי“ און ער האָט שטענדיק געוווסט, אַז דער פּאָליציאַנט דאַרף שרייען און טופּען מיט די פיס און שלעפּן אין תפיסה, און אַז אַנדערש קען גאָר נישט געמאָלט זיין. נאָר איצט קומען יאַנקלען אין קאָפּ מאָדנע געדאַנקען:

— אוי, אוי, סאַרע יאָלדן מיר זענען אַלע, — טראַכט יאַנקל, — פאַר וואָס האָבן מיר אַלע זיך געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע פון דעם איינעם סטאַיקאָווי?... יאָ, ער האָט טאָקע אַ פּייפל און אויף זיין פּייף

וועלן זיך קומען אָנצולויפן אַלע פּאָליציי־לייט פון צירקל און פון אַלע גאַסן...

— אָבער ווי איז — פאַלט אים איין אַן אומגעריכטער געדאַנק, — אַז ווען איך האָב מיר אויך אַזאַ פייפל, און אויף מיין פייפן קומען אָן צולויפן אַלע מענטשן פון אַלע הייזער און פון אַלע גאַסן?...

יאַנקל שמייסער קען זיך נישט פאָרשטעלן דאָס בילד פון די אַלע מענטשן, וואָס קומען אָנצולויפן אויף זיין, יאַנקלס, פייף. עס איז אַזאַ גרויסע שוואַרצע מאַסע, אַז מען זעט אין איר נישט אַרויס די מונדירן פון די זשאַנדאַרן. הייסט עס דאָך, אַז ער איז גערעכט, וויקטאָר, האַ?...

יאַנקל שמייסער האָט איינמאָל, העלפנדיק בערטען אין שטוב, געפרוווט פאַר איר פאַרטרויען זיינע טראַכטעניש. בערטע האָט גע־שמייכלט. דער פאַרגלייך מיטן פייפל איז איר געפעלן. זי האָט אויפמערק־זאַם אויסגעהערט יאַנקלס פאַרפּלאָנטערטע רייד און פאַרשטאַנען זייער מיין:

— יאָ, יאַנקל, ווען דעם גייט עס דאָך צו קענען געבן אַזאַ פייף, אַז אַלע מענטשן זאָלן דערהערן. דעמאָלט וואָלט אַנדערש געווען, און דו וואָלסט נישט באַדאַרפט מורא האָבן צו קומען אויפן גזשיבאָוו...

יאַנקל איז געוואָרן אומרואיק. די טעג און נעכט האָבן אָנגעהויבן ווערן עפּעס אַזוי מוראדיק לאַנג. דאָס פאָרען זיך ביי די פערד האָט אים מער נישט באַפרידיקט. עס איז אים געוואָרן ענג אין בערטעס שטיבל אויפן גאָרן.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, האָט ער צעקייט וויקטאָרס ווערטער. נאָר קוים האָט ער זיי צעקייט, האָט ער מער זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. צאָרן האָט געיערט אין זיין אינגעווייד קעגן די, וואָס האָבן אים אַרויס־געטריבן פון גזשיבאָוו. און נישט בלויז צאָרן. עס איז אין אים אויסגעוואַקסן אַ ווילן זיך צו פאַרמעסטן מיט זיינע פיינט. ער האָט געוווסט, אַז וויקטאָר טוט דאָס שוין פון לאַנג. און ער, יאַנקל, האָט געוואָלט אים העלפן. נאָר וויקטאָר איז אַ צייט פאַרשוווּנדן פון וואַרשע. יאַנקל האָט געברענט פון אומגעדולד. עטלעכע מאָל האָט ער געפרעגט ביי בערטען:

— ווען קומט וויקטאָר?

— איך ווייס נישט — האָט בערטע אים געענטפערט מיט אַ שמייכל, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען זיין אומגעדולד — נאָר ער וועט קומען, וויקטאָר...

אין זיין שטיבל האָט יאַנקל אַ גאַנצן אָוונט געוואַרט אויף וויקטאָרן. ער האָט זיך מיט אים שוין באַגריסט אונטן אין בערטעס שטיבער, נאָר רעדן האָט ער געוואָלט, ווען זיי וועלן זיין אַליין.

וויקטאָר איז אַריינגעקומען אין שטוב אַ טיף פאַרטראַכטער. ער האָט געטראַכט וועגן בערטען און ווי נישט באַמערקט יאַנקלען.

— איך האָב שוין געבעט דאָס געלעגער — האָט יאַנקל געוואָלט ציען אויף זיך וויקטאָרס אויפמערקזאַמקייט.

— אַ דאַנק, יאַנקל, — האָט וויקטאָר לאַקאָניש געזאָגט, און ווי ווייטער נישט באַמערקט יאַנקלס אָנגעשטרענגטן בליק.

שווייגנדיק האָבן ביידע זיך געלייגט שלאָפן. וויקטאָר האָט אויס־געדרייט דאָס ליכט און אַ פינצטערניש האָט ארומגענומען דאָס שטיבל.

יאַנקל האָט זיך אַן אומרואיקער געדרייט אויף זיין שמאָל בעטל. ער ווייסט נישט וואָס, נאָר עפּעס לאָזט אים נישט שלאָפן אין דער לעצטער צייט. און ווען ער שלאָפט איין, וועקט ער זיך טיילמאָל אויף אַ באַנאָסענער מיט שוויים. עס דאַכט זיך אים, אַז דער פּאָליציימאַן אויפן גזשיבאָוו וויל ביי אים אַרויסרייסן פון האַנט דאָס פּייפל, און ער, יאַנקל, ראַנגלט זיך מיט אים.

יאַנקל האָרכט זיך איין אין דעם אָטעם פון וויקטאָרן אין דעם בעטל אַנטקעגנאיבער.

ער הערט ווי וויקטאָר דרייט זיך אין דער פינצטער פון איין זייט אויף דער אַנדערער:

— וויקטאָר... — זאָגט יאַנקל שטיל.

— וואָס איז, יאַנקל?

— איך, איך — רעדט יאַנקל נישט דרייסט — וויל צוהעלפן... איך מוז, איך קען מער נישט אַזוי דאָ זיך ארומדרייען...

— וואָס איז געשען, יאַנקל? — שמייכלט צו זיך וויקטאָר אין דער פינצטער.

— איך ווייס אַליין נישט, וויקטאָר, — פּרוווט יאַנקל פון זיינע טיפּעניש׳ן אַרויסצובאַקומען די געהעריקע ווערטער, — כ׳ווייס אַליין נישט, וואָס עס איז געשען. נאָר עפּעס צעטראַגט מיך. און ווען איך טרעף אַ פּאַניע...

— אַזוי טאָר מען נישט, יאַנקל... מען מוז גיין זייער פּאָרזיכטיק...

— כ׳ווייס, כ׳ווייס — דערשרעקט זיך יאַנקל, אַז ער מיט זיינע אומגעלומפּערטע רייד האָט אָפּגעשטויסן פון זיך וויקטאָרן — כ׳וועל טון אַלץ, וואָס מ׳הייסט...

וויקטאָר איז צופרידן.

— די פּשוטע יידן פרעגן נישט אַזוי פיל פראַגן, ווי עפּשטיין — טראַכט וויקטאָר — דער קאָמענדאַנט איז גערעכט, מען דאַרף לאָזן צו רו די יידישע אינטעליגענטן און ווענדן זיך צום פאָלק, צו די אַלע יאַנקלעך...

אַ ווײַלע דערפילט זיך עפּעס וויקטאָר נישט גוט. נאָר איך אים נישט, דעם יאַנקל? בין איך טאַקע אַזוי זיכער, אַז ווען די זשאַנדאַרן פון צאַר וועלן פאַריאָגט ווערן, וועלן זיינע זשאַנדאַרן בעסער זיין צו יאַנקלען?...

וויקטאָר טרייבט אַוועק פון זיך די געדאַנקען. מ׳דאַרף זיך לערנען פון אים, פון זיוקן, פון קאָמענדאַנט. אַלע זייטיקע זאַכן און ספקות און אינטעליגענטישע קווענקלעניש׳ן מוזן אָפּטרעטן אָן אַ זייט פאַר דעם גרויסן ציל. לאָמיר פריער זיין די באַלעבאַטים דאָ. און שפּעטער וועט צייט זיין אַ טראַכט צו טון וועגן אַלעם איבעריקן.

— איך וועל איבערעדן מאָרגן מיט דער מאַדאַם בערטע — האָט וויקטאָר געזאָגט.

— מיט מאַדאַם בערטע? — האָט יאַנקל איבערגעפרעגט — און צוגעגעבן — טאָמער נישט גיי איך אַוועק פון דאַנען...

פון דער נאַכט אָן איז יאַנקל שמייסער צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט.

בערטע איז געווען פון אים צופרידן.

ער קען נישט בלויז אַרבעטן — האָט זי גערעדט צו וויקטאָרן — נאָר אויך שווייגן.

בערטע האָט איצט נישט געוווּסט פון קיין שום זאַך אויסער איר אַרבעט. זי האָט געפּיבערט פון אומרו און טײלמאָל האָט וויקטאָר זיך פאַר איר געשראָקן:

— זי וויל עפּעס פאַרטומלען אין זיך, פאַרדרענגען... — האָט ער מיט באַזאָרגטע בליקן נאָכגעפאָלגט בערטען.

בערטע האָט אויך נישט איבערגעריסן איר אַרבעט אין אינטערנאַט. די אַרבעט איז פאַר איר געווען אַ דעק־מאַנטל פאַר דער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט. זי האָט איצט גערן פאַרבראַכט מיט אירע פריינדינס אין די ווייסע פאַרטעכער און האָט אונטערגעהאַלטן זייערע נאַרישע שמועסן. דאָס האָט איר געגעבן אַ געלעגנהייט פון צייט צו צייט זיך צו טרעפן מיט וועמען זי דאַרף פאַר אַלעמענס אויגן און נישט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט.

אַמאָל פלעגט צו איר אויף אַ ווײַלע צוקומען אַ קראַנקן־שוועסטער, רעדן מיט איר וועגן דעם קראַנקן קינד, וואָס ליגט אין בעט, און דערבײַ מיט אַ קוים הערבאַרער שטימע איבערגעגעבן וואָס מען דאַרף.

און אַ צווייט מאָל איז עס געווען אַן אָרימער ייד, וואָס איז כלומרשט געקומען צו איר בעטן הילף און אַמאָל אַ טרעגער מיט אַ פּעקל אַלטע זאַכן...

בערטע האָט מיט זיי אַלע גערעדט מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט און רואיקייט, אַז עס האָט קיינעם נישט געקענט קומען אויפן געדאַנק דער ווייטסטער פאַרדאַכט. אפילו לאַניאַן האָט בערטע מער נישט אויסגעמיטן. עס האָט איר הנאה געטון, וואָס לאַניאַ פילט זיך עפּעס נישט באַקוועם, און קוקט אויף איר, בערטען, מיט פאַרשולדיקטע אויגן.

בערטע האָט גלייכגילטיק געשמייכלט. איר שמייכל האָט געזאָגט:

— איך האָב איצט אויפן קאָפּ וויכטיקערע זאַכן, ווי די נאַרישע ווייבערישע זאָרגן...

אין די אָוונטן האָט זיך ביז שפּעט בײַנאַכט געלויכטן אין בערטעס שטוב. מענטשלעכע געשטאַלטן האָבן זיך אין דער פינצטערניש פון דאָרט אַרויסגעשלייכט. זיי זענען נישט געקומען פון דער גאַס, נאָר דורך דעם גאָרטן פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער האָבן זיי זיך אַריינגערוקט צו בערטען אין הויף.

דעם וועג האָט אויסגעפונען יאַנקל שמייסער. פון ר' משהלע ראַפּ־שיצערס הויף, פון הינטן, איז געווען אַן אָפּענער וועג צום פעלד, און מיט עטלעכע שפּרינג, איז מען צוגעפאַלן צו אַ וועלדל. האָט יאַנקל שמייסער די שפּעטע נאַכט־געסט אויף דעם וועג אַרויסגעפירט פון בערטעם שטוב.

דעם רבינס הייזל איז אין די נאַכט־שעהען געווען איינגעזונקען אין רואיקן שלאָף. די אַלטע רביצין האָט פרי זיך געלייגט אין בעט און אויך ביי ר' ברוך שמש האָבן די אויגן פרי זיך גענומען קלעפּן. זיי האָבן נישט געזען די שאָטנס, וואָס שלייכן זיך ביינאַכט.

ר' משהלע ראַפּשיצער אַליין איז פון צייט צו צייט אַרויסגעקומען אויף דער וועראַנדע פון זיין הייזקע אין די שפּעטע נאַכט־שעהען. טייל־מאָל איז ער שעהענלאַנג געשטאַנען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט. און טיילמאָל האָט ער זיינעביידע הענט אויסגעשפּרייט פאַר זיך און זיין מויל האָט היים געפּליסטערט, ווי עמיצער וואָלט לעבן אים געשטאַנען און אויסגעהערט זיינע רייד.

און אַמאָל האָט דער גוף פון ר' משהלען זיך צעשאָקלט אַרויף און אַראָפּ און זיינע הענט האָבן געמאַכט אַזעלכע שטורמישע באַוועגונגען, ווי זיי וואָלטן עמיצן געוואָלט צוהאַלטן און נישט אַוועקלאָזן פון זיך.

די ערשטע צייט האָבן די ביינאַכטיקע געסט, וואָס יאַנקל האָט געפירט צום פעלד, זיך דערשראָקן פאַר דער אויסטערלישער געשטאַלט פון ר' משהלע ראַפּשיצער. נאָר יאַנקל האָט זיי בארואיקט. עס איז אַ הייליקער מאַן, האָט ער צו זיי געזאָגט, וואָס דאַוונט גאַנצע טעג און נעכט און מער גייט אים נישט אָן.

האָבן זיך בערטעם געסט מיט דער צייט צוגעוווינט צו דער גע־שטאַלט פון דעם רבין, וואָס שטייט אינמיטן דער נאַכט מיט פאַרשלאָ־סענע אויגן און טענהט זיך אויס מיט עפּעס אַזעלכע באַשעפענישן צי־גייסטער, וואָס נאָר ער אַליין זעט זיי.

בייטאָג פלעגט יאַנקל שמייסער ווי פריער אַריינקומען אין דער־הייזקע פון רבין, גיין אַ גאַנג פאַר דער אַלטער רביצין און טון די־שליחותן פון ר' ברוך שמש.

## אין שטורעם

נאָר אָממערסטן האָט ער ליב געהאַט צו קוקן אויף דעם שווייגנדיקן ר׳ משהלע ראַפּשיצער, וועלכער שאָקלט זיך שטענדיק איבער אַ גרויסע אָפענע ספרים און ברומט זיך צו אַ שטילן ניגון.

טייל מאָל האָט יאַנקלען אָנגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג צו פרעגן דעם רבין מיט וועמען ער טענהט זיך דאָס אויס ביינאַכט אין דער צייט, ווען אַרום זעט מען נישט קיין לעבעדיקן נפש.

ער איז אָבער נישט געווען דרייסט, יאַנקל, צו פרעגן. און ער האָט מורא געהאַט אויך. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ר׳ נאָסקען פון גער, וועלכער שמועסט זיך ביינאַכט אויס מיט די מתים. ווי ליפּע איטשעלע גרונמם האָט אים פאַרזיכערט. איז ווער ווייסט, צי ר׳ משהלע ראַפּשיצער האָט אויך נישט קיין מחזקות מיט יענע לייט?...

אַ שוידער איז דורכגעלאָפן יאַנקלען שמייסער פון דעם געדאַנק. מיט יענע לייט, מיט מתים, וויל ער, יאַנקל, נישט האָבן צו טון, און ער וועט מורא האָבן ביינאַכט צו קומען אין רבינס גערטנדל.

עס איז אים קאַלט געוואָרן פון דעם בלויזן געדאַנק און כדי צו פאַרטרייבן אַזעלכע מחשבות, איז ער צו צו דער אַלטער רביצין און געפרעגט:

— אפשר עפּעס ברענגען פון געוועלב?

נאָר די רביצין האָט געדאַוונט פון גרויסן קרבן מנחה־סידור און נישט געטאָרט אויסרעדן. דערפאַר האָט איר ר׳ ברוך שמש געשיקט נאָך אַ פּערטעלע אַקאַוויט. צופיל טראַכטן האָט אָבער יאַנקל סיי ווי קיין צייט נישט געהאַט. בערטע האָט נישט גערוט, און מיט איר אימפּעט מיטגעריסן דעם שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו.

## קאפיטל 18

# גרעפישע געסט אין בערטעס הייזקע

דער גראף יאן בראניצקי איז געווען ביים פרישטיק אין א זייער גוטער שטימונג, ווי שטענדיק, ווען ער האט געהאט עפעס נייעס צו דערציילן.

— וויסט, מיין טייערע — האט ער געשמייכלט צו זיין פרוי — די „רויטע” אונדזערע זענען גארנישט אזוי שרעקלעך, ווי מיר שטעלן זיך פאר...

— איך בין געווען זיכער, אז דיינע סימפאטיעס, יאן, זענען גע־ווענדט אין אן אנדער ריכטונג — האט די גרעפין יאדוויגא איראניש צוגעווארפן.

— אונדזערע סימפאטיעס, האסטו, מיין טייערע, ווארשיינלעך גע־מיינט צו זאגן — איז א קוים באמערקבארער שמייכל דורכגעלאפן איבער דעם לענגלעכן געזיכט פון גראף יאן — אבער נעכטן האב איך זיך איבערצייגט, אז אויך אונדזערע „רויטע” זענען נישט אזוי ווייט פון אונדז...

די גרעפין יאדוויגא האט געשוויגן. זי האט געוווסט, אז איר מאן מוז צו יעדער פליאטקעלע צוגעבן אן הקדמה.

דער גראף יאן האט גלייך געמאכט דעם מאנאקל אין אויג און אויף זיינע דינע ליפן האט געשוועבט א שמייכל, ווען ער האט צוגעגעבן:

— איך בין נעכטן אין אוונט געווען ביי די טשעטווערטינסקיס און דארט געטראפן נישט קיין אנדערן ווי אונדזער וויקטארן...

דער גראף יאן איז אנטשוויגן געווארן. ער האט געוווסט, אז ער

האָט איבערראַשט זיין פרוי מיט דער מיטטיילונג, אַז וויקטאָר איז אין וואַרשע. און ער איז נייגעריק געווען צו זען דעם איינדרוק וואָס זיינע ווערטער וועלן מאַכן אויף דער שיינער יאַדוויגאַ. ער איז נישט געווען אייפערזיכטיק, דער גראַף. אַזוי לאַנג, ווי עס קומט נישט צו אַ סקאַנדאַל, גייען אים וויניק אָן יאַדוויגאַס ליבע־שפּילערייען. ער איז נאָר געווען נייגעריק צו וויסן פון יאַדוויגאַס ליבעס, פּונקט ווי ער האָט געוואָלט וויסן אַלץ פון די אַוואַנטורעס פון אַלע זיינע אַנדערע פריינט און באַקאַנטע.

יאַדוויגאַ איז געבליבן זיצן מיט אַן אויסערלעך רואיקן שמייכל:

— איך האָב נישט געוווּסט דערפון — האָט זי גלייכגילטיק געזאָגט.

יאַדוויגאַס כלומרשטע גלייכגילטיקייט האָט אָבער נישט פאַרפירט דעם גראַף יאַן. דער מאָנאָקל אין זיין אויג האָט זיך געטון אַ הויב אַרויף און אַראָפּ, ווי שטענדיק, ווען זיין באַזיצער איז געווען פון עפּעס באַזונדערס צופרידן. פאַר דעם גראַף איז געווען גענוג צו זען דעם קורצן בליץ אין זיין ווייבס אויגן, כדי צו פאַרשטיין, אַז דאָס מאָל איז נישט זי, יאַדוויגאַ, געווען די זיגערין.

ער האָט שוין זינט לאַנג אַרויסגעפילט, אַז עפּעס וואָס איז פאָר־געקומען צווישן יאַדוויגאַן און וויקטאָרן. נאָר איצט האָט ער פון זיין ווייבס כלומרשטער גלייכגילטיקייט אַרויסגעלייענט, אַז דאָס מאָל איז נישט וויקטאָר, נאָר זי, יאַדוויגאַ, געווען די אָפּגעשטויסענע.

דער גראַף יאַן האָט דערפילט אַ מאָדנע צופרידנקייט, און ער האָט זיך ברייטער צערעדט:

— וויקטאָר האָט נעכטן געשיינט צו זיין זייער צופרידן און האָפערדיק. ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די לעגיאָנען און דעם קאָמענדאַנט.

— דעם קאָמענדאַנט? — האָט יאַדוויגאַ איבערגעפרעגט נישט אָן פאַרוווּנדערונג.

— יאָ, דער קאָמענדאַנט — האָט דער גראַף זיך צעשמייכלט — אַזוי רופט ער זיך איצט דער פירער פון אונדזערע רויטע, פּילסודסקי, און דער דאָזיקער טיטול געפעלט, ווי מיר דאַכט זיך, גאָר שטאַרק וויקטאָרן. אָבער נישט דאָס איז וויכטיק. אינטערעסאַנט זענען פאַר מיר

געווען וויקטאָרס אַנצוהערעניש, אַז זיין קאָמענדאַנט איז גאָרנישט אַזאַ אַריסטאָקראַטיע־פרעסער, ווי מיר האָבן געמיינט. פאַרקערט. פון וויקטאָרס רייד איז אַרויסגעקומען, אַז ער, דער קאָמענדאַנט, האָט פון שטענדיק אָן הויך אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון אונדזער אַריסטאָקראַטיע און אַז, לויט זיין מיינונג, וועלן מיר פאַרנעמען דאָס געהעריקע אָרט אין דעם נייעם פוילן...

— איך גלויב נישט, אַז גענעראַל יאַנושקעוויטש וואָלט געווען באַגייסטערט דאָס צו הערן... — האָט יאַדוויגאַ צוגעוואָרפן מיט אַ פיל־זאָגנדיקן שמייכל.

— געוויס, — האָט גראַף יאַן לאַנגזאַם געזופּט זיין קאַפע — נאָר איך גלויב, אַז דער סימפּאַטישער גענעראַל דערציילט אונדז אויך נישט אַלץ, וואָס ער ווייסט און מיר דאַרפן זיין באַוואָרנט פון אַלע זייטן און גרייט זיין צו אַלע מעגלעכקייטן.

— זיין גרייט אויך צו דער מעגלעכקייט — האָט די גרעפין יאַדוויגאַ בייסיק באַמערקט — אַז דו וועסט דאַרפן דריקן די האַנט פון זייערע זשידאָווסקע פריינט.

— דאָס טוען מיר שוין פון לאַנג — האָט דער גראַף יאַן זיך פונאַנדערגעלאַכט — און דערמיט זענען מיר נישט קיין אויסנאַם. צו די ראָטשילדס אין פאַריז און לאָנדאָן קומען הײַנט פרינצן; נו, און ביי אונדז הייסן זיי קראַנענבערגס און עפּשטיינס...

דער נאָמען עפּשטיין האָט זיך צופעליג אַרויסגעגליטשט פון גראַפס מויל. אָבער פאַר יאַדוויגאַן איז דער נאָמען געווען אַ פאַרסמטע פייל, וואָס האָט אויפגעריסן אַ באַהאַלטענע ווונד.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די דאָזיקע יידישקע, בערטע עפּשטיין, האָט ביי איר אַוועקגענומען וויקטאָרן. זי, יאַדוויגאַ, האָט אפילו נישט געוווּסט, אַז וויקטאָר איז אין וואַרשע. טיף אין האַרץ האָט יאַדוויגאַ נישט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז וויקטאָר וועט צוריקקומען צו איר, אַז ער וועט פאַלן צו אירע פיס און בעטלען פאַרגעבונג. אָבער ער האָט זיך אַפילו פאַר איר נישט געוויזן.

— ער איז ביי איר — איז אַ פלאַם דורכגעלאָפן יאַדוויגאַס פּנים.

— יאָ, ביי איר, ביי דער דאָזיקער בערטע...

— איך מוז זי זען, איך מוז... — האָט יאַדוויגאַ געפּילט, אַז זי וועט נישט רוען, ביז זי וועט זיך נישט טרעפן אויג אויף אויג מיט איר ריוואַלין. און זי האָט מיט כלומרשט גלייכגילטיקן שמייכל זיך אָנגע־רופן:

— דו רעדסט אַזוי פיל וועגן די עפּשטיינס, אַז דו מאַכסט מיך נייגעריק...

— דאָס פאַרגעניגן קען איך דיר נאָך היינט פאַרשאַפן — האָט דער גראַף פאַרשנדיק אָנגעשטעלט אויף יאַדוויגאַן זיין מאָנאָקל — איך האָב אויף היינט אַן איינלאַדונג צו עפּעס אַ פייערלעכקייט אין זייערס אַ קינדער־אַנשטאַלט. עס איז מיר נישט איינגעפאַלן צוגיין, נאָר, אויב דו ווילסט, קענען מיר אַהינגיין אויף עטלעכע מינוט... זיי וועלן דיך זייער גוט אויפנעמען, די אַלע עפּשטיינס... זיי זענען מוראַדיקע דע־מאָקראַטן, די יידן. פונדעסטוועגן חלשן זיי צו חברן זיך מיט אַ גראַף... העהעהע!...

— אָבער וואָס וועלן מיר דאָרט זען? — האָט יאַדוויגאַ געפרעגט כלומרשט וואַקלענדיק זיך און האַלב איבערגעשראָקן, טראַכטנדיק: — גאָט מיינער, ווען עמיצער דערוויסט זיך, אַז איך יאָג זיך עפּעס נאָך אַ יידישקע בערטע!...

פון דעם בלויזן געדאַנק האָט יאַדוויגאַ אויפגעשווידערט. אַלע אירע פריינדינס וואָלטן זיך דאָך געהאַלטן ביי די זייטן, דערוויסנדיק זיך, אַז עפּעס אַ יידישקע האָט ביי איר, יאַדוויגאַן, צוגענומען איר געליבטן.

און זי האָט מיט אַן אויסדרוק פון אומווילן געזאָגט:

— עס וועט דאָרט זיין שרעקלעך לאַנגווייליק, נישט וואָר?

— לאַנגווייליק? — האָט דער גראַף יאַן געשמייכלט — דאָס גראָד נישט. איך וויל זיך אויסגעצייכנט, צוקוקנדיק זיך צו די דאָזיקע רייכע יידן, ווי זיי באַמיען זיך צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַלטגעבוירענע אַריס־טאָקראַטן...

און דער גראַף האָט צוגעגעבן:

— און אויב מיר וועלן האָבן מזל, קענען מיר אפילו האָבן אַ גרויסאַרטיקע פאַרווײַלונג...

— וואָס איז?

אויף דער לעצטער זיצונג פון באנק־ראט — האט דער גראף יאן צו זיך א לאכל געטון — האט עמיצער דערציילט, אז עפשטיינסביידע פרויען ארבעטן אין דעם אנשטאלט און אויב עס זאל אונדז אפגליקן, קענען מיר זיי ביידע דארט טרעפן...

— א, דאס וואלט ווערט געווען צו זען! — האט יאדוויגא מיט־געלאכט — איז ווען גייען מיר?

דער גראף יאן האט א קוק געטון אויפן זייגער:

— איך מיין, אז איצט איז די ריכטיקע צייט.

מיט א האלבער שעה שפעטער האט גראף יאן בראניצקי געהאלפן אויסשטייגן זיין פרוי פון דער קארעטע, וואס האט זיך אפגעשטעלט פאר דער געביידע פון יידישן קינדער־אנשטאלט.

— מיר האבן גליק — האט דער גראף שטיל א זאג געטון צו זיין פרוי — אט איז ער, עפשטיין...

אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן איז געשטאנען עפשטיין און עפעס נערוועז איינגעטענהט מיט א הויכן ברייטביייניקן יונגן מענטש.

די גרעפין יאדוויגא איז געווען נייגעריק צו זען דעם ייד, וואס האט אוועקגעווארפן די פרוי, וואס האט ביי איר צוגענומען וויקטארן.

זי האט זיך אויף א ווײַלע פארהאלטן ביים טויער, שטייענדיק הארט הינטער עפשטיינען.

— וואס טוסטו דא, יאנקל? — האט עפשטיין גערעדט מיט א געבייזער.

— איך, איך... האט יאנקל זיך פארענטפערט — וויקטאר, האט מיך געשיקט צו דער מאדאם בערטע. ס'איז דרינגנד, האט ער געזאגט...

אן דער גרעפין יאדוויגאס אויערן האבן זיך אנגעשלאגן נאר די נעמען פון וויקטארן און בערטען. אבער דאס איז געווען פאר איר גענוג.

זי איז שנעל אריין אין טויער און אריינקומענדיק אין גרויסן זאל, וואס איז געווען פול מיט מענטשן, האט יאדוויגא געהאט צייט זיך צו באהערשן.

דער גראף יאן האט ריכטיק געזאגט. די „דייטשן" פון דאזארם שטיבל האבן גרויס כבוד אפגעגעבן די חשובע געסט און געטון אלץ זיי צו ווילן.

יאַדוויגאַ האָט געבערענט פון אומגעדולד.

— ווו זענען זיי, עפּשטיינס צוויי ווייבער...

דער גראַף יאַן האָט מיט זיין מאָנאָקל אויפמערקזאַם זיך ארומ־געקוקט און זיך פארנויגט פאר א יונגער פרוי, א באשיידן געקליידעטער:

— בערטע— האָט ער איינגערוימט, צובויגנדיק זיך צו זיין פרוי.

— באקען מיך מיט איר — האָט יאַדוויגאַ שטיל צו אים א זאָג געטון.

און נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער זיך געלאָזט אין דער ריכטונג, ווו בערטא איז געשטאַנען.

— ווייבערישע נייגעריקייט — האָט גראַף יאַן צו זיך פילאָזאָפיש א זאָג געטון, און פאַרגעשטעלט ביידע פרויען איינע פאר דער אנדערער.

יאַדוויגאַ איז געווען זייער ליבנסווירדיק. זי האָט ביי בערטען גע־פרעגט וועגן די קינדער אין אנשטאַלט און אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו אַלעם, וואָס בערטע האָט איר געזאָגט.

זי האָט אויך געוואָלט וויסן, יאַדוויגאַ, ווי עס געפעלט איר, בער־טען, די אַרבעט ביי די קינדער און צי די אַרבעט איז נישט צו שווער.

— איך בין געוווינט צו אַרבעטן — האָט בערטע גערעדט פריי און איינפאך — עס איז מיר נישט שווער, אביסל נישט באקוועם איז נאָר, וואָס איך וווין וויטלעך...

— ווו וווינט איר? — האָט יאַדוויגאַ געפרעגט.

יאַדוויגאַ האָט אָנגערופן דאָס הינטערשטאָטישע געסל, ווו איר הייז־קע געפינט זיך און צוגעגעבן:

— עס איז דאָרט זייער אנגענעם, נאָר די קאָמוניקאציע איז נישט קיין באקוועמע.

— ווירקלעך, — האָט יאַדוויגאַ איינגעחזרט אין געדעכעניש בער־טעס אדרעס.

— איבערהויפּט אין דער צייט פון קריג — האָט בערטע ווייטער גערעדט — אָט צום ביישפּיל איצט דארף איך זיין שנעל אינדערהיים, און כ'וויים נישט, ווען כ'וועל באווייזן אהיימצוקומען.

— זי איילט זיך צו וויקטאָרן!... — איז יאַדוויגאַן דורכגעלאָפן א געדאנק און זי האָט הויך געזאָגט:

— גראד דארפן מיר זיין אין דער געגנט און איר וועט דאָך געווים אונדז נישט אָפּזאָגן דאָס פאַרגעניגן אייך צוצופירן...

דעם גראַף יאַן איז פאַר איבעראַשונג דער מאָנאָקל שיער נישט אַרויסגעפאַלן פון אויג, דערהערנדיק יאַדוויגאס פּאָרשלאַג. אָבער ווי אַ גוט־דערצויגענער דזשענטעלמען האָט ער בלויז געזאָגט:

— געווים וועט איר אונדז נישט אָפּזאָגן דאָס פאַרגעניגן.

— איך וואָלט אייך נישט געוואָלט שטערן — איז בערטען נישט געווען צו דער האַנט דער פּאָרשלאַג פון די בראָניצקים.

— אַך, איר וועט אונדז נישט שטערן — האָט יאַדוויגא נאָך מער אָנגעהאַלטן — מיר איילן זיך אויך. ריכטיק, מיין טייערער? — האָט יאַדוויגא גענומען פאַר אַן עדות איר מאַן.

עס וועט פאַר אונדזווירקלעך זיין אַ פאַרגעניגן — האָט דער גראַף יאַן געענטפערט און אין זיך געטראַכט: — גוט, וואָס מיר פאָרן אין אַ פּאַר־מאַכטער קאַרעטע און קיינער וועט נישט זען, אַז מיר פאָרן מיט אַ יידישקע...

דער גראַף יאַן בראָניצקי האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען. ער פאַרשטייט זי נישט היינט, יאַדוויגאַן. אויף וואָס ווייבער זענען אַלץ פּעאיק צוליב אַ קאַפּריז, האָט ער געטראַכט, קוקנדיק ווי יאַדוויגא נעמט אונטערן אָרעם בערטען און גייט מיט איר צום אַרויסגאַנג, ווי מיט אירס גלייכן.

דער גראַף יאַן בראָניצקי איז נאָכגעגאַנגען די צוויי פרויען, האָט געשמייכלט אויף לינקס און רעכטס צו די רייכע „דייטשן", מיט וועלכע ער טרעפט זיך אויף סעסיעס אין די בענק און נישט אויפגעהערט צו זיך צו רעדן:

— כ'וועל איר אויפמערקזאַם מאַכן, יאַדוויגאַן, אַז אַזעלכע זאַכן שיקן זיך נישט, עפּעס אַנדערש איז צו רעדן מיט די דאָזיקע יידן אין באַנק און נעמען פון זיי געלט, און עפּעס אַנדערש איז צו באַערן מיט אַ באַזוך אַמאָל זייערס אַן אַנשטאַלט, אָבער פאָרן מיט זיי אין איין קאַרעטע!...

אין פּאָדערהויז האָט יאַדוויגא געוואַרט, ביז וואַנען בערטע איז אַוועק אין גאַרדעראָב נעמען איר מאַנטל און אין דער צייט האָט דער

גראף יאן זיך נישט געקענט צוריקהאלטן נישט א זאָג צו טון צו זיין פרוי:

— איך פארשטיי דיך היינט ווירקלעך נישט...

נאָר זי האָט בלויז אָפּגעענטפערט מיט א שמייכל:

— די גרעפין יאדוויגא מעג זיך דערלויבן אויף אַלעם.

דער גראף יאן בראַניצקי האָט געמוזט פאר זיך אליין מודה זיין, אז יאדוויגאס ענטפער האָט אויף אים אימפּאָנירט. יאָ, זי איז ווירקלעך די גראנד דאמע, וואָס מעג זיך דערלויבן אויף אַלעם.

געזעצן, געזעלשאפטלעכע מאנירן, מאָראַל און מנהגים פארפליכטן נאָר די מאַסע. די אמתע אַריסטאָקראַטן שטייען העכער פאר די אַלע זאַכן. זיי אַליין שאַפן די געזעצן און די מאנירן און די מנהגים, און עס איז נישטאָ קיינער, וואָס קען זיי זאָגן, וואָס עס פּאַסט אָדער פּאַסט נישט צו טון.

דער גראף יאן האָט מיט ווירדע זיך גלייך געמאכט דעם מאַנאָקל אין אויג און מיט א מינע פון א הויף־קאַוואַליר באַגלייט די צוויי דאמען צו דער קארעטע ווי זיי וואָלטן געווען פרינצעסינס פון קעניגלעכן הויף.

פונדעסטוועגן האָט ער פאררוקט די פענצטערלעך פון דער קארעטע מיט די קליינע זיידענע פאָרהענגלעך:

— וואָס דארף יעדער זען — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק ווי יאדוויגא איז אַזוי פריינטלעך צו דער ידישקע.

און יאדוויגע איז געווען וואָס אַמאָל מער ליבנסווירדיק:

— מיט וואָס האָט זי אים גענומען, וויקטאָרן? — האָט זי גע־טראַכט — מיט אירע נארישע גרינע אויגן? מיט דעם פּנים וואָס מ׳קען צומאָל נישט זאָגן, אז עס איז שיין?...

מיט גרויס פארגעניגן וואָלט זי, יאדוויגא, איצט מיט אירע פויסט־לעך געקלאַפּט איבער דעם פּנים פון דער ידישקע, פונקט, ווי זי האָט אלס קינד געטון מיט אירע ליאַלקעס, ווען זיי האָבן זיך מיט עפּעס פאַר איר פאַרזינדיקט. זי וואָלט פון בערטען אַראָפּגעריסן די קליידער ווי זי פלעגט עס טון מיט די ווידערשפּעניקע ליאַלקעס און ווי זיי זי אַרויס־געוואָרפן דורכן פענצטער.

יאדוויגא האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן צייכן פון פּיינטשאַפט. פאַרקערט, וואָס מער איר האס איז געשטיגן, אַלץ פריינט־לעכער און צוגעלאָזענער איז זי געוועזן צו בערטען.

— אמאָל האָבן זיי אויסגענאַרט אונדזער גאָלט, די זשידעס — האָט יאדוויגא געטראַכט — און היינט איז דאָס שוין פאַר זיי צו ווייניק. היינט באַשווינדלען זיי שוין אונדז מיט פאַלשער ליבע. אָבער ווי אַזוי מאַכט זי דאָס?...

יאדוויגא האָט זיך דערמאָנט אָן די אָנצוהערענישן פון וויקטאָרן וועגן בערטען. פון די אָנצוהערענישן האָט יאדוויגא אַרויסגעדרונגען, אַז בערטע סימפּאַטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערן.

יאדוויגא האָט מיטאמאָל גענומען רעדן וועגן די רעוואָלוציאָנערן:

— זיי זענען אַזעלכע וואונדערלעכע מענטשן — האָט זי הייס גע־רעדט — אמתע ריטער, וואָס זענען גרייט זיך צו אָפּפערן פאַרן לאַנד...

נאָר בערטע האָט געשוויגן. איר פּנים איז געבליבן גלייכגילטיק און קאַלט.

— אַ ביטערע בעסטיע — האָט יאדוויגא מיט האַס אַרומגענומען בערטעס געשטאַלט — מיט איר שווייגן איז זי דאָך אויסן מיך בלויז אָפּ־צונאַרן... אָבער דו וועסט מיך נישט נאַרן, יידישקע!...

די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָ וווין איך — האָט בערטע געזאָגט — איך דאַנק אייך זייער...

— דאָס איז אייער הויז, אך ווי שיין! — האָט יאדוויגא אויסגע־רופן — עס מוז זיין זייער אנגענעם דאָ...

— יאָ, זייער אנגענעם — האָט אַ בלאַסער שמייכל זיך באַוויזן אויף בערטעס פּנים דערמאָנענדיק זיך די אומרואיקע נעכט, ווען געסט שלייכן זיך, ווי גנבים, אַרוים פון איר הייזקע, און יאַנקל פירט זיי אויף די שפּיץ־פינגער צום פעלד דורך דעם גערטנדל פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

— דו ווייסט, יאַן — איז יאדוויגאַן פלוצלינג געקומען אַ נייער געדאַנק אין קאָפּ — אַזאַ הייזקע פאַר אונדז געפעלט מיר...

— איך וואָלט זיך געפרייט אייך איינצולאַדן אויף עטלעכע מינוט

— האָט בערטע געזאָגט פון העפלעכקייט, זייענדיק זיכער, אַז די בראַ־ניצקים האָבן נישט קיין צייט און קיין חשק עס צו טון.

— מיר וואָלטן מיט פאַרגעניגן... — האָט דער גראַף געוואָלט העפלעך זיך אַרויסדרייען פון דער איינלאַדונג.

— מיט פאַרגעניגן, מאַדאַם! — האָט יאַדוויגאַ אים נישט געגעבן קיין צייט אַרויסצוזאָגן דעם אָפּזאָג — נישט וואָר, מיין טייערער, מיר האָבן דאָך נאָך עטלעכע מינוט צייט אַ קוק צו טון...

— ביטע, ביטע — איז בערטען מער נישט געבליבן ווי צו ווידער־האָלן איר איינלאַדונג.

יאַנקל האָט געעפנט פאַר זיי די טיר און יאַדוויגאַ האָט אין אים גלייך דערקענט דעם יונגנמאַן, מיט וועלכן עפּשטיין האָט גערעדט. באַלד זענען סאַמעק און רעגינקע צוגעפאַלן צו דער מוטער אויסרופנדיק:

—דער פּעטער וויקטאָר איז דאָ געווען!...

ווידעראַמאָל איז דער מאַנאָקל שיער נישט אַרויסגעפאַלן פון גראַפס אויג פון איבעראַשונג, דערהערנדיק דעם נאָמען וויקטאָר אין דער הייזקע.

— אַזוי איז עס — האָט אַ ברייטער שמייכל זיך צעלייגט אויף דעם גראַפס פּנים און ער האָט אין זיך געלאַכט — ביסט אַלזאָ אייפער־זיכטיק, יאַדוויגאַ, פּשוט אייפערזיכטיק אויף דער יידישקע, כאַ־כאַ־כאַ — נו, גיי און פאַרשטיי די ווייבער!...

ער איז געווען צופרידן פון זיין אַנטדעקונג, דער גראַף, און האָט אין דער מינוט בלויז באַדויערט, וואָס יאַדוויגאַ איז זיין ווייב, אַנישט וואָלט ער געהאַט אַ שיינע מעשה פאַר זיינע קלוב־פריינט...

יאַדוויגאַ האָט באַמערקט, ווי אַ לייכטע רויטקייט האָט אַרויסגע־שלאָגן אויף בערטעס פּנים, ווען די קינדער האָבן דערמאָנט דעם נאָ־מען פון „פּעטער וויקטאָר".

— נו באַגריסט די געסט — האָט בערטע געזאָגט צו די קינדער.

סאַמעק האָט אויסגעשטרעקט זיין הענטל און די קליינע רעגינקע האָט מיט גרויס ווירדע זיך אַ נייג געטון...

יאַדוויגאַ האָט לאַנג נישט פאַרבראַכט אין בערטעס הייזקע. איר שאַרף אויג האָט אַרומגענומען נישט בלויז די הייזקע, נאָר אויך דאָס פעלד

דערלעבן. און זי האָט אויך נישט פאַרפעלט צו זען ר' משהלע ראַפּשיצער שטיין אַנטקעגנאיבער אויף דער וועראַנדע און זיך שאָקלען...

— פּעטער וויקטאָר... פּעטער וויקטאָר... — האָבן אין יאַדוויגאַס אויערן אָפּגעקלונגען די פריידיקע אויסגעשרייען פון בערטעס קינדער.

יאַדוויגאַן האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע קינדערישע אויסגע־שרייען רייצן זיך מיט איר, שפּעטן אָפּ פון איר, דערציילן יעדן איינעם, אַז דער אויסוואורף וויקטאָר האָט אוועקגעוואָרפן זי, יאַדוויגאַן, די שענ־סטע פרוי אין גאַנצן לאַנד, (אַז זי איז די שענסטע און רייצנדיקסטע פרוי האָט יאַדוויגאַ נישט געצווייפלט) צוליב בערטען, צולב דעם, אַז די צוויי זשידאָווסקע קינדער זאָלן אים רופן „פּעטער וויקטאָר".

איר מאַן, דער גראַף יאַן, איז צוזאַמען מיט איר אַ שווייגנדיקער אַרויס פון בערטעס הייזקע. יאַדוויגאַ האָט דערפילט אויף איר פּנים זיין איראָנישן בליק.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער ווייסט שוין פון איר חרפּה. זי האָט איצט שוין באַדויערט, וואָס זי איז אַהערגעקומען. זי האָט געמיינט דאָ צו כאַפּן וויקטאָרן און זי איז געווען איבערצייגט, אַז ווען ער, וויקטאָר, וועט זען ביידע, זי, יאַדוויגאַן, און בערטען צוזאַמען, וועט ער דערפילן זיין גאַנצע געפאַלנקייט.

אַנשטאָט וויקטאָרן האָט זי אָבער באַגעגנט די זשידאָווסקע קינדער מיט זייערע אויסגעשרייען.

— און איצט מיינט דער אידיאָט, — אַזוי האָט די גרעפין יאַד־וויגאַ אין געדאַנק גערופן איר מאַן — אַז איך יאָג זיך נאָך וויקטאָרן!... אַזאַ...

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט פאַר כעס געקריצט מיט אירע שיינע ציינדלעך, וואָס האָבן מיט זייער ווייסקייט אַרויסגעלויכטן פון איר מויל. מיט די ציינדלעך וואָלט זי איצט צעריסן זיי אַלע. מיט דעם „זיי אַלע" האָט זי געמיינט בערטען, און וויקטאָרן, און בערטעס קינדער, און איר אייגענעם מאַן אויך.

צוקומענדיק נאָענט צו דער קאַרעטע, האָט זי זיך ווידער אָנגע־שטויסן אויף דעם יונגן מענטש, וועלכן זי האָט צום ערשטן מאָל געזען רעדן מיט עפּשטיינען פאַר דעם טויער פון יידישן קינדער־אַנשטאַלט.

# אין שטורעם

יאנקל־שמייסער האָט געגלעט די ברוינע רוקנס פון די גרעפישע פערד און מעשה מבין גערעדט:

— אָט דאָס זענען פערד!... אַ מחיה מיט אַזעלכע צו טון אַ פּאָר!...

— יאנקל אויגן האָבן געקוקט מיט קנאה און באַוווּנדערונג אויף דעם גרעפישן פערד־טרייבער, וואָס האָט זוכה געווען צו אַזעלכע סוסים און דערצו גייט ער אָנגעטון ווי אַ גראַף מיט אַ גלאַנציקן צילינדער אויפן קאָפּ.

— נו, מיט אַזעלכע פערד קען נישט יעדער איינער פאָרן — האָט דער גרעפישער פערד־טרייבער געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דעם „זשידעק".

— איך וואָלט זיך אונטערגענומען! — האָט יאנקל היים פאַר־טיידיקט דעם כבוד פון גזשיבאָוו — איך האָב אויפן גזשיבאָוו אויך גע־האַט אַ פּאָר פייערדיקע קאַשטאַנעס, נאָר די פּאַניעס האָבן זיי גענומען אין דער מלחמה, אַ רוח...

— און היינט וואָס טוסטו?...

— היינט האָב איך דאָ אַ פּאָר שקאַפּעס — האָט יאנקל, אַ פאַר־שעמטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — און איך פאָר אפילו נישט מיט זיי...

— וואָס זשע דען טוסטו?

— איך אַרבעט אין גאָרטן... — האָט יאנקל אַ פאַרלוירענער גע־שטאַמלט.

— אין דעם גאָרטן? — האָט דער גרעפישער פערד־טרייבער זיך מיט ביטול פונאַנדערגעלאַכט, אָנווייזנדיק אויף די עטלעכעביימלעך אַרום בערטעס הייזקע.

— איך... איך... — האָט יאנקל זיך געפּלאָנטערט און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

עס האָט אים, יאנקלען, פאַרדראָסן דאָס לאַכן פון דעם שייגעץ מיטן צילינדער.

אָ, ווען ער, יאנקל, מעג נאָר רעדן, וואָלט ער אים דערציילט, וואָס ער טוט ביינאַכט צוזאַמען מיט דעם פּאַן וויקטאָר. דער גוי וואָלט גע־עפנט מויל און אויערן.

דער גרעפישער פערד־טרייבער האָט אָבער שוין נישט אינזינען

געהאַט יאַנקל שמייסער. ער האָט געזען זיינע הערשאַפטן אָנקומען, איז ער שנעל צוגעשפּרונגען און אונטערטעניק געעפנט פאַר זיי דאָס טירל פון דער קאַרעטע.

יאַדוויגאַס בליק האָט אַ ברי געטון יאַנקלען. יאָ, שוין צום דריטן מאָל טרעפט זי היינט דעם יונג. דער דאָזיקער בליק האָט ווי מיט איין ריס פון יאַנקלען אַראָפּגעריסן זיינע קליידער. יאַנקלען איז געוואָרן הייס פון דעם בליק.

— די יידישקע האָט, הייסט עס, אויך דעם יונג אַ חוץ וויקטאָרן — האָבן אירע אויגן זיך פאַרשייט איינגעגעסן אין יאַנקלס צעטומלט געזיכט.

דער גראַף יאַן האָט איר דערלאַנגט דעם אָרעם איינצושטייגן אין דער קאַרעטע, וועלכע האָט גלייך גערירט פון אָרט.

יאַדוויגאַ האָט דורכן פענצטער צום לעצטן מאָל אַ קוק אַרויס געטון צו בערטעס הייזקע און זיך פונאַנדערגעלאַכט, זעענדיק ווי דער יונג שטייט מיט אַן אָפן מויל און קוקט אין איר ריכטונג מיט צעטומלטע אויגן.

— ניין, יידישקע, — האָט זי צו זיך גערעדט — דיין טריאומף איז נאָך אַ פּריצייטיקער. יאָ, יאָ, עס איז ווערט געווען אַהערצוקומען... איצט ווייס איך. יאָ, איך פיל, אַז דאָ, אין דער הייזקע, ווערן נישט בלויז געפּראַוועט ליבעס (אָן ליבעס האָט יאַדוויגאַ נישט פאַרשטאַנען דאָס צונויפקומען זיך פון אַ מאַן מיט אַ פרוי). נאָר עס ווערט אויך געטון עפּעס אַזעלכעס, וואָס גענעראַל יאַנושקעוויטש וואָלט גערן געוואָלט וויסן...

דער נאָמען פון גענעראַל יאַנושקעוויטש איז נאָר ווי צופעליק גע־קומען יאַדוויגאַן אויפן געדאַנק. נאָר פון דער מינוט אָן האָט דער נאָמען שוין נישט געלאָזט צו רו די שיינע גרעפין.

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט צו זיך אַ שטילן לאַכל געטון. דער גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט פאַרגרעסערט די גרויסע אַרמיי פון אירע פאַרערער. יעדן טאָג מוז איר שטוב־מיידל אַרויסוואַרפן די בוקעטן בלומען פון דעם גענעראַל. און יעדן אָוונט, ווי נאָר זי באַווייזט זיך אין דער געזעלשאַפט, וואַקסט פאַר איר פּלוצלינג אויס די קאַרפּולענטע געשטאַלט פון גענעראַל יאַנושקעוויטש.

— זיינע געהיים־אַגענטן מוזן אַזוי באַשעפּטיקט זיין מיט אויסגע־פינען יעדן קער און ווענד מיינעם — האָט די גרעפין יאַדוויגאַ צופרידן צו זיך געשמייכלט, אַז זיי האָבן שוין נישט קיין צייט זיך צו פאַראינטע־רעסירן מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין בערטעס הייזקע...

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט נישט געטראַכט וועגן דעם גענעראַל יאַנושקעוויטש אַלס איינעם פון אירע ליבהאָבער:

— דאָס נישט, מיין טייערער גענעראַל, — האָט זי צו זיך גע־שמייכלט — צו די זאַכן טויגסטו שוין נישט... אָבער פאַר וואָס איס נישט צוהעלפן מיט עפּעס אַנדערש?...

— הא, פאַר וואָס נישט? — האָט יאַדוויגאַ זיך איבערגעפרעגט.

צוערשט איז איר גלאַט געפעלן געוואָרן דער שיינער איינפאַל.

— עס מוז זיין אַזוי אינטערעסאַנט און עמאָציאָנעל די שפּיל אין אַ דעטעקטיוו — האָט יאַדוויגאַ דערפילט עפּעס אַזאַ קיצל איבער איר לייב — אַלע יאָגן זיך נאָך די שפּיאָנען און פאַררעטער שוין חדשים־לאַנג, און איך, איך מאַך זיי אַלע שטוינען און באַוווּנדערן און פיר זיי צו בערטעס הייזקע... הא, הא, וואָסערע אויגן פון דערשטוינונג וואָלט געעפנט דער גענעראַל יאַנושקעוויטש!...

און מיטאַמאָל איז יאַדוויגאַ געוואָרן ערנסט. ניין, ניין, עס איז נישט בלויז אַן אַמוזירנדיקע און עמאָציאָנעלע שפּיל. עס איז עפּעס מער, פיל מער... עס איז אַ גרויסע פּאַטריאָטישע טאַט. מען טאָר נישט דער־לאָזן, אַז עפּעס אַ יידישקע זאָל פירן דאָס לאַנד צו אַן אומגליק. דער גרויספירשט איז אויפגעבראַכט. צווישן אַ פריינטלעכער צום צאַר באַ־פעלקערונג קענען פאַררעטער לאַנג נישט זיין טעטיק. — אַזוי האָט ער געזאָגט צום גענעראַל יאַנושקעוויטש און אים געהייסן זיינע ווערטער איבערגעבן וועמען מען דאַרף... דאָס איז דאָך שוין געווען אַן אָפענע דראָאונג. איז פאַר וואָס זאָל דאָס פאָלק ליידן צוליב עפּעס אַ בערטע, וועלכע פאַרפירט מיט אירע פאַרברעכנס דעם נאַרישן וויקטאָר?...

ניין. אַזאַ זאַך טאָר זי, יאַדוויגאַ, נישט דערלאָזן. אויב זי, יאַדוויגאַ, וועט שווייגן, וועט זי באַגיין אַ פאַרברעכן פונקט ווי בערטע. און דאָס האָט קיינער פון איר קיין רעכט נישט צו פאָדערן. זי, יאַדוויגאַ, וויל נישט זיין קיין פאַרברעכערין...

— איך מוז עפּעס טון! — האָט יאַדוויגאַ ביי זיך באַשלאָסן — איך טאָר נישט דערלאָזן צו די זשידאָווסקע פאַרברעכנס!...

דער דאָזיקער באַשלוס האָט יאַדוויגאַן בארואיקט. איצט האָט איר אפילו נישט געקימערט דער איראָנישער שמייכל אויף איר מאַנס ליפּן. זי האָט זיך קאַלט און טרוקן מיט אים געזעגנט, ווען זיי זענען אָנגעקומען אין זייער פּאַלאַץ און האָט זיך פאַרשלאָסן אין איר בודואַר. איצט מוז זי גענוי באַטראַכטן, וואָס זי האָט צו טון. אוודאי וועט די גרעפין יאַדוויגאַ נישט גיין צום גענעראַל יאַנושקעוויטש און אים זאָגן אַזעלכע זאַכן. עס זענען פאַראַן זאַכן, האָט יאַדוויגאַ געוווּסט, וועלכע מען טוט, אָבער וועגן וועלכע מען רעדט נישט. איז ווער דאַרף וויסן, אַז דאָס, האָט זי, יאַדוויגאַ, געטון? און אויב קיינער ווייסט נישט, איז אַלץ אין בעסטער אָרדענונג. דאָס איז דאָך דאָס הערשנדיקע געזעץ אין יאַדוויגאַס וועלט. און אַז מען קען מאַכן אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט וויסן און נישט אַנען, ווייסט יאַדוויגאַ אויסגעצייכנט. וויפל מאָל האָט זי, יאַדוויגאַ, באַקומען צוגעשיקט אַנאָנימע בריוועלעך מיט די געמיינסטע זידלערייען, באַזונדער דעמאָלט, ווען זי האָט ביי איינער פון אירע פריינדינס צוגענומען דעם מאַן אָדער ליבהאָבער. די בריוועלעך זענען אָבער געווען געשריבן מיט דער לינקער האַנט און עס איז אוממעגלעך געווען צו דערקענען די שרייבערין...

יאַדוויגאַ האָט גענומען די פּעדער אין איר לינקער האַנט און אין אַ ספּעציעל פאַרגרייזטן רוסיש, מיטגעטיילט דעם גענעראַל יאַנושקעוויטש, אַז ער וועט גוט טון, ווען ער וועט זיך פאַראינטערעסירן, וואָס עס קומט פאָר אין אַ געוויסער געגנט, ממש הינטער זיין נאָז.

יאַדוויגאַ איז געווען פּאָרזיכטיק נישט אָנצוגעבן בערטעס נאָמען און נישט צומאָל איר הייזקע. זי האָט נאָר גענוי אָנגעצייכנט די געגנט:

— דאָס איבעריקע מעגן זיי שוין אַליין אויסגעפינען — האָט יאַדוויגאַ צו זיך געזאָגט, איבערלייענענדיק איר בריוול, און דאַן נאָך צוגעגעבן, אַז דאָס שרייבט אַ פריינט, וואָס קען, ליידער, נישט אויפגעבן זיין נאָמען, אָבער וועלכער וויל אים העלפן.

אין דעם טאָג האָט די גרעפין יאַדוויגאַ באַצויבערט אירע פאַרערער מיט איר שיינקייט, הומאָר און שאַרפזין. דער גראַף יאַן האָט זי אין

# אין שטורעם

דעם טאָג אויך געמוזט באַוווּנדערן, נאָכדעם ווי ער מיט זיין פּרוּ־
האָבן אין פּאַיע פון טעאַטער זיך אָנגעשטויסן צופעליק אויף וויקטאָרן.

וויקטאָר האָט אין אָנהויב זיך געפילט נישט גאַנץ באַקוועם פון דער
באַגעגעניש, אָבער דערפאַר איז די האַלטונג פון דער גרעפין געווען אַ
פרייע, אַ נאַטירלעכע און זייער, זייער אַ פריינטלעכע:

— איר פאַרנאַכלעסיקט אונדז — האָט זי מיטן פינגער פריינטלעך
געדראָעט וויקטאָרן — יאָ, יאָ, כ'ווייס, איר זענט שוין אַ צייט אין
וואַרשע און זיך נישט געוויזן ביי אונדז. נישט שיין, נישט שיין, צו
אַלטע פריינט...

וויקטאָר האָט זיך אַנטשולדיקט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט, ווי
אַמשנעלסטן אויסקויפן זיינע זינד און קומען.

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט אים צוגעוואָרפן איינעם פון אירע באַצוי־
בערנדיקע שמייכלען און גענומען רעדן מיט באַגייסטערונג וועגן דער
היינטיקער פּרעמיערע אין טעאַטער.

## קאפּיטל 19

# ר׳ משהלע ראפּשיצער אין ציטאַדעל־קאַמער

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט אין מיטן דער נאַכט זיך דערהערט פּלוצלינג אַ שיסעריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם וועלדל, וואָס איז געלעגן בשכנות פון די הייזקעס פון בערטען און ר׳ משהלע ראפּשיצער. די שיסעריי איז געווען אַ שטאַרקע, אָבער אַ קורצע. די איינוווינער פון דער געגנט זענען, וואָס דער אמת, אויפגעוועקט געוואָרן פון זייער שלאָף, אָבער זיי זענען געבליבן אין זייערע בעטן. באַלד איז ווידער געוואָרן שטיל און דער שלאָף האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן פון די מענטשן.

אויך בערטע איז געבליבן ליגן אין בעט, אָבער איינשלאָפן האָט זי שוין נישט געקענט.

זי האָט געוווסט, אַז ערשט מיט אַ האַלבע שעה פריער, זענען וויקטאָר מיט יאַנקל שמייסער אַוועק אין וועלדל:

— ווער ווייסט... — האָט זי אויפגעשווידערט און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

די שיסעריי איז פּלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן. ווידער איז גע־וואָרן שטיל אַרום.

בערטע האָט זיך באַרואיקט.

— זיי זענען אַוועק — האָבן זיך אירע אויגן געטומען קלעפּן פון מידקייט.

זי איז איינגעשלאָפן, בערטע, און נישט געהערט. אַז קעגנאיבער אין דער הייזקע פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער הערן זיך בייזע פאַנישע שטימען.

די זשאַנדאַרמען, פאַרשטעקט אין וועלדל, האָבן אין דער פינצטער־ניש דערהערט טריט.

— שטיין בלייבן! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

אָנשטאָט שטיין בלייבן האָבן די טריט גענומען לויפן.

— פייער! — האָט דער אָפיציר באַפוילן — שיסט אין ציל!...

אין אַ שטאָק פינצטערער נאַכט העלפט אָבער נישט אפילו דער שטרענגסטער באַפעל צו שיסן אין ציל. די פאַרדעכטיקע געשטאַלטן זענען פאַרשוווּנדן, ווי די ערד וואָלט זיי איינגעשלונגען.

דער אָפיציר האָט מיט בייזע קללות געשאָלטן די זשאַנדאַרמען:

— איר מוזט זיי געפינען...

האָט איין זשאַנדאַרם געזאָגט, נישט טראַכטנדיק אפילו:

— דאַכט זיך, אַז צו ד ע ר הייזקע צו זענען זיי געלאָפן — און ער האָט אָנגעוויזן אויף דער הייזקע פון ר׳ משהלע ראָפּשיצער.

— פאַרזיכטיק און שטיל אַהין! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

אויף די שפּיץ־פינגער האָבן זיי זיך געשאַרט צו דער הייזקע און פּלוצלינג איז פאַר זיי ארויסגעשוואומען אן אויסטערלישע געשטאַלט.

אויף דער פינצטערער וועראַנדע איז געשטאַנען ר׳ משהלע ראָפּ־שיצער. אין דער פינצטערניש האָבן זיינע אויגן געגליט מיט עפּעס אַ מאָדנעם פייער. ביידע הענט האָט ער געהאַלטן אויסגעשפּרייט צום וועלדל צו און פון זיין מויל האָבן זיך געריסן הייסע, אָפּגעהאַקטע ווער־טער אין אַ לשון, וואָס האָט געקלונגען פרעמד אין די אויערן פון צאַרס דינער.

— דו, זשיד, גיסט צייכנס ביינאַכט דעם שונא! — האָט זיך אַ שווערע פויסט אַראָפּגעלאָזט אויף ר׳ משהלעס פּלייצע.

די זשאַנדאַרמען האָבן ארומגערינגלט פון אַלע זייטן משהלע ראָפּ־שיצער און אָנגעשטעלט אויף אים זייערע ביקסן.

ר׳ משהלע האָט אין דער פינצטערניש געקוקט מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק אויף די ערלים. וואָס זיי רעדן צו אים, האָט ער נישט פאַרשטאַנען. ער האָט נאָר געפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין דער פּלייצע.

— וואָס שווייגסטו! — איז אַ צווייטער קלאַפּ אַראָפּגעפאַלן אויף ר׳ משהלעס קאָפּ — זאָג, וווּ זענען זיי, דיינע מיטהעלפער?!

ר׳ משהלע האָט געשוויגן.

— נו, נו, ביי אונדז וועסטו שוין רעדן! — האָבן זיי ר׳ משהלען אַריינגעשלעפּט אין שטוב.

— זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן פון די בעטן די אַלטע רביצין און ר׳ ברוך שמש און זיי האָבן איבערגעקערט די הייזקע, געזוכט אין קעלער, געקלאַפּט אין די ווענט, דערלאַנגט קלעפּ דער איבערגעשראָקענער רביצין און ר׳ ברוך שמש און נישט אויפגעהערט שרייען: ווו זענען זיי, די שפּיאָנען.

— ר׳ ברוך שמש האָט שוין פאַרשטאַנען אַביסל גוזאיש, איז ער געוואָרן דער איבערזעצער צווישן די זשאַנדאַרמען און דעם רבין.

ר׳ ברוך שמש האָט זיך געשוואוירן, אַז דאָ זענען קיינמאָל קיין שפּיאָנען נישט געווען, אַז נישט ער און נישט דער רבי ווייסן אפילו נישט דעם מיין פון דעם וואָרט, און אַז אין דער הייזקע וווינען נישט מער ווי זיי דריי, נאָר אַמאָל קומט צום רבין איינער אָדער צוויי פון זיינע חסידים...

— און די חסידים זענען דאָ געווען היינט באַנאַכט?

— ניין, ביינאַכט זענען מיר אַלע געשלאָפן — האָט ר׳ ברוך געענטפערט.

— אָבער ער — האָט דער אָפיציר אָנגעוויזן אויף ר׳ משהלען — איז געשטאַנען און געגעבן עמיצן צייכנס!...

— אַזוי דאַוונט דער רבי...

דער אָפיציר האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. ער איז געווען צופרידן וואָס ער קומט נישט צוריק פון וועלדל מיט ליידיקע הענט. ער האָט נאָר נישט געוווסט, צי ער זאָל אויך מיטנעמען די צוויי אַלטע.

— ניין, — האָט ער באַשלאָסן — דאָס אַלטווארג איז שוין צו גאָרנישט און ער האָט אָנגעוויזן אויף ר׳ משהלען:

— נעמט אים!...

ערשט דעמאָלט איז די אַלטע רביצין אַרויס מיט אַ געיאָמער און אַ זעץ מיט אַ ביקסן־קאָלבע האָט זי שטיל געמאַכט.

דער דיזשורנער אָפיציר האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, ווען ער האָט

דערזען פאר זיך ר׳ משהלע ראפשיצער מיט דער לאנגער באָרד און פּיאות:

— איך האָב אייך געשיקט כאַפּן שפּיאָנען און איר ברענגט מיר גאָר אַ „ראווין״!...

פון יוצא וועגן האָט ער אים געפּרוווט נעמען אויף אַ פאַרהער, אָבער ער איז באַלד מיד געוואָרן:

— ער פאַרשטייט דאָך אפילו נישט וואָס מ׳רעדט צו אים — האָט דער דיזשורנער אָפיציר פויל געגענעצט — יאָ, מאָרגן אינדערפרי דאַרף מען אים שיקן אַהיים...

ער האָט נאָר אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל און לויט די באַקומענע אינסטרוקציעס גלייכגילטיק געמאָלדן וועגן דעם, לויט זיין מיינונג, נישט וויכטיקן פאַל.

נאָכדעם האָט ער זיך באקוועם אויסגעצויגן אויף זיין שטול און איינגעדרימלט.

אַ שאַרפער טעלעפאָן־קלונג האָט אים אויפגעריסן פון דרימל. פון דער הויפּטקוואַרטיר איז אָנגעקומען אַ שטרענגער באַפעל, ווי אַן אויג אין קאָפּ צו היטן דעם אַרעסטירטן ראווין, פאַרשטאַרקן אַרום אים די וואך, נישט צולאָזן צו אים קיין שום מענטש און באַלד אינדערפרי אים אונטער אַ גרויסער שמירה אָפּשיקן אין ציטאַדעל...

דער אָפיציר איז בלייך געוואָרן פאַר שרעק. ער האָט אפילו קיינעם נישט געזאָגט, אַז ער האָט דעם „ראווין״ געוואָלט באַפרייען, אָבער דער בלויזער געדאַנק, אַז ער האָט אַזאַ זאַך געוואָלט טון, האָט אים אָנגעפילט מיט פחד.

ער האָט דעריבער מיט גרויס אייפעריקייט אויסגעפירט דעם באַפעל. ער האָט איבערגעפירט ר׳ משהלען אין אַ באַזונדערן צימער און האָט אים אַרומגעשטעלט מיט אַ קייט באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס זעלנער.

— לאָזט קיין מענטש נישט צו צו אים! — האָט ער באַפוילן די וועכטער — און זאָל קיינער פון אייך נישט וואגן צו אים צו רעדן און ענטפערן אויף זיינע פראַגעס!...

דער דאָזיקער שטרענגער אָנזאָג איז געווען אַן איבעריקער. ר' משהלען איז אַפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק עמיצן עפּעס צו פרעגן. אַ שווייגנדיקער איז ער געזעסן מיט אויפגעריסענע אויגן אויף דער האַרטער באַנק. זיינע אויגן האָבן אָבער נישט געזען די זעלנער און נישט זייערע ביקסן, וואָס האָבן דאָ דראָענדיק געצילט אין אים. זיינע אויגן האָבן ווי געקוקט אין זיך אַליין, אין זייערע אייגענע טיפענישן, און זיינע ליפּן האָבן זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן, הגם קיין איין קלאַנג איז נישט אַרויסגעקומען פון זיין מויל.

די אויסטערלישע געשטאַלט פון ר' משהלען האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף זיינע וועכטער. זיי האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ יידישן כשוף מאַכער. און זיי האָבן אים געוואָלט בעטן, אַז ער זאָל זיי קיין שלעכטס נישט טון מיט זיין כשוף, נאָר זיי האָבן געדענקט דעם שטרענגן באַפעל נישט אַרויסצורעדן צו אים אַ וואָרט.

דער אָפיציר איז פון צייט צו צייט אריינגעקומען אין צימער. טראָץ דער שטרענגער וואָך האָט ער עפּעס מורא באַקומען פאַר דעם דאָזיקן ראַווין, וואָס ווייזט צומאָל נישט אַרויס קיין צייכן פון שרעק, נאָר האַלט אין איין באַוועגן זיינע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך אויסגעשמועסט מיט אומגעזעענע גייסטער.

— ווער ווייסט, צי ער וועט מיר נישט פּלוצלינג פאַרשווינדן פון די אויגן, ווי די גייסטער, מיט וועלכע ער הערט נישט אויף צו רעדן — האָט דער אָפיציר זיך געצלמט — אויף יידן קען מען אַלץ גלויבן...

ער האָט לייכטער אָפּגעעטעמט, דער אָפיציר, ווען עס האָט גענומען טאָגן. ער האָט אַרויסגערופן מיליטער־פאַרשטאַרקונג און צענדליקער באַוואָפנטע זעלנער האָבן פון אַלע זייטן באַגלייט דעם פאַרמאַכטן שוואַרצן וואָגן, וואָס האָט ר' משהלע ראַפּשיצער געפירט צו דער ציטאַדעל.

ביים טויער פון ציטאַדעל, האָט מען קענטיק שוין געוווסט ווער עס דאַרף געבראַכט ווערן.

מיט גרויס פאַרזיכט האָט אַ פאַרשטאַרקטע וואָך געפירט ר' משהלען איבער די אויסגעשטאַרבענע, גרויסע ציטאַדעל־הויפן. דער שעף פון דער ציטאַדעל־פעסטונג אַליין, אַ דימיסיאַנירטער גענעראַל, איז אַראָפּגעקומען פון זיין דירה, כדי אכטונג צו געבן אויף אַלעם. לאַנג האָט מען

ר׳ משהלען געפירט און ערשט אָפּגעשטעלט זיך ביים באַרימטן צענטן פּאַוויליאָן.

נאָר גאָר גרויסע יחסנים האָט מען געהאַלטן אין צענטן פּאַוויליאָן. פאַר געוועגלעכע פאַרברעכער זענען געווען אַנדערע מקומות. נאָר די וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן קעגן קיסר פון רוסלאַנד און זיין מלכות האָבן זוכה געווען אַריינגענומען צו ווערן צווישן די שטומע מויערן פון צענטן פּאַוויליאָן.

דאָ האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט ביי טאָג און ביי נאַכט. דאָ האָט מען געקענט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט און דער וועכטער זאָל צו דיר אפילו נישט עפענען זיין טירל. פון צענטן פּאַוויליאָן האָט דער וועג גע־פירט צו דעם קליינעם בערגל מיט דער תליה אָדער אין בעסטן פאַל אין דעם ווייטן סיביר.

נאָר אַמאָל, אַמאָל האָט זיך געטראָפן אַ גליקלעכער, פאַר וועמען דאָס טויער פון צענטן פּאַוויליאָן האָט זיך געעפנט צו דער פרייער גאַס.

אָבער אויך דער גליקלעכער האָט, זייענדיק שוין אויף דער פריי, נישט אויפגעהערט צו פילן אויף זיינע פּלייצעס די לאַסט פון די שווערע מויערן פון צענטן פּאַוויליאָן, און עס איז שווער געווען פון זיין מויל אַרויסצובאַקומען דאָס געהיימעניש פון די שטומע, גרויזאַמע ווענט פון טונקל־ברוינעם קאָליר.

די איינוווינער פון צענטן פּאַוויליאָן זענען ווייט נישט געווען ענ־לעך איינער צום אַנדערן. עס האָבן זיך הינטער זיינע מויערן געפונען אַלטע לייט מיט גרייז־גרויע קעפּ, מיט הויכע געפּאַלדעוועטע שטערנס, וואָס יעדער קנייטש פון זיי האָט דערציילט וועגן שטורמען, מיט וועלכע זייער לעבן איז געווען רייך.

און עס האָבן דאָרט געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט פון פאַרצווייפלונג און בונט יונגע מענטשן, וואָס דער מאַמעס מילך איז נאָך געלעגן אויף זייערע ליפּן. עס האָבן דאָרט געשפּאַנט אַהין און צוריק, איבער זייערע פּוסטע קאַמערן, מענטשן, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן געזוכט און געוואָלט דער־גרונטעווען דעם אמת פון דער וועלט, און זיי האָבן יאָרן לאַנג זיך גע־גריבלט אין די ביכער פון געלערנטע און פילאָזאָפן, ביזוואַנען זיי האָבן

מיטאַמאָל זיך צעבונטעוועט קעגן דער רשעות און טפשות פון די, וואָס האָבן אין זייערע הענט די מאַכט.

און עס זענען דאָרט אַריינגעשליידערט געוואָרן מענטשן, וואָס האָבן זייערע מוחות נישט געמאַטערט ביי טויטע ביכער, נאָר די ביטערקייט פון זייער געפייניקט לעבן האָט זיי געטריבן צו בונט און אויפשטאַנד.

פון פאַרשידענע היימען זענען זיי געקומען, די איינוווינער פון צענטן פּאַוויליאָן. זיי זענען געקומען פון גרויסע, פּריצישע פּאַלאַצן, און פון רואיקע, שטילע שטיבער, פון וויסנשאַפטסלייט, פון יידישע הייזער אויף נאַלעווקעס און טוואַרדע גאַס, און פון אָרימע אַרבעטער־שטיבלעך, פון דער יידישער ניזקע און שמאָלער מילע, ווי פון דעם גויאישן וואָליע.

איין שטריך האָט אָבער פאַראייניקט אַלע איינוווינער פון צענטן פּאַוויליאָן, האָט פאַרווישט אַלע אונטערשידן פון אָפּשטאַם, קלאַס און דערציאונג, און געמאַכט זיי אַלע פאַר מיטגלידער פון איין משפחה. דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון טראָציקקייט, פון עקשנות און פון בונט. דער דאָזיקער געמיינזאַמער שטריך האָט זיי אַלע פאַראייניקט און האָט אפילו זייערע פּנימער געמאַכט ענלעך איינס צום אַנדערן.

די היטער פון צענטן פּאַוויליאָן, וועלכע זענען אויסגעקליבן גע־וואָרן פון צווישן די געטרייסטע און געמפּסטע צאַרס חיילות, האָבן יעדן ניי־אָנגעקומענעם אָפּגעמאָסטן מיט זייערע גלייכגילטיקע, אכזריותדיקע בליקן און אים גלייך צוגערעכנט צו דער משפחה, אויף וועלכער מען מוז אַכטונג טון ביי טאָג און ביי נאַכט, ביז וואַנען דער הענקער וועט זיך אויסקלייבן זיין קרבן.

די דאָזיקע בליקן פון די ציטאַדעל־שומרים האָבן זיך לענגער פאַר־האַלטן אויף ר' משהלע ראַפּשיצער, וועלכער איז צו זייער רשות איבער־געגעבן געוואָרן.

די דאָזיקע שומרים זענען געווען אַזוי שטום, ווי די ווענט פון צענטן פּאַוויליאָן. און ווען זיי זענען נאָך דער אַרבעט געקומען אַהיים, האָבן זייערע אייגענע פרויען און קינדער זעלטן געהערט זייער קול. זיי זענען געווען שוין אָפּגעוווינט צו רעדן און זייערע זעלטענע רייד האָבן אָפּגעקלונגען מאָדנע, ווי די קלאַנגען פון אַ הוילן פאַס.

האָבן זיי, די שומרים, צוגענומען שטילשווייגנדיק ר׳ משהלע ראַפּ־שיצער פּונקט ווי די אַנדערע איינוווינער פון צענטן פּאַוויליאָן. זייערע אויגן אָבער האָבן דאַסמאָל געהאַט אַן אויסדרוק פון טיפן שטוינען. ניין, אַזאַ איינעם זעען זיי צום ערשטן מאָל צווישן די ווענט פון ציטאַ־דעל. דער דאָזיקער אויסגעדאַרטער גוף, איינגעוויקלט אין אַ לאַנגער, טונקעלער, זיידענער זשיפּיצע, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ גרויסן גאַרטל, האָט זיך נישט געפּאַסט צו דעם גאַנצן אַרום, צו וועלכן די שטומע היטער זענען זינט לאַנגע יאָרן געווען צוגעוווינט.

און נאָך וויניקער געפּאַסט האָט זיך דער דאָזיקער אויסטערלישער קאָפּ מיט דעם צעקנייטשן ברוינעם שטריימל און דאָס אויסגעבלייכטע פּנים מיט די לאַנגע פּיאות און פּעך שוואַרצער באָרד מיט די גרויסע שוואַרצע, עפּעס מאָדנע ברענענדיקע אויגן, וואָס אַז זיי קוקן אויף דיר, דאַכט זיך, אַז זיי זעען גאָר עמיצן אַנדערש, וואָס שטייט ה י נ ט ע ר דיר און אפשר גאָר א י ן דיר אַליין...

— ניין, דער דאָזיקער פּאַרשוין פּאַסט נישט צו דער ציטאַדעל־משפּחה — האָבן די פאַרוואונדערטע בליקן פון די טורמע־וועכטער גלייך אָפּטאַקסירט ר׳ משהלען — איז ווי קומט ער צו אונדז?

נאָר ער, ר׳ משהלע ראַפּשיצער אַליין, האָט קענטיק אויף גאָרנישט זיך געוווּנדערט.

ווען די טיר פון זיין איינצל־קאַמער האָט זיך הינטער אים פאַר־מאַכט, זענען זיי, די וועכטער, פון געוווינהייט וועגן געבליבן שטיין און געוואַרט.

זיי האָבן פון זייער לאַנגיעריקער דערפאַרונג געוווּסט, אַז ווי נאָר די טיר פון קאַמער פאַרמאַכט זיך צום ערשטן מאָל הינטער אַ נייעם מיטגליד פון דער משפּחה, אַזוי כאַפּט דעם ניי־אָנגעקומענעם אָן ביים האַלדז דער שגעון פון שרעק. די שרעק שטיקט מיט אירע ביינערדיקע הענט דעם האַלדז אַזוי לאַנג, ביז דער מענטש קען מער נישט איבער־טראָגן דאָס שטיקעניש. פאַלט איינער צו צו דער טיר און נעמט קאַפּען מיט די פיס און קלאַפּן מיט די פויסטן. שלאָגט אַ צווייטער קאָפּ אָן וואַנט און פון זיין מויל רייסן זיך קללות. כאַפּט אַ דריטער דאָס הילצערנע בענקל, וואָס שטייט אין קאַמער, און שליידערט עס מיט ירגזון צו דער

פאַרשלאָסענער טיר. פאַלט אַ פּערטער צו מיט געביילטע פויסטן צו דער טיר און שרייט:

— דער פּראָקוראָר!... שוין, שוין, זאָל ער אַהערקומען, דער פּראָקוראָר!...

דעמאָלט עפנט זיך שטיל און שאַרכלאָז די טיר און די שטומע וועכטער נעמען באַרואיקן מיט זייערע אויסגעפּרוּווטע מיטלען דעם גאַסט.

דאָס מאָל אָבער האָבן די היטער נישט געהאַט קיין גרונט צו דאַרפן עפענען די טיר. עס איז געווען טויט שטיל אינעווייניק אין דער קאַמער. דער מינדסטער שאָרך האָט זיך פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר נישט דערטראָגן צו די אויערן פון די וועכטער.

די דאָזיקע שטילקייט איז געווען אַזאַ אויסטערלישע דערשיינונג, אַז די וועכטער האָבן זיך דערפילט אומהיימלעך. האָבן זיי דורך דעם „יודאַש" (קליינע עפענונג אין דער טורמע טיר) אַריינגעקוקט און צו זייער גרויס דערשטוינונג געזען, אַז דער ניי־אָנגעקומענער איינוווינער פון צענטן פּאַווילאָן זיצט שטיל און רואיק אויף דעם איינציקן הילצער־נעם בענקל און אַז זיינע אויגן קוקן ווייט, ווייט, ווי די שווערע טורמע־מויערן וואָלטן פאַר זיין בליק נישט עקזיסטירט.

איין שעה נאָך דער אַנדערער זענען אָפּגעלאָפן. איבער די שמאָלע, טונקעלע קאָרידאָרן האָבן געשפּרייזט אַהין און צוריק די וועכטער. זייערע טריט און דער קלאַנג פון די שליסלען פון די קאַמערן, וואָס האָבן געהאָנגען ביי זייער זייט און האָבן זיך אָנגעקלאַפּט איינער אין דעם אַנדערן, איז געווען דאָס איינציקע וואָס האָט זיך געהערט אין דער טויטער שטילקייט וואָס האָט דאָרט געהערשט.

פון צייט צו צייט האָט דער וועכטער זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער טיר פון דעם אַרעסטאַנטס קאַמער, האָט אַריינגעקוקט דורך דעם „יודאַש" און האָט זיך איבערצייגט, אַז ר' משהלע זיצט נאָך אַלץ אומבאַוועגלעך אויף דעם בענקל און זיינע ליפּן באַוועגן זיך אָן אויפהער, הגם קיין שום קלאַנג קומט פון זיי נישט אַרויס.

דער וועכטער האָט דערשראָקן זיך איבערגעצלמט און געטראַכט,

אַז פון דעם אויסטערלישן פאַרשוין וועט געוויס נאָך זיין גענוג צרות און קאַפּדרייעניש, ביז דער תליון וועט זיך צו אים נעמען.

ערשט פאַרנאַכט־צו איז געוואָרן אַ באַוועגונג אין די טונקעלע קאָרידאָרן.

דער שעף פון ציטאַדעל, דער אַלטער דימיסיאָנירטער גענעראַל, האָט אַליין באַגלייט צו דער קאַמער פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער דעם פּאַלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער אויספאָרשער פון דעם אַרעסטאַנט, וועלכן מען האָט היינט געבראַכט.

זיי זענען צוזאַמען אַריין אין קאַמער און מיט דערשטוינטע בליקן געקוקט אויף דעם ראַווין, וואָס זיצט מיט אָפענע אויגן אויף דעם קליינעם בענקעלע, מיט אויגן וועלכע קוקן איבער זייערע קעפּ.

— אויפשטעלן זיך! — האָט דער טורמע וועכטער אַ ריס געטון דעם זשיד, וואָס האָט די חוצפה צו בלייבן זיצן אין דער אָנוועזנהייט פון נאַטשאַלסטוואָ.

— לאָז אים! — האָט פּאַלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו שטרענג צוריקגעהאַלטן דעם וועכטער און געפּרוווט עפּעס אַרויסלייענען פון דעם פאַרשלאָסענעם געזיכט פון דעם דאָזיקן ראַווין, וואָס אַזעלכן זעט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן.

פּאַלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ יידן־קענער און אַלס אַזעלכער איז ער אויך אָנגעגאַנגען אין די אויגן פון דער נאַטשאַל־סטוואָ.

ער האָט זינט יאָרן געהאַט צו טון מיט יידן, מיט יידישע סוחרים און ליפעראַנטן, האָט ליב געהאַט צו עסן געפילטע פיש אין יידישע שטיבער, און האָט נישט ווייניקער ליב געהאַט צו פאַרדינען אַ זייטיקע מטבע ביי יידן.

יידן האָבן אים נישט געהאַלטן פאַר קיין שונא ישראל, דעם פּאַל־קאָווניק קאַמאַראָוו, און געזאָגט אויף אים:

— נישט קיין שלעכטער גוי, דער קאַמאַראָוו, ער פאַרשטייט זיך אויף אַן עסק...

דערצו נאָך האָט דער פּאַלקאָווניק קאַמאַראָוו זיך אויסגעלערנט עט־לעכע צענדליק יידישע ווערטער און מיט דעם ביסל דייטש, וואָס ער האָט

געלערנט אין שולע, איז ער געווען איינער פון די געציילטע אָפיצירן אין צאַרס אַרמיי, וואָס האָט זיך געקענט מער־ווייניקער פאַרשטענדיקן מיט די יידן אויף זייער אייגענער שפּראַך.

צוליב די דאָזיקע קענטענישן זיינע איז ער אַרויסגערופן געוואָרן צו דער קוואַרטיר פון גענעראַל יאַנושקעוויטש אַליין, וועלכער האָט צו אים געזאָגט:

— מיר גיבן אייך איבער היינט אַ זייער וויכטיקע מיסיע פאַרן פאָטערלאַנד און זיין קייזערלעכער הויכקייט. דער גרויספירשט האָפט, אַז איר וועט מיט אייפער און געטריישאַפט טון די אַרבעט, וואָס איז אייך אָנגעטרויט געוואָרן.

— צום באַפעל, הער גענעראַל! — האָט פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו, אויסציענדיק זיך ווי אַ סטרונע, סאַלוטירט.

גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט גופּגעמאָסטן דעם פּאָלקאָווניק מיט אַ שווערן, דורכדרינגענדיקן בליק און מיט אַ שאַרפער קלאָרער שטים פאַר־געזעצט:

— די מיסיע, וואָס איך גיב אייך איצט איבער, הער פּאָלקאָווניק, איז אַ מיליטערישער סוד פון העכסטער וויכטיקייט און איר זענט דער איינציקער, וואָס ווייסט דערפון.

אַ בליץ אין גענעראַל יאַנושקעוויטשעס אויגן האָט דעם פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו געזאָגט מער ווי אַלע רייד.

— טאַק טאָטשנאָ! — האָט דער פּאָלקאָווניק זעלנעריש־געהאָרכ־זאַם אָנגעקלאַפּט איין פוס אין דעם אַנדערן.

ערשט דעמאָלט האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש איינגעלאַדן צום טיש דעם פּאָלקאָווניק און פיאָטר קאַמאַראָוו האָט זיך דערוווסט, אַז די יידן האָבן געשאַפן אַ געהיימע, ברייט־פאַרצווייגטע פאַרשווערונג צוזאַ־מען מיטן שונא קעגן זיין מאַיעסטעט דעם צאַר. צוליב דער פאַרשווע־רונג איז ביז היינט אוממעגלעך געווען צו באַזיגן דעם שונא און עס איז אויך געווען שווער צו כאַפּן ביי דער האַנט די יידישע פאַרברעכער. זיי זענען זייער כיטרע, די יידן, און סאָלידאַריש. אָט האָבן זיי צע־שטאָכן אַ זעלנער און טראָץ אַלע באַמיאונגען איז אוממעגלעך צו אַנט־דעקן און אַרעסטירן די שולדיקע. זיין קייזערלעכע הויכקייט, דער גרויס־

פירשט, האָט דעריבער געמוזט אָננעמען שטרענגע מיטלען און באַזייטיקן די פאַרברעכערישע יידן פון זייערע שטעט. ליידער האָבן זיי, די יידן, אויך צוהעלפער צווישן פּראַוואָסלאַוונע; איר קענט דאָך, הער פּאַלקאָווניק, די קראַמאַלניקעס, די ליבעראַלן, וועלכע זענען פאַר יידיש געלט גרייט צו פאַרקויפן דאָס פאָטערלאַנד און דעם צאַר. און זיי פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון אונדזער לאַנד אין אויסלאַנד, דערציילן באָבע־מעשיות וועגן געפּייניקטע אומשולדיקע זשידעס, און די ראָטשילדס און די אַנדערע זשידאָווסקע „סוואָלאָטש" דאַרפן דאָך נישט מער...

אָבער דאָס מאָל וועט זיי נישט געלינגען, די זשידעס און זייערע פאַרקויפטע משרתים. נעכטן ביינאַכט האָט זיך אונדז ענדלעך איינ־געגעבן צו כאַפּן ביי דער האַנט אַ זשידאָווסקע ראַווין. ער האָט געגעבן צייכנס דעם שונא. ליידער זענען זיינע מיטהעלפער אַנטלאָפן. אָבער ער אַליין האָט שוין נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. ער געפינט זיך איצט אין צענטן פּאַווילִיאָן און איר, הער פּאַלקאָווניק, דאַרפט אים ברענגען פאַרן מיליטער־געריכט. דעמאָלט וועט די וועלט זיך דערוויסן, אַז אַלע זשידעס און אפילו זייערע רבנים זענען פאַרברעכער, וועלכע מוזן אומ־ברחמנותדיק אויסגעראָטן ווערן.

און גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט געענדיקט:

— איך קען די זשידעס און איך ווייס, אַז זיי וועלן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום זאַך כדי צו באַפרייען דעם ראַווין. זיי וועלן נישט דערלאָזן, אַז די וועלט זאָל זיך דערוויסן זייער שאַנד. דעריבער מוז אַלץ זיין שטרענג געהיים. קיינער טאָר נישט וויסן, ווו דער ראַווין געפינט זיך, און אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט. און קיינער טאָר אויך נישט וויסן, אַז איר, הער פּאַלקאָווניק, זענט זיין באַשולדיקער...

מיט אַזאַ הערבן אָנזאָג איז פּאַלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו געקומען אין דער ציטאַדעל־פעסטונג און קוקנדיק אויף דעם שווייגנדיקן ר' משהלע ראַפּשיצער גלייכצייטיק געפילט אויף זיך דעם שאַרפן בליץ פון גענעראַל יאַנושקעוויטשעס אויגן.

פּאַלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו איז נישט געווען שטאַרק צופרידן מיט דער אויפגאַבע וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן.

אמת, ער האָט געוווּסט, אַז נאָך אַזאַ אַרבעט וועט ער באַקומען אַ גרויסע אויסצייכענונג און דאָס האָט ער שוין יאָ געוואָלט.

אָבער נאָך מער ווי אויסצייכענונגען האָט ער ליב געהאַט צו געניסן פון לעבן און ער האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז מיט דעם זשיד וועלן זיין צרות.

דאָס פאַרעקשנטע שווייגן און דאָס שטאַרצען מיט די אויגן פון דעם ייד איז אים נישט געפעלן.

ער, פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו, האָט ליב צו האָבן צו טון מיט אַנדערע יידן. מיט יידן, וואָס קענען שמייכלען און חנפענען, וואָס קענען זאָגן אַ קלוגן וויץ, און דער עיקר, וואָס ווייסן, ווען און ווי אַזוי מען דאַרף אים, דעם פּאָלקאָווניק, געבן אין יד אַריין די ריכטיקע מטבע.

פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט אָפּגעזיפצט. ניין, דאָסמאָל וועט קיין עסק נישט זיין. מ׳זאָל אים אָפּגילטן, וועט ער דאָסמאָל „נישט נעמען". אַז דער גרויס־פירשט האָט אויף אַ זאַך אַן אויג, איז גלייכער צו האָבן אַ ריין געוויסן. און עס איז אויך גלייך, וואָס שנעלער פּטור צו ווערן פון דעם גאַנצן עסק.

און פּטור ווערן פון דעם עסק וועט מען קענען נאָר דעמאָלט, ווען דאָס דאָזיקע יידל וועט עפענען דאָס מויל און זיך מודה זיין צו אַלעם.

און פאַר וואָס זאָל ער דאָס זיך נישט מודה זיין? אַז גענעראַל יאַנושקעוויטש זאָגט, אַז דאָס יידל איז שולדיק, איז ער דאָך שולדיק...

און אַז זיין קייזערלעכע הויכקייט, דער גרויספירשט, — ביים דערמאָנען דעם נאָמען פון גרויס־פירשט האָט דער פּאָלקאָווניק נישט ווילנדיק אויסגעגלייכט זיין פיגור — הייסט זיך מודה זיין, וועט דאָך געוויס קיינער נישט וואַגן נישט צו טון זיין ווילן.

— און מיר וואָלסטו אויך געטון אַ טובה, ווען דו ביסט זיך מודה — האָט פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו געטראַכט — סיי ווי וועסטו דאָך פאַרמשפּט ווערן, איז נאָך וואָס זיך איינשפּאַרן?... און איך וואָלט באַקומען אַן אויסצייכענונג, און דער גרויספירשט אַליין וואָלט אָן מיר אפשר געדענקט...

פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו איז געווען, לויט זיין אייגענער איבערצייגונג, אַ גוטער מענטש, און אַמבעסטן איז ער געווען צו זיך אַליין. האָט

ער אייגנטלעך אפילו נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז אַזאַ יידל וועט נישט וועלן טון אַ זאַך, וואָס איז גוט פאַר אים, דעם פּאָלקאָווניק.

— איך וועל שנעל מיט אים דורכקומען — האָט פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו זיך אַ צופרידענער אַ רייב געטון די הענט.

ער איז אין דעם געווען אַזוי זיכער, אַז ער האָט שוין געפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו דעם יידל און געוואָלט פאַר אים עפּעס גוטס טון.

— ער האָט שוין געפרישטיק, דער ראַווין? — האָט ער געפרעגט דעם וועכטער.

— ניין. ער האָט זיך צום ברויט און הייס וואַסער נישט צוגערירט.

דאָ האָט פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו דערשטוינט געמאַכט דעם טורמע־שעף מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון זיין יידן־קענעריי.

— איך ווייס — האָט ער גערעדט צו ר' משהלען האַלב יידיש האַלב רוסיש — דו, ראַווין, נאָך נישט געדאַווענט!...

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איינציקע, וואָס ר' משהלע האָט מיטגענומען פון שטוב, איז געווען דאָס גרינע סאַמעט־זעקעלע מיט טלית און תפילין.

— אָט, אָט, דאָס מיין איך! — האָט פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו אויסגערופן, דערזעענדיק דאָס גרינע סאַמעט־זעקעלע — דאָס זאָל בלייבן דאָ, ביים ראַווין... און איצט זאָל מען אים לאָזן אַליין, זאָל ער דאַווענען און עסן, דער ראַווין, און שפּעטער וועל איך מיט דיר רעדן...

דער ציטאַדעל־שעף האָט פאַרבעטן דעם פּאָלקאָווניק צו זיך אין שטוב און ביידע האָבן גענומען צו גלעזלעך. עס איז געווען זייער אָנגענעם צו טרינקען די משקה, וואָס דער אַלטער דימיסיאָנירטער גענעראַל האָט אַליין צונויפגעשטעלט לויט אַ „רעצעפּט" פון זיין עלטער־זיידע:

— אַ, ער איז געווען אַ מבין אויף אַ ביסל משקה! — האָט געלויבט דעם בראָנפן דער פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו און ער איז אַן אויפגעהייטערטער שוין איינער אַליין נאָכאַמאָל אַריין אין ר' משהלע ראַפּשיצערס קאַמער.

ר' משהלע איז געזעסן ווי פריער אויף דעם נידעריקן בענקל, נאָר דאָסמאָל איז ער געווען איינגעהילט אין זיין לאַנגן, געלבלעכן טערקישן טלית און אויפן קאָפּ געטראָגן די תפילין.

— פיין, פיין, — האָט פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו גערעדט — אַ גאָטס־פּאָרכטיקן מאַן האָב איך שטענדיק ליב. פאַר אַ גאָטספּאָרכטיקן מאַן בין איך גרייט אַלץ צו טון און אויב דו, ראַווין, וועסט האָבן שכל, וועט אַלץ זיין גוט...

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט אויפריכטיק געגלויבט אין זיינע אייגענע ווערטער. ער האָט אויף אַ מאָמענט נישט געצווייפלט, אַז דאָס, וואָס איז גוט פאַר אים, קאָמאַראָוון, מוז אויך זיין גוט פאַר אַלע.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם גאָלן ברעט וואָס האָט געדינט פאַר ר' משהלעס בעט, און זיך באַמיט האַלב יידיש און האַלב דייטש צו געבן צו פאַרשטיין דעם גאָטספּאָרכטיקן „ראַווין", וואָס ער דאַרף טון.

— קודם כל מודה זיין זיך — האָט פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו היים געטענהט ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט איבערציייגן — אַ גאָטס־פּאָרכטיקער מאַן מוז אָפּהיטן דעם אמת, ריכטיק, ראַווין? און דער אמת איז דאָך, אַז דו האָסט געגעבן צייכנס צו דעם שונא. ס'זענען דאָ עדות, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען — איז וואָס וועט דיר העלפן דיין לייקענען? נאַטשאַלסטוואָ וועט נאָר בייז ווערן אויף דיר, און אַ גאָטספּאָרכטיקער מאַן טאָר נישט דערבייזערן נאַטשאַלסטוואָ. ניין, ניין, נאַטשאַלסטוואָ מוז מען האָרכן און דעמאָלט וועט מען אויף דיר רחמנות האָבן און נישט געבן אַזאַ האַרבע שטראָף.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו איז געווען אַזוי איבערצייגט אין דער אַבּ־סאָלוטער ריכטיקייט פון זיינע אייגענע רייד, אַז ער האָט זיך צומאָל נישט געגעבן די מי צו דערהערן דאָס שטילע קול פון ר' משהלע ראַפּ־שיצער און ער האָט ווייטער אַלץ אַליין גערעדט:

— נו, ראַווין, אַז דו האָסט שוין איינגעשטימט מיט מיר און דו ביסט זיך מודה, דאַרפסטו טון נאָר איין קלייניקייט: זאָג ווער זענען געווען דיינע שותפים?

נאָר דאָ האָט דער פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו געהאַט די ערשטע נישט אַנגענעמע אַנטוישונג. ר' משהלע ראַפּשיצער האָט געשוויגן, און זיין פּנים האָט געהאַט אַזאַ אויסדרוק, ווי ער וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון אים.

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט דערפילט אין זיך אַליין אַ נישט זי־כערקייט. ער האָט זי, די אומזיכערקייט, אָבער פון זיך פארטריבן מיט די אייגענע רייד:

— יאָ, שותפים, — האָט ער האסטיק געךעדט, ווי איינער וואָס האָט מורא עפּעס צו פאַרזוימען — וועסט דאָך מיר נישט איינרעדן, אַז דו האָסט נישט געהאַט קיין שותפים. נאַטשאַלסטוואַ ווייסט סיי ווי, ווער דיינע שותפים זענען. איך קען דיר אפילו אָנרופן זייערע נעמען. נאָר איך מיין בלויז דיין טובה, איך וויל, אַז דו אַליין זאָלסט זיך מודה זיין...

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו איז געווען פול מיט באַוווּנדערונג פאַר זיין אייגענער קלוגשאַפט. עס האָט אים שוין צוביסלעך פאַרדראָסן אויף דעם איינגעשפּאַרטן זשיד, וואָס איז אַזוי נישט קיין מבין אויף זיין חכמה און הערט נישט אויף צו שווייגן.

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו איז אַ לענגערע ווײַלע געבליבן זיצן שטיל, ווי נאָכטראַכטנדיק, און דאַן געזאָגט:

— גוט, כ'פאַרשטיי, אַז דו ביסט שוין היינט פאַרמאַטערט, נו, וועלן מיר די שותפים דיינע לאָזן אויף אַ צווייטן טאָג און איך וועל נאָר בלויז פאַרצייכענען, וואָס דו אַליין האָסט געזאָגט?...

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער גענומען אויף זיין קני האַסטיק־שנעל שרייבן אויף אַ ברייטן בויגן פּאַפּיר. באַלד איז ער געוואָרן פאַרטיק מיטן שרייבן און ער האָט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אויף זיין גוטמוטיקן פּנים צוגעטראָגן דעם בויגן פּאַפּיר צו ר' משהלען און מיט אַ ווייכער, כמעט בעטנדיקער שטימע צו אים געזאָגט:

— איך וועל דיך היינט, ראָווין, מער נישט באַלעסטיקן... נישט מער ווי אונטערשרייבן דאַרפסטו, אָט דאָ...

— ר' משהלע ראפּשיצער האָט, שווייגנדיק, מיטן אָרבל אַוועקגע־שאַרט פון זיך דאָס פּאַפּיר מיט אַ באַוועגונג פון אַ מענטש, וואָס טרייסלט זיך אָפּ פון עפּעס אַן עקלהאַפטער און שמוציקער זאַך.

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו איז פון דער אומגעריכטער באַוועגונג גע־בליבן זיצן אין ערשטן מאָמענט ווי אָן לשון. באַלד איז ער געקומען צו זיך און מיט אַ געמאַכטן שמייכל געזאָגט:

— כ׳פאַרשטיי, דו ווילסט כ׳זאָל דיר פריער איבערלייענען...
דאַסמאָל האָט דער פאַלקאָווניק קאָמאַראָוו געטראָפן אַ צווייטע איבעררשונג:
— מען דאַרף נישט — האָט ר׳ משהלע געזאָגט קלאָר און דייטלעך.
— ווילסט שוין אונטערשרייבן, נישט געלייענט — איז פאַלקאָווניק קאָמאַראָוו געווען גערולדיק און מילד.
— איך וועל נישט אונטערשרייבן — האָט זיך דערפילט אַ מידקייט אין ר׳ משהלעס קול.
— אָבער פאַר וואָס?? — איז קאָמאַראָוו געווען אויפריכטיק דער־שטוינט — האָסט זיך דאָך אַליין מודה געווען...
— ווייל אַלץ, וואָס דו זאָגסט, איז ליגן — דאַסמאָל האָט דאָס קול פון ר׳ משהלען געהאַט אין זיך עפּעס אַ מאָדנע זיכערקייט.
פאַלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט ענדלעך פאַרלוירן זיין גערולד. גאָט איז אַן עדות, אַז ער האָט ווי אַ גוטער קריסט די גאַנצע צייט זיך באַצויגן צו דעם זשידאָווסקע פאַרברעכער. אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער אים נאָכגעגעבן. אפילו פאַר זיין זשידאָווסקע דאַווענען האָט ער געזאָרגט. ער איז אפילו באַשטאַנען אויפצוהערן צו רעדן וועגן די שותפים, הגם עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער פאַררעטער האָט געמוזט האָבן צוהעלפער, ווייל אויב נישט, — צו וועמען האָט ער געגעבן צייכנס ביינאַכט?
אַלץ האָט ער געטון פאַר דעם זשיד. און וואָס האָט ער געוואָלט? געוואָלט זיין טובה, געוואָלט, ער זאָל מיט גוטן זיך מודה זיין. אפשר וועט נאַטשאַלסטוואָ האָבן רחמנות און איינזען...
אנשטאָט דעם האָט דער זשיד די חוצפה ווידערצושפּעניקן נאַ־טשאַלסטוואָ!... איז ער גאָר אַזוי פאַרשייט אָנצורופן אים, דעם פאַלקאָוו־ניק קאָמאַראָוו, ליגנער. אַ, ניין. פאַר אַזאַ זאַך איז ווייניק די תליה. פאַר אַזאַ זאַך וועט מען לעבעדיקערהייט די הויט פון אים שינדן. דע־מאָלט וועט ער שוין רעדן!...
אַזוי האָט ער געשריגן, דער פאַלקאָווניק קאָמאַראָוו, און געדראָט מיט די פויסטן און געטופּעט מיט די פיס.
נאָר ר׳ משהלע ראַפּשיצער האָט געשוויגן.

## אין שטורעם

און געדאַכט האָט זיך, אַז ער הערט צומאָל נישט די געשרייען פון פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו. ער איז עפּעס ווי נאָך טיפער אריין אין זיך, און זיינע ליפּן האָבן זיך שטיל באַוויגן, נישט אַרויסגעבנדיק פון זיך דעם מינדסטן קלאַנג.

— איך וועל שוין עפענען דיין זשידאָווסקע מויל...

פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו, האָט אַריינגערופן צוויי וועכטער און זיי באַפוילן:

— מאַכט איר רעדעוודיק! ווען ער וועט זיין גרייט, טיילט מיר באַלד מיט!

די וועכטער האָבן ערלעך און געוויסנהאַפט געטון זייער זאַך.

מיט די פויסטן און מיט די שטיוואַליעס און מיט די אייזערנע שליסלען האָבן זיי געפּרווט מאַכן רעדעוודיק ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

נאָר ר׳ משהלע האָט געשוויגן. ער האָט צומאָל נישט געשריגן. אפילו אַ קרעכץ האָט זיך פון זיין מויל נישט אַרויסגעריסן. ער האָט נאָר פעסטער צוגעשלאָסן זיינע ליפּן, די אויגן זיינע האָבן זיך גאָר צעלויכטן, ווי זיי וואָלטן עפּעס גרויסע, הערלעכע וועלטן פאַר זיך געהאַט. און אין זיין אינגעווייד איז אויפגעגאַנגען אַ געבעט:

— גיב מיר כוח אַריינצוקומען אומבאַפלעקט אין היכל פון דיינע קדושים, טאַטע זיסער...

ר׳ משהלעס שווייגן האָט די שלעגער נאָך מער צערייצט. עס איז זיי פאָרגעקומען, אַז דער זשיד שפּעט בכיוון פון זיי, אַז ער וויל, זיי צולהכעיס, אפילו נישט שרייען פון ווייטיק. האָבן זיי אים געשלאָגן מיט נאָך מער כעס, ביז וואַנען ער איז געבליבן ליגן אָן אומבאַוועגלעכער.

אין צענטן פּאַוויליאָן טאָר אָבער אויך דער מלאך המוות נישט אריינקומען אָן אַ באַפעל. האָט מען אויף דעם אומבאַוועגלעכן ר׳ משהלע געגאָסן עמערס קאַלט וואַסער ביזוואַנען עס האָט זיך ווידער דערהערט זיין שוואַכער אָטעם. און דעמאָלט האָט מען אים ווי אַ צעקנייטשטע שמאַטע אַ וואָרף געטון אויף דעם האַרטן ברעט.

אינאָוונט האָט פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו געשריבן צו זיין מאַכט זיין ערשטן ראַפּאָרט, אין וועלכן ר׳ משהלע ראַפּשיצער איז באַצייכנט געוואָרן פאַר דעם געפערלעכסטן טיפּ פאַרברעכער, וועלכער צייכנט זיך

אוים מיט אַ באַזונדערער עקשנות, און וועלכער האָט געהאַט די העזה, נאָכן מודה זיין זיך אין אַלעם צו לייקענען. צום גליק אָבער זענען דאָ באַגלויבטע עדות, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען, ווי דער פאַרברעכער האָט געגעבן צייכנס צו זיינע שותפים, וועלכע זענען דער־וויל נאָך נישט אַרעסטירט געוואָרן. די דאָזיקע עדות, האָט פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו ווייטער געשריבן אין זיין ראַפּאָרט, זענען אַ געוואוגנדער באַ־ווייז דעם אַרעסטירטן צו פאַרמשפּטן אין הויכפאַרראַט.

דער ראַפּאָרט פון פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק און גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט אים געהייסן ווייטער גיין אין דער ריכטונג.

### קאפיטל 20

## ר׳ משהלע ראפשיצער ווערט נתגלה

ר׳ ברוך שמש און די אַלטע רביצין הדסל האָבן אַ וואָרט צווישן זיך נישט אַרויסגערעדט נאָכדעם ווי מ׳האָט ר׳ משהלען אין מיטן נאַכט פון זיי אוועקגעריסן.

די אַלטע רביצין האָט שווייגנדיק זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, נאָכדעם ווי די קאַלבע פון זשאַנדאַרם האָט זי אומגעוואָרפן. זי האָט אויפ־געמישט דעם גרויסן קרבן מנחה סידור און מיט איר פינגער געפירט איבער די פסוקים תהילים און נאָר פון צייט צו צייט אַ טיפן קרעכץ געטון.

ר׳ ברוך שמש האָט מיט זיינע אַלטע פיס געדרעפּטשעט פון איין שטוב אין דער אַנדערער און האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און נישט געקענט זיך דערמאָנען, וואָס אייגנט־לעך ער זוכט.

פון צייט צו צייט איז ער צוגעגאַנגען צו דער פאַרמאַכטער טיר און געוואַרט, אַז אָט, אָט, און ער וועט דערהערן די באַקאַנטע טריט פון רבין.

ערשט אַז דער טאָג האָט גענומען גרויען, האָט ר׳ ברוך שמש זיך איינגעהילט אין זיין אַלטן טלית, האָט זיין האַנט אַרומגעוויקלט מיט די תפילין־רצועות און האָט אפילו ביי דער שמונה עשרה נישט געקענט אוועקטרייבן פון זיין געדאַנק די שאלה:

— וואָס איז דאָ געשען?...

ר׳ ברוך שמש האָט נישט געקענט געפינען קיין ענטפער אויף דער פראַגע און בעלד, ווי ער האָט צוזאַמענגעלייגט דעם טלית, אַ זאָג געטון:

— מען דאַרף גיין אין שטאָט אַריין...

ער האָט אַליין נישט געוווסט צו וועמען ער זאָגט עס, צו זיך אַליין, צי צו דער אַלטער רביצין.

די רביצין הדסל האָט איר אַלט מויל צוגעטראָגן צו די געלע בלעטער פון קרבן מנחה סידור און האָט איר קאָפּ אַרומגעוויקלט מיטן אַלטן זיידענעם שאַל, וואָס געדענקט נאָך איר חופּה־טאָג.

דער טאָג האָט די צוויי אַלטע לייט באַגעגנט מיט פאַרשלאָפענע אויגן און די ביימער אויף ביידע זייטן גאַס האָבן טרויעריק צוגעשאָקלט מיט זייערע גרינע קעפּ צו די צוויי אַלטע לייט, וואָס דרעפּטשען איינער נעבן דעם אַנדערן.

עס איז נאָך געווען זייער פרי, ווען זיי זענען אָנגעקומען צו דער שפּייז־קראָם פון ר׳ חיימלען אויף דער קאַרמעליצקע גאַס.

די קראָם איז נאָך געווען פאַרמאַכט. זענען זיי געבליבן שטיין אויף דער גאַס און געוואַרט. זיי האָבן געוווסט, אַז אין דער שטאָט האָט זעלטן ווער געהערט דעם נאָמען פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער און אַז ער, ר׳ חיימל, איז טאַקע געווען איינער פון די זעלטענע געסט, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַמאָל אין אַ וואָך אין זייער הייזקע, מיטברענגענדיק טיי און קאַווע און צוקער און מעל און טאַקע עטלעכע גילדן אויך.

ר׳ חיימל איז געקומען אָנצולויפן מיט האַסטיקע טריט אַזוי, אַז זיינע צוויי זין האָבן אים קוים באַוויזן נאָכצולויפן און דעריאָגן.

—האָ? די רביצין? ר׳ ברוך? וואָס איז?...

ר׳ ברוך האָט מיט אַ דערשראָקענער שטימע עפּעס אַרויסגעשטאַמלט און פון דער רביצין הדסלס אויגן האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַ טרער אויף איר אַלט פּנים.

— וואָס?! דעם רבין?! דעם רבין זאָגט עטץ?! — האָט ר׳ חיימל זיך צעשריגן אויף ר׳ ברוך שמש, ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער שולדיקער אין ר׳ משהלע ראַפּשיצערס אַרעסט.

ער האָט אַ וואָרף צו געטון די שליסלען פון זיין קראָם זיינע צוויי זין און האָט זיך אויך אויף זיי צעשריגן:

## אין שטורעם

— נו, וואָס שטייט עטץ!... עטץ זעט דאָך, וואָס עס טוט זיך!...

דער בשמים־קרעמער ר׳ חיימל פון דער קאַרמעליצקע גאַס האָט אין דעם טאָג ביי די אויערן אויפגעשטעלט די גאַנצע שטאָט. ער האָט אַריינגעזעצט אין אַ דראָשקע די רביצין הדסל און ר׳ ברוך שמש און האָט געהאַלטן מיט זיי אין איין ארומפאָרן איבער די טומלדיקע יידישע גאַסן.

אַ סך רביים און רבנים, פאַרטריבענע פון זייערע שטעט, האָבן זיך אין דער צייט באַזעצט אין די גרויסע יידישע וואַרשעווער הייף.

אין די שטיבער פון די נייאָנגעקומענע רביים איז געווען טומלדיק. די אַרויסגעטריבענע פון זייערע שטעטלעך יידן האָבן נישט געהאַט וואָס מיט זיך צו טון גאַנצע טעג אין דער פרעמדער שטאָט, זענען זיי פון דער פרי ביז ביינאַכט געזעסן ביי זייער רבין, האָבן אַריינגעכאַפּט אַ קדושה, האָבן אַריינגעקוקט אין אַ יידיש ספר און האָבן נישט אויפגע־הערט צו פרעגן:

— רבי, ווען וועט מען אַהיימפאָרן?

און זיי זענען נישט מיד געוואָרן צו הערן יעדן טאָג דעם זעלבן ענטפער:

— דער אויבערשטער וועט העלפן...

ביים רבין אין שטוב האָבן זיי זיך געטראָפן מיט היימישע מענטשן, יידן פון כלערליי מקומות און זיך דערוווסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

זענען זיי טאַקע באַלד נאָכן עסן געקומען אין רבינס שטוב און דאָרט פאַרגעסן אָן די אייגענע צרות. טיילמאָל האָט זיך זיי אפילו געדאַכט, אַז זיי לעבן ווייטער אין זייער היים־שטעטל.

אין די דאָזיקע מיט טומל און מיט שוויים פון מענטשלעכע לייַ־בער אָנגעפילטע שטיבער פון רביים און רבנים איז ווי אַ שטורעם אַריינגעפאַלן דער בשמים־קרעמער ר׳ חיימל, מיטציענדיק מיט זיך די רביצין הדסל און ר׳ ברוך שמש.

שוין ביי דער טיר האָט ר׳ חיימל זיך צעשריגן:

— געוואַלד, יידן, וואָס שווייגט עטץ!... מאַכטץ אַ טרעוואָגע יידן! זייטץ מרעיש עולם, געוואַלד!...

פון אזא געשריי איז דער רבי און די רביצין געקומען אַנצולויפן פון די אַנדערע שטיבער און אַלע האָבן גענומען מיט דערשראָקענע קולות רעדן מיטאַמאָל:

— באַרואיקט אייך, ר' ייד, לאָמיר קודם הערן, וואָס איז געשען?

נאָר דער בשמים־קרעמער פון דער קאַרמעליצקע גאַס האָט זיך נאָך העכער צעשריגן:

— וואָס איז געשען ווילט איר וויסן?! דעם רבין, ר' משהלען, האָט מען אין קייטן געשמידט און זיי פרעגן וואָס עס איז געשען!!...

געהערט, אַז דער רבי איז געשמידט אין קייטן, האָבן יידן געפרעגט:

— דעם רבין, ר' משהלען, זאָגט איר?... כ'מיין מען האָט עפּעס נישט געהערט...

ערשט איצט איז ר' חיימל, דער בשמים־קרעמער, אַרויס מיטן אמתן געשריי. וואָס הייסט אַזעלכע שאלות?! ווייסן זיי נישט, אַז דער רבי, ר' משהלע ראַפּשיצער, איז אַ צדיק יסוד עולם?! טאַקע איינער פון די למד־וואָוו־צדיקים, וואָס אין זייער זכות לעבן מיר אַלע?!...

ר' חיימל האָט גענומען אויסרעכענען ר' משהלע ראַפּשיצערס גאַנצן יחוס, האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין רבין און קיין איין צדיק פון די אַמאָליקע דורות און איז ביזן בית־המדרש פון בעל־שם טוב, זיין זכות זאָל אויף אונדז מגין זיין, דערגאַנגען.

טרערן האָבן זיך געגאָסן פון ר' חיימלס אויגן, ווען ער האָט דער־מאָנט די נעמען פון אַלע צדיקים און צעכליפּעט האָט ער זיך, ווען ער האָט גענומען דערציילן וועגן דער גרויסקייט פון זיין רבין אַליין, וועגן זיין צדקות און עניות, וועגן זיין תורה און וועגן זיין שווייגן.

— און איצינד האָט מען ביי אונדז דעם צדיק צוגענומען, דעם למד־וואָווניק!... אין קייטן האָט מען אים געשמידט. אָ וויי, וויי, ווער ווייסט, ווי די רשעים פּייניקן אים!...

מער האָט חיימל נישט געקענט רעדן. ער איז געשטאַנען און גע־כליפּעט און אַלע יידן האָבן מיט אים מיטגעוויינט. אָבער וואָס וועט אַרויסקומען פון וויינען? מ'דאַרף דאָך עפּעס טון! מ'קען דאָך נישט דער־לאָזן אַזאַ צדיק ווי ר' משהלע זאָל געפּייניקט ווערן אין גויאישע הענט. ס'איז דאָך נישט סדום, חלילה...

ר׳ חײמל האָט זיך אויסגעווישט די טרערן. אוודאי מוז מען עפּעס טון. אַזוי פיל גוטע ײדן זענען הײנט דאָ אין שטאָט, זאָלן זײ אַלע זיך צונויפקומען, זאָלן זײ האַלטן אַן עצה, זאָלן זײ וועלטן אײנרײסן. און טאַקע שוין. קײן אײן מינוט טאָר מען נישט פאַרלירן. פאַרן טויער וואַרט די דראָזשקע. זאָל דער רבי מיט אים צופאָרן טאַקע שוין צו אַ צווײטן „גוטן ײד״, וואָס וווינט דאָ נישט ווײט.

דער רבי האָט מיט אַ קרעכץ אָנגעטון דעם ברײטן זײדענעם כאַלאַט, האָט גענומען אין האַנט דעם שוואַרצן שטאָק פון העלפאַנטבײן מיטן זילבערנעם קעפּל און זיך געלאָזט פירן פון ר׳ חיים קרעמער.

און ר׳ חײמל איז נישט מיד געוואָרן. צו אַלע רבנים און רביים איז ער געפאָרן און זײ נישט אָפּגעלאָזט, ביז זײ זענען מיט אים מיטגעפאָרן.

אומעטום האָט ער פונאַנדערגעטראָגן דעם רום פון זײן רבין, ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

אַ גאַנצע שרענגע דראָזשקעס זענען שוין געפאָרן איבער די ײדישע גאַסן, אין וועלכע עס זענען געזעסן רבנים און גוטע ײדן מיט זײדענע כאַלאַטן און ספּאָדיקעס און קאַלפּאַקעס.

און יעדער מענטש אויף דער גאַס האָט גלײך געוווּסט, אַז די אַלע גוטע ײדן זענען איצט עוסק אין דער גרויסער מצווה פון פּידיון שבויים. אַז אויסגעלײזט דאַרף ווערן פון גויאישע הענט דער נסתּר, ר׳ משהלע ראַפּשיצער, וועלכער איז ענדלעך נתגלה געוואָרן.

אפילו אין די רעדאַקציעס פון די ײדישע צײטונגען, אויף דער בלאָנדע גאַס און די נאַלעווקעס, האָט ר׳ חײמל געוווּסט צו טרעפן.

אמת, ער אַלײן האָט פון די „בלעטער״ נישט שטאַרק געהאַלטן. מאַלע, סאַרע לצנות זײ שרײבן דאָרט. ײדן זענען זײ אָבער פאָרט, איז פאַרוואָס זאָלן זײ שווײגן?

נאָר דאָרט, אין די רעדאַקציעס, האָט מען בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט צו ר׳ חײמלען:

— מיר קענען גאָרנישט טון, ר׳ ײד, אַזאַ באַפעל האָבן מיר נאָר וואָס באַקומען, אַז עס טאָרן מער נישט זײן קײן ײדישע בלעטער... גײט בעסער אין דער גמינע.

די עצה איז ר׳ חיימלען געפעלן געוואָרן. אין דער גמינע זיצן דאָך די רייכע „דייטשן״, וואָס זענען „פאַן בראַט״ מיטן גובערנאַטאָר אַליין. וועלן זיי אוודאי וויסן, וואָס מען דאַרף טון.

— צו דער גמינע! — האָט ר׳ חיימל אַ קאָמאַנדעווע געטון צו דער שרעננגע דראָזשקעס, וואָס האָבן געוואַרט פאַרן טויער — איך וועל זיי די צילינדערס פון קאָפּ אַראָפּרייסן, אויב זיי וועלן נישט צוריקברענגען אין שטוב אַריין מיין רבין!...

דער גויאישער גמינע־שומר, דער אַלטיטשקער יוזעף, וועלכער היט שוין קהלס טיר זינט צענדליקער יאָרן, האָט מיט חשיבות גלייך געמאַכט זיך די וואָנצעס, דערזעענדיק אויסשטייגן פון די דראָזשקעס אַזוי פיל רבנים.

— פאַנאָוויע, פאַנאָוויע... — האָט ער געוואָלט דערהאַלטן אָרדענונג, פרעגן וואָס און ווען, ווי עס דאַרף צו זיין, און גיין מעלדן דעם פאַן פרעזעס מיכאַל.

— טראָג זיך אָפּ! — האָט ר׳ חיימל, דער בשמים־קרעמער, אוועקגעשאַרט דעם אַלטן אָן אַ זייט — נע, נע, מיט אַן ערל גאָר וועל יאָך זיך אויסטענהן!...

ער האָט האַסטיק געעפנט די טיר פון גמינע־פרעזעס, דעם פאַן מיכאַלס קאַבינעט און מעשה באַלעבאָס איינגעלאַדן די רבנים און רביים.

ביי אַ ברייטן, לאַנגן טיש, באַדעקט מיט אַ טונקל גרינעם טוך, איז דער אַלטער פאַן מיכאַל איינער אַליין געזעסן פאַרטיפט אין קהלס פאַפירן.

עס איז שוין געווען אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהען. די באַאַמטע און דאָזאָרעס האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט זייער טעגלעכע אַרבעט און זענען געגאַנגען אַהיים.

אויך דער פאַן מיכאַל האָט צו זיך שוין עטלעכע מאָל אַ זאָג געטון:

— מען דאַרף גיין אַהיים.

פונדעסטוועגן איז ער ווייטער געבליבן זיצן. דער פאַן מיכאַל האָט נישט געהאַט דעם טאָג אַזעלכע דרינגענדע זאַכן צו דערליידיקן. די אַלע פאַפירן, איבער וועלכע ער זיצט איבערגעבויגן, האָבן רואיק געקענט וואַרטן ביז מאָרגן. און אַחוץ דעם פילט ער אויך עפּעס אַ מידקייט אין

די ביינער. ער וואָלט גערן אין זיין שטוב זיך איצט אַוועקגעלייגט אויף דער באַקוועמער סאָפע.

טראָץ דעם רירט ער זיך נישט פון זיין פּאַטעל. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר אין די לעצטע צייטן יאָגט אים עפּעס אַרויס פון זיינע גרויסע שטילע שטיבער. זינט דעם שבת, ווען ער האָט געגעסן טשאָלנט און געהאַקטע ציבעלעס ביי ר׳ לוין צוזאַמען מיט די פּראָסטע אָרימע יידן און געהערט זייערע שבתדיקע ניגונים, קען ער זיך נישט געפינען קיין אָרט אין דער אייגענער שטוב.

און ער וויל פאַר זיך אַליין נישט מודה זיין, דער אַלטער פאַן מי־כאַל, אַז זינט יענעם שבת פילט ער עפּעס אַזאַ פרעמדקייט צו זיין איי־גענער טאָכטער, מערי. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, און אפשר וויל ער נישט וויסן פאַרוואָס, נאָר ער האָט נישט און ווייסט נישט וואָס צו איר צו רעדן.

פאַרברענגט ער דעריבער אַזוי פיל שעהען אין זיין גמינע־קאַבינעט, בלייבט איינער אַליין זיצן שעהען־לאַנג און לייגט אָפּ פון מינוט צו מינוט דאָס גיין אהיים.

דער פאַן מיכאל האָט דעריבער זיך דערפרייט, דערזעענדיק פאַר זיך יידן אין אַטלעסענע כאַלאַטן און רבנישע קאַלפּאַקעס. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז ווידער ביי ר׳ לוין אין שטוב און ער וועט ווידער הערן די טרויעריק־פריילעכע חסידישע ניגונים.

ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען די אומגעריכטע אורחים מיט אַ צעשמיי־כלטן פּנים און אויסגעזעצט אַרום דעם לאַנגן סעסיע־טיש די רבנים און רביים:

— ביטע, ביטע — האָט ער גערעדט האַלב יידיש האַלב גויאיש — וואָס איז געשען?

ר׳ חיימל, דער בשמים־קרעמער, האָט זיך נישט געוואָלט זעצן צו־זאַמען מיט די רבנים. ער איז געבליבן שטיין הינטער זייערע שטולן, זאָגנדיק:

— יאָך בין אַ פּראָסטער ייד און יאָך קען שטיין...

אָבער ווען דער פאַן מיכאל האָט געפרעגט, וואָס עס איז געשען, האָט ר׳ חיימל זיך דער ערשטער אָנגערופן און טאַקע אויפן הויכן קול:

—אן אומגליק איז געשען, א צרה!... דעם הייליקן רבין, ר׳ משהלען, האָבן די רשעים געשמידט אין קייטן און אוועקגעפירט, געוואלד...

דעם פאן מיכאלס שטרענגער בליק האָט ר׳ חיימלען שטיל געמאַכט:

— איז עס ריכטיק וואָס דיזער מאַן... — האָט דער פאַן מיכאל זיך געווענדט אויף דייטשמעריש צו דעם טיש רבנים.

די רבנים האָבן טרויעריק צוגעשאָקלט מיט זייערע קאלפאקעס און שטריימלעך:

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס...

דער פאַן מיכאל האָט די רבנים געהייסן ווארטן און צוזאמענגערופן אויף שנעל די גמינע־שררות, דעם פאַן נאַטאַנזאָן, און דעם פאַן אייגער, און ר׳ לוין און דניאל עפשטיינען.

די שררות פון דאָזאר־שטיבל האָבן באַרואיקט די רבנים און רביים און האָבן אפילו ר׳ חיימלען, דעם בשמים־קרעמער, א באַרואיקטן צו־ריקגעשיקט צו זיין קראַם:

— גייט רואיק אהיים — האָבן זיי געזאָגט — און האָט נישט קיין מורא. ר׳ משהלע ראפשיצער וועט אינגיכן אהיימקומען געזונט און גאַנץ. נישקשה, ווארשע איז, ברוך השם, נישט קיין וואלד און די וועלט איז נישט הפקר. מיר וועלן גלייך גיין וווהין מען דארף און אויפקלערן זיי דעם טעות.

די שררות פון דאזאר־שטיבל זענען געווען זיכער אין זייערע איי־גענע רייד. און זיי זענען טאַקע גלייך אוועק צום פּאָליציי־מייסטער, דעם גראַבן מאיער. נישט מיט ליידיקע הענט זענען זיי צו אים אוועק און אויך מאיער איז געווען פולשטענדיק זיכער ביי זיך און געזאָגט:

— עפּעס א טיפּש, אַן אָפּיציר, כאַפּט זיך גאָר צו רבנים... ניטשע־וואָ, אין א שעה ארום וועט ער זיין פריי, דער ראַווין...

אין א שעה ארום האָט אָבער דער פּאָליציי־מייסטער מאיער שוין געגעבן די יידן אַן אנדערן ענטפער:

— מיינע הערן, — האָט ער געזאָגט מיט א נישט זיכערער שטימע
— איך באַדויער זייער, אָבער איך קען אין דעם ענין גאָרנישט טון...
— אָבער אפשר מעגן מיר ווּיסן, פאַר וואָס מען האָט אים אַרעס־טירט?... — זענען די דאָזאָרעס שוין געוואָרן נישט רואיק.

## אין שטורעם

— לײדער, מײנע הערן, קען איך אײך גאָרנישט זאָגן...

— איז אפשר קענען מיר װיסן, װוּ מען האַלט אים, דעם אָרעמ־טירטן רבֿ?

— איך װעל אײך בעטן, מײנע הערן, מיט מיר מער װעגן דעם נישט רעדן — איז דער שטענדיקער גוטמוטיקער מאיער געװען קאַלט און שטײף.

אַזאַ ענטפֿער האָט שױן גאָר צעטומלט די ייִדן. האָבן זײ מיט אַ גרעסערער געלט־סומע געפּרוּװט עפּענען מאיערס מױל.

דער דיקער מאיער האָט די מתּנה צוגענומען, אָבער געזאָגט האָט ער נאָר:

— מײנע הערן, אַלס פּרײַנט קען איך אײך בלױז ראָטן נישט צו מישן זיך...

די „דײַטשן" זענען איבערגעשראָקענע צוריקגעקומען אין דער קהלה געבײדע. אײניקע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָננעמען די עצה פֿון פּאָליצײַמײַסטער מאיער:

— עס איז קריגס־צײַט, — האָבן זײ געזאָגט — און אין אַזאַ צײַט דאַרף מען זײַן פּאָרזיכטיק. נישט אומזיסט װיל מאיער זיך נישט מישן. װער װײסט אין װאָס דער ר' משהלע ראַפּשיצער װערט באַשולדיקט. און אפשר איז ער אױך שולדיק? װער װײסט...

דעם אַלטער פֿאָן מיכאַל האָט מען אין דעם טאָג צום ערשטן מאָל געהערט רעדן מיט אַן אױפֿגערעגטן טאָן.

און ער האָט זיך מודה געװען צו זײַן אױפֿגערעגטקײט. װאָרום ער האָט זיך נישט געריכט צו הערן פֿון זײַנע פֿרײַנט אַזעלכע װערטער. מיר קענען דאָך אַלע אונדזערע רבנים, מיר װײסן, אַז זײ רעדן שלעכט פּױליש, מיר װײסן, אַז זײ קלײדן זיך נישט אַזױ, װי מיר װילן, אָבער קײנער װעט דאָך נישט זאָגן, אַז זײ זענען פֿעאיק צו טון עפּעס אַזעל־כעס פֿאַר װאָס מען גײט אין תּפֿיסה... און אױב מען באַשולדיקט זײ, איז עס אַ שקר בלבֿול, און ער, יעדנפֿאַלס, װעט נישט דערלאָזן אַזעלכע בלבֿולים... װער עס שרעקט זיך פֿאַר זײַן אײגענער הױט, ביטע, קען זיך רויִק אַהײמגײן.

אַלע האָבן זײ זיך, װאָס דער אמת, צוביסלעך געשראָקן. אָבער אַהײמגעגאַנגען איז קײנער נישט. געװען צװישן זײ פֿיל, װאָס האָבן גע־

האָט באַקאַנטשאַפֿטן מיטן צאַרס גענעראַלן, האָבן געפֿירט מיט זיי געשעפֿטן און פּאַדריאַדן. האָט מען פֿון פֿאַרשידענע זייטן און אויף פֿאַרשידענע אופֿנים געפּרוווט עפּעס דערגיין. יעדעס מאָל איז אָבער גע־קומען דערזועלבער געהיימניספֿולער ענטפֿער:

— איך בין אַלץ גרייט פֿאַר אייך צו טון, איר ווייסט דאָך, נאָר וועגן דעם ענין בעט איך מיט מיר נישט צו רעדן...

דניאל עפּשטיין איז באַלד פֿון אָנהויב נישט געווען אַזוי זיכער ווי זיינע פֿריינט אין דער באַלדיקער באַפֿרייאונג פֿון ר׳ משהלע ראַפּ־שיצער.

ווי נאָר ער האָט דערהערט דעם נאָמען, אַזוי איז אים גלייך פֿאַר־געקומען, אַז ער האָט שוין ערגיץ ווו געהערט רעדן וועגן ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

באַלד האָט ער זיך אויך דערמאָנט, אַז ביי בערטען אין שטוב איז דאָס געווען, און אַז איינמאָל האָט ער אַפֿילו דעם רבין געזען דאַוונען אויף דער אָפֿענער וועראַנדע.

— ווער ווייסט, וואָס דאָרט איז געשען? — איז אים איינגעפֿאַלן — זשאַנדאַרמען אין שכנות פֿון וויקטאָרן און יאַנקלען, ווער ווייסט...

— און ווער ווייסט, וואָס עס איז מיט בערטען? — האָט עפּשטיין שוין נישט געהערט, וואָס זיינע פֿריינט רעדן ביים טיש.

דניאל עפּשטיין האָט זיין באַאומרואיקונג באַהאַלטן ביי זיך. איב־ריקנס, צי קען ער פֿאַר אַן עולם מענטשן דערציילן וועגן יאַנקל־שמייסער און וועגן וויקטאָרן.

דניאל עפּשטיין האָט דעריבער אַ שווייגנדיקער זיך צוגעהערט צו די באַרואיקנדיקע רייד ביים טיש, און שפּעטער זיך שטיל אַרויסגערוקט פֿון דער שטוב.

— איך מוז זען בערטען — האָט ער געוואָלט אונטעריאָגן דעם טראַמוויי — איך מוז גלייך מיט איר רעדן...

דאָס קליינוואַרג, סאַמעק און רעגינקע, האָבן אים מיט פֿריידיקע אויסגעשרייען באַגעגנט ביי דער טיר.

— די מאַמע איז דאָ? — האָט עפּשטיין געוואָלט וויסן.

— יאָ, די מאַמע איז שוין צוריקגעקומען...

עפּשטיין האָט דערפילט אַ באַרואיקונג. בערטע האָט אים באַגעגנט מיט איר געוועגלעכן רואיקן שמייכל.

פונדעסטוועגן האָט עפּשטיין אין אירע אויגן דערקענט, אַז עפּעס וואָס איז געשען.

— קינדער, — האָט זי געזאָגט שטרענג, — איצט וועט איר גלייך גיין צו אייך אין שטוב מאַכן די לעקציעס.

— און שפּעטער וועלן מיר מעגן צוריקקומען? — האָבן די קינדער געפרעגט.

— יאָ, שפּעטער וועט איר קענען צוריקקומען.

די קליינע רעגינקע האָט געקוקט מיט רחמנות בליקן אויפן פאָטער, אָבער עפּשטיין האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין דאָס מאָל איר שטום-געבעט.

— וואָס איז געשען, בערטע? — האָט ער געפרעגט נאָכדעם, ווי זיי זענען געבליבן אַליין.

— כ'האָב ביינאַכט געהאַט אַביסל שרעק, דאַניעל, גראַד ווען וויקטאָר און יאַנקל זענען אַרויס פון שטוב, האָט זיך דערהערט אַ שי-סעריי...

— אַ שיסעריי? — האָט עפּשטיין זיך באַמיט צו רעדן גלייכגילטיק.

— היינט בייטאָג אין קינדער-אַנשטאַלט — האָט בערטע ווייטער גערעדט — האָט מיר וויקטאָר צוגעשיקט אַ צעטעלע, אַז ער און יאַנקל זענען אויף אַ זיכער אָרט און אַז איך...

— אַז דו?

— אַז איך דאַרף אַ געוויסע צייט זיצן פולשטענדיק רואיק — האָט בערטע גערעדט ווייטער — ביזוואַנען מען וועט פעסטשטעלן, אַז מיין הייזקע שטייט נישט אונטער אַ פאַרדאַכט.

עפּשטיין האָט זיך געוווּנדערט, וואָס בערטע דערמאָנט נישט צומאָל מיט איין וואָרט דעם אַרעסט פון איר שכן, ר' משהלע ראַפּשיצער.

— ווייסט זי גאָרנישט דערפון? — האָט עפּשטיין זיך אַליין גע-פרעגט — אָדער באַהאַלט זי אוים פון מיר?

עפּשטיין איז איצט, הערנדיק וועגן דער ביינאַכטיקער שיסעריי אין זיך געווען זיכער, אַז צוליב בערטעס זינד איז אַרעסטירט געוואָרן

ר׳ משהלע ראפשיצער. צוליב איר און וויקטאָרן זענען זיי געקומען, די זשאַנדאַרמען, אין וועלדל און געטראָפן האָבן זיי צו ר׳ משהלען. און איצט טוען זיי צומאָל נישט אַ טראַכט וועגן דעם. וואָס גייט זיי עפּעס אָן אַ ייִד מיט אַ באָרד און פּיאות, וואָס קלערט נישט וועגן מלחמה מיטן קיסר?...

עפּשטיין האָט דערפילט אַ כעס אויף בערטען. ער האָט געוווּסט אין זיך, אַז דאָס, וואָס זי, בערטע, האָט לעצטנס געטון, איז געווען נישט בלויז מלחמה מיטן קיסר, נאָר מלחמה קעגן אים, עפּשטיינען... בערטע וויל זיין נאָמען אַרויסברענגען פון איר האַרץ מיטן פייער פון רעוואָלוציע. זי וויל זיך פאַרטומלען און פאַרגעסן און דערווייטערן פון אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות מיט אים, עפּשטיינען, און מיט די יאָרן, וואָס זיי האָבן צוזאַמען געלעבט אונטער איין דאַך. אין וויקטאָרס שטורמישער וועלט וויל זי, בערטע, געפינען אויסלייזונג פון אירע אייגענע דעראינערונגען.

עפּשטיין האָט טיף אין זיין האַרץ דאָס אַלץ געוווּסט, און ער האָט זיך אויך געפילט שולדיק פאַר בערטען. ניין. ער האָט פאַר זיך אַליין נישט געקענט לייקענען זיין שולד. אַזוי לאַנג, ווי ער האָט זי באַדאַרפט צו האָבן, האָט ער זי, בערטען, געהאַלטן, און שפּעטער אפילו אַ טראַכט נישט געטון וועגן איר. אַזוי גרויס איז זיין פרייד מיט לאַניאַן... דאָס דאָזיקע באַוווּסטזיין פון אייגענער שולד האָט נאָך פאַרשטאַרקט זיין כעס אויף בערטען. זאָל זי נישט מיינען, אַז זי איז דער קרבן. זאָל זי וויסן, אַז צוליב איר לייכטזין און נאַרישקייטן איז איר שכן, ר׳ משהלע ראַפּשיצער, געוואָרן איר קרבן. און זאָל זי וויסן, בערטע, אַז ער, עפּשטיין, ווייסט דאָס, אַז וואָס עס וועט געשען מיט דעם אומגליקלעכן רב און ווער ווייסט נאָך מיט וועמען, וועט עס זיין איר, בערטעס, שולד...

— כ׳האָב געהערט, אַז ביינאַכט האָט מען אַרעסטירט דיינעם אַ שכן, בערטע, — האָט עפּשטיין אַ זאָג געטון מיט אַ גלייכגילטיקער שטימע.

— מיינעם אַ שכן?! וועמען?!

— זי האָט נישט געוווּסט — האָט עפּשטיין צו זיך געזאָגט קוקנדיק אויף בערטעס פּלוצלינג בלייך געוואָרענעם געזיכט.

# אין שטורעם

דער כּעס אין זיין האַרץ האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוועפּט. און צו באַרואיקן בערטען האָט ער געזאָגט:

— צוליב אַ נאַרישקייט וואַרשיינלעך האָט מען אַרעסטירט ר׳ משהלע ראַפּשיצער. געוויס וועט מען אים גלייך באַפרייען...

— דו ווייסט עפּעס, דאַניעל, יאָ, דו באַהאַלסט עפּעס פון מיר — זענען בערטעס גרינלעכע אויגן געוואָרן אומנאַטירלעך גרויס — זאָג, וואָס דו ווייסט!... איך מוז עס וויסן!... אפשר צוליב מיר?!...

בערטעס בליק איז געווען שטרענג און האַרט. דער בליק האָט געוואָלט דערגרונטעווען דעם גאַנצן אמת. גלייכצייטיק האָט עפּעס אַ ציטער אין בערטעס אויגן געבעטן דערבאַרעמונג, האָט געבעטן האָפענונג און פאַרזיכערונג און באַרואיקונג, אַז איר מורא איז אַ נישט באַגרינדעטע, אַ נאַרישע און פאַלשע.

עפּשטיין האָט גלייכגילטיק געשמייכלט. ער האָט געוווּסט, אַז בערטעס בליק לייענט אַרויס פון זיין פּנים אַלץ. ער האָט אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן זיין האַנט פון די ברילן, וואָס אירע גלעזער איז ער געוווינט אַזוי אָפט צו ווישן אין מאָמענטן פון גערירטקייט.

ער איז געווען אויסערלעך פולשטענדיק באַהערשט, עפּשטיין. אָבער אין זיין האַרץ האָט איצט אויפגעפלאַמט דאָס געפיל פון ברענענדיקער חרפּה. ער האָט זיך איצט געשעמט מיט זיין פריערדיקער בייזקייט. ווי נאַריש און שלעכט איך בין, האָט ער אין די מינוטן זיך געמיאוס מיט זיך אַליין, ווי רשעותדיק האָב איך הנאה פון פּייניקן בערטען. כ׳האָב קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז מ׳קען זיין אַזוי שלעכט. אַז עס ווילט זיך אָנשפּייען אין אייגענעם פּנים. נאָר איצט טאָר איך אפילו דאָס נישט טון, איך מוז יעדן פאַרדאַכט באַזייטיקן פון בערטען, אַז זי איז שולדיק אין דעם, וואָס עס האָט געטראָפן מיט איר שכן ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

דניאל עפּשטיין האָט פריי און זאָרגלאָז זיך פונאַנדערגעלאַכט. אַן איינפאַל פון אַ מענטש. די זשאַנדאַרמען זענען גאָרנישט אַזעלכע טפּשים, מיין טייערע, נישט צו וויסן, אַז אַ חסידישער רבי האָט נישט צו טון מיט ווייבער און אוודאי נישט מיט רעוואָלוציאָנערן ווייבער. ניין, ניין, דעם צאַרס זשאַנדאַרמען זענען נשט קיין אידיאָטן. זיי וועלן זיך נישט לעכערלעך מאַכן מיט אַזעלכע באַשולדיקונגען. וואַרשיינלעך איז געווען

א מסירה, אז ער האָט נישט קיין דערלויבעניש אויף אַ מנין אָדער אַן ענלעכע זינד אזעלכע און פאר אַ פּאָר קערבלעך וועט דיין שכן אינגיכן אהיימקומען פריש און געזונט.

— ביסט זיכער, דאניעל? — האָבן בערטעס ווערטער געבעטן אַ באַרואיקונג.

— געוויס בין איך זיכער! — האָט עפּשטיין מיט אַ ברייטן שמייכל געפּרוווט פאַרדעקן זיין פאַרלעגנהייט — איך בין, פאַרשטייט זיך, צו די זשאַנדאַרמען נישט געגאַנגען פרעגן, אָבער איך דענק לאָגיש, און דעריבער בין איך זיכער.

עפּשטיין האָט געוווסט, אַז ער זאָגט ליגן. אָבער דער ליגן האָט אים נישט געאַרט. בערטע מוז זיין רואיק. זי טאָר נישט וויסן, אַז זי איז שולדיק. און זי איז דאָך טאַקע נישט שולדיק. נאָר ער, עפּשטיין, איז דער איינציקער שולדיקער.

עפּשטיין האָט געפילט אויף זיך בערטעס פאַרשנדיקן בליק. זי האָט געוואָלט גלויבן אין זיינע פאַרזיכערונגען און עפּעס האָט זי געהאַט דאָס געפיל, אַז מיט די אַלע לאָגישע און פאַרנונפטיקע רייד איז גאָר עפּשטיין אויסן פון איר אויסצובאַהאַלטן אַ זאַך, וואָס זי מוז וויסן, אָבער וואָס זי אַליין וואָלט נישט געוואָלט וויסן.

בערטע האָט דעריבער ווי פון אַ זייט געפּאָרשט מיט אירע בליקן עפּשטיינס יעדע באַוועגונג.

עפּשטיין האָט געשמייכלט זאָרגלאָז, האָט געשטיפט מיט די קינדער, האָט זיי דערציילט מעשיות, וואָס האָט זיי געמאַכט לאַכן, און האָט זיי צוגעזאָגט צו ברענגען שפּילצייג אַ סך, אויב זיי וועלן גיין שלאָפן, ווי די מאַמע באַפעלט. נאָר די גאַנצע צייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איין זאַך:

— ווי שפּעט עס זאָל נישט זיין, מוז איך נאָך היינט ביינאַכט רעדן מיט אַדאָלף בערן.

ער האָט אָבער נישט ארויסגעוויזן קיין אומגעדולד. אויך נאָכדעם ווי די קינדער זענען געגאַנגען שלאָפן, האָט ער געמיטלעך פאַרברענגט און דערציילט קאָמישע עפּיזאָדן פון דער לעצטער צייט און דערביי האָבן ביידע, ער און בערטע, זאָרגלאָז געלאַכט.

## אין שטורעם

עס האָט אויסגעזען, אַז ביידע האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אָט דאָ אַנטקעגנאַיבער האָט נאָך מיט אַ טאָג צוריק געוווינט אַ שכן, וועל־בער האָט געהאַט אַן אַלטע מאַמע און אַ שמש, ר׳ ברוך.

ערשט ווען בערטע האָט באַגלייט עפּשטיינען צו דער טיר, האָט זי פּלוצלינג אים אַ פרעג געטון:

— איז, ווי מיינסטו, איז מיט מיין שכן?

דעמאָלט האָט עפּשטיין פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע צייט האָט בערטע נישט אויפגעהערט צו קלערן וועגן דער זאַך, וואָס גיט אויך אים נישט קיין רו.

עפּעס ווי נישט ווילנדיק האָט עפּשטיינס האַנט אַ גלעט געטון בערטעס גלייך צוגעקעמטע האָר. די דאָזיקע באַוועגונג האָט ביידע אַריינ־געבערענגט אין אַן אַנגענעמע פאַרלעגנהייט. עפּשטיינס שטים האָט געהאַט אין זיך אַ באַזונדערע וואַרעמקייט, ווען ער האָט קורץ אַ זאָג געטון:

— ביסט דאָך גאָר אַ נאַריש מיידל, בערטע...

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, איז עפּשטיין איינגעשטיגן אין אַ דראָשקע און אויפגעגעבן דעם אַדרעס פון דעם אַדוואָקאַט, אַדאָלף בער.

— ביסט איצט אַ קליענט צי אַ פריינט — האָט אַדאָלף בער באַ־געגנט מיט אַ שמייכל עפּשטיינען — טאָמער אַ קליענט וואַרף איך דיך אַרויס... זיי האָבן מיר שוין היינט צופיל פאַרדרייט דעם קאָפּ, נאָר ביסטו אַ פריינט, וועסטו באַקומען אַ טאַס קאַפע...

— איך וועל מיט פאַרגעניגן טרינקען — האָט עפּשטיין געזאָגט — נאָר כ׳האָב מורא, אַז אינמיטן טרינקען די קאַפע, וועסטו מיך אַרויס־וואַרפן, דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אויך אַ קליענט...

ביידע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט. דער דינער האָט אַריינגעבראַכט קאַפע און ערשט, ווען ער איז אַרויס פון צימער, האָט אַדאָלף בער קורץ אַ פרעג געטון:

— ווידער צרות?

— ליידער צרות...

— מיט יאַנקל שמייסער?

— יאָ און ניין, עפּעס פיל איך איין גרויסן פּלאָנטער.

און עפשטיין האָט דערציילט וועגן זיוקן און וועגן וויקטאָרן און וועגן דער אַרבעט, וואָס זיי טוען.

— וועגן זיוקן און וויקטאָרן האָב איך געוווסט — האָט אַדאָלף בער אַ פּיר געטון מיט זיין האַנט איבער זיין ווייסן קאָפּ האָר — איך האָב אָבער נישט געוווסט, אַז זיי קומען צו בערטען אין שטוב...

עפשטיין האָט ווייטער דערציילט וועגן דער ביינאַכטיקער שיסעריי און דעם אַרעסט פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

— אהא, — האָט אַדאָלף בער ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון — איצט הויבט אָן אַלץ צו ווערן קלאָר...

— וואָס ווערט קלאָר? — האָט עפשטיין געצויגן מיט די אַקסלען.

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס — האָט אַדאָלף בער געקנייטשט זיין הויכן גמרא־שטערן — אהא, כ׳האָב פאַרגעסן דיר צו זאָגן, אַז דער אַלטער פאַן מיכאַל איז נאָר וואָס ביי מיר געוועזן. ער איז געקומען וועגן דעם אַרעסט־טירטן רבין טאַקע. די פאַניעס נעמען, ווי שטענדיק, מיט חשק יידיש געלט, נאָר די מיילער האַלטן זיי פאַרשלאָסן, האָבן מורא אפילו צו זאָגן אין וואָס דער רבי ווערט באַשולדיקט און ווו ער געפינט זיך. איז איצט פאַרשטיי איך שוין. זיי זענען געקומען נאָך וויקטאָרן און געכאַפּט ר׳ משהלע ראַפּשיצער. כאַ־כאַ־כאַ!... יאָ, אַנדערש קען עס נישט זיין. און אַז זיי האָבן אים שוין אין דער האַנט, דעם ר׳ משהלע, ווילן זיי אים נישט אַרויסלאָזן... געוויס, אַז עס גליקט אָפּ צו כאַפּן אַ קרבן אין אַ רבנישער זשיפּעצע...

— איז וואָס מיינסטו?

— איך מיין גאָרנישט, מיין טייערער, — האָט אַדאָלף בער גע־שפּרייזט אַהין און צוריק איבערן צימער — קודם, מוז מען זיך דערוויסן ווו זיי האַלטן אים. יאָ, און בערטע מוז זיין פאָרזיכטיק...

— בערטע טאָר נישט וויסן, -- האָט עפשטיין געשטאַמלט, — אַז דעם רבינס אַרעסט האָט צו טון מיט איר... זי קען אָפּטון אַ נאַריש־קייט... געוויס וועט זי רעדן מיט דיר, אַדאָלף, נו, וועסטו וויסן...

—און יאַנקל שמייסער מוז זיך היטן — האָט אַדאָלף בער גע־וואָרנט.

— ער איז פארשוואונדן צוזאמען מיט וויקטאָרן און איך וויים נישט, ווו ער איז.

— אפשר איז גלייכער אזוי — האָט אדאָלף בער זיך אָפּגעשטעלט פאר עפשטיינען — איז דאָ איינער ווייניקער צו פּלאָנטערן זיך אונטער די פּים...

— צומאָרגנס האָט אדוואָקאט אדאָלף בער זיך געווענדט צו דעם מיליטערישן קאָמענדאנט און געפאָדערט, אז מען זאָל אים צולאָזן צו זיין קליענט, ר' משהלע ראפּשיצער.

דער קאָמענדאנט האָט אים איראָניש געענטפערט, אז מלחמה־צייט האָט ער וויכטיקערע ענינים, ווי זיך צו אינטערעסירן מיט עפּעס א ראווין.

— אָבער איך אינטערעסיר זיך און איך האָב א רעכט צו פאָדערן — האָט דער וויסער קאָפּ פון אדאָלף בערן אויפגעשטורעמט.

— הער אדוואָקאט — האָט דער קאָמענדאנט פארזשמורעט די אויגן — ביי מיר האָט איר נישט קיין רעכט צו פאָדערן. נאָר פון העפּ־לעכקייט וועגן האָב איך אייך אויפגענומען.

— אָבער פאר וואָס קען איך נישט וויסן, פאר וואָס מען האָט מיין קליענט ארעסטירט?

— איך וויים נישט, צי מ'האָט אים ארעסטירט, נאָר אויב אייער באַ־הויפּטונג איז א ריכטיקע, קענט איר זיין גאנץ רואיק. אין דער אַנט־שפּרעכנדיקער צייט וועט מען אייך מיטטיילן...

אדאָלף בער האָט שוין געוווסט, אז ער וועט גאָרנישט ארויסבאקומען פון דעם שטייפן קאָמענדאנט. ער האָט נאָר געפּרוווט אומדירעקט עפּעס זיך דערוויסן.

— מיין קליענט איז א פרומער מאַן, א ראווין, וועלכער היט שטרענג אָפּ די געבאָטן פון זיין אמונה, איז אפשר קען איך אים באזאָרגן כשר עסן...

— מיר האָבן ביז היינט נישט קיין ידיעות וועגן אזא איינעם און מיר קענען פאר אים גאָרנישט נעמען.

— איז אפשר קען איך בעטן דורכצופירן אַן אויספאָרשונג און זיך דערוויסן, וואָס עס איז געשען מיט מיין קליענט?

— מיר קענען אַזעלכע צוזאָגן נישט מאַכן.

— וועל איך אין דער געהעריקער צייט באַקומען די מעגלעכקייט צו רעדן מיט מיין קליענט און צו לייענען די באַשולדיקונג, כדי צוצוגרייטן מיין פאַרטיידיקונג?

— די פראַגע דאַרף נישט זיין געווענדט צו אונדז, הער אַדוואָקאַט.

אַדאָלף בערם אַלע באַמיאונגען האָבן זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. ער איז געקומען אַ היים אָן אויפגעבראַכטער און דאָרט שוין געטראָפן וואַרטן דניאל עפּשטיינען צוזאַמען מיט פיל אַנדערע קליענטן.

— קום — האָט ער עפּשטיינען אַריינגענומען אין זיין אַרבעטסצימער — זיי ווילן נישט עפענען די פּיסקעס, די פּאַניעס, און איך האָב זיך גאָרנישט געקענט דערוויסן.

— ר׳ משהלע ראַפּשיצער געפינט זיך אין צענטן פּאַוויליאָן — האָט עפּשטיין שטיל געזאָגט. — ווען איך בין נעכטן פון דיר אַהיימגעקומען, האָב איך געפונען אַ מיטטיילונג פון פּאָטער אַנטאָניוס, אַז ער דאַרף מיך דרינגנד זען. איצט קום איך פון אַ צוזאַמענטרעף מיט אים. ניין, ניין, דער פּאָטער אַנטאָניוס איז, פאַרשטייט זיך, אין צענטן פּאַוויליאָן נישט געווען, אָבער ער איז געווען איינער פון די גלחים, וועמען זייערס אַ חבר האָט נעכטן דערציילט, אַז ער איז אַרויסגערופן געוואָרן צו אַ גוסס אין צענטן פּאַוויליאָן און דאָרט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַרעסטירטן רב אין אַ צעריסענער זיידענער זשיפּעצע און מיט אַ פאַרבלוטיקט פּנים.

— מער האָט דער פּאָטער אַנטאָניוס מיר נישט געוווסט צו דערציילן, אָבער איך בין זיכער, אַז דער אַרעסטירטער רב איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

אַדאָלף בערם פּנים איז געוואָרן זייער ערנסט. ער האָט געוווסט, וואָס עס הייסט אַזעלכעס דער צענטער פּאַוויליאָן. פיל קליענטן האָט ער דאָרט געהאַט, אַדאָלף בער, און זעלטן עמיצן פון זיי אַרויסגעפירט אויף דער פריי.

דערצו איז איצט קריגס־צייט. די מיליטערישע געריכטן זענען איצט באַזונדערס אכזריותדיק.

— זיי דאַרפן דעם קרבן, — האָט אַדאָלף בער געבײלט זײַנע פויסטן — כּדי דער קרבן זאָל קענען מיטשלעפּן מיט זיך נאָך קרבנות... און זיי וועלן אַלץ טון, כּדי דער קרבן זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן פון זייערע הענט.

— איז וואָס קען איך טון? רעדן, הויך רעדן? ווער וועט הערן מײַנע רייד? ווען אַרט, וואָס עפּעס אַן אַדוואָקאַטל שרייט?...

— ווער ווייסט, אפשר איז טאַקע גערעכט זיוק, אַז עס איז מער נישט די צייט פון אַדוואָקאַטישע רייד, נאָר מען דאַרף מיט אַנדערע מיטלען קעמפן?...

אַדאָלף בער האָט אין שפּיגל דערזען זיין ווייסן קאָפּ האָר און אַ שטילן קרעכץ געטון טראַכטנדיק:

— אפשר וועלן קומען אַנדערע. נאָר פאַר מיר איז שוין צו שפּעט צו ווערן אַנדערש. איך האָב נישט קיין אַנדער מיטל, ווי דאָס וואָרט. יאָ. דאָס איז מיין איינציק געווער.

פונדערווייטנס האָט זיך דערטראָגן אַ בייז ברומען פון די האַר־מאַטן־שאָסן. אַדאָלף בער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. וואָס פאַר אַ זין האָבן אַלע זיינע רייד אַנטקעגן דעם דאָזיקן בייזן ברומען?...

אַדאָלף בערן האָט זיך געדאַכט, אַז הייזעריקע אָפּקלאַנגען פון די האַרמאַטן־שאָסן חוזקן אָפּ פון אים און פון אַלע זיינע קאַמפן און פון אַלע זיינע רייד און פון זיין גאַנץ לעבן.

און עס איז אים פאַרגעקומען, אַז ער הערט אין דעם דאָזיקן געברום פון טויט שפּאָטישע רייד, וואָס זענען צו אים אַליין געווענדט:

— נאַר איינער!... אומזיסט דיין אַרבעט, אַרויסצורייסן פון מיינע אָרעמס דעם ייד אין דער ציידענער זשיפּיצע... ער באַלאַנגט שוין צו מיר... אָט זע, ווען איך טו נאָר איין שפּיי מיט מיין מויל, פאַלן הונדער־טער און טויזנטער צו מיינע פיס. און דו, טיפּש, פאַרמעסט זיך מיך צו באַזיגן!...

## קאפיטל 21

# דער נסיון

ר׳ משהלע ראפשיצער ליגט אין זיין קאמער אויף דעם הארטן גאָלן ברעט. ער ליגט מיט פארמאכטע אויגן.

זיין לייב ברענט, ווי עס וואָלט עמיצער אָנגעצונדן פלאקערן אין זיין אינגעווייד.

— וואָס איז? ווו בין איך? -- פרווט ר׳ משהלע אויפהויבן דעם קאָפּ, וועלכער פאַלט צוריק אויף דעם גאָלן ברעט, ווי ער וואָלט שוין געווען אָפּגעריסן פון זיין לייב.

לאַנגזאַם קערט זיך צוריק צו אים זיין באַוווסטזיין. עס דאכט זיך אים, אַז ער איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון אַ לאַנגן, ווייטן וועג.

וווהין האָט ער אים געפירט דער וועג? אין אַ פרעמדער ווייטער שטאָט? צי גאָר אין אַ פרעמדער נייער וועלט?

ר׳ משהלע קען זיך נישט דערמאָנען. עס האָט זיך אים געדאכט, אַז ער געדענקט אַלץ, וואָס ער האָט געזען אין דער דאָזיקער פרעמדער שטאָט צי פרעמדער וועלט. נאָר ווען ער וויל זיך איצט דערמאָנען, אַנטלויפט אַלץ פון אים. ער זעט נאָר נעפּל, עפּעס אַזאַ געדיכטער, פינצטערער נעפּל נעמט אים אַרום פון אַלע זייטן.

אַ טיפער ווייטיק שניידט דורך זיין לייב. אַ געשריי רייסט זיך אַרויס פון צווישן ר׳ משהלעס צעשפּאָלטענע ליפּן.

דער ווייטיק דערמאנט אים, ווו ער איז און וואָס עס איז מיט אים געשען. יאָ. איצט געדענקט ער שוין אַלץ. עס איז געווען אַזוי גוט צו שטיין אויף דער וועראנדע אין דער ביינאכטיקער קילקייט און זען, ווי

די שטערן ווינקען זיך איבער איינער מיטן אַנדערן. מיט אויסגעשפּרייטע הענט צו דער נאַכט איז ער געשטאַנען און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיינע אָרעמס זענען פּלוצלינג געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זיי נעמען איז זיך אריין די גאַנצע בריאה.

דעמאָלט זענען זיי געקומען. פון פעלד זענען זיי געקומען, די ערלים. דעמאָלט האָט ער נישט פארשטאַנען, נאָר איצט ווייסט ער, אַז פון דער הויך האָט מען זיי צו אים געשיקט דערמאַנען, אַז פון הייליקייט ביז טמאדיקער עבודה זרה פון גאוות איז נאָר א קליינע שמאָלע סטעזשקע... יאָ, יאָ, זיי האָבן געשריגן, די ערלים, און אים געשלאָגן, און זיי האָבן נישט געוווסט, אַז זיי שלאָגן פון זיין לייב ארויס די טומאה פון גרויס האַלטן זיך און דערמאָנען אים, אַז ער איז שטויב און אַש, נישט מער, און אַז זיינע שוואכע, קליינע אָרעמס, טאָרן אפילו נישט פּרוון ארומנעמען דעם גרויסן סוד פון וועלט־באשאַף.

וואָס העכער מען שטייגט, אַלץ גרעסער איז די געפאַר געשטרויכלט צו ווערן אין דער נעץ פון גאווה. קומט פּיין און ברענט אויס די טמאַדיקע גאווה. עס זענען יסורים פון ליבשאַפט פון כביכול. און מיט אַ צעבראָכן האַרץ דאַרף מען אויפנעמען די יסורים של אהבה, וואָרום אויך דאָ רייסט זיך אריין די עבודה זרה פון גרויסהאַלטן זיך. נאָר ווו נעמט מען כוח אויסצוהאַלטן די יסורים, כוח נישט געשטרויכלט צו ווערן...

ר׳ משהלע ראפּשיצער האָט געפילט, אַז גראַד איצט, ווען ער דאַרף צו האָבן אַזוי פיל כוח אויפצונעמען מיט טהרה די יסורים, גייען די כוחות פון זיין לייב אויס.

ווען זיי האָבן אים געשלאָגן, די גויים, האָט ער געשוויגן, נאָר אַצינד, ווען ער ליגט אויף דעם האַרטן ברעט, רייסט זיך פון מאָל צו מאָל אַ געשריי ארויס פון זיין צעבלוטיקט מויל. זיי ווערן פון מינוט צו מינוט גרעסער, די יסורים. עס קומט אים פאָר, אַז זיין לייב ווערט צעשניטן אויף שטיקער, אַז די גלידער פון זיין קערפּער רייסן זיך אָפּ און צעפאַלן זיך.

ר׳ משהלע וויל עפענען זיינע צוגעשלאָסענע אויגן. ער וויל אַ קוק טון צו זיינע פיס און הענט. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז די אייגענע פיס און הענט אַנטלויפן פון אים. ר׳ משהלע דערפילט אַ ברענענדיקן ווייטיק

אין זיינע אויגן. ניין, ער קען זיי נישט עפענען. ער פילט, אַז אַ שווערע משא ליגט אויף זיינע אויגן, די משא דריקט אַזוי מוראדיק, אַזוי פּחדימ־דיק, אַז ער וויל שרייען, שרייען. עס דאַכט זיך אים, אַז ער שרייט. נאָר פון זיין מויל קומט בלויז אַרויס אַ שטילער קרעכץ:

— מאַמע...

מיטאַמאָל דערהערט ער איבער זיך אַ שטיל קול.

ר׳ משהלע דערשטיקט אין זיך דעם קרעכץ. שטייט עמיצער לעבן אים? אָדער דערגייט צו אים דאָס קול פון זיין אַלטער מאַמע, וואָס איר האַרץ האָט דערהערט זיין רוף?

ר׳ משהלע ווייסט עס נישט. אַ ווײַלע פּרוווט ער ווידער עפענען די אויגן. דער ווילן צו זען איז שטאַרקער פאַר דעם ווייטיק וואָס ער דערפילט אין זיינע אויגן. באַלד אָבער נעמט אים אַרום אַ שרעק. ער באַקומט מורא צו עפענען די אויגן. ער האָט מורא, אַז דאָס קול וועט דעמאָלט — ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר אַזוי דאַכט זיך אים — פאַרשווינדן און ער וועט עס מער נישט הערן.

ר׳ משהלע האַלט איין דעם אָטעם. עס איז אים אַזוי גוט איצט צו ליגן אומבאַוועגלעך און זיך איינהערן אין דעם שטילן קול, איינזאַפּן און איינטעמען אין זיך די גוטע, ווייכע קלאַנגען.

קוים, קוים וואָס ער הערט דאָס קול, וואָס איז אַזוי פול מיט רחמנות, מיט גוטסקייט און מיט ליבשאַפט.

ר׳ משהלע הערט נישט די ווערטער. ער פאַרשטייט נישט די רייד. ער ווייסט אַפילו נישט, אויף וואָסער לשון דאָס קול רעדט צו אים. אָבער דאָס אַרט אים נישט. דאָס קול גלעט זיין צעבלוטיקט לייב, צערטלט זיינע צעווייטיקטע גלידער, ברענגט טרייסט צו זיין שווער געמיט.

ר׳ משהלע האָט איצט נאָר איין פאַרלאַנג: אָנצוהאַלטן דאָס קול, אַז עס זאָל פון אים נישט אַנטלויפן.

און עס דאַכט זיך אים, אַז ער הערט נישט בלויז מיט זיינע אויערן, נאָר אַלע זיינע גלידער, זיין גאַנץ וועזן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין געהער.

און פּלוצלינג דערפילט ר׳ משהלע אַ באַריר פון אַ האַנט. דער באַריר איז ווייך און צאַרט.

## אין שטורעם

ר׳ משהלע דערשרעקט זיך פאר דעם באריר פון א פרעמדער האנט און אין דערזעלבער צייט גייט אויף אן אומבאשרייבלעכע פרייד אין זיין הארץ. ער פילט דעם גלעט פון דער פרעמדער האנט אויף זיינע פיס און זיינע אָרעמס. ר׳ משהלע ציטערט אויף.

פרייד און שרעק נעמען אים ארום. עס איז אים איצט אזוי גוט, אז ער דערשרעקט זיך פאר דער דאזיקער גוטסקייט. ער ציט נאך פעס־טער איין זיין אָטעם. און ער שפירט, ווי די פרעמדע האנט גלעט און צערטלט שוין זיין גאנץ לייב. טיילמאל רירט אָן די האנט א ברענענדיקע וווּנד. ר׳ משהלע קריצט מיט די ציין פאר ווייטיק. ער דערשטיקט אין זיך דעם געשריי. אזוי גוט איז אים אויך דאס ווייטון.

דאס קול פילט ארוים דעם אינערלעכן ציטער אין זיין לייב און זיינע קלאנגען ווערן נאך צארטער, ווייכער, רחמנותדיקער.

ר׳ משהלע דערפילט אין זיין לייב א ניי חיות. דער ווייטיק הערט נישט אויף א רגע, אָבער ער קען שוין פארנעמען, וואס ארום אים טוט זיך. איצט הערט ער נישט בלויז די קלאנגען פון דעם וווּנדערלעכן קול, נאָר ער פארשטייט דעם מיין פון יעדן וואָרט, הגם דאס לשון פון די ווערטער איז אים פרעמד.

און ער אָטעמט אין זיך איין דאס וווּנדערלעכע קול, וואס איז אזוי מוטערלעך גוט — האָב נישט קיין מורא... איך וועל דיר נישט טון קיין שלעכטס... בלויז איבערבינדן דיינע וווּנדן וועל איך...

— איך ווייס, איך ווייס — פרייט זיך ר׳ משהלע, וואס ער פאר־שטייט יעדעס וואָרט — עס טוט נאָר אזוי ווי, אזוי ווי...

ר׳ משהלעס ליפן שעפטשען שטיל און עס איז אזוי גוט זיך צו פילן ווי א קינד, וואס באקלאָגט זיך פאר א מאמע.

און די פרעמדע האנט גלעט זיין פנים און זיינע אויגן, און דאס קול נעמט אים איין, ווי א וויינענדיק קינד, מיט גוטע רייד:

— זיי האָבן דיך אזוי צעשלאָגן, אזוי מוראדיק צעשלאָגן... וואס ווילן זיי פון דיר, די שלעגער, פאר וואס שלאָגן זיי דיך...

און ר׳ משהלעס הארץ וויינט אוים א געבעט:

— זאָלן זיי מיך נישט שלאָגן, זאָלן זיי רחמנות האָבן אויף מיין צעשלאָגן לייב.

און דאָס קול גלעט אים מיט מוטערלעכער ליבשאַפט:
—איך ווייס, דו האָסט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון...
— דו גלויבסט מיר?... — ווערט פול מיט פרייד ר׳ משהלעס האַרץ.
— אוודאי גלויב איך דיר. ווי קען מען דיר נישט גלויבן... — גלעט די צאַרטע האַנט ר׳ משהלעס אויפגעשוואָלענע ליפּן.
— איך האָב אַזוי מורא פאַר זיי, די שלעגער — וויל ר׳ משהלע זיך באַקלאָגן, נאָר פון זיין מויל קומט בלויז אַרויס אַ כאָרכלען — איך האָב מורא, טאָמער קומען זיי ווידער...
און דאָס קול ענטפערט אים, ווי עס וואָלט פאַרשטאַנען זיין שרעק:
— איך האָב אויך מורא פאַר זיי... זיי קענען נישט געפינען די אמתע שולדיקע, לאָזן זיי זייער כעס אויס צו דיר, מיין אָרימער...
דאָס קול איז פול מיט רחמנות:
— אַ, ווען איך ווייס, ווער די שולדיקע זענען, וואָלט איך דיר נישט געלאָזט טון קיין שלעכטס...
ר׳ משהלע האָט איינגעדרימלט. ער האָט מער נישט געפילט קיין ווייטיק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַ קליין קינד און אַז די מאַמע זיצט ביי זיין בעט און וויגט אים איין מיט איר שטיל געזאַנג, וואָס זאָגט אים צו ראָזשינקעס און מאַנדלען.
נאָר אָט פאַרשווינדט די מאַמע און אויף איר אָרט באַווייזט זיך חוהלע, די יונגע רביצין.
— חוהלע, חוהלע, — בעט ער זיך ביי איר מיט אַ קינדיש געבעט
— שטיי דאָ ביי מיין בעט, לאָז מיר נישט טון קיין שלעכטס, חוהלע...
ווי אַ נעפּל איז זיך צעפלאָמען חוהלעס געשטאַלט. אַנשטאָט איר זעט ער עפּעס אַ געשטאַלט פון אַ פרעמדער פרוי. ניין, ניין, זי איז נישט פרעמד. ער האָט זי ערגעץ ווו געזען, ערגעץ ווו... יאָ, זי איז דאָך זיין שכנטע, און עס דאַכט זיך אים, אַז איר קול הערט ער די גאַנצע צייט און אַז זי איז געקומען צו אים איבערצובינדן די ווונדן פון זיין לייב.
ר׳ משהלע כאַפּט זיך אויף פון זיין דרימל. ער הערט מער נישט דאָס קול. ער פילט מער נישט אויף זיין לייב דעם גלעט פון צאַרטע

פינגער. אָבער ער געדענקט יעדעם וואָרט, וואָס איז צו אים געזאָגט געוואָרן...

ער וואָלט ווידער געוואָלט הערן איבער זיך דאָס קול און פילן אויף זיין לייב דעם באַריר פון אַ צאַרטער האַנט.

ער שטרעקט אויס זיינע הענט איבער דעם ברעט, אויף וועלכן ער ליגט. ער זוכט די האַנט, וואָס ער האָט אויף זיין לייב געפילט.

— נישטאָ, — נעמט אים אַרום אַ שרעק — באַלד וועלן ווידער קומען די שלעגער.

ר' משהלע וויל אַנטלויפן, וויל באַהאַלטן זיך, וויל צעפלאַסן ווערן אין אַ נעפּל, וואָס נעמט אַרום זיינע אויגן. ער וויל שרייען. ער וויל בעטן. ער וויל שווערן:

— איך בין אומשולדיק, אומשולדיק... שלאָגט נישט, קאָפּעט נישט מיין לייב...

און גלייכצייטיק ווייסט ער, אַז זיין געשריי און זיין געבעט און זיין שווערן וועלן נישט העלפן. זיי וועלן צוריקקומען, די שלעגער, און זיי וועלן שינדן זיין הויט, ווי פריער.

און מיטאַמאָל דאַכט זיך ר' משהלען, ווי עמיצער רוימט אים איין אין אויער:

— זאָג זיי, זאָג זיי, וואָס דו ווייסט...

ר' משהלע פילט זיך בעסער. זיין לייב איז איינגעוויקלט אין ווייכע וואַטע און אין באַנדאַזשן. ער קען שוין אפילו עפענען אַ האַלב אויג. ער קוקט זיך אַרום אין זיין קאַמער. ער זעט נישט קיין לעבעדיק נפש און דאָך הערט ער אַ שטילן פליסטער אין אויער, וואָס חזרט זיך עקשנות־דיק איבער:

— זאָג זיי, וואָס דו ווייסט...

מיט אַ מינוט פריער האָט ער, ר' משהלע, נישט געאַנט, אַז ער ווייסט עפּעס אַזעלכעס, וואָס קען אים העלפן, וואָס קען מאַכן, אַז מען זאָל אים אויפהערן פייניקן און שלאָגן.

נאָר איצט איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז ער קען באַשיצן זיין צעשלאָגן און צעקאַטעוועט לייב. יאָ, ער דאַרף בלויז זאָגן, וואָס ער ווייסט.

ר׳ משהלען דאכט זיך, אז ער שטייט איצט אויף זיין וועראנדע. עס איז נאכט. עס איז שטיל ארום. און אין דער דאזיקער שטילקייט פליסן מיט אזא לייכטקייט די תפילות פון זיין מויל. און פלוצלינג דער־הערט ער שטילע גנבנדיקע זיך טריט. ער דרייט זיך נישט אום, ר׳ משהלע, ער איז פארטיפט אין תפילה זאגן. און דאך ווייסט ער, אז די טריט קומען פון דארט, פון דער הייזקע אנטקעגנאיבער. פון דער הייזקע אין וועלכער עס וווינען די אשה און יאנקל, וואס האבן אים פרייטיק אפגעווארט אויפן שאסיי. יא, פון דער הייזקע קומען די טריט. און ר׳ משהלע דערקענט אפילו, אז דאס זענען די טריט פון יאנקלען.

ר׳ משהלען דאכט זיך, אז ער זעט איצט מיט זיינע אייגענע אויגן די שלייכנדיקע זיך געשטאלטן אין זיין גערטנדל. ער דערקענט אים, יאנקלען. ער איז נישט אליין, יאנקל. צו ר׳ משהלעס אויערן דערגייט א שטיל שושקען פון קולות. ער דארף זיך נישט אומדרייען און קוקן. ער ווייסט סיי ווי, אז די געשטאלטן רוקן זיך אויף די שפיץ־פינגער צום פעלד צו...

ר׳ משהלע אטעמט האסטיק. יא, אויך אין דער נאכט פון דער שיסעריי האט ער געהערט די טריט, וואס האבן זיך גערוקט צום פעלד צו..

ר׳ משהלע דערמאנט זיך, אז איינמאל האט יאנקל שמייסער גע־וואלט אים עפעס דערציילן, וואס ער טוט אין דער הייזקע אנטקעגנ־איבער. נאר ער, ר׳ משהלע, האט נישט געוואלט וויסן קיין פרעמדע סודות. עס איז אים דעמאלט פארגעקומען, אז יאנקלס פנים איז אזוי אפן און ערלעך, אז ער קען קיין שלעכטס נישט טון.

און אויך איצט ווייסט ער נישט, צי יאנקל האט ביינאכט געטון שלעכטס. אבער דערציילן מעג ער דאך, וואס ער ווייסט. אפשר וועט מען רופן די אשה און יאנקלען און זיי וועלן זאגן, וואס זיי ווייסן און וואס זיי האבן געטון אויפן פעלד. דעמאלט וועט דער ערל איינזען זיין טעות און קיינעם מער נישט טון קיין שלעכטס.

יא, יא, — האט ר׳ משהלע זיך וואס אמאל מער איבערצייגט, אז ער האט רעכט, — די אשה, אין דער הייזקע אנטקעגנאיבער, איז אוודאי א כשרע יידישע טאכטער און דער יאנקל איז דאך אויך א ייד — איז וואס פאר א שלעכטס קענען זיי האבן געטון?

און אויב זיי האָבן קיין שלעכטס נישט געטון, איז וואָס ווען זיי מורא האָבן? אדרבה, ווען זיי וועלן קומען און דערציילן אַלץ, וועט מען זיי נאָך גוטס טון.

— און מיך וועלן זיי לאָזן אהיימגיין — האָט פריידר אויסגעזונגען אין ר׳ משהלעס האַרץ.

א נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט אים באַהערשט. עס איז אים געווען אַזוי גוט אין דער שטילער הייזקע. און ער האָט אַזוי ליב געהאַט ביינאַכט צו דאַוונען צווישן דיביימער. א, ווען ער קען איצט איינעטעמען אין זיך די שטילע נאַכט...

ר׳ משהלע האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אַלטער מאַמע, די רביציו הדסל. ווער ווייסט, וואָס עס הערט זיך ביי איר. זי שלאָפט מסתמא נישט ביינאַכט און האַלט אין איין וויינען. זי לויפט נעבעך ארום פון איין שטוב צו דער אנדערער און האַלט אין איין בעטן פאַר איר זון.

טרערן זענען געקומען ר׳ משהלען אין די אויגן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם צער פון זיין אַלטער מוטער.

אירע כוחות וועלן, חלילה, אויסגיין, אויב ער, ר׳ משהלע, וועט נישט באַלד אהיימקומען. יאָ, צוליב איר אליין, איז ער מחויב צו זאָגן די ערלים דאָס אַלץ, וואָס ער ווייסט.

— און אויך אויף ר׳ ברוכן איז אַ גרויס רחמנות — האָט ר׳ משהלע געטראַכט — נאָך ביים טאַטן און זיידן משמש בקודש געווען און איצט א זקן, אַן עין הרע, און ווי וועט ער זיך אַליין אן עצה געבן...

ר׳ משהלע האָט זיך שוין געזען צוריק אין דערהיים. די מאַמע גרייט צו מיט פריילעכע אויגן די וועטשערע און ר׳ ברוך שמש נעמט אַ צו־פרידענער איין שמעק טאַבאַק נאָכן אַנדערן און ברומט זיך צו אַ ניגון. און ער, ר׳ משהלע, פילט זיך אַזוי גוט און פריש, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

— יאָ, איך וועל זיי זאָגן, וואָס איך ווייס...

דער דאָזיקער געדאַנק האָט מער נישט געלאָזט צו רו ר׳ משהלען. א שווערער באַרג איז מיטאַמאָל אראָפּגעפאַלן פון זיינע פּלייצעס. מען וועט מער נישט רייסן פון אים קיין לעבעדיקע פּאַסן. מען וועט מער אים נישט שלאָגן מיט אייזנס איבער זיינע הענט און פיס. מען וועט מער נישט טרעטן מיט שטיוול איבער זיין בויך.

פון דעם בלויזן געדאַנק איז ר׳ משהלען געוואָרן לייכט. ער האָט אויפגעהערט צו פילן די ווייטיקן פון זיין צעקאַטעוועט לייב. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די כוחות קומען צוריק אין זיינע גלידער. ער וועט ליגן נאָך אַ שעה אויף דעם האַרטן ברעט, האָט ר׳ משהלע געפילט, און וועט ווידער קענען שטיין אויף זיינע אייגענע פיס, וועט קענען גיין איבער דער קאַמער און באַוועגן מיט זיינע הענט.

ר׳ משהלע האָט ביז איצט נישט געוווסט, אַז מען קען זיך פרייען און זיין גליקלעך צוליב אַזאַ פשוטע זאַך, ווי צו האָבן גאַנצע און געזונטע פיס און הענט.

ער האָט אָפּגעגעבן אַ לויב און אַ דאַנק דעם באַשעפער, וואָס האָט אים נישט פאַרלאָזט און האָט אים אין זיין עת צרה געוויזן דעם ריכטיקן וועג.

און ר׳ משהלע האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווי ער וועט אַהיימ־קומען בשלום, וועט ער זיין לייב און לעבן שטעלן אינגאַנצן אין רשות פון כביכול.

ער האָט שטיל תפילה געטון, אַז ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן מיט זיינע רייד און ער האָט טאַקע אויך אין געדאַנק גלייך גענומען מסדר זיין די ווערטער, וואָס ער וועט זאָגן צו דעם שר, וועלכער האָט מיט אים גערעדט.

דאָסמאָל האָבן די ווערטער מיט אַן אויסטערלישער לייכטקייט זיך געלייגט אויף ר׳ משהלעס צונג. פון זיין האַלדז און פון זיין גומען האָבן ווי אויסגעשפּראָצט גלייכע, קיילעכדיקע קלאָרע רייד. איין וואָרט האָט זיך געבונדן מיטן צווייטן און האָט נאָכגעשלעפּט מיט זיך אַ גאַנצע שורה קלוגע און שכלדיקע ווערטער.

ר׳ משהלע האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל איינגעחזרט זיינע רייד, וואָס ער גרייט זיך צו זאָגן, האָט זיי באַטאַפּט מיט זיין צונג, האָט צו זיי געשמעקט מיט זיין נאָז און האָט זיי אויסגעפּרוווט מיט זיין גומען, ווי ער וואָלט אין מויל געהאַלטן אַ גוטע און פרישע פרי. ער האָט געפילט כמעט אַ פיזישע הנאה פון דעם געשמאַקן טעם, וואָס בלייבט אים אין מויל.

— זיי וויסן, — גרויסער שר, — אזוי וועט ער אָנהויבן — אַז איך טראָג נישט קיין בייז הארץ אויף דיינע מענטשן, וואָס האָבן מיך געשלאָגן. זיי זענען געווען נאָר שליחים פון אויבערשטן און געווים בין איך זינדיק און האָב פאַרדינט די שטראָף.

ר' משהלע איז געווען צופרידן פון דעם אָנהייב און זיינע ליפּן האָבן שטיל צו זיך געפּליסטערט:

— און איצט, גרויסער שר, וויל איך דיר זאָגן, אַז נישט בלויז וואָס איך טראָג נישט קיין פאַרדראָס אויף די שליחים, נייערט איך וויים ווייל, אַז זיי האָבן מיר גוטס געטון, אונדזערע חכמים האָבן אונדז גע־לערנט, אַז עס איז גוט אָפּצוקומען פאַר די זינד מיט יסורים אויף דער וועלט און צו קומען צום כסא הכבוד אַ ריינער און געלייטערטער. נעם איך דעריבער פאַר ליב, גרויסער שר, די יסורים. נייערט איך וויל דיר זאָגן: זיי וויסן, אַז צו דיין מלך האָב איך נישט געזינדיקט און איך וויים דיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן. איך האָב מיך אָבער דערמאָנט, אַז אין דער נאַכט פון דער שיסעריי אויפן פעלד זענען מענטשן פון דער הייזקע לעבן מיר, דורך מיין הויז, געגאַנגען צום פעלד צו. איך וויים נישט נאָך וואָס און נאָך ווען. אָבער זייערע טריט האָב איך געהערט. על כן שיק נאָך די מענטשן פון דער הייזקע און רעד מיט זיי. זיי וועלן געווים דיר זאָגן אַלץ, וואָס זיי וויסן. וואָרום זיי זענען אָרנטלעכע לייט. די אשה, וואָס וווינט אין דער הייזקע, האָב איך ווייניק געזען און איך וויים נישט איר נאָמען. נאָר יאַנקלען קען איך גוט. ער פלעגט יעדן טאָג אַרי־בערקומען צו מיר און אַרויסהעלפן מיין מאַמע, דער אַלטער רביצין. אַ ווילער בחור, באמת...

ר' משהלע האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. זיין בליק האָט זיך געווענדט צו דער טיר. איצט, אַז ער וויים שוין, וואָס ער האָט צו טון און צו זאָגן, וואָלט ער שוין וועלן זען דעם שר לעבן זיך.

ר' משהלעס הארץ האָט האסטיק געקלאַפּט. יעדעס מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט טריט דערנענטערן זיך צו זיין קאַמער און אַז באַלד וועט די טיר אַ סקריפּע טון און זיך עפענען.

עס איז אים שווער געווען צו באַוועגן מיט זיין קאָפּ. יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו דער טיר, איז אַ שניידיקער ווייַ־

טיק דורכגעלאָפֿן זיין לייב. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט צוריק־האַלטן און פון מאָל צו מאָל געפרוווט דערהויבן דעם קאָפּ צו דער טיר צו.

ער איז געוואָרן אומגעדולדיק, ר׳ משהלע. פאַר וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? פאַר וואָס עפנט זיך נישט די טיר?

אַ שרעק האָט ר׳ משהלען אַרומגענומען. אפשר וועט ער מער נישט קומען דער שר? אפשר האָט מען פאַרגעסן, אַז ער ליגט אין דער קאַמער אויפן האַרטן ברעט און וואַרט?

— ניין, ניין! — ר׳ משהלע האָט מיט שרעק אַוועקגעטריבן פון זיך אַזאַ מוראדיקן געדאַנק — אוממעגלעך!... ער וועט קומען, דער שר, זיכער קומען...

די מינוטן און די שעהען האָבן זיך געצויגן אַכזריותדיק לאַנגזאַם. די טיר פון ר׳ משהלעס קאַמער האָט זיך נישט געעפנט.

ר׳ משהלע האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט. ער האָט שוין נישט געוווּסט, צי עס איז טאָג, צי נאַכט. ער האָט נישט געוווּסט, צי ער ליגט אויף דעם האַרטן ברעט מינוטן, צי שעהען, צי טעג גאַנצע.

אַ מידקייט האָט אַרומגענומען זיין אויסגעפּייניקט לייב. ער האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן. און אין דרימל איז פאַרשוווּנדן די פינצטערע קאַמער פון צענטן פּאַוויליאָן. ער איז געזעסן אין זיין הייזקע. די מאַמע מיט אירע אַלטע גוטע הענט האָט געגלעט זיין פּנים און ר׳ ברוך שמש, איז געשטאַנען איבער אים און צו אים גערעדט מיט אַזאַ שטיל קול, אַז ר׳ משהלע האָט בשום אופן נישט געקענט הערן זיינע רייד; נאָר ר׳ ברוכס פּנים איז געווען אַזוי יונג און שיינענדיק, אַז ר׳ משהלע האָט, נישט הערנדיק, פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס זיין שמש וויל אים זאָגן.

מיטאַמאָל איז פאַרשוווּנדן די מאַמע און ער האָט מער נישט געזען ר׳ ברוכן פאַר אים איז אויסגעוואַקסן די הויכע געשטאַלט פון דעם שר מיט דער לאַנגער שווערד. און מאָדנע: דער שר האָט באַקומען ר׳ ברוכס פּנים. דאָס פּנים שמייכלט צו אים און ער הערט, ווי דער שר פרעגט אים:

— ביסט צופרידן צו זיין צוריק אין דער שטוב?

— יאָ, יאָ, גרויסער שר, עס איז אַזוי גוט דאָ...

און פּלוצלינג פאַרשווינדט דער שר פון זיינע אויגן. ווער זענען דאָס די צוויי? אַ, דערמאָנט זיך ר׳ משהלע, דאָס איז די אשה פון אַנט־

קעגנאיבער און יאַנקל. זיי שטייען אינמיטן וועג און פאַרהאַלטן זיין פויעריש פורל און בעטן אים:

— קומט אַריין צו אונדז אין שטוב, איר זענט דאָך פאַרפרוירן פון רעגן, קומט אַריין, מיר האָבן צוגעגרייט וואַרעמעס פאַר אייך...

מיטאַמאָל צעלאַכן זיך ביידע. אַזאַ אויסטערליש געלעכטער צע־קלינגט זיך אין ר׳ משהלעס אויערן.

— וואָס איז, וואָס איז? — דערשרעקט זיך ר׳ משהלע פאַר דעם אויסטערלישן געלעכטער.

נאָר זיי ענטפערן נישט. זיי אַנטלויפן פון אים און לאַכן, הערן נישט אויף צו לאַכן.

ר׳ משהלע לויפט זיי נאָך. ער פאַלט און לויפט ווייטער. עס פאַר־פעלט אים אָטעם און ער שרייט אויס.

— האָב נישט קיין מורא, ראַווין, דאָס איך בין, פאָלקאָווניק קאַ־מאַראָוו...

ר׳ משהלע מאַכט לאַנגזאַם אויף דאָס האַלבע אויג. ווער רעדט עס צו אים? ווער? און וואָס איז מיט אים? וואָס?

פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו שטים קלינגט פאָטערלעך בארואיקנדיק:

— האָסט נישט מער וואָס מורא צו האָבן, ראַווין, ס׳וועט דיר קיינער מער נישט טון קיין שלעכטס...

אַ פּייערל צינדט זיך אָן אין ר׳ משהלעס האַלב־געעפנט אויג. עס איז אַ פּייערל פון פרייד. דער שר האָט אים נישט פאַרגעסן. ער זיצט לעבן אים. און ער רעדט מיט אַזאַ גוטער שטימע.

ר׳ משהלעס קאָפּ ווערט אויסגעלייטערט. איצט ווייסט ער וואָס ער האָט צו טון. צי האָט ער נישט פאַרגעסן די רייד, וואָס ער האָט זיך איינגעחזרט.

ר׳ משהלע לעבט איבער מינוטן פון אַנגסט. טאָמער, חלילה, האָט ער פאַרגעסן? באַלד נעמט אים אַרום אַ געפיל פון פרייד. ניין, ער האָט נישט פאַרגעסן. ווי אין אָפן ספר זענען פאַר אים אויסגעשפּרייט די אַלע ווערטער, וואָס ער דאַרף זאָגן.

— נאַטשאַלסטוואָ — רעדט צו אים מיט אַ ווייכער האַרציקער שטימע קאָמאַראָוו — איז דיר גרייט מוחל צו זיין, איז גרייט צו פאַר־

געסן דיין איינגעשפּאַרטקייט און קיינער וועט מער אויף דיר נישט אויפהויבן אַ האַנט...

ר׳ משהלעס האַלב געעפנט אויג קוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויף דעם שטיל רעדנדיקן פּאַלקאָווניק קאָמאַראָוו.

— איך — רעדט ווייטער קאָמאַראָוו — האָב זיך פאַר דיר איינגעשטעלט פאַר נאַטשאַלסטווע, איך האָב זיי געזאָגט, אַז עס קען זיין, אַז דו ביסט אַליין גאָרנישט שולדיק און אַז מען דאַרף דיך שיקן אַהיים. און נאַטשאַלסטווע האָט מיר טאַקע צוגעזאָגט אַזוי צו טון, אויב דו וועסט בלויז מיר דערציילן אַלץ, וואָס דו ווייסט...

אַ פרייד איז אויפגעגאַנגען אין ר׳ משהלעס לייב. ער האָט שוין געפילט דעם טוי פון ביימער אַרום זיין הייזקע אויף זיין פּנים. ער וועט נאָר זאָגן דאָס, וואָס ער ווייסט, נישט מער...

ר׳ משהלע האָט געדענקט יעדעס וואָרט, וואָס ער דאַרף זאָגן, און עס איז אים פאַרגעקומען, אַז דאָס מאָל וועט אים זיין אַזוי לייכט צו רעדן, אַזוי לייכט...

—גרויסער שר... — האָבן ר׳ משהלעס אַנגעשוואָלענע ליפּן קוים אַרויסגעשעפּטשעט.

— וואָס? וואָס, וואָס? — האָט פּאַלקאָווניק קאָמאַראָוו זיך נענטער צוגעבויגן.

אַ פלעמל פון טריומף האָט זיך אָנגעצונדן אין קאָמאַראָווס גרויע אויגן.

ר׳ משהלע איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך אויף זיין ברעט.

ר׳ משהלע האָט דערפילט אויף זיין מויל אַ האַנט. אַן אַלטע ביינערדיקע האַנט האָט צוגעדריקט זיינע ליפּן.

ר׳ משהלעס ליפּן האָבן זיך פאַרצווייפלט געראַנגלט מיט דער האַנט, האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון די ביינערדיקע פינגער און זיין האַלב געעפנט אויג האָט זיך געבעטן:

— לאָז מיך...

נאָר די האַנט האָט נישט נאָכגעלאָזט. איר דרוק איז נאָך פעסטער געוואָרן און ר׳ משהלע האָט געפילט, אַז עס פעלט אים אויס אָטעם.

— האָב רחמנות...— האָט ר׳ משהלעס פאַרשלאָסן מויל זיך גע־

אמפערט מיט דער גרויזאמער האנט און זיין האלב געעפנט אויג האט זיך צוגעמאכט.

— שווייג — האט ר׳ משהלע דערהערט עפעס א שטים.

ר׳ משהלע האט נישט געוווסט, פון וואנען די שטים קומט און געדאכט האט זיך אים, אז פון זיין אינגעווייד אליין רייסט זיך צו אים די שטים.

— ווער ביסטו? — האט ר׳ משהלע געפרווט זיך דערהויבן און איז אין אנמאכט צוריקגעפאלן — וואס ווילסטו?...

— דערקענסט מיך שוין נישט, מיין זון? — האט די שטים טרויעריק אפגעקלונגען אין ר׳ משהלעס אויערן.

— טאטע, טאטע — האט ר׳ משהלע דערקענט זיין פאטערס שטים

— העלף מיר, טאטע, העלף מיר רעדן צו דעם שר...

— שווייג, משהלע!...

— טאטע, כ׳האב מורא, טאטע, זיי וועלן מיך דערהרגענען...

— און דו ווילסט דיין נפש דערהרגענען...

— טאטע, טאטע, זיי שינדן פון מיר די הויט און האבן נישט קיין רחמנות...

— און דו, משהלע, האסט נישט קיין רחמנות אויף דיין נשמה...

— דערבארעם זיך, טאטע, איך וויל דאך נאר זאגן דעם אמת...

— גאטס נאמען איז אמת! — דאכט זיך ר׳ משהלען, אז דעם פאטערס קול איז פארוואנדלט געווארן אין א דונער — דו פארשוועכסט גאטס נאמען מיט דיין מויל, וואס איז טמא מיט מסירה!...

— מיט מסירה... — דערפילט ר׳ משהלע א קעלט אין זיינע ביי־נער — ווײ, ווײ, טאטע, דו האסט געזאגט: מסירה...

ר׳ משהלע דערזעט פאר זיך איציקל מסור פון זיין שטעטל. איציקל רייבט זיך צופרידן די הענט און זיינע קליינע אייגעלעך ווינקען צו אים:

— האָרך נישט דעם אלטן, ער האט נישט קיין רחמנות אויף זיין אייגן בלוט און פלייש, האָרך אים נישט, משהלע...

— גיי אוועק איציקל, גיי אוועק... איך טאר נישט קוקן אויף דיר, איציק, דער טאטע האט דיך געלייגט אין חרם אריין...

— און איצט, וועט ער דיך, משהלע, לייגן אין די דריי אותיות...

איך קען אים, דעם טאטן דיינעם, ער וועט נישט האָבן קיין רחמנות אויף דיר, פונקט ווי ער האָט זיך נישט דערבאַרעמט אויף די קינדער מיינע און האָט מיך געהייסן באַגראָבן ביים פּלויט. איצט וועל איך האָבן דיך פאר א שכן, משהלע, הע־הע־הע!...

ר' משהלען האָט זיך געדאַכט, אז נישט איין איציקל מסור, נאָר צענדליקער, הונדערטער איציקלעך רינגלען אים אַרום און טאַנצנדיק, רעדן זיי:

— קום, משהלע, קום... מירן דיך אריינגעמען צו אונדז אין דער חברה. עס וועט דיר זיין גוט און פריילעך ביי אונדז...

— טאַטע, — האָט ר' משהלע געפּילט, אַז איציקל מסור און זיינע חברים ציען אים צו זיך — ראַטעווע מיך, טאַטע, פון איציקלען, ראַטעווע...

ר' משהלע דערזעט זיין פאָטער, דעם אַלטן ראַפּשיצער, אַזוי ווי ער האָט אים געזען צום לעצטן מאָל אויף זיין גסיסה־בעט איינגעהילט אין טלית און מיטן של ראש אויפן קאָפּ. דעם פאָטערס פּנים איז איצט אַזוי גוט און רואיק און זיין שטימע טרייסט אים:

— האָב נישט קיין מורא, קינד מיינס, האַלט זיך אָן אָן מיין גאַרטל און טרייב אוועק פון דיין נפש איציקל מסור...

— טאַטע, טאַטע — קלאָגט ר' משהלע אָן געוויין — איך בין אַזוי אומריין פון זינדיקע מחשבות...

און דער פאָטער גלעט זיין פּנים:

— ווייל איז דיר, זון מיינער, וואָס דו האָסט זוכה געווען צו הייליקן גאָטס נאָמען מיטן פּיין פון דיין לייב. אשריך...

— איך בין שוואַך, טאַטע, ווער ווייסט, צי איך וועל אויסהאַלטן דעם נסיון...

— איך שטיי ביי דיר צוקאָפּנס און אַלע אונדזערע הייליקע אבות רוף איך צו מיין זייט, האַלט זיך אָן אָן מיין גאַרטל, משהלע...

א רואיקער שמייכל צעלייגט זיך אויף ר' משהלעס פּנים. איציקל מסור מיט זיין חברה זעען מער נישטאָ. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער האַלט זיך אָן ביי דער ווייסער גאַרטל פון זיין פאָטער און אַז ער

הערט, ווי זיינע אבות, וואָס רינגלען אים אַרום פון אַלע זייטן, רעדן מיט אַלטע קולות:

— פּנו מקום, מאַכט אָרט פאַר אונדזער משהלע...

ר' משהלעס פּנים צעלייכט זיך, ווי די הענגלייכטער פון זיין פאָטערס בית המדרש וואָלטן זיך אין זיינע אויגן און אין זיין גאַנץ לייב אָנגעצונדן, און פון זיין מויל רייסט זיך אַרויס אַ פריידיק געשריי:

— איך גיי צו אייך, אבות מיינע...

— צו וועמען רעדסטו? — דערפילט פאַלקאָווניק קאָמאַראָוו זיך אומהיימלעך אין דער קאַמער פון דעם דאָזיקן ראַווין.

— צו מיין טאַטע, — צעשפּרייט זיך אַ גליקלעכע רואיקייט אויף ר' משהלעס פּנים — זעסט, ער שטייט נעבן מיר צוקאָפּנס, דער טאַטע...

פאַלקאָווניק קאָמאַראָוו קוקט זיך נישט ווילנדיק אום. עפּעס אַ סוגעסטיווע קראַפט ליגט אין דעם קול פון דעם צעקאַטעוועטן ייד און ער ווערט בלייך, ווען ר' משהלע זאָגט מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער זיכערקייט:

— און די זיידעס מיינע זענען געקומען נאָך מיר...

— נאָך דיר?

— יאָ, נאָך מיר. מיט זיי גיי איך...

פאַלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו שטעלט זיך אויף פון אָרט.

—פאַררוקט געוואָרן; און אפשר איז ער טאַקע אַ כשוף מאַכער? — ווישט ער זיך אָפּ דעם שווייס פון פּנים.

ער גייט האַסטיק אַרויס פון קאַמער און זאָגט אָן די תפיסה וועכטער:

— היט אים גוט, דעם זשיד, עפּעס געפעלט מיר נישט זיין רעדן...

פאַלקאָווניק קאָמאַראָוו גייט מיט פעסטע טריט איבער די לאַנגע, טונקעלע טורמע־קאָרידאָרן.

זיין פּנים איז פאַרכמורעט און בייז:

— אַ פאַרשאָלטן פאָלק, די זשידעס — בייסט ער זיין טונקל־ברוינע וואָנצע — אַט האָב איך אים שוין געהאַט אין דער האַנט און פּלוצים גליטשט ער זיך ווידער אַרויס, דער טייוול וויסט אים...

— און ווער ווייסט זיי, די זשיז־עס, האָט ער טאַקע געזען צוקאָפּנס זיין פאָטער? — צלמט זיך פרום איבער פאַלקאָווניק קאָמאַראָוו.

די שלעכטע שטימונג פון פאַלקאָווניק פיאָטר קאָמאַראָוו איז אָבער שנעל פאַרשוואונדן. דער שעף פון דער ציטאַדעל־פעסטונג, דער אַלטער דימיסיאָנירטער גענעראַל, האָט אים ווי אַן אַלטן פריינט איינגעלאַדן צו זיך:

— קומט, הער פאַלקאָווניק, אויף אַ ווייל אַריין צו מיר. עס איז אַ פאַרגעניגן צו רעדן מיט אַ מענטש, וועלכער איז אַ מבין אויף אַ רעכט ביסל משקה.

פאַלקאָווניק קאמאראָוו האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג. אים האָט פאַסמאַקעוועט די פאַרשידנעוו'ליי סאָרטן בראָנפנס און וויינען, מיט וועלכע דער אַלטער גענעראַל האָט זיך געגרויסט.

דער אַלטער גענעראַל האָט זיך צעוואַרעמט ביי דעם בראָנפן און געהאַלטן אין איין צוגיסן צו קאָמאַראָווס גלאָז, זאָגנדיק:

— ניין, איר מוזט היינט פאַרזוכן פון אַלע מינים, וואָס זענען דאָ אין מיין קעלער. איך זע, אַז איר פאַרשטייט זיך אויף די זאַכן... נו, געוויס, ווער דען זאָל פילן דעם ריכטיקן טעם אין אַביסל משקה, אויב נישט אונדזערע אָפיצירן... איך אַליין, ווי נאָר איך נעם אַ גלעזל, פאַר־געס איך די זיקנה און עס ווילט זיך מיר גיין אויפן פראָנט. אוי, ווי עס ווילט זיך...

דער אַלטער גענעראַל האָט דערציילט וועגן זיין אָנטייל אין טערקישן קריג און אַרויסגעקרעכצט:

— איך בין אייך מקנא, הער פאַלקאָווניק, איר האָט דאָס גרויסע פאַרגעניגן צו קעמפן קעגן דעם שונא. לחיים, הער פאַלקאָווניק!...

דאָס מאָל האָט דער „לחיים" נישט געשמעקט דעם פאַלקאָווניק. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו גיין אויפן פראָנט און קעמפן.

דער פאַלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט ליב דאָס לעבן און ער האָט געהערט, אַז אויפן פראָנט שיסן די דייטשע הינט מיט פאַרגיפטעטע דום־דום־קוילן. האָט ער דעריבער נישט גערן געהאַט צו הערן רעדן וועגן פראָנט און וועגן קעמפן.

באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם ראווין, וואָס האָלט

## אין שטורעם

אזוי עקשנותדיק פאַרשלאָסן דאָס מויל, און ער איז אויפגעהייטערט געוואָרן:

— יאָ, — האָט ער זיך מיט חשיבות אַ דריי געטון די וואָנצעס, — מיר האָבן גרויסע העלדן אויפן פראָנט, נאָר עס איז דאָ אַ צווייטער פראָנט, וועלכער איז נאָך פיל וויכטיקער און געפערלעכער...

— מיט די פאַררעטער?

— ריכטיק. וועגן דעם וועל איך האָבן אַמאָל עפּעס וואָס צו דערציילן...

פאַלקאָוניק קאָמאַראָוו האָט אין דעם מאָמענט אויפריכטיק געגלויבט, אַז דער פראָנט פון ר' משהלע ראַפּשיצער איז דער געפערלעכסטער און וויכטיקסטער אין דעם קריג. דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין האָט דעם פאַלקאָוניק קאָמאַראָוו געמאַכט פילן זייער וויכטיק אין זיינע אייגענע אויגן און ער האָט לאַנגזאַם און מיט גרויס כוונה צוגעטראָגן דאָס גלאָז בראָנפן צו זיין מויל.

## קאַפּיטל 22

# בערטעס חלום

אין בערטעס לעבן איז נאָכן ערעסט פון איר שכן ר׳ משהלע ראַפּ־שיצער נישט פאָרגעקומען קיין שום ענדערונג. יעדנפאַלס, אויבנאויף האָט עס אזוי אויסגעזען.

און צוריקגעשמועסט, ווי האָט עס אַנדערש געקענט זיין? וואָס האָט די געבילדעטע און פאָרגעשריטענע בערטע, וואָס חברט זיך מיט סאָציאַ־ליסטן און רעוואָלוציאָנערן, געקענט פארבינדן מיט ר׳ משהלע שוויי־גער, וועלכער ווייסט נישט מער ווי פון דאַווענען און לערנען?

אמת, דאָס האָט זי, בערטע, ר׳ משהלען אריינגעפירט אין דער הייזקע אַנטקעגנאיבער. נו, איז וואָס? זי האָט געזען אַן ארויסגעטריבענעם ייד, האָט זי אים געוואָלט העלפן. אזוי האָבן אַלע געטון. פון דעם טאָג אָן איז ר׳ משהלע געוואָרן איר, בערטעס, שכן. קיין מחזקות אָבער, האָט זי מיט אים נישט געהאַט. דאַכט זיך, אַז זי האָט צומאָל נישט געהערט זיין קול. ניין, זי, בערטע, קען זיך נישט דערמאָנען צו האָבן געהערט כאָטש איין וואָרט פון איר שכן.

און אַז מען הערט נישט אַ קול פון אַ מענטש, בלייבט ער פרעמד, מעגסטו אים זען יעדן טאָג. און בערטע האָט אפילו זעלטן ווען געהאַט די געלעגנהייט ר׳ משהלען צו זען.

אין די ערשטע טעג, ווען ר׳ משהלע ראַפּשיצער האָט זיך אריינגע־צויגן אין דער הייזקע אַנטקעגנאיבער, איז בערטע אריינגעקומען צו זיי אַמאָל צוויי. פאַרט פרעמדע און אָרימע מענטשן, זעט אויס, דאַרף מען זיי העלפן. אָבער די רביצין הדסל מיט דער גרויסער קופּקע אויפן

קאָפּ האָט נישט אָן פאַרדאַכט געקוקט אויף דער דאָזיקער יידישער פּריצטע וואָס, ווער ווייסט, צי זי היט אָפּ יידישקייט, צי זי האָט כאָטש אַ כשרע קיך און היט שבת.

זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו רעדן צו דער דאָזיקער פּריצטע און איז געווען צופרידן, ווען בערטע איז אַוועקגעגאַנגען.

ר׳ ברוך שמש האָט אוודאי נישט געהאַט קיין מחזקות מיט דער אשה. זיין עולם הזה האָט פולשטענדיק צופרידנגעשטעלט דאָס שקעטעלע טאַבאַק, וואָס ער האָט יעדעס מאָל צוגעטראָגן צו זיין נאָז.

אַזוי אַרום איז בערטע געבליבן פרעמד צו אירע שכנים. און אויס־געזען האָט עס אויך, אַז זי נעמט אויף דאָס אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן, ווי מען רעאַגירט געוויינלעך אויף אומגליק־פאַלן, וואָס פּאַסירן מיט פרעמדע מענטשן. מען טוט אַ קרעכץ און מען גייט ווייטער. מען קוקט זיך צומאָל נישט אום, ווייל מען האָט שוין אַן אַלעם פאַרגעסן.

אַזוי האָט עס אויך אויסגעזען צו זיין מיט בערטען. עפּשטיין האָט איר געזאָגט, אַז דער רבי איז אַרעסטירט געוואָרן צוליב עפּעס אַ קליי־ניקייט, האָט זי די דערקלערונג גענומען צו קענטעניש.

זי האָט געהאַט נישט ווייניק צו טון, בערטע. רעגינקע האָט זיך ווידער צוגעקילט און דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט אויף איר אַכטונג צו טון.

בערטע האָט אויך געדאַרפט וואָרענען, ווענען מ׳דאַרף, צו זיצן שטיל און אָפּוואַרטן. אַזוי האָט וויקטאָר באַפוילן, און גלייכצייטיק מיט־געטיילט, אַז ער אַזן יאַנקל וועלן אַ געוויסע צייט נישט זיין אין שטאָט.

אין קינדער־אַנשטאַלט איז דאַסגלייכן געווען פיל צו טון. עטלעכע רייכע מאַדאַמען זענען סוף כל סוף מיד געוואָרן פון זייער שווערער אַרבעט פאַר די אָרימע, נעבעך. ווי לאַנג איז דער שיעור אויפצושטיין יעדן טאָג אַזוי פרי און האַלטן אין איין וואַשן קינדישע קעפּלעך. לוצינע, די באַרימטע קינסטלערין, האָט באַוויזן אַ העלדישקייט. זי האָט אין דער סאַמע רעכטער מלחמה זיך אַריינגעכאַפּט קיין פּאַריז און געקומען צוריק מיט מעדאַלן, וואָס אַזעלכעס האָט מען זייט וואַרשע איז וואַרשע, נאָך נישט געזען. איז ווי קען מען זיצן דאָ מיט די קראַנקע קינדער און נישט לויפן צו לוצינען?...

בערטע האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל געקוקט אויף פיל פון אירע פריינדינס, וואָס האָבן זיך פאַר איר פאַרקלאָגט:

— אַך, עס ווערט לאַנגווייליק דאָ...

און זיי האָבן זיך מער נישט געוויזן.

בערטע האָט איצט געמוזט שווער אַרבעטן און האָט אפילו נישט געהאַט קיין צייט צופיל צו טראַכטן וועגן איר שכן, ר׳ משהלע ראַפּשי־צער, אפילו ווען ער וואָלט איר געווען נאָענט.

פונדעסטוועגן, יעדעס מאָל, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פון איר שטוב, אָדער ווען זי איז אינאָוונט אַהיימגעקומען, האָט זי ס׳ערשטע געטון אַ קוק אַריבער צו דער הייזקע פון איר שכן, ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

זייט דעם אַרעסט פון ר׳ משהלען זענען די לאָדנס פון זיין הייזקע געווען פאַרקלאַפּט אויף בייטאָג.

אין די רבישע הויפן, וואָס זענען פון זייערע שטעטלעך מגולגל געוואָרן אין די טומלדיקע וואַרשעווער גאַסן, האָט מען זיך געפילט נישט גוט נאָך דעם אומגליק מיט ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

מען האָט זיך דערמאָנט, אַז מען איז אויך מיט אים נאָענטע קרובים און מען האָט זיך געפילט שולדיק, וואָס מען האָט פאַרגעסן אַן קרוב, אַ זון און אייניקל פון דורות צדיקים.

און ווי געוועגלעך אין אַזעלכע פאַלן, האָט מען אויך די עיקר שולד געלייגט אויף אים, אויף ר׳ משהלע ראַפּשיצער אליין. וואָס איז דאָס פאַר אַ דרך, זיך אָפּצוזונדערן פון דער וועלט? מילא, זיין אַ נחבא אל הכלים איז אַ גרויסע זאַך. אָבער מען מוז האָבן אין אַלעם אַ מאָס. און ר׳ משהלע, ווייַ, וויי, האָט נישט געוווסט פון קיין מאָס. ער האָט זיך שוין צופיל דערווייטערט פון מענטשן און פון אַנדערע רבישע הויפן. האָט מען אים צוביסלעך פאַרגעסן און זיך וועגן אים נישט געקימערט. וואָס זאָל מען טון? היינטיקע צייטן האָט יעדער זיינע דאגות און קלאָפּאָטאָן. אַנישט וואָלט מען אים נישט געלאָזט ווינען עפּעס איינער אַליין צווישן גויים הינטער דער שטאָט. יאָ, אַלץ קומט טאָקע פון אויבן, פון הימל. פונדעסטוועגן דאַרף יעדער מענטש אַביסל געדענקען אין זיך, און אין דער הייליקער תורה ווערט אויך בפירוש געזאָגט, אַז מען זאָל אַליין היטן ס׳אייגענע נפש... ווער ווייסט, אפשר

ווען ר׳ משהלע ווינט צוזאַמען מיט אַלע יידן אין די גרויסע, טומלדיקע וואַרשעווער הויפן — אפשר וואָלט צו דעם גאַנצן אומגליק נישט געקומען און די זשאַנדאַרמען וואָלטן אים געלאָזט צו רו.

אזוי האָט מען געטראַכט אין די רבישע הויפן און אַלטע רביצינס האָבן דאָס געפּרוּווט אויך זאָגן אין אַן איידעלן אופן דער רביצין הדסל, ר׳ משהלעס מוטער.

אָבער הדסל, וואָס איז גאַנצע שעהען געזעסן איבערגעבויגן איבער דעם קרבן־מנחה־סידור און האָט פּיל מאָל נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו איר, האָט ווי אַ לייביכע זיך איינגעשטעלט פאַר איר זון.

דער רבישער שטאָלץ פון אירע זיידעס האָט אויפגעבליצט אין אירע אַלטע אויגן און זי האָט מיט גרויס ווירדע אָפּגעענטפערט:

— מיין זון, ר׳ משהלע, ווייסט, וואָס ער טוט...

— אָבער איר זעט דאָך...

— מסתמא האָט ער באַדאַרפט אָפּקומען פאַרן כלל ישראל...

דערמיט האָט די רביצין הדסל געמיינט צו זאָגן, אַז איר זון ליידט אויך פאַר זיי, פאַר די אַנדערע רביים...

האָבן די רביצינס געוואָלט כאָטש פאַר איר, פאַר ר׳ משהלעס מאַמע, עפּעס טון, און זיי האָבן צו איר געזאָגט:

— איר האָט רעכט, רביצין, געוויס, האָט אייער זון געוווּסט, וואָס ער טוט, און ווער ווייסט פון וויפל צרות האָט ער אָפּגעראַטעוועט דעם כלל ישראל... נאָר אייך, רביצין, ווילן מיר נישט לאָזן גיין מער צווישן די גויים... ניין, איר וועט בלייבן מיט אונדז...

— אָבער טאָמער קומט צוריק מיין זון, און די שטוב וועט זיין פאַרמאַכט?... — האָט די רביצין הדסל שוואַך זיך געוועהרט.

— הלוואי זאָל ער קומען די מינוט — האָבן די רביצינס זי באַ־רואיקט — זייט זיכער, מירן עס פריער וויסן און מען וועט אים אָפּ־וואַרטן...

און זיי האָבן צוגעגעבן מיט אַ קרעכץ:

— און ווען אייער זון וועט, מערצעשעם, אַהיימקומען, וועט מען מאַכן מיט אים אַ רעד טון אויבעט: ווילאַנג איז דער שיעור צו אנטלויפן פון יידן? ער איז דאָך שוין סיי ווי נתגלה געוואָרן...

אַזעלכע רייד האָבן לייכטער געמאַכט דאָס שווערע געמיט פון דער רביצין הדסל. יאָרן לאַנג, ווי זי טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק, וואָס גיט זין צו איר לעבן:

— צי וועל איך כאָטש זוכה זיין צו דערלעבן, ווען מיין זון וועט נתגלה ווערן?...

— אַז ר׳ משהלע וועט סוף כּל סוף נתגלה ווערן און די גאַנצע וועלט וועט אים אָנערקענען פאַר דעם צדיק פון דור — אין דעם האָט די רביצין הדסל נישט געהאט דעם מינדסטן ספק.

זי האָט נאָר נישט געוווסט, צי זי וועט האָבן די זכיה דאָס צו דערלעבן. דעמאָלט וועט זי קענען רואיק נאָכגיין נאָך איר פאַרשטאָר־בענעם מאַן און אים אין הימל אָנזאָגן די גוטע בשורה:

— מיר האָבן, ברוך השם, נחת פון אונדזער משהלע...

זיצט זי צווישן די אַנדערע רביצינס און איר האַרץ קוועלט פון נחת און פון פיין צוזאַמען. זי הערט, אַז איר זון איז שוין נתגלה און זי וואַרט מיט אומגעדולד אויף דער מינוט, ווען ער וועט אויסגעלייזט ווערן פון גויאישע הענט און זי וועט קענען זיך גרייט מאַכן אין לעצטן וועג אירן.

די רביצין הדסל האָט דעריבער מסכים געווען צו בלייבן מיט די רביצינס אין די גרויסע טומלדיקע וואַרשעווער הויפן.

און אויך ר׳ ברוך שמש איז געבליבן צוזאַמען מיט דער אַלטער רביצין. ער האָט נישט געהאט וווהין צו גיין. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען דער ראַפּשיצער הויף־שמש, און אַז דער הויף איז געגאַנגען אין גלות, איז ר׳ ברוך שמש מיטגעגאַנגען.

איינמאָל בלויז איז ער אַוועק, ר׳ ברוך, צו דער הייזקע, האָט מיט־גענומען די ספר־תורה און אויך דעמאָלט האָט ער נישט געעפנט די פאַרהאַקטע לאָדנס.

די שכנים אויף דעם געסל האָבן צומאָל נישט געוואָרפן קיין בליק אויף דער פאַרמאַכטער הייזקע. אָט איז געווען דאָ עפּעס אַ זשיד און איז אַוועק. וועמען גייט עס אָן?

בערטע איז געווען דער איינציקער שכן, וואָס האָט פון צייט צו

צייט געוואָרפן אַ בליק אויף די פאַרהאַקטע לאָדנס פון ר׳ משהלע ראַפּ־שיצערס הייזקע. נישט מער ווי אַ קורצן דורכלויפנדיקן בליק.

— ער איז נישטאָ — האָט זי צו זיך אַ זאָג געטון און איז ווייטער געגאַנגען.

בערטע האָט גערן אויפגענומען דניאל עפּשטיינס פאַרזיכערונג, אַז ר׳ משהלע איז אַרעסטירט געוואָרן צוליב עפּעס אַ רבנישן ענין און זי האָט געטראַכט, אַז וויקטאָר איז שוין איבערגעטריבן פאָרזיכטיק. ווען זי זעט אים, וויקטאָרן, וואָלט זי אים געראָטן צוריק אָנצוהויבן די אַרבעט.

פיל מאָל האָט בערטע זיך אַרומגעקוקט. זי האָט קיינמאָל נישט באַמערקט קיין פאַרדעכטיקע פאַרשוינען זיך דרייען אין דער געגנט. פאַרקערט, האָט בערטע געטראַכט, איצט, ווען די הייזקע שטייט ליידיק, וועט זיין נאָך זיכערער דער וועג צום אָפענעם פעלד און צו דעם נאָענטן וועלדל. אַ שאָד, וואָס וויקטאָר האָט נישט איבערגעלאָזט קיין אַדרעס. זי וואָלט אים און יאַנקלען געהייסן צוריקקומען.

אַזוי האָט בערטע געטראַכט יעדעס מאָל, ווען זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די פאַרמאַכטע לאָדנס פון ר׳ משהלעס הייזקע.

און זי האָט אַליין נישט געוווסט, אַז אין איר קורצן בליק איז דאָ פאַרטייעטע שרעק. ביינאַכט פלעגט זי מיט שנעלע טריט דורכלויפן איר גערטנדל, ווי געטריבן פון עפּעס אַ פּחד.

אין די דאָזיקע אוונט־שעהען האָט בערטע אינסטינקטיוו אַוועק־געדרייט איר קאָפּ פון דער שכנישער הייזקע.

אַריינקומענדיק אָבער אין שטוב, האָבן זי באַגעגנט די פריידיקע אויסגעשרייען פון די קינדער. האָט בערטע מער נישט געדענקט אָן דעם נישט אנגענעמען געפיל פון שרעק. זי האָט זיך געשפּילט מיט די קינ־דער, האָט זיי געוואַשן און געלייגט שלאָפן און ביז שפּעט אין דער נאַכט געהאַט צו טון מיט דער ווירטשאַפט.

אַ מידע איז זי איינגעשלאָפן מיטן געדאַנק, אַז מאָרגן דאַרף זי פריער ווי שטענדיק אויפשטיין צו דער אַרבעט.

מיט פאַרמאַכטע אויגן דרייט זיך בערטע איבער אויף איר געלע־

גער. זי הערט עפּעס אַ שטיקל שאַרך. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָרכט זי זיך איין. יאָ, יאָ, עפּעס וואָס געשעט איצט אין דעם שכנישן הייזל.

אַ נייגעריקייט געמישט מיט שרעק באַהערשט בערטען. זי מוז זען, וואָס דאָרט קומט פאָר.

בערטע ווייסט, אַז זי ליגט אין איר בעט און אַז זי שלאָפט. און גלייכצייטיק זעט זי אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין ר׳ משהלעס הייזקע. עס דאַכט זיך איר, אַז זי כאַפּט אַ קליידל, וואַרפט עס אויף זיך אַרויף און לויפט מיט שנעלע טריט אַרויס אין הויף. זי לויפט עפּעס אַזוי מאָדנע לאַנג די עטלעכע שריט צו דער הייזקע אַנטקעגנאיבער.

און זי אָטעמט אַזוי שווער, ווען זי בלייבט שטיין צווישן די ביימ־לעך, וואָס רינגלען אַרום ר׳ משהלעס הייזקע.

בערטע וויל צוגיין צו דער טיר. זי וויל אַריינגיין אין די שטיבער פון איר שכן. נאָר עפּעס אַ מאָדנע שרעק פּאַראַליזירט אירע פיס און זי בלייבט שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן געווענדט צו דער טיר.

מיטאַמאָל ציטערט אויף בערטעס לייב. זי הערט אַ סקריפּען פון דער טיר. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם עפנט זיך די טיר. עס באַווייזט זיך אין איר עפּעס אַן אויסטערליש געשטאַלט.

אין ערשטן אויגנבליק דערקענט נישט בערטע די געשטאַלט. בים־לעכווייז נעמט אָן די געשטאַלט דאָס אויסזען פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער. יאָ, עס איז זיין פּנים און זיין באָרד, און זיינע אויגן, און זיין זיידענע זשיפּיצע, און זיין שטריימל.

בערטע וויל צולויפן צו אים. זי פילט איצט צו אים אַזאַ נאָענטקייט, ווי זיי וואָלטן זיך געקענט ס׳גאַנצע לעבן. און זי וויל אים זאָגן, אַז זי פרייט זיך זייער, וואָס ער איז צוריקגעקומען און וואָס זיי זענען שכנים.

בערטע דערפילט אַ ברוטאַלן שטויס צוריק. הא, ווער שלאָגט זי?

און דעמאָלט דערזעט בערטע, אַז ר׳ משהלע איז נישט אַליין. עפּעס אַזעלכע הויכע פאַרשווינען אין זעלנערישע מונדירן רינגלען אים אַרום און לאָזן זי נישט צו צו אים.

— לאָזט אים... וואָס ווילט איר פון מיין שכן!... — נאָר די הויכע פאַרשווינען מיט בייזע פאַרכמורעטע פּנימער טרייבן זי אַוועק און לאָזן זי נישט צו צו ר׳ משהלען.

## אין שטורעם

ר׳ משהלע שטייט אויף דער וועראַנדע צווישן הויכע פאַרשוינען מיט אין דער הויך אויסגעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט געדוכנט, און בערטע זעט, זיינע הענט אין שוואַרצע אייזערנע קייטלעך געשמידט, און צוויי גרויסע אויגן — קוקן אַזוי טרויעריק אויף איר, בערטען.

— איך בין נישט שולדיק... — וויל זיך בערטע פאַרענטפערן. נאָר עפּעס שטיקט איר אין האַלדז און זי קען נישט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט פון איר מויל.

ר׳ משהלעס אויגן ווערן וואָס אַמאָל גרעסער און זיי לויפן איר נאָך, די שוואַרצע אויגן, און ציען זי צו זיך, ציען אָן אויפהער.

בערטע האָט מורא פאַר די אויגן. זיי ציען זי מיט זיך אין עפּעס אַ שוואַרצן פינצטערן אָפּגרונט. בערטע האָט מורא פאַר דעם אָפּגרונט און זי שרייט און זי בעט זיך:

— לאָזט מיך... איך האָב מורא... איך וויל לעבן...

און דעמאָלט וואַקסט אויס פאַר בערטעס אויגן די אַלטע רביצין הדסל. מיט געבייזלטע פויסטן שטייט זי אַנטקעגן בערטען און איר אָנ־צייניק מויל ברומט:

— אַוועק, דו, אַוועק פון מיין קינד...

בערטע קען זיך נישט רירן פון אָרט. אַ דערשראָקענע קוקט זי אויף דעם בייזן פּנים פון דער אַלטער רביצין און בעט זיך:

— טרייב מיך נישט, טרייב...

די ביינערדיקע האַנט פון דער אַלטער, פאַרשטאָפּט איר דאָס מויל און ר׳ ברוך שמש הויבט אויף איר זיין שטעקן און טרייבט זי:

— אַוועק! אַוועק...

אַ באַגאָסענע מיט שווייס כאַפּט זיך בערטע אויף. זי קוקט זיך ווילד אַרום אין דער פינצטער.

— ווו בין איך? — וויל זי אויסשרייען און קען נישט.

ביסלעכווייז קומט זי צום באַוווסטזיין. זי מאַכט ליכטיק. זי כּיט צו זיך אַ בלאַסן שמייכל:

— אַזאַ נאַרישער חלום...

אָבער ווען זי איז צומאָרגנס אַוועק אין שטאָט, איז איר ערשטער באַזוך געווען אין אַדוואָקאַט בערס אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע.

אדאָלף בער האָט מיט א באַזונדערער פריינטשאַפט באַגריסט בער־טען, כדי צו פאַרדעקן זיין איבערראַשונג פון איר וויזיט אין זיין קאַנ־צעלאַריע.

— א גאַסט, אַזא גאַסט!... — האָט ער געדריקט איר ביידע הענט און באַמערקט די בלייכקייט אויף איר געזיכט — מען דערציילט גאָר וואונדער וועגן סאַלסקין אין זיין האַמלעט־ראָלע... איך האָב נאָך נישט קיין צייט געהאַט אים צו זען. נאָר פון אַלע זייטן הער איך, אַז ווען ער זאָגט אַרויס די ווערטער, „זיין אָדער נישט זיין", ציטערט אויף יעדעם האַרץ, — ריכטיק?

— אפשר דערפאַר, ווייל פאַר פיל פון אונדז שטייט היינט די פראַגע פון זיין אָדער נישט זיין -- האָט בערטעס שטים נישט ווילנ־דיק א ציטער געטון. — נאָר איך האָב נאָך סאַלסקין אין דער ראָלע נישט געזען...

און באַלד האָט זי צוגעגעבן:

— איך בין געקומען זיך מיט אייך דורכרעדן, פאַניע אדאָלפיע...

— ביטע — האָבן אדאָלף בערס אויגן זיך א גליטש געטון איבער דעם פּנים פון בערטען.

— צי ווייסט איר עפּעס — האָבן בערטעס אויגן געקוקט גלייך אין פּנים פון דעם אַדוואָקאַט — וועגן דעם אַרעסט פון ר' משהלע ראַפּשיצער?

און זי האָט צוגעגעבן מיט א בלאַסן שמייכל:

— ער איז מיין שכן. פון מיין פענצטער פלעג איך אים זען דאַווענען...

— איך פיר זיין „דיעלא" — האָט בער צוריקגעהאַלטן געזאָגט.

— דראָעט אים אַן ערנסטע געפאַר? — בערטע האָט זיך באַמיט צו רעדן מיט א גלייכגילטיקן טאָן, אָט אַזוי ווי מען רעדט וועגן א צו־פעליקן באַקאַנטן.

אדאָלף בער האָט א קורצן אָבער שאַרפן בליק געוואָרפן אויף בערטען. ניין, דער דאָזיקער כלומרשט גלייכגילטיקער אויסדרוק אויף איר פּנים געפעלט אים נישט. טויזנטער מענטשן זענען שוין דורכגעגאַנגען דורך זיין קאַנצעלאַריע. טייל קומען אריין צו אים און באַלד נעמען טרערן

זיך גיסן פון זייערע אויגן. אַזעלכע קליענטן האָט אַדאָלף בער געקענט שנעל באַרואיקן. אַנדערע זיצן מיט פאַרכמורעטע פּנימער און עס איז שווער פון זיי ארויסצובאַקומען אַ וואָרט. נאָר מיט די מענטשן, וואָס רעדן כלומרשט גלייכגילטיק, האָט אַדאָלף בער געוווסט פון זיין לאַנג־יעריקער דערפאַרונג, איז זיך שווער אַן עצה צו געבן. און מיט אַזאַ אויסדרוק פון גלייכגילטיקייט רעדט איצט צו אים, זי, בערטע.

אַדאָלף בער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— הלואי, — האָבן זיינע אויגן געשמייכלט און גלייכצייטיק פאַרשנדיק געקוקט אויף בערטען, — וואָלטן אַלע מיינע קליענטן געהאַט אויף זיך אַזעלכע „שווערע זינד". ווי ר' משהלע ראַפּשיצער! איך וואָלט דאַן רואיק געקענט שלאָפן.

— זענט איר אַזוי זיכער אין דעם, פאַניע אַדאָלפיע?

אַדאָלף בער האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם אונטער דעם רואיקן אָבער דורכדרינגענדיקן בליק פון בערטעס אויגן.

— איך האָב ביז איצט נישט באַמערקט אַזעלכע גרינגלעכע פייער־לעך אין די אויגן פון דער שטילער רואיקער בערטע — האָט אַדאָלף בער פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און זיך באַמיט צוצוגעבן זיין שטים אַ קלאַנג פון פולשטענדיקער אויפריכטיקייט, זאָגנדיק:

— איר שטעלט מיר, מאַדאַם, אַ פראַגע, אויף וועלכער אַן אַדוואָ־קאַט איז נישט אימשטאַנד צו געבן אַן ענטפער. אין דער הינזיכט געפי־נען זיך מיר, אַדוואָקאַטן, אין דערזעלבער לאַגע, ווי דאָקטוירים. מיר קענען קיינמאָל נישט וויסן אויף זיכער, ווייל אַמאָל קען פון אַ קליי־ניקייט ווערן — אַן ערנסטע קרענק...

— און אין דעם פאַל?

— אין דעם פאַל האָב איך נישט קיין גרונט צו זיין אומרואיק. מען האָט מיר נאָך נישט מיטגעטיילט אין וואָס ר' משהלע ווערט באַשולדיקט.

— צי באַאומרואיקט אייך נישט די דאָזיקע סודותדיקייט?

אַדאָלף בערן האָט די דאָזיקע סודותדיקייט נישט וויניק באַאומ־רואיקט. ער האָט אָבער איצט נישט בלויז בערטען, נאָר אויך זיך אַליין

געוואָלט איבערצייגן, אַז זיין אומרו האָט נישט קיין גרונט, און ער האָט מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט:

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, מאַדאַם בערטע, איך האָב נישט קיין גרונט צו זיין אומרואיק. איר דאַרפט וויסן, אַז עס איז איצט קריגס־צייט. אין אַזאַ צייט מאַכט מען פון יעדער נאַרישקייט אַ סוד. אָבער די הויפּט זאַך, וואָס גיט מיר זיכערקייט, איז, וואָס איך ווייס, אַז מיין קליענט איז פולשטענדיק אומשולדיק...

— איר ווייסט אָבער נישט — האָט בערטע געקוקט אַדאָלף בערן גלייך אין די אויגן — אַז איך בין שולדיק, און אַז צוליב מיר איז ר' משהלע אַרעסטירט געוואָרן. יאָ, צוליב מיר. איך ווייס עס — בערטע האָט געגעדט שנעל און האַסטיק, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרזוימען — און דער געדאַנק, אַז צוליב מיר ליידט אַן אומשולדיקער מענטש, גיט מיר נישט קיין רו. איר פאַרשטייט...

— איך פאַרשטיי נאָר, אַז אייערע נערוון, מאַדאַם, זענען צופיל אָנגעשטרענגט — האָט אַדאָלף בער אַרויפגעצווונגען אויף זיין פּנים אַ שמייכל — איר אַליין ווייסט אויסגעצייכנט, אַז איר האָט גאָרנישט וואָס צו טון מיט דער זאַך...

— אַ, ניין! — האָט בערטע זיך אָנגעהאַלטן ביים ראַנד פון טיש — אייך מעג איך דאָך זאָגן, אַז אין מיין שטוב זענען געקומען פאַרשידענע מענטשן און איך בין זיכער, אַז צוליב דעם איז אַלץ געשען... יאָ, צוליב דעם, צוליב מיר... און איך וויל נישט, אַז צוליב מיר זאָלן ליידן אומשולדיקע מענטשן...

אַדאָלף בער איז געגאַנגען אַהין און צוריק איבער זיין אַרבעטס־צימער. ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף איצט זיין פּאָרזיכטיק מיט יעדן וואָרט. מיט אַ קאָמפּלעקס פון שולד איז שווער צו קעמפן. וואָס מער ער וועט פּרווון זי איבערצייגן אין איר אומשולד, אַלץ שטאַרקער וועט ער ווערן, דער קאָמפּלעקס פון שולד. יאָ, אין אַ צושטאַנד פון פּסיכישן צוזאַמענברוך קען זי אָפּטון נאַרישקייטן, און דעמאָלט וועט זי נישט בלויז זיך אַליין, נאָר אויך אים, ר' משהלען, אַריינשלעפּן אין אַן אומגליק. ניין, עס האָט מער נישט קיין זין זי איבערצוצייגן, אַז זי איז נישט שולדיק אין ר' משהלעס אַרעסט. וואָס מער איך וועל רעדן, אַלץ עקש־

נותדיקער, וועט זי זיך האַלטן ביי ס׳איריקע. און זי וועט מיר מער נישט גלויבן...

אדאָלף בער איז צוגעגאַנגען צו בערטען און ארויפלייגנדיק זיין האַנט אויף איר ארעם געזאָגט:

— הערט און זייט וויסן, אז איך רעד צו אייך נישט ווי אייער פריינט, נאָר ווי דער פארטיידיקער פון אַ מענטש, וואָס זיין לעבן איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן. איך רעד צו אייך איצט ווי ר׳ משהלעס אדוואָקאַט. איך וויים וואָס איר טראַכט. איר ווילט גיין צום פּראָקוראָר און זאָגן: נעמט מיך, וואָרום איך בין די שולדיקע. ריכטיק?

— יאָ — האָבן בערטעס ליפּן געציטערט.

— ווייל איך זאָגן, מאַדאַם בערטע, — האָט אדאָלף בער באַטאָנט יעדעס וואָרט, — אַז, אויב איר וועט אזוי טון, וועט ר׳ משהלע מער נישט זען די ליכטיקע שיין...

— אָבער פאַר וואָס?... — זענען בערטעס אויגן געוועזן פול מיט טרויער.

— דערפאַר, ווייל דעמאָלט וועלן זיי, די ריכטער, אָנהויבן טראַכטן, אַז ר׳ משהלע איז אַזאַ גרויסער פּאָליטישער פארברעכער, וואָס זיינע חברים ווילן אים פאַר יעדן פּרייז ראַטעווען. און דעמאָלט ווייסט איין גאָט, צי איר וועט נישט שולדיק זיין אין דעם גרעסטן אומגליק...

אדאָלף בער האָט אַ וויילע זיך פאַרטראַכט און ווייטער גערעדט:

— איר ווייסט, פאַר וואָס זיי האַלטן ביז היינט אזוי בסוד דעם ארעסט פון ר׳ משהלען? ווייל זיי האָבן נישט קענען אים קיין שום באַווייזן. מיט אייער קומען צו זיי וועט איר זיי געבן אַ באַווייז אין האַנט. איר פאַרשטייט?...

און ער האָט צוגעגעבן:

— איך פאַרזיכער אייך, אַז ווען איך וואָלט געוווסט, אַז מיט אייער מודה זיין זיך, קענט איר העלפן ר׳ משהלען, וואָלט איך אייך נישט געזאָגט, „גייט נישט״. נאָר איך וויים פּאַרקערט, אז מיט יעדן שריט, וואָס איר וועט טון, וועט איר ברענגען נאָר שאָדן, דעריבער זאָג איך אייך: זיצט שטיל!...

בערטע האָט דערפילט אַ שווערע לאַסט אויף איר פּלייצע. די לאַסט

איז געווען איבער אירע כוחות. אַלץ איז אַזוי פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנ־טערט. פריער האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי ווייסט, וואָס זי האָט צו טון. איצט ווייסט זי שוין גאָרנישט. און עס קומט איר פאָר, אַז ר' משהלעס גרויסע שוואַרצע אויגן קוקן אויף איר מיט אַזוי פיל טרויער און פּיין:

— וואָס טוט מען? — האָט זיך פון בערטעס מויל אַרויסגעריסן אַן אויסגעשריי פון פאַרצווייפלונג.

אין דעם אויסגעשריי איז געווען אַזאַ פאַרלוירנקייט, אַז אַדאָלף בער האָט אויף אַ ווײַלע אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט אָנגענומען איר האַנט:

— גלויבט מיר, בערטע, גלויבט... איך וועל טון אַלץ... נאָר איר העלפט מיר...

— איך העלפן? — איז אַ בלאַסער שמייכל דורכגעלאָפן בערטעס פּנים — איר לאָזט דאָך מיך נישט...

—גלויבט מיר, בערטע — האָט אַדאָלף בער געגלעט איר האַנט — גלויבט מיר און באַמיט אייך צו באַהערשן. דאָס איז אַלץ...

— און טאָמער קענט איר נישט העלפן? — האָט בערטע אויפגע־הויבן אירע טרויעריקע אויגן אויף אַדאָלף בערן.

— טאָמער קען איך נישט העלפן? — אַדאָלף בערס ווייסער קאָפּ האָט אויסגעשטורעמט — ניין, אַזאַ געדאַנק עקזיסטירט נישט פאַר מיר. איך מוז העלפן!...

— אייך איז גוט, מײַן פרײַנט, וואָס איר גלויבט אַזוי — איז בערטעס שטים געווען פול מיט רעזיגנאַציע. — איך האָב צו אייך נאָר איין ביטע.

— וואָס?

— טאָמער זעט איר איין, — האָט בערטעס שטים געציטערט, — אַז איך קען שוין מער נישט שטערן, דעמאָלט בעט איך אייך, מיר דאָס אָפן צו זאָגן...

אין צימער איז איינגעטרעטן אַ שווערע שטילקייט.

אַדאָלף בער האָט דאָסמאָל נישט אויסגעהאַלטן בערטעס בליק. ער האָט זײַנע אויגן באַהאַלטן אין די פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן פאַר אים. ערשט איצט האָט ער דערפילט אַ נישט־זיכערקייט. צי וועט ער קענען

אָפּראַטעווען ר׳ משהלע ראַפּשיצער? און זי, בערטען? ער האָט זיך נישט געקענט געבן קיין ענטפער אויף דער פראַגע.

— זאָגט איר מיר צו? — האָט אין דער שטילקייט אומהיימלעך אָפּגעקלונגען בערטעס שטים.

— איך זאָג אייך צו, אַז עס וועט דערצו נייעט קומען — האָט אַדאָלף בער געפרוווט זיך פונאַנדערלאַכן און דערביי געפילט, אַז ער לאַכט מיט אַ פרעמד קול.

בערטע האָט געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק אויף אַדאָלף בערן. אונטער דעם דאָזיקן בליק איז אַדאָלף בערס פנים געוואָרן ערנסט, ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו בערטען און געזאָגט:

— איר האָט מיין וואָרט, בערטע...

— און עס וועט נישט זיין צו שפּעט? — האָט אַדאָלף בער געפילט אויף זיך בערטעס דורכדרינגענדיקן בליק.

— איך וועל טון אַלץ, אַז עס זאָל נישט זיין צו שפּעט.

בערטע האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון אָרט.

אַדאָלף בער האָט זי שווייגנדיק באַגלייט ביז צו דער טיר.

שוין האַלטנדיק די האַנט אויף דער קלאַמקע האָט בערטע זיך אויסגעדרייט און אָנגעשטעלט אירע גרינלעכע אויגן אויף אַדאָלף בערן:

— נאָך איין וואָרט, מיין פריינט — האָט זי שטיל גערעדט — איך פאַרלאַנג, אַז קיינער, אבסאָלוט קיין שום מענטש זאָל נישט וויסן, אַז איך בין ביי אייך געווען און מיט אייך גערעדט!...

אַדאָלף בער האָט זיך דערפילט אומהיימלעך. עס איז אים פאָרגע־קומען, אַז בערטע לייענט אַראָפּ פון זיין פנים זיינע באַהאַלטנסטע געדאַנקען.

באַגלייטנדיק זי צו דער טיר האָט אַדאָלף בער אין זיך געטראַכט:

— כ׳מוז גלייך זען דניאל עפּשטיינען און אים זאָגן אין וואָסער צושטאַנד בערטע געפינט זיך...

ער ווייסט, אַז ער דאַרף אַזוי טון. ער דאַרף אָפּילו ליגן זאָגן און גלייך וואַרענען עפּשטיינען.

בערטעס פּנים באַקומט אַ האַרטן, שטייפן אויסדרוק און זי רעדט מיט אַ קלאָרער פעסטער שטימע:

— איך וואָלט עס אייך קיינמאָל נישט מוחל געווען, ווען איר פאַרראַט מיין צוטרוי צו אייך...

אַדאָלף בער בויגט זיך נידעריק אַראָפּ צו בערטעס האַנט און טראָגט זי צו צו זיין מויל:

— איך וועל טון אַזוי, ווי איר פאַרלאַנגט...

אַדאָלף בער בלייבט אַליין אין צימער. ער פילט אַ טיפע ערפורכט פאַר דער דאָזיקער פרוי, וואָס טראָגט מיט אַזאַ ווירדע איינע אַליין אירע ליידן.

— ניין, איך וועל צו עפּשטיינען נישט גיין — זאָגט ער צו זיך — איך מוז רעספּעקטירן דעם ווילן פון דער פרוי.

ער גייט אַריין אין דעם זאַל, וווּ עס הענגט דאָס בילד פון זיין באָבע תמרל. תמרלס קלוגע אויגן שמייכלען צו אים, און אַדאָלף בערן דאַכט זיך, אַז דער שמייכל פון דער באָבע תמרל איז היינט עפּעס אַ טרויעריקער און אַז דער שמייכל זאָגט אים אָן:

— פאַרלאָז זי נישט, בערטען... זי ליידט אַזוי פיל... העלף איר, מיין אָרימער טאָכטער...

— אָבער ווי אַזוי זאָל איך איר העלפן — פאַרשטעלט זיך אַדאָלף בער מיט ביידע הענט זיין געזיכט, אַז איך טאַפּ אין דער פינצטער און איך ווייס נישט, ווען און ווו דער שונא וועט פּלוצלינג דערשיינען?...

ביז היינט האָט ער געוווּסט, אַז ער דאַרף פאַרטיידיקן אַ רב, וועלכן ער האָט קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען. איצט ווייסט ער, אַז ער מוז אויך באַשיצן בערטען. איר דראָעט אפשר אַ גרעסערע געפאַר, ווי דעם אַרעסטירטן ר' משהלען, אָבער ווי אַזוי באַשיצט מען זי, ווי אַזוי?...

## קאפיטל 23

# פֿאָלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו איז גרייט

עס איז געווען אַ מילדער אָוונט. פֿאָלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו האָט פֿאַרקנעפּלט זיין מונדיר, פֿאַרצויגן דעם פּאַסיק און אַ צופֿרידענער צו זיך געשמייכלט אין שפּיגל.

— עס וועט זיין אַ פֿרייליכער אָוונט. אין האָטעל בריסטאָל וועט היינט זיין אַ לעבעדיקע חברה. זיינע קאָלעגן גרייטן זיך היינט צו פֿייערן זיין, קאָמאַראָווס, געבורטסטאָג, מיט שאַמפּאַן און מיט די יונגע שיינע טענצערינס, וואָס זענען נאָר וואָס אַראָפּגעקומען פֿון דער הויפּטשטאָט.

מיט שנעלע ענערגישע טריט לויפֿט ער אַראָפּ פֿון די טרעפּ אונ־טערברומענדיק אַ פֿריילעכע מעלאָדיע.

פֿאַרן טויער וואַרט אויף אים אַ מיליטערישע קאַרעטע. פֿאָלקאָווניק קאָמאַראָוו ציט זיך באַקוועם אויס אויף דעם ווייכן פּליוש און באַפֿעלט:

— שנעל צום בריסטאָל!...

די קאַרעטע טראָגט זיך מיט אימפּעט איבער די גאַסן. פֿאָלקאָווניק קאָמאַראָוו קוקט מיט פֿאַראַכטונג אויף די פֿוסגייער, וואָס טרעטן אָפּ דעם וועג פֿאַר זיין קאַרעטע.

עס איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט, טראַכט פֿאָלקאָווניק קאָמאַ־ראָוו, און עס איז גוט צו קעמפֿן פֿאַר דעם צאַר באַטיושקאַ אזוי לאַנג, ווי עס זענען דאָ פֿריילעכע קאַמעראַדן, און עס זענען דאָ שיינע טענצער־רינס, און עס איז דאָ שאַמפּאַניער.

שנעל לויפֿט דער וועג. פֿאָלקאָווניק קאָמאַראָוו באַוויזט זיך נישט דערכט אומצוקוקן און שוין געפֿינט ער זיך אין די אָרעמס פֿון זיינע

פריינט. עס שפּילט אויף אַ פריילעכן מאַרש די מוזיק. קאַמאַראָוו צע־קושט זיך מיט זיינע פריינט, נעמט אָן מיט אַ שמייכל זייער ווינטשעוועז און מען נעמט טאַקע גלייך אַ „לחיים”.

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט באַוויזן זיך קוים צו דערוואַרעמען נאָך די ערשטע גלעזלעך און אויף דער שוועל באַווייזט זיך זיין דינער.

— וואָס איז? — נעמט פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו אַרויס מיט אַ געבייזער דעם פאַרמאַכטן קאָנווערט פון זיין דינערס האַנט.

ער רייסט אויף דעם קאָנווערט און ווערט בלייך:

— מיינע הערן, — זאָגט ער צו זיינע קאָלעגן, — איך באַדויער זייער, אָבער גענעראַל יאַנושקעוויטש רופט...

— גיי, גיי! — קלאַפּן אים די אָפיצירן אויף דער פּלייצע — זיי רואיק, מיר וועלן נישט פאַרשעמען דעם וויין...

אין אַ האַלבער שעה שפּעטער איז פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו געזעסן אין קאַבינעט פון מעכטיקן גענעראַל יאַנושקעוויטש.

אין קאָפּ האָט ער געפילט אַ לייכטן רויש פון די ערשטע גלעזלעך וויין, וואָס ער האָט באַוויזן אויסצוטרינקען.

— איך האָף, אַז איר זענט פאַרטיק, הער פאַלקאָווניק, מיט דער אויספאָרשונג? — האָבן גענעראַל יאַנושקעוויטשס גרויע אויגן זיך איינגעגעסן אין דעם צעטומלטן פּנים פון קאַמאַראָוון.

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט דערפילט אַ היץ אין זיין לייב. דעם גענעראַלס פראַגע האָט געקלונגען ווי אַ באַפעל. וואָס זאָל ער איצט טון, קאַמאַראָוו? מודה זיין זיך, אַז ער שטייט פונקט אַזוי ווי אין ערשטן טאָג, ווען ער האָט זיך גענומען צו דער פאַסקודנער „דיעלא”? זאָגן, אַז דער זשיד האָט זיך איינגעעקשנט און וויל נישט רעדן? דערציילן, אַז די אַלע באַמיאונגען פעסטצושטעלן דעם זשידס שולד האָבן זיך נישט איינגעגעבן?

די קאַלטע גרויע אויגן פון גענעראַל יאַנושקעוויטש האָבן מיט זייערע קורצע בליצן קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט.

— אַך, דער פאַרשאָלטענער זשיד!... אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט!... צו־להכעיס מיר טוט ער דאָס, דער זשיד, מיך צו שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט

פאַר דעם גענעראַל. ניין, ניין, ער טאָר זיך נישט מורה זיין צו אַ דורכפאַל, בשום אופן נישט.

און קאַמאַראָוו פילט, ווי קענען זיין ווילן גליטשן זיך ארויס פון זיין מויל די ווערטער:

— געוויס בין איך גרייט, הער גענעראַל!...

פאַלקאָווניק פיאָטר קאַמאַראָוו דערשרעקט זיך פאַר זיינע אייגענע ווערטער. גלייכצייטיק ווייסט ער אָבער, אַז קיין צוריקקער איז מער נישטאָ. וואָס זאָל ער טון איצט? זאָגן, אַז ער האָט אויסגעטרונקען עט־לעכע גלעזלעך און ווייסט נישט, וואָס ער רעדט? ניין, ער מוז זיך שוין איצט האַלטן ביי ס׳זייניקע, אַז ער איז פאַרטיק מיט דער אויספאָרשונג.

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום טיש און רעדט. די שולד פון דעם זשיד, דעם ראַווין, איז קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרן. אין דעם איז נישטאָ קיין שום ספק. און ער, פאַלקאָווניק קאַמאַ־ראָוו, צווייפלט נישט, אַז יעדעם ערלעך געריכט וועט אַנערקענען דעם דאָזיקן זשיד פאַר שולדיק אין פאַרראַט. וואָרום ווי קען דען זיין אַנדערש? עס זענען דאָ עדות, וואָס האָבן אים געזען שטיין ביינאַכט אויף דער וועראַנדע אין דער צייט פון דער שיסעריי. און זיי האָבן געזען, ווי ער איז געשטאַנען און געגעבן צייכנס און דערביי האָט ער אויך גערעדט אויף עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך...

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט דערפילט אַ טרוקנקייט אין מויל. אַך, ווען ער קען איצט האָבן אַ גלעזל וואָדקע! ער וואָלט גערעדט גאָר מיט אַן אַנדערן קוראַזש!... ער האָט אַלץ געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט צום טיש, נישט וואַגנדיק זיך צו טרעפן מיט דעם בליק פון גענעראַל יאַנוש־קעוויטש.

— ווייטער! — האָט ער דערהערט יאַנושקעוויטשעס קורצן באַפעל.

— יאָ, וואָס ווייטער? — האָט קאַמאַראָוו אַ קורצע ווײַלע נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו זאָגן. אָבער באַלד זענען די ווערטער אַליין געקומען אים אויף דער צונג. נאָכמער. דער זשיד האָט זיך אייגנטלעך מודה געווען, נאָר שפּעטער חרטה באַקומען און נישט געוואָלט אונטער־שרייבן. זעט אויס זיך דערשראָקן. אַזוי אַרום איז איין זאַך קלאָר ווי

דער טאָג: דאָס פאַרברעכן פון דעם זשיד איז באַוויזן געוואָרן און מען קען אים שוין ברענגען פאַרן געריכט...

— ריכטיק — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש הויך אַ זאָג געטון.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט מיטאַמאָל זיך דערפילט זיכער און רואיק. אַז דער גענעראַל זאָגט ריכטיק, איז אַלץ אין בעסטער אָרדענונג.

איצט האָט ער שוין געוואַגט אויפצוהויבן זיינע אויגן פון טיש און רעדן קלאָר און שאַרף. געווים, ער, קאָמאַראָוו, האָט געהאַט פאַר זיך נאָך אַן אויפגאַבע. ער האָט געוואָלט קומען אויף די שפּורן פון דעם זשידס שותפים. אַוודאי האָט מען געפּרוווט עפּעס דאָס מויל פון דעם פאַרברעכער. לײַדער זענען אָבער זיינע פיזישע כוחות באַגרעניצטע און מען מוז זיין פאָרזיכטיק. דער אַרצט האָט געוואָרנט, אַז דער זשיד האָט אַ צו שוואַך האַרץ און ער קען שטאַרבן פאַרן פּראָצעס...

— דאָס נישט! — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש איבערגעריסן — דער פּראָצעס מוז פאָרקומען — דעריבער שלאָג איך פאָר — האָט קאָמאַראָוו געענדיקט — נישט צו וואַרטן מיטן פּראָצעס ביז מ׳וועט אַרעסטירן די אַנדערע פאַרברעכער, נאָר שוין משפטן דעם זשיד. איך בין צו יעדער מינוט גרייט מיט דער באַשולדיקונג.

— איר האָט פולשטענדיק רעכט, הער פּאָלקאָווניק, — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש אַ זאָג געטון — אין צוויי טאָג אַרום אין אָוונט וועט פאָרקומען דער פּראָצעס אין ציטאַדעל, די פּראָצעדור מוז זיין אַ שנעלע. עס איז קריג־צייט. יאָ, און וועגן אַ פאַרטיידיקער פון דעם זשיד האָט איר אַ טראַכט געטון, הער פּאָלקאָווניק?

גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט געטון אַ שאַרפן קוק אויף קאָמאַראָוון און צוגעגעבן:

— איך וויל אַ שטרענגן אורטייל, הער פּאָלקאָווניק, דעם שטרענגסטן, אָבער איך וויל נישט, אַז עמיצער זאָל זאָגן, אַז מיר האָבן דעם זשידאָווסקע פאַררעטער נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן...

— צום באַפעל, הער גענעראַל, נאָר...

— נאָר וואָס?

— עס הייסט, — האָט קאָמאַראָוו געשטאַמלט — אַז אַ פּאַרטיי־דיקער האָט זיך שוין געמאָלדן...

— פונוואַנען האָט ער געוווּסט? — האָט זיך גענעראַל יאַנוש־קעוויטשעס געזיכט פאַרכמורעט — כ'האָב דאָך באַפוילן, אַז ביז דער לעצטער מינוט, זאָל קיינער נישט וויסן, ווו דער פאַררעטער געפינט זיך!...

— איך האָב שטרענג אָפּגעהיט דעם באַפעל — האָט אַ בלייכקייט באַדעקט קאָמאַראָווס פּנים — נאָר ווער ווייסט זיי, די זשידעס!... זיי דערגרייכן אומעטום... שוין זינט עטלעכע טעג איז אין קאַנצעלאַריע פון מיליטערישן געריכט אָנגעקומען אַ בריוו פון אַדוואָקאַט אַדאָלף בער...

— אַ זשיד?

— געוויס אַ זשיד, שוין צענדליקער יאָרן, ווי ער פאַרטיידיקט אַלע פאַרברעכער, רעוואָלוציאָנערן און פאַררעטער...

— און מען האָט אים נאָך נישט אויפגעהאַנגען?

— ליידער — איז קאָמאַראָוו שוין געוואָרן זיכערער ביי זיך — און ער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים צולאָזן רעדן מיט זיין קליענט, דעם אַרעס־טירטן ראַווין, וואָס געפינט זיך אין צענטן פּאַוויליאָן...

— אויך דאָס ווייסט ער?! — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש אַ זעץ געטון אין טיש.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. ער איז נישט געווען שולדיק. ער האָט פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז ווען גענעראַל יאַנושקעוויטש פאַלט אריין אין צאָרן, איז גלייכער צו שווייגן און נישט פּרוון זיך פאַרענטפערן. האָט ער גע־שוויגן, דער פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו, און געוואַרט אַ רעזיגנירטער אויפן שטורעם.

דער שטורעם איז אָבער נישט געקומען. גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט זיך שנעל באַרואיקט. ער האָט אפילו אַנדערש אויסגערעכנט, ער האָט געוואָלט באַשטימען אַן אָפיציר פאַר דעם פאַרטיידיקער און נישט לאַנג שפּילן זיך מיט דעם זשיד. נאָר איצט איז אים איינגעפאַלן, אַז עס וועט זיין גלייכער צוצולאָזן דעם זשידאָווסקע אַדוואָקאַט צו דעם פּראָ־צעס. אדרבה, זאָל די גאַנצע וועלט זען, אַז עס איז דאָ ביי אונדז גע־

רעכטיקייט, אַז מיר זענען גרייט אפילו אויסצוהערן א חוצפּהדיקן זשיד. דעמאָלט וועט דאָך קיינער נישט צווייפלען, אַז דער ראַווין איז אַ פאַררעטער.

און גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט געזאָגט:

— גוט, טיילט מיט דעם זשידאָווסקע אדוואָקאַט, ווי הייסט ער?

— אדאָלף בער.

— אַז ער וועט האָבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט זיין קליענט אין דער אַנטשפּרעכנדער צייט...

— און אים מעלדן, אַז דער פּראָצעס קומט פאָר אין צוויי טעג אַרום?

גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט געוואָרפן אַ פאַראַכטנדיקן בליק אויף קאַמאַראָוו. ער איז אַ טיפּש, דער קאַמאַראָוו, האָט ביי זיך געטראַכט יאַנושקעוויטש, אָבער אין דעם פאַל מאַכט עס גראָד נישט אויס. פאַר־קערט...

און ער האָט הויך געזאָגט, ציילנדיק יעדעס וואָרט:

— דער פּראָצעס וועט זיך אָנהויבן אין צוויי טעג אַרום, אַרום צען אַזייגער אינאָוונט, פּינקטלעך צו דער מינוט און צוועלף אַזייגער, מוז ער זיין געענדיקט און צוויי אַזייגער ביינאַכט, וועט איר באַגלייטן דעם פאַרמשפּטן...

— צום בערגל? — האָט קאַמאַראָוו געוווּסט, אַז אין דעם מאָמענט ווערט אַרויסגעטראָגן דער אורטייל אויף דעם זשיד.

— געוויס, צום בערגל — האָט גענעראַל יאַנושקעוויטש רואיק גערעדט — פאַר אַ פאַררעטער איז נישטאָ קיין אַנדערער וועג. און איר, הער פּאָלקאָווניק, מוזט זען, אַז אויפן בערגל זאָל זיין אַלץ גרייט...

— עס וועט זיין... — האָט קאַמאַראָוו געפּילט אַ שוידער אין זיין לייב און דערמאָנט — און מיט דעם אדוואָקאַט?

— דעם אדוואָקאַט — האָט יאַנושקעוויטש אַ צופרידענער צו זיך אַ שמייכל געטון — וועט צייט זיין צו ברענגען אין ציטאַדעל עטלעכע מינוט פאַרן אָנהויב פון פּראָצעס. פינף מינוט פאַר צען אַזייגער וועט איר צוזאַמענברענגעןביידע זשידעס. פינף מינוט איז גענוג צייט פאַר זיי, ריכטיק?

— ריכטיק, — האָט פּאַלקאָווניק קאָמאַראָוו אונטערטעניק אראָפּ־געבויגן דעם קאָפּ, — זאָל איך הייסט עס לאָזן וויסן אדאָלף בערן, ווען דער פּראָצעס קומט פאָר?

— איר וועט אים גאָרנישט לאָזן וויסן! — האָט א נאָטע פון אומ־געדולד זיך געלאָזט פילן אין גענעראל יאנושקעוויטשעס שטים — איך האָב שוין געזאָגט: אין דער לעצטער מינוט שיקן צו אים א שליח!...

— און אז ער וועט נישט זיין אין שטוב?

— אז ער וועט נישט זיין אין שטוב — האָט א ברייטער שמייכל זיך צעלייגט אויף דעם גענעראלס פּנים — נו, איך וועל דאָך אים נישט גיין זוכן אין די זשידאָווסקע סינאגאָגעס. אז ער וועט נישט זיין, וועט מען זיך אן עצה געבן אָן אים, ריכטיק?

— ריכטיק, האָט פּאַלקאָווניק קאמאראָוו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

פּאַלקאָווניק קאמאראָוו האָט געקוקט מיט באוואונדערונג אויף זיין שעף. אָט דאָס הייסט א קאָפּ!

ער, קאָמאראָוו, האָט א ביסל מורא געהאַט פאר דעם זשיד, אדאָלף בער. ער האָט א שאַרפע צונג, דער בער, זאָגט מען. נאָר אין דעם פאַל וועט אים גאָרנישט העלפן. גענעראל יאנושקעוויטש האָט אַלץ פאָראויס־געזען און אַלץ צוגעטראַכט. איידער דער זשיד וועט צייט האָבן עפּעס צו זאָגן, וועט מען שוין פירן דעם פאררעטער צום בערגל. און אפשר וועט מען אים גאָרנישט טרעפן אין שטוב. כאַ־כאַ־כאַ!... — ער, קאָמאַ־ראָוו, וועט דאָך אים נישט נאָכלויפן אין די זשידאָווסקע סינאַגאָגעס!...

גענעראל יאנושקעוויטש האָט געזען די באַגייסטערונג אויף קאָמאַ־ראָווס פּנים. ער איז טאַקע א טיפּש, דער קאָמאראָוו. פונדעסטוועגן האָט אים הנאה געטון צו זען באוואונדערונג אין קאָמאראָווס אויגן. און ער האָט גענעדיק צו אים געזאָגט:

— האָב איך אייך, הער פּאַלקאָווניק, נישט געשטערט היינט?...

—א, ניין!... — האָט קאָמאראָוו געפילט, אז אויף זיין פּנים טרעט ארויס א לייכטע רויטקייט.

— עס מאכט נישט! — האָט אים יאנושקעוויטש גענעדיק א קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע — איר האָט געהאַט נישט קיין לייכטע ארבעט

און האָט פאַרדינט אַ פריילעכן אָוונט. איך וויל אייך מער נישט אויפ־האַלטן, הער פאַלקאָווניק.

מיט אַ שיינענדיק געזיכט איז פאַלקאָווניק פיאָטר קאָמאַראָוו אַרויס אויף דער גאַס. אַ פריילעכער איז ער אַריינגעשפּרונגען אין אַ פאַרבייפאָרנדיקער דראָזשקע און באַפוילן:

— צום בריסטאָל!...

## קאַפּיטל 24

# אַדאָלף בער וואַרט

אַדאָלף בער האָט ענדלעך דערהאַלטן אַן ענטפער אויף אַלע זיינע ווענדונגען. ער האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל דורכגעלייענט דעם קורצן בריוו פון דער קאַנצעלאַריע פון קריגס־געריכט.

אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ענדלעך האָט מען אים צום ערשטן מאָל מיטגעטיילט, אַז ר׳ משהלע ראַפּשיצער געפינט זיך אין אַרעסט און אַז עס וועט פאָרקומען קעגן אים אַ פּראָצעס.

— עס הייסט, אַז ער לעבט — האָט אַדאָלף בער ווידער אַמאָל גענומען דעם בריוו אין האַנט — און מען וועט מיך אויך צולאָזן צו דעם אָנגעקלאָגטן פאַר דעם פּראָצעס. פיין, פיין... אָבער פאַר וואָס זאָגט מען מיר נישט, ווען דער פּראָצעס וועט פאָרקומען?

אַדאָלף בער האָט געפּרוווט אַרויסבאַקומען אַן ענטפער אויף דער פראַגע. ער האָט געפּרוווט מיט פאַרשידענע מיטלען אַרויסצובאַקומען דעם ענטפער.

ער איז אַוועק צו זיינע באַקאַנטע באַאַמטע און צו זיי געזאָגט:

— איך בעט נישט מער ווי אַ העפלעכקייט. איך דאַרף אין אַ פּערזענלעכער אַנגעלעגנהייט אָפּפאָרן אויף עטלעכע טעג. וויל איך וויסן, צי כ׳וועל באַוויזן צוריקצוקומען צו דער צייט?

— ליידער, ווייסן מיר אייך נישט וואָס צו זאָגן...

אַדאָלף בער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטומער און טויבער וואַנט.

ער איז געוואָרן אומרואיק, אַדאָלף בער. אין זיין לאַנגיעריקער

פּראַקטיק האָט ער אַזאַ פֿאַל נאָך נישט געהאַט. פֿיל מאָל האָט מען אים געמאַכט שוועריקייטן. אָבער נישט וועלן אים זאָגן דעם טערמין פֿון פּראָצעס — טרעפֿט זיך אים צום ערשטן מאָל.

נאָר איין באַאַמטער, וועמען אַדאָלף בער האָט אַמאָל געהאָלפֿן אַרויסשלעפּן פֿון אַ נישט אַנגענעמען זומפּ, האָט נאָכן קאַלטן אָפֿיציעלן אָפּזאָג, שוין ביי דער טיר, צו אים שטיל אַ שושקע געטון:

— איך וואָלט אייך נישט געראַטן אוועקצופֿאָרן...

אַדאָלף בער האָט מער נישט געפֿרעגט. ער איז גלייך אַוועק צו זיך אַהיים. ער האָט גלייך אַרויסגערופֿן צו זיך דעם אַלטן פֿאַן מיכאַל און דניאַל עפּשטיינען.

זיי זענען געזעסן אין דעם צימער, וואָס אויף זיינע ווענט זענען געהאַנגען די בילדער פֿון אַדאָלף בערס זיידעס און פֿון דער באָבע תמרל.

דער אַלטער פֿאַן מיכאַל האָט געקוקט אויף דער לאַנגער באָרד פֿון ר׳ שמואל זביטקאָווער, אויף דעם הויכן פּוטער־היטל, וואָס האָט צוגע־דעקט דעם קאָפּ פֿון ר׳ בערעקן און אויף די צעשמייכלטע קלוגע אויגן פֿון דער אַלטער תמרל.

זיי זענען אויך זיינע זיידעס געווען. און מיטאַמאָל האָבן די אַלטע אויגן פֿון פֿאַן מיכאַל עפּעס אויפֿגעשיינט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין טאַכטער מערים פּנים, האָט געערשנט דעם שמייכל פֿון דער באָבע תמרל.

אַדאָלף בער האָט זיך אַנטשולדיקט פֿאַר זיינע פֿריינט. ער האָט אייגנטלעך נישט פֿיל זיי צו זאָגן. נאָך אַלע זיינע באַמיאונגען איז אים נישט געלונגען זיך צו דערוויסן אין וואָס ר׳ משהלע ראַפּשיצער ווערט באַשולדיקט. ער ווייסט נאָר, אַז ער וועט אינגיכן געמשפּט ווערן און ער האָט בלויז באַקומען אַ ווונק, נישט צו פֿאַרלאָזן די שטאָט און וואַרטן.

— דאָס דאָזיקע אויסבאַהאַלטן פֿון מיר אַזאַ אומשולדיקע זאַך, ווי דער טערמין פֿון פּראָצעס, באַאומרואיקט מיך — האָט געערדט אַדאָלף בער — איך האָב דעם איינדרוק, ווי עפּעס וואָס ווערט געטון הינטער

מיינע פּלייצעס און עמיצער האַלט מיך פעסט און לאָזט מיך נישט אויסדרייען דעם קאָפּ... עס איז אַן אומאַנגענעם געפיל...

אַדאָלף בער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און געזאָגט:

— איך האָב דעם איינדרוק, אַז מען וויל מיך האַלטן געשפּאַנט ביז דער לעצטער מינוט און נישט געבן מיר די געלעגנהייט צוצוגרייטן די פאַרטיידיקונג. איך דערוואַרט יעדע שעה אַרויסגערופן צו ווערן. דעמאָלט וועל איך שוין נישט האָבן קיין מעגלעכקייט מיט אייך זיך צו באַראַטן. צוליב דעם האָב איך דרינגנדיק אייך אַרויסגערופן, מיינע פריינט.

דניאל עפּשטיין האָט, ווי זיין שטייגער, געווישט די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן און ווי צו זיך אַליין אַ מורמל געטון:

— באַראַטן זיך?... — אַז מיר טאַפּן אין דער פינצטער, אַז מיר ווייסן צומאָל נישט פאַר וואָס מען האָט דעם רב אַרעסטירט...

— איך האָב געהערט, אַז אין דער נאַכט איז געווען אַ קורצע שי־סעריי אין דער געגנט — האָט אַדאָלף בער אַ קורצן זאָג געטון.

— יאָ, אַ שיסעריי... — האָט עפּשטיין שטיל איבערגעחזרט.

ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט. ביידע האָבן אין דער מינוט געהאַט אויף זייערע ליפּן איין נאָמען:

— בערטע...

דער אַלטער פאַן מיכאל האָט אַ צי געטון מיט די פּלייצעס:

— נו, איז וואָס, אַז מען האָט געשאָסן? — האָט ער געקוקט מיט דערשטוינטע אויגן אויף עפּשטיינען און בערן — איך הער אין די לעצטע צייטן יעדן אָוונט שיסן. נו, וועט מען מיך דערפאַר שטעלן פאַר אַ קריגס־געריכט?

— עס איז נישט אויסגעשלאָסן, טייערער הער פּרעזעס, אויב מ׳וועט צוגרייטן אַ יוסטיץ־מאָרד... — האָט אַ טרויעריקן שמייכל געטון אַדאָלף בער.

— אַזוי מיינט איר האַלט עס? — האָט עפּשטיינס בליק זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן מיט בערס אויגן — ביי אַ יוסטיץ־מאָרד?

— ווען איך ווייס גאָרנישט, מוז איך טראַכטן וועגן דער מעגלעכ־קייט אויך — האָט בער פונאַנדערגענומען ביידע הענט — איך ווייס נישט, צי איך דאַרף זיך באַטייליקן אין אַזאַ יוסטיץ־מאָרד און נישט

גלייך זיי אויפן אָרט דערקלערן: מיינע הערן, איר קלויבט זיך אויסצופירן א מאָרד איבער א מענטש — איז עס אייער זאַך. נאָר איך וויל נישט באַטייליקן זיך אין דער קאָמעדיע פון א פּאַרטיידיקער, וועלכער האָט נישט קיין מעגלעכקייט צוצוגרייטן זיין פּאַרטיידיקונג!...

אין צימער איז איינגעטרעטן א שווערע שטילקייט.

אדאָלף בער האָט גענומען שפּרייזן האַסטיק אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער. א רויטער פּאַס איז אַרויסגעטרעטן אויף זיין הויכן לומדישן שטערן. זיינע אויגן האָבן געפלאַמט. ער האָט געזען פאַר זיך די קאַלטע פאַרשלאָסענע פּנימער פון די ריכטער. ער וועט זיי מאַכן אויפציטערן, די דאָזיקע פּנימער. ער וועט זיי שליידערן אין די קאַלטע פּנימער דאָס מוראדיקע וואָרט פון יוסטיץ־מאָרד!... און ער וועט אָפּשאָקלען דעם שטויב פון זיינע שיך און זיי זאָגן: איך וועל אייער קאָמעדיע נישט מיטמאַכן...

דניאל עפּשטיין האָט שווייגנדיק געקוקט אויף דעם האַסטיק שפּרייזנדיקן אדאָלף בער. ער, עפּשטיין, האָט אין זיך געטראַכט פון דער ערשטער מינוט, אַז עס גרייט זיך א יוסטיץ־מאָרד. ער האָט אָבער דעם געדאַנק פון זיך אָוועקגעטריבן. איצט האָט מען דאָס שרעקלעכע וואָרט צום ערשטן מאָל הויך אַרויסגערעדט. יאָ, ער האָט רעכט, אדאָלף בער. זיי האָבן געפונען א קרבן און זיי ווילן דעם קרבן נישט אַרויסלאָזן פון זייערע הענט.

דער אַלטער פאַן מיכאל האָט איבערגעטראָגן זיין בליק פון דער באַבע תמרל אויף איר מאַן, בערעקן און זיין פאָטער שמואל זביטקאָווער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער לעבט איצט מיט זיי, מיט די אַלטע גרייזגרויע זיידעס, און אַז ער הערט אפילו נישט אדאָלף בערס ווערטער...

פלוצלינג האָט זיין אַלטע שטימע אַרויסגעגעבן פון זיך א קלאַנג פון א צעבראָכענער כלי:

—וואָלטן זיי אויך אַזוי געטון?...

די ציטערדיקע פינגער פון פאַן מיכאל האָבן געטייטלט אויף די צוויי אַלטע זיידעס און דער אַלטער באָבען, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ווענט.

אדאָלף בער איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב. זיינע אויגן האָבן

זיך געווענדט צו דער באָבע תמרל, האָבן געזוכט באַשייד אין דעם ערנסטן פּנים פון בערעקן, האָבן עפּעס געפרעגט ביי דעם אַלטן זיידן שמואל:

— וואָס וואָלט איר געטון?...

— איך בין שוין אַן אַלטער מאַן, איך שטיי שוין נענטער צו זיי, ווי צו אייך — האָט דער אַלטער פאַן מיכאל אַנגעוויזן אויף די בילדער אויף דער וואַנט — און דעריבער דאַכט זיך מיר, אַז איך פאַרשטיי זיי בעסער. ניין, אַדאָלף, דיין באָבע תמרל און דיינע זיידעס וואָלטן אַזוי נישט געטון... זיי זענען געווען פּראָסטע מענטשן, דיינע זיידעס, און האָבן זיך קוים געקענט אונטערשרייבן, נאָר די גויים האָבן זיי געקענט בעסער פאַר דיר...

דער אַלטער פאַן מיכאל האָט זיך הייזעריקלעך פונאַנדערגעלאַכט:

— דו האָסט שוין אַ גרויען קאָפּ — האָט ער געזאָגט צו אַדאָלף בערן — און דו ווייסט נאָך אַלץ נישט, אַז די גויים וועלן זיך נישט שעמען פאַר דיינע רייד. זעסטו, דיין באָבע, תמרל, האָט גוט געוווּסט, אַז די גויים שעמען זיך נישט צו זיין מערדער... דו ווילסט די קאַצאַפּעס דערשרעקן מיטן וואָרט יוסטיץ־מאָרד!... זעסט, די באָבע, תמרל, שמייכלט דאָך איצט פון דיר, אַדאָלף...

דער פאַן מיכאל איז מיט שווערע טריט צוגעגאַנגען צו אַדאָלף בערן און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם אַדוואָקאַטס פּלייצע:

— האָב נישט אין זינען די גויים — האָט זיין אַלטע שטימע אַרויסגעגעבן קלאַנגען פון אַ צעבראָכענער כּלי — טראַכט וועגן יידן. טראַכט וועגן ר׳ משהלע ראַפּשיצער, טראַכט וועגן אַלע אַנדערע יידן, וואָס ווערן געמשפּט גלייך מיט אים. און גיב נישט אויף די האָפענונג, אַזוי האָבן געטון דיינע זיידעס, אַזוי...

— מיינע זיידעס האָבן געקענט דאַווענען... — האָט אַדאָלף בער ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון.

— און די יידן אין די שולן דאַווענען אויך היינט — האָט אַ שמייכל זיך צעלייגט אויף דעם אַלטן פּנים פון פאַן מיכאל — איך האָב ערשט נישט לאַנג מיט זיי טשאָלנט געגעסן, ריכטיק, הער עפּשטיין... און

ווען דו, אדאָלף, וועסט גיין אין ציטאַדעל, וועלן זיי גיין אין שול און דאַוונען אויך פאַר דיינעטוועגן.

— וואָס זאָגט איר, דאַניעל? — האָט אדאָלף בער אַ קוק געטון אויף עפשטיינען.

— איך מיין, מיין פריינט, — האָט דניאל עפשטיין זיך געווישט די גלעזער פון זיינע ברילן — אַז די יידן אויפן גזשיבאָוו טראַכטן אַזוי, ווי אונדזער פאַן מיכאל.

עס איז שווער צו זאָגן, פון וואַנען די יידן אויפן גזשיבאָוו און אויף טוואַרדע גאַס און אויף די נאַלעוועקעס האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער גרויסער געפאַר, וואָס לויערט אויפן קאָפּ פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

די טונקל־גרויע ציטאַדעל־מויערן האָבן שטרענג געהיטן זייערע געהיימנישן. אויך אַדאָלף בער און דניאל עפשטיין און דער אַלטער פאַן מיכאל האָבן געשוויגן.

פונדעסטוועגן האָבן יידן געוווּסט אַלץ, וואָס זיי דאַרפן וויסן. זיי האָבן געוווּסט, אַז ר׳ משהלע ראַפּשיצער דאַרף זיין דער קרבן פאַרן כלל ישראל. און זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז הינטער די ציטאַדעל־טויערן ווערט איצט שוין צוגעגרייט דער פּראָצעס קעגן ר׳ משהלע ראַפּשיצער, און זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז אַדאָלף בער, דער גרויסער יידישער אַדוואָקאַט, קעמפט איצט פאַרן לעבן פון ר׳ משהלען.

די געהיימע יידישע פּאָסט, וואָס קורסירט פון האַרץ צו האַרץ, האָט אויך דאָס מאָל געטון איר אַרבעט. אין די שולן און שטיבלעך האָבן יידן תהילים געזאָגט און געבעטן פאַרן לעבן פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער און געדאַוונט פאַר אַדאָלף בערן...

דער אַלטער פאַן מיכאל איז פאַרנאַכט צוגעקומען צו סאַרדינערס שול. אַ ווייל איז ער געשטאַנען ביי דער טיר נישט אַנטשלאָסן. ער האָט ווייניק מחזקות מיט די שול־יידן. נאָך ראש השנה און יום־כפור פלעגט ער זיך אים זען אין דער דייטשער שול אויף טלאָמאַצקע גאַס. דאָס מאָל אָבער האָט ער געוואָלט זיין צוזאַמען מיט די פּשוטע יידן. איז ער געשטאַנען ביי דער טיר פון סאַרדינערס שול, האָט זיך איינגעהערט אין דעם וויינענדיקן תהילים־ניגון און נישט געפילט, ווי זיינע ליפּן הויבן זיך אָן באַוועגן.

פון דרויסן זענען אָנגעקומען וואָס אמאָל מער יידן. זיי האָבן מיט־געצויגן מיט זיך דעם אַלטן פּאַן מיכאל.

עס איז געווען היים און ענג אין דער שול. דער פּאַן מיכאל איז געשטאַנען צונויפגעדריקט און עס איז אים שווער געווען צו רירן מיט זיינע הענט און פיס. ריחות פון פארשוויצטע און פארהאָרעוועטע לייבער האָבן אָנגעפילט די לופט. די דאַווענער פון סאַרדינערס שול זענען געווען פּראָסטע און אָרימע יידן. עס זענען געווען טרעגער און בעלי־עגלות, אָרימע בעלי מלאכות און לאַטוטניקעס, קליינע קרעמערלעך און גאַסן־גייער מיט הייזעריקלעכע העלדזער פון שטענדיקן רופן: האַנדעל, האַנדעל... זיי האָבן געננוי נישט געוווסט, וואָס עס איז געשען. זיי זענען געווען צופיל פאַרהאָרעוועט, כדי זיך אויסצופרעגן אַלע איינצלהייטן וועגן ר׳ משהלע ראַפּשיצער און זיין פּאַרטיידיקער, אדאָלף בער. זיי האָט די יידי־שע פּאָסט נאָר קורץ מודיע געווען, אז מען דאַרף רחמים. דאָס איז פאַר זיי גענוג געווען. און זיי זענען געקומען אין זייערע אַרבעט־בגדים אין שול אריין צו זאָגן תהילים און לאָזן פאַלן א טרער.

מיט זיי איז געשטאַנען דער פּאַן מיכאל און זיך מיטגעשאָקלט. אַן אַלטער טרעגער האָט אים אָפּגעטרעטן אַ שטיקל אָרט פון זיין בענקל און אַזוי זענען זיי געזעסן און געזאָגט תהילים פון איין סידור אַרוים.

דער פּאַן מיכאל האָט זיך גוט געפילט אין סאַרדינער־שול. עפּעס אַזאַ ווארימקייט האָט אים דאָ אין דער שול ארומגענומען. קיינער קען אים דאָ נישט. קיינער ווייסט נישט, אז ער איז דער „פּאַן פּרעזידענט" אליין. אָט זיצט ער אויף דעם שפּיץ בענקל פון אַ טרעגער און ער פילט זיך בעסער און היימישער ווי אויבן־אָן אויף טלאָמאַצקע גאַס. ער איז דאָ אַ פרעמדער צווישן די יידן און דאָך דאַכט זיך אים, אז ער קען זיי אַלע, די טרעגער און בעלי עגלות, די סוחרימלעך און בעלי מלאכות, און אַז זיי אַלע קענען אויך אים פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

דעם פּאַן מיכאלס אויגן זענען שוין שוואַך פון אַלטקייט. ער דער־זעט שוין נישט גענוי די קליינע אותיות פון סידור. אָבער דאָס מאַכט נישט אויס. ער זינגט אויס דעם אַלטן תהילים־ניגון און ער דערפילט אַ מאָדנע רואיקייט. עס דאַכט זיך אים, אז דאָ צווישן די יידן, איז ער זיכער, אז פון סאַרדינערס שול קען אים קיין שום שטורעם נישט דערגרייכן.

און עס ווערט אים באנג, וואָס דאָס תהילים זאָגן ווערט איבערגע־ריסן. די דאווענער פון סאָרדינערס שול זענען געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט. און זיי האָבן אויסגעהונגערטע געאײַלט אַהיים צו דער וואַרימער וועטשערע.

דער פאַן מיכאל האָט איינער פון די לעצטע פאַרלאָזט די שול.

— צו וועמען אײַל איך זיך? — האָט ער געטראַכט — צו מערין? זי וועט דאָך מיך צומאָל נישט אויסהערן. וואָס גייט איר אָן ר׳ משהלע ראַפּשיצער, ווען זי זעט איר שייגעץ? איז ער געבליבן שטיין, דער אַל־טער פאַן מיכאל, אויפן שול־הויף און זיך צוגעהערט צו די שמועסן פון די אַלטע יידן, וואָס אײַלן זיך שוין נישט אַהיים, ווייל די שול איז גע־וואָרן זייער היים.

און ער האָט געהערט, ווי די יידן דערציילן צווישן זיך, אַז ער, ר׳ משהלע ראַפּשיצער, איז געווען אַ למדן־וואָווניק, און אַז ער האָט גע־נומען אויף זיך די זינד פון גאַנצן דור, געוואָלט אָפּראַטעווען דעם גאַנצן כלל־ישראל פון גזר־דין, און אַז אויך דאָרט אין ציטאַדעל האַלט ער אין איין עוסק זיין אין גרויסע סודות פון דער תורה, און אַז זיינע גויאי־שע וועכטער רעדן מיט פּחד פון דעם הייליקן מאַן...

און יידן האָבן ווייטער דערציילט, אַז אַלע גוטע־יידן זענען איצט מתפּלל פאַר ר׳ משהלע ראַפּשיצער, און אַז די גרעסטע גבירים און „דייטשן" זענען זיך משתדל, לויפן צו די גענעראַלער און בעטן רחמים, און אַז דער גרויסער אַדוואָקאַט בער שלאָפט נישט טאָג און נאַכט און טראַכט אַלץ, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען ר׳ משהלען פון די גוייִשע הענט.

— דער אויבערשטער וועט העלפן, — האָבן די זקנים גענומען צו שמעק טאַבאַק — וואָס די וועלט איז נאָך נישט הפקר...

פּלוצלינג דערפילט אויף זיך דער פאַן מיכאל אַ שווערן בליק. ער דערקענט אַן אַלטן ייד, וואָס האָט שוין אַ חזקה צו באַקומען פון אים יעדן פרייטיק אַ קערבל.

— ר׳האָט מיך דערקענט — ווערט דעם פאַן מיכאל נישט אַנגע־נעם און ער לאָזט זיך שנעל צו דער גאַס.

און דער אַלטער האָט איינגערוימט די אַנדערע יידן:

— עטץ ווייסט כאַטש, אַז דער פֿאַן מיכאל איז דאָ געווען און תהילים געזאָגט, אָט זעטץ, ווי ער גייט...

די אַלטע יידן שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ:

— נישט גוט, — זאָגן זיי — אַז דער פֿאַן פּרעזעס קומט אין סאַר־דינערס שול דאַווענען אנשטאָט צו גיין צו זיינע רייכע „דייטשן”, איז אַ סימן, אַז עס איז נישט גוט... יאָ, יאָ, אַזוי איז עס, אַז עס ווערט שלעכט, דערמאַנען זיך ערשט די גבירים אָן דעם תהילים־זאָגן פֿון די אָרימע לייט...

אַזוי האָבן געטראַכט און גערעדט צווישן זיך די אָרימע יידן פֿון סאַרדינערס שול.

און ווי מערקווירדיק עס זאָל נישט זיין, האָבן אויך די געדאַנקען פֿון דעם רייכן און גרויסן אַדוואָקאַט אַדאָלף בער זיך מיט ווייניק וואָס אונטערשיידט פֿון די מחשבות פֿון די אַלטע אָרימע יידן.

איינער אַליין האָט אַדאָלף בער געשפּאַנט איבער די זאַלן פֿון זיין גרויסער דירה. ער האָט געוואַרט. יעדע שעה און יעדע מינוט האָט ער געוואַרט צו דערהערן דעם שאַרפֿן קלונג ביי דער טיר. דעם קלונג, וואָס זאָל אים אַרויסרופֿן צו די טונקל־גרויע ציטאַדעל־מויערן.

נישט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן קומט אים אויס אַזוי צו וואַרטן. פֿיל מאָל האָט ער שוין אַזוי איינער אַליין געשפּאַנט איבער זיינע שטיבער, גרייטנדיק זיך צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון די מענטשן, וואָס האָבן זייער לעבן אָנגעטרויט אין זיינע הענט.

ווען ער איז געשטאַנען פֿאַר די ריכטער, איז ער געווען ווי אַ שטור־רעם. זיינע אויגן האָבן געשאָטן בליצן און זיין מויל האָט געדונערט. אין זיין אינגעווייד אָבער איז ער שטענדיק געווען רואיק, באַהערשט, קאַלט. נאָך לאַנגע יאָרן פֿון דערפֿאַרונג האָט זיך אים איינגעגעבן אויס־צואַרבעטן אין זיך די דאָזיקע אינערלעכע רו.

און ער האָט גוט געוווּסט, אַז אין דער דאָזיקער רו און באַהערשט־קייט ליגט זיין קראַפֿט איבער זיינע קעגנער.

אויך איצט האָט אַדאָלף געוואָלט זיין רואיק און באַהערשט. ־אָס מאָל אָבער האָט ער געפֿילט, אַז עפּעס אַן אומרו טרייבט אים. וואָס מער

ער האָט זיך געוואָלט באהערשן, אַלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן. ער איז געווען בייז אויף זיך, אדאָלף בער.

— ווער איך שוין אַלט? — האָט ער זיך אליין געפרעגט — דאַרף איך שוין אָפּטרעטן מיין אָרט פאר אנדערע?

— ניין, אדאָלף בער האָט געוווסט, אז טראָץ זיין זילבער־קאָפּ איז ער נאָך יונג און אז עס האָט נאָך נישט געשלאָגן די שעה פון רעזיגנאציע פאר אים. יאָ, פאר אנדערע איז ער גרייט ווייטער צו קעמפן מיט זיין געוועגלעכער רואיקייט און באהערשטקייט. נאָר מיט דעם ר׳ משהלע ראפּשיצער, וועלכן ער האָט קיינמאָל פאר די אויגן נישט געזען און וועל־כער איז אים אזוי פרעמד, קומט אים אָן שווער.

— פארוואָס? — האָבן זיך אדאָלף בערס אויגן ארומגעקוקט, ווי זיי וואָלטן ביי עמיצן געזוכט באשייד.

זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן דעם בילד פון זיין זיידן בערעק.

דער זיידע, בערעק חסיד, האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויף זיין אייניקל און דער שמייכל האָט ווי געזאָגט:

— ווען דו ווינסט, אייניקל מיינס, צווישן יידן אויף טווארדע גאַס, וואָלסטו זיך נישט געוווּנדערט... וואָלסטו געוווּסט, אז מען שלאָגט איין ייד, פילן דעם קלאָפּ אַלע יידן... יאָ, יאָ, דו האָסט עס אויף די גויאישע גאַסן פארגעסן און איצט מוזטו זיך דערמאנען...

— אָבער איך בין אומרואיק, זיידע, און דאָס טויג נישט...

און דעם זיידנס בליק האָט צו אים גערעדט:

— ווען דו וועסט דערפילן, אייניקל מיינס, אז דו גייסט פארטיי־דיקן זיך אַליין און נישט אַ פרעמדן צו דיר ייד, דעמאָלט וועסטו גע־פינען צוריק אויך דיין רו...

— אָבער ווי קום איך צו ר׳ משהלע ראפּשיצער, וועמען איך האָב קיינמאָל פאר די אויגן נישט געזען?

—אַ ייד פילט אַ ייד, אייניקל מיינס, אַזוי פילן די יידן אויף טווארדע גאַס.

אדאָלף בערן האָט ארומגענומען אַ פארלאנג צו גיין איצט איבער די שמאָלע יידישע געסלעך און איינאָטעמען אין זיך זייער לופט, באַ־

העפטן זיך און ווערן איינס מיט די דאָזיקע יידן אין די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס.

אדאָלף בער איז פון זיין שטוב נישט אַרויס. ער האָט געוווסט, אַז ער דאַרף וואַרטן, אַז אַ ליאַדע מינוט קען זיך דערהערן דער שאַרפער קלונג ביי דער טיר, וואָס וועט אים רופן צו גיין אין ציטאַדעל. איז ער אַריין אין דעם זאַל, וואָס אויף זיינע ווענט זענען געווען אויסגעהאַנגען די פּאָרטרעטן פון די פּאַרצייטישע חסידישע רבים מיט די זיידענע זשי־פּעצעס און קאָלפּאַקעס. און עס איז אים פאָרגעקומען, אַז די דאָזיקע יידישע פּאַטריאַרכן שטייען איצט די שטילע „שמונה עשרה" און אַז זיי דאַווענען איצט פאַר זיינעטוועגן...

אַ שטילע רואיקייט האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ שטול מיט די אויגן געווענדט צו די שווייגנדיקע גע־שטאַלטן אין די רבנישע קאַלפּאַקעס און עס איז אים פאָרגעקומען, אַז ער הערט די אומעטיקע קלאַנגען פון שטילע תפילות...

קאפיטל 25

# ערב יום הדין

די ווונדן פון ר׳ משהלעס לייב האָבן זיך שנעל און גוט פאַר־היילט. דער טורמע־דאָקטאָר האָט באַקומען אַ באַפעל צו ברענגען ווי אַמשנעלסטן אין אָרדענונג דאָס צעקאַטעוועטע לייב פון דעם זשיד. ער האָט נישט געגלויבט, אַז ער וועט באַוויזן אויסצופירן דעם באַפעל און ער האָט צו זיך געברומט:

— צוערשט צעממיתן זיי און דערנאָך ווילן זיי, אַז איך זאָל אַ טויטן לעבעדיק מאַכן...

ער האָט זיך דעריבער שטאַרק געוווּנדערט, ווען אַריינקומענדיק אין קאַמער, האָט ער געטראָפן ר׳ משהלע ראַפּשיצער אין אַ גוטן צושטאַנד.

— די נאַטור באַווייזט וווּנדער... — האָט דער דאָקטאָר צו זיך געמורמלט זעענדיק, ווי ר׳ משהלעס לייב האָט צוריק באַקומען חיות — הם, הם, און דאָס האַרץ קלאַפּט כמעט נאָרמאַל, גאָטס וווּנדער...

אָבער נאָכמער האָט דעם דאָקטאָר געוווּנדערט די זעלישע רו, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף ר׳ משהלעס פּנים.

— וואָס איז מיט דעם ייד? — האָט ער געצויגן מיט די אַקסלען — ווייסט ער נישט, וואָס עס דערוואַרט אים היינט מאָרגן?...

דער דאָקטאָר איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. ר׳ משהלעס גוטער געזונטצושטאַנד וועט פאַררעכנט ווערן פאַר זיין דאָקטאָרישן פאַרדינסט. האָט ער דעריבער געוואָלט אויך פאַר דעם ייד עפּעס גוטס טון. זאָל ער כאָטש וויסן, דער ייד, וואָס עס דערוואַרט אים. אפשר וויל ער אַ צוואה איבערלאָזן?...

ער האָט געוווסט, דער דאָקטאָר, אַז עס איז שטרענג פאַרבאָטן אין צענטן פּאַוויליאָן צו רעדן מיט די אַרעסטירטע. פונדעסטוועגן האָט ער שטיל אַ זאָג געטון:

— טאָמער האָסטו צו שרייבן אַ צוואה און מתוודה זיין זיך, איך זאָג זיך צו...

ר' משהלע האָט אויסגעהערט דעם דאָקטאָרס ווערטער, אָבער דער רואיקער אויסדרוק פון זיין געזיכט האָט זיך נישט געענדערט.

— ווער ווייסט זיי, די זשידעס... — האָט דער טורמע־דאָקטאָר געצויגן מיט די אַקסלען און איז שנעל אַרויס פון דער קאַמער.

ער איז אַוועק צום טורמע־שעף און מיט גרויס חשיבות געמאָלדן, ווי עס וואָלט געווען זיין פּערזענלעך פאַרדינסט:

— מיין פּאַציענט קען געשטעלט ווערן פאַרן געריכט!...

אין דעם זעלבן טאָג איז פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו ווידער אַמאָל געקומען צו ר' משהלען אין קאַמער.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו איז געווען אָנגעטון אין זיין יום־טובדיקן מונדיר, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ מיליטערישן פּאַראַד. זיין פול רויטלעך פּנים איז געווען פריש ראַזירט און עס האָט זיך פון אים גע־טראָגן דער ריח פון אָדעקאָלאָן. זיינע גוטמוטיקע אויגן האָבן פריינטלעך געקוקט אויף ר' משהלע ראַפּשיצער.

— זעסט פיין אויס, ראַווין... — האָט פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו באַלעקט זיינע דיקלעכע ליפּן.

קאָמאַראָוו איז געווען צופרידן. אַלץ גייט, ווי עס דאַרף צו זיין. דער קליינער זאַל אין ציטאַדעל איז גרייט צום משפּט. און אויפן בערגל פאַרעט זיך שוין דער הענקער מיט זיינע געהילפן. די ריכטער זענען שוין באַשטימט געוואָרן. ער, קאָמאַראָוו, קען זיי, און ער ווייסט, אַז מען מעג זיך אויף זיי פאַרלאָזן. ער האָט נאָר מורא געהאַט, אַז דער באַשולדיקטער וועט נישט קענען שטיין אויף די פיס. נו, איצט זעט ער, אַז זיין שרעק איז געווען אַן אומזיסטע. טאַקע אַ זשיד, אָבער פאַרט האָט ער דרך־ארץ פאַרן געריכט און זעט אויס גאַנץ לייטיש.

פון גרויס צופרידנקייט פילט פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו אַ מין פריינט־

שאַפּט צו דעם ראַווין און ער וואָלט אַפילו גרייט געווען עפּעס גוטס פאַר אים צו טון.

— אפשר דאַרפסטו עפּעס? — פרעגט ער ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

נאָר ר׳ משהלע דאַרף מער גאָרנישט. פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו דער־לאַנגט אים אַ גרויסן געדיכט באַשריבענעם בויגן פּאַפּיר.

— דאָס איז דיין באַשולדיקונגס־אַקט — זאָגט צו אים פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו — לייען עס איבער, וועסטו וויסן וואָס צו ענטפערן דיינע ריכטער...

ר׳ משהלע ראַפּשיצער נעמט אין האַנט דעם בויגן פּאַפּיר און זיינע אויגן קוקן צו דעם קליינעם פענצטערל, דורך וועלכן עס גנבעט זיך אַריין אין קאַמער אַ שמאָלער פּאַס ליכט.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו שטייט נאָך אַ ווײַלע נישט אַנטשלאָסן. ער איז פאָרט נאָך נישט אינגאַנצן זיכער מיט דעם זשיד. ווער ווייסט, וואָס ער גרייט צו פאַר אַן איבערראַשונג צום משפּט? ער איז אַזוי רואיק, ווי ער וואָלט געווען זיכער, אַז עס וועט אים קיין בייז נישט געשען.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו רעדט זייער פריינטלעך:

— האָרך מיין עצה און זיי זיך מודה פאַר די ריכטער... וועלן זיי האָבן אויף דיר רחמנות...

ר׳ משהלע ראַפּשיצער ענטפערט נישט. ער שטייט אומבאַוועגלעך און קוקט צום קליינעם פענצטערל.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו טוט אַ ציי מיט די אַקסלען און גייט מיט זיכערע, פעסטע טריט אַרויס פון קאַמער.

ר׳ משהלע ראַפּשיצער בלייבט אַליין. ער האַלט נאָך אַלץ אין דער האַנט דעם גרויסן באַשריבענעם בויגן פּאַפּיר. ער ווייסט נישט, וואָס עס שטייט אין דעם פּאַפּיר געשריבן און ער איז אויך נישט נייגעריק צו וויסן. ער ווייסט סיי ווי אַלץ, וואָס ער דאַרף וויסן. ער ווייסט, אַז עס איז ערב יום הדין. און ער גרייט זיך צו דעם גרויסן טאָג.

ער גרייט זיך אַנדערש ווי דער שר דאָ, וואָס איז געקומען צו אים היינט אין זיינע יומטובדיקע בגדים. ער מיינט, אַז אָט דאָ, אין דער ציטאַדעל, קומט פאַר דער משפּט.

ר׳ משהלע ראַפּשיצער טוט צו זיך אַ שמייכל. ער ווייסט, אַז די

אַלע שררות דאָ זענען נישט מער ווי שליחים. און אויך זייערע שופטים זענען נישט מער ווי משרתים.

ר׳ משהלע ראַפּשיצער ווייסט, אַז ער דאַרף זיך גרייטן צו אַן אַנדערן משפּט. אַ משפּט נישט פאַר אַ בשר ודם. און ער נעמט פון פאַראויס אָן מיט ליבשאַפט דעם משפּט.

ער האָט שוין פון לאַנג געפילט, אַז מען רופט אים. אין די שטילע אָוונטן, ווען ער האָט זיך מייחד געווען מיט דער בריאה, האָט ער אין זיין האַרץ געפילט דעם רוף.

ער האָט נאָר געוואָלט זיין גרייט. און דערויף האָט ער מתפּלל געווען צו זיין גרייט, ווען דער רוף וועט קומען.

ר׳ משהלע קוקט אויף דעם בויגן פּאַפּיר אין זיין האַנט און רעדט אָן ווערטער צו זיך אַליין:

— עס איז אָנגעקומען די „פּאָוויעסטקע”...

ער האָט געהאַט ספקות, ר׳ משהלע. און ער האָט געהאַט אויך טענות. דעמאָלט, ווען זיי האָבן אים געשלאָגן און געריסן פאַסן פון זיין לייב, האָט ער געהאַט טענות:

— פאַר וואָס און פאַר ווען?

נאָר איצט איז אים אַלץ קלאָר. איצט ווייסט ער, אַז ער איז פריהער נאָך נישט געווען גרייט. ער האָט אפילו נישט געקענט אָננעמען מיט ליבשאַפט די יסורים. און ער איז שיעור נישט געשטרויכלט געוואָרן.

ר׳ משהלע דערמאָנט זיך אָן די שעהען פון נסיון. ער ווייסט, אַז ער איז געווען שוואַך און אַז זיינע אייגענע כוחות וואָלטן נישט געסטייעט ביי צושטיין דעם נסיון. די אבות זיינע זענען אים געקומען צו הילף:

— ביי די אויערן האָבן זיי מיך אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע — רעדט צו זיך ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

און אויך דעם מיין פון נסיון באַנעמט ער איצט. די נעץ פון גאווה האָט אים פאַרפּלאָנטערט. איצט ווייסט ער, אַז ער האָט נישט מיט וואָס זיך גרויס צו האַלטן. וויפל האָט געפעלט, אַז ער זאָל טון דאָס זעלבע, וואָס איציקל מסור?...

ר׳ משהלע דערפילט אין זיין לייב אַ לויטערקייט. יאָ, איצט ערשט איז ער גרייט. און אַ פרייד נעמט אים אַרום, וואָס ער האָט זוכה געווען

צו זען אין זיין נפש דאָס גרויסע ליכט, וואָס שיינט צו אים אַריין דורך דעם קליינעם טורמע־פענצטערל.

אַ ליכטיקייט באַדעקט ר׳ משהלעס פּנים. ער דערמאָנט זיך אָן די, וואָס האָבן אים געפּייניקט און געשלאָגן.

ער האָט איצט אויך צו זיי מער נישט קיין טענות. ער איז מוחל אַלץ. ער ווייסט, אַז אויך זיי זענען נישט מער ווי שליחים. ער האָט נאָר רחמנות אויף זיי. פאַר וואָס האָבן זיי אויף זיך גענומען צו זיין די שליחים פון בייז?...

ר׳ משהלע שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צו מזרח. ער פאַרמאַכט די אויגן. שטיל ווי די רואיקע ווייסל כוואַליעס גיסט זיך זיין תפלה.

ר׳ משהלעס קערפּער בויגט זיך אין ריטמישע באַוועגונגען אַרויף און אַראָפּ. ער פאַרגעסט, וווּ ער געפינט זיך. ער פילט אין זיינע נאָז־לעכער די פרישע טוי־ריחות פון פעלד. עס דאַכט זיך אים, אַז ער הערט איבער זיין קאָפּ דאָס שטילע גערויש פון די ביימער און אַז צו זיינע אויערן דערגרייכט די שירה פון גאַנצן באַשאַף מיט אַלע ברואים און מיט אַלע גראָזן און זאַנגען, וואָס שאָקלען זיך צוזאַמען מיט אים אין זייער תפלה...

### קאַפּיטל 26

## די באַגעגעניש אין ציטאַדעל

עס איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט, ווען אַדאָלף בער האָט ביי זיין טיר דערהערט אַ שאַרפן דורכדרינגענדיקן קלונג.

— זיי קומען נאָך מיר — האָט אַדאָלף בער געוווסט, נאָך איידער ער האָט געעפנט די טיר.

ער האָט נישט געהאַט קיין טעות. אַ זעלנער האָט אים געבראַכט אַ קורצע שריפטלעכע מעלדונג באַלד צו קומען אין ציטאַדעל.

פאַרן טויער האָט געוואַרט אויף אים אַ מיליטערישע וועגעלע און אַדאָלף בער האָט צומאָל קיין צייט נישט געהאַט מיטצוטיילן דעם אַלטן פאַן מיכאַל אָדער עפּשטיינען, וואָס עס איז געשען.

ער איז געפאָרן איבער די האַלב־טונקעלע גאַסן און געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט אים.

די רו האָט זיך צו אים צוריקגעקערט, ווי שטענדיק ערב אַ שלאַכט פאַרן לעבן פון אַ מענטש.

דער מיליטערישער וואָגן האָט זיך געטרייסלט און אין געדעכעניש פון אַדאָלף בערן זענען אויפגעשוווּמען די געשטאַלטן פון די אַלע מענטשן, צוליב וועלכע ער האָט אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן געפירט אַ שטרייט מיט די שטומע מויערן פון דער ציטאַדעל פעסטונג.

נישט אָפט האָט ער, אַדאָלף בער, געוווּנען דעם שטרייט. פיל מאָל האָט ער אין אָנמאַכט געביסן זיינע ליפּן. די ציטאַדעל־מויערן האָבן פעסט געהאַלטן זייערע קרבנות און אַדאָלף בער האָט געמוזט שטיין און קוקן, ווי מען פירט מענטשן צום בערגל אַרויף, פונוואַנען עס איז

נישטאָ קיין צוריקקער, צוליב זייער גרויסער זינד, וואָס זיי האָבן געדינט דער זאַך פון גערעכטיקייט. איצט זעט ער זיי, די דאָזיקע מענטשן, וואָס קוקן אויף אים מיט בעטנדיקע אויגן:

— העלף אונדז...

טייל מאָל האָט ער, אַדאָלף בער, געוואָלט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט אין כעס אויף זיין אָנמאַכט.

— וואָס דערוואַרט מיך איצט? — פרעגט ער זיך — וועל איך באַווייזן אַרויסצורייסן פון זייערע נעגל דעם קרבן?...

פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו האָט מיט אַ ברייטן שמייכל באַגעגנט אַדאָלף בערן ווי אַן אָנגעלייגטן גאַסט, מיט וועלכן מען פרייט זיך אויף אַ שמחה.

— עס איז פאַר מיר אַ גרויסע ערע — האָט ער וואַרעם געדריקט אַדאָלף בערס האַנט — צו האָבן פאַר מיין קעגנער דעם שטאָלץ און רום פון אַדוואָקאַטן־שטאַנד.

אַדאָלף בער האָט שווייגנדיק אָפּגעענטפערט אויף דער וואַרעמער באַגריסונג און געקוקט אויף דעם אָפענעם גוטמוטיקן געזיכט פון דעם מיליטערמאַן און דערביי אין זיך געטראַכט:

— די דאָזיקע איבערגעטריבענע העפלעכקייט איז מיר פאַרדעכטיק...

אַדאָלף בער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיין פּנים אַ רואיקן שמייכל און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אַנטקעגנאיבער זיין פריינטלעכן קעגנער.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט ווייטער גערעדט אין אַ פריינטלעכן טאָן:

— די ראָלעס פון באַשולדיקער און פאַרטיידיקער זענען פאַרשידענע, אָבער איך האָף, אַז איר וועט מיט מיר איינשטימען, אַז ביידע זענען די דינער פון דער גערעכטיקייט.

אַדאָלף בער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— ליידער איז אָבער מיר נאָך נישט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער באַשולדיקונג.

—זייט רואיק, הער בער — האָט קאָמאַראָווס געזיכט זיך צעשמייכלט — איר וועט האָבן פון מיין זייט אַלע פאַרלייכטערונגען...

— איך דאַנק אייך — איז אַדאָלף בער געווען צוריקגעהאַלטן.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט מער נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו רעדן וועגן דעם פּראָצעס. דאַקעגן האָט ער ברייט דערציילט וועגן קריג, און וועגן פראָנט, און וועגן דעם, אַז וואַרשע איז אַ פיינע און שיינע שטאָט.

די מינוטן האָבן זיך געצויגן און אַדאָלף בער האָט אַלץ נישט געוווסט צוליב וואָס מ'האָט אים אַזוי דרינגנד אַרויסגערופן אין אָוונט.

— ער וואַרט, אַז איך זאָל אים פרעגן — האָט אַדאָלף בער געטראַכט — אָבער איך וועל אים ווייזן, אַז איך קען רואיק וואַרטן...

ער האָט באַמערקט, אַז דער פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו קוקט יעדעס מאָל אויפן וואַנט-זייגער און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען גרייט צו פאַר אים אַן איבעראַשונג.

אַ זייטיקע טיר האָט זיך געעפנט. עס איז אין איר געבליבן שטיין אַ זעלנער אין פולער באַוואָפענונג און געזאָגט:

— כ'מעלד געהאָרכזאַם, דער אַנגעקלאָגטער איז שוין דאָ!...

פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו האָט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף געטון פון זיין אָרט:

— עס איז מיר זייער אַנגענעם מיט אייך צו פאַרברענגען, הער בער, אָבער איך פאַרשטיי, אַז איר ווילט רעדן מיט אייער קליענט — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל און צוגעגעבן — איבעריקנס האָף איך זיך באַלד מיט אייך ווידער צו טרעפן.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו און אַדאָלף בער האָבן ווי צופעליק גלייכצייטיק געווענדט זייערע בליקן צום וואַנט-זייגער. עס איז געווען פינף מינוט פאַר צען אינאָוונט.

אַדאָלף בער האָט זיך אויפגעשטעלט:

— געוויס — האָט ער געזאָגט — וויל איך רעדן מיטן אָנגעקלאָגטן.

— ביטע — האָט אים קאָמאַראָוו אָנגעוויזן צו דער טיר, וווּ דער סאָלדאַט איז געשטאַנען.

אַדאָלף בער איז נאָכגעגאַנגען דעם זעלנער דורך אַ ריי לאַנגע קאָרידאָרן און אויסגעליידיקטע שטיבער.

אין אַ קליינעם זאַל זענען זיי געבליבן שטיין. אַדאָלף בער האָט זיך

אַרומגעקוקט. ער האָט גלייך דערקענט דעם געריכטס־זאַל פון ציטאַדעל, ווו ער איז אַזוי פיל מאָל אַרויסגעטרעטן.

נעבן דער וואַנט איז געשטאַנען אַ לענגלעכער טיש באַדעקט מיט אַ גרינעם טישטעך און דריי הויכע שטולן זענען געשטאַנען אַרויסגערוקט פאַר דעם טיש.

אין אַ זייט, אַנטקעגנאיבער דעם טיש, איז געשטאַנען אַ קליינע גרופּע זעלנער אין פולער באַוואָפענונג.

ערשט, ווען אַדאָלף בער איז צוגעקומען נאָענט צו די זעלנער, האָט ער דערזען ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

אַרומגערינגלט פון די באַוואָפנטע שומרים, איז געזעסן אויף דער באַנק אַ ייד אין אַ זיידענער זשיפּיצע מיט אַ גרויסן קאַפּל אויפן קאָפּ און אין האַנט געהאַלטן אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר.

— גוט אָוונט אייך, רבי — האָט אַדאָלף בער זיך דערמאָנט דאָס ביסל יידיש פון זיינע קינדער־יאָרן.

— אַ ייד — האָבן ר׳ משהלעס אויגן אויפגעשיינט — כ׳האָב שוין לאַנג נישט געזען קיין ייד...

דאָס קול פון ר׳ משהלען איז געווען פול מיט בענקשאַפט און פרייד.

—יאָ, אַ ייד, רבי — האָט אַדאָלף בער געפילט, אַז עפּעס שטיקט אים אין האַלדז — אייערע פריינט האָבן מיך געשיקט אייך פאַרטיידיקן...

אַן אָפיציר האָט זיך העפלעך אָבער שטרענג אָנגערופן:

— איך בעט אייך, הער פאַרטיידיקער, צו רעדן מיטן אָנגעקלאָגטן אַ שפּראַך, וואָס איך זאָל פאַרשטיין...

— איך מוז רעדן, אַז מיין קליענט זאָל מיך פאַרשטיין — האָט אים אַדאָלף בער שאַרף איבערגעריסן — און ווענדנדיק זיך צו ר׳ משהלען, געפרעגט אויף יידיש — ווייסט איר, רבי, אין וואָס איר ווערט באַשולדיקט?

— אָבער... — האָט געפּרוווט זיך ווידער אַריינמישן דער אָפיציר.

— אויב איר וועט מיר שטערן — האָבן אַדאָלף בערס אויגן אויפגעבליצט — פאַרלאָז איך גלייך דעם זאַל!...

ר׳ משהלע האָט אים דערלאַנגט שווייגנדיק דעם בויגן פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און שטיל געזאָגט:

— איך ווייס נישט, וואָס זיי שרייבן...

דער אָפיציר האָט זיך געמאַכט נישט הערן און געקוקט אין א זייט.

אדאָלף בער האָט געוואָרפן א שנעלן בליק אויף דעם פּאַפּיר. זיין שטערן האָט זיך באַזאָרגט געפאַלדעוועט:

— רבי — האָט ער געזאָגט — כ'האָב נאָך נישט דורכגעלייענט דאָס גאַנצע פּאַפּיר, אָבער איך זע, אז זיי באַשולדיקן אייך אין געבן צייכנס דעם שונא... דאָס איז א שווערע באַשולדיקונג, רבי...

— און איר גלויבט אין דעם, וואָס זיי שרייבן? — האָבן ר' משהלעס אויגן געקוקט טרויעריק אויף אדאָלף בערן.

— איך גלויב נישט, רבי, אָבער...

— זיי אַליין גלויבן אויך נישט — האָט צום ערשטן מאָל זיך באַוויזן א שמייכל אויף ר' משהלעס פּנים.

זיי האָבן ביידע געשוויגן. רייד זענען געווען איבעריק. זיי האָבן זיך געזען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן. זיי האָבן זיך קוים געקענט פאַרשטענדיקן אויף איין לשון און דאָך האָבן זיי ביידע געפילט, אז זיי פאַרשטייען זיך אָן ווערטער, און זיי האָבן איינער צום אַנדערן גע־שמייכלט, ווי זיי וואָלטן געווען פריינט פון לאַנגע יאָרן, וואָס האָבן זיך פּלוצלינג באַגעגנט...

און ביידע האָבן זיי געהאַט דאָס געפיל, אז די גרויע טורמע־מויערן האָבן זיי אָפּגעריסן פון זייערע פריינט און זייערע היימען און האָבן זיי פאַרבונדן מיט איין גורל.

ר' משהלע ראפּשיצער האָט זיך דערמאַנט אן זיין אַלטער מאַמע, אן דער רביצין הדסל:

— ווייסט זי, די מאַמע? איז זי מתפּלל, אז כ'זאָל האָבן גענוג כוח? — האָט ר' משהלע געטראַכט.

אדאָלף בער האָט שוין זינט לאַנג זיינע עלטערן פאַרלוירן. ער איז נאָך א קינד געווען, ווען זיי זענען פון אים אַוועק, און ער האָט שוין אפילו זייערע פּנימער זיך נישט געקענט דערמאַנען. האָט ער זיך דערמאַנט אן דעם פעטער ר' מאירל און אן דעם אַלטן פאַן מיכאַל. פילן זיי כאָטש, ווי ער דאַרף זיי האָבן אין דער איצטיקער שעה? און דניאל עפּשטיין? און די רואיקע און שטילע בערטע? א, ווען ער האָט זיי איצט נעבן זיך!...

## קאפיטל 27

# וויקטאָרס פאַרדאַכט

אין יאַנקל דעם שמייסער־יונג האָבן ביידע, אי ר׳ משהלע ראפּשי־צער, אי אדאָלף בער, נישט געדענקט שטייענדיק איינער נעבן דעם אַנדערן אין דעם אומהיימלעכן געריכטס־זאַל פון דער ציטאַדעל־פעסטונג.

און גראד ער האָט אין דער לעצטער מינוט געפּרוווט זיי קומען צו הילף.

ער איז צוזאַמען מיט וויקטאָרן אַנטלאָפן, ווען די זשאַנדאַרמען האָבן געעפנט אויף זיי אַ שיסעריי אין וועלדל. לאַנג זענען זיי געלאָפן. די שיסעריי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— שטיי! — האָט וויקטאָר איינגעהאַלטן יאַנקלען. ביידע האָבן זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. עס האָט זיך נישט געהערט קיין שאָרך.

— מ׳וועט פּרווון גיין אין שטאָט — האָט וויקטאָר געזאָגט.

דורך הינטער־וועגן זענען זיי לאַנג און פאָרזיכטיק געגאַנגען. זיי זענען אָנגעקומען פאַרטאָג אין דער ארבעטער־געגנט, וואָס האָט זיך גע־פונען אין דער פאָרשטאָט וואָליע.

וויקטאָר האָט אָנגעקלאַפּט שטיל אין פענצטער פון אַ קליינער ארבעטער־הייזקע.

די טיר פון דער הייזקע האָט זיך שאָרכלאָז געעפנט. וויקטאָר האָט אָנגענומען יאַנקלען ביי דער האַנט און נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט זענען זיי אַריין אין דער הייזקע.

אַן עלטערער אַרבעטער האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ שטיבל, האָט געמאַכט ליכטיק און קורץ געפרעגט:

— הונגעריק?

— ווי אַ וואָלף — האָט וויקטאָר ערשט איצט דערפילט דעם הונגער.

דער אַרבעטער האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסן לאַבן ברויט, אַ הערינג און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ טשייניק מיט קאָכעדיק וואַסער.

— איר קענט זיין רואיק, חברים — האָט דער אַרבעטער געזאָגט — איך מוז באַלד גיין צו דער אַרבעט, אָבער מיין פרוי בלייבט.

וויקטאָר און יאַנקל האָבן זיך אויסגעהונגערטע געוואָרפן צום ברויט און האָבן דערפילט אַן אַנגענעמע וואַרעמקייט פון דער הייסער טיי.

— עס האָט עמיצער פאַרראַטן — האָט וויקטאָר זופנדיק די טיי שוין געקענט רואיקער טראַכטן — אָבער ווער?

— האָסט עפּעס באַמערקט פאַרדעכטיקע פאַרשוינען אין די לעצטע טעג? — האָט ער זיך געווענדט צו יאַנקלען.

יאַנקל האָט געצויגן מיט די אַקסלען. ער האָט נישט געוווסט צומאָל דעם געניען באַדייט פון פאַרדעכטיקע פאַרשוינען.

האָט וויקטאָר אים גענומען אויספרעגן וועגן די אַלע מענטשן, וואָס ער האָט אין די לעצטע טעג געזען.

יאַנקל האָט זיך באַמיט צו דערמאַנען אַלע מענטשן, וואָס ער האָט געזען. מיטאַמאָל האָבן זיינע אויגן אויפגעשיינט:

— אַך, וויקטאָר, ווען דו זעסט די נקבה!...

— וואָסער נקבה? — איז וויקטאָר געוואָרן אויפמערקזאַמער.

— ווער זי איז, וויים איך נישט. זי איז אַזאַ רייכע „פּאַני" מיט אַן אייגענער קאַטש!...

— ווו האָסטו זי געטראָפן, יאַנקל?

— וואָס הייסט ווו? — האָט יאַנקל קענטיק געהאַט הנאה פון דערציילן — זי האָט דאָך מיט דער קאַטש געבראַכט די מאַדאַם בערטע, די כראַביניע...

— כראַביניע? — האָט איבערגעפרעגט וויקטאָר — אַזוי געפעלט זי דיר, אַז דו מאַכסט זי שוין פאַר אַ כראַביניע...

— ניין, ניין, זי איז אַן אמתע כראַביניע — האָט יאַנקל היים

גערעדט — האָסט געמעגט זען אירע אויגן, וויקטאָר, כ'זאָג דיר — אַ פּלאָם!...

וויקטאָר האָט זיך אָבער נישט אינטערעסירט מיט די שיינע אויגן און דאַקעגן געוואָלט וויסן, פונוואַנען יאַנקל איז אַזוי זיכער אין דעם גרויסן יחוס פון זיין שיינהייט.

— איך געדענק געגוי — האָט יאַנקל פאַרזיכערט — אַז די מאַדאַם בערטע האָט צו איר געזאָגט: „איך דאַנק אייך פּאַני כראַבינים"...

יאַנקל איז געווען פול מיט באַגייסטערונג פאַר זיין גרעפין און ער האָט זיך באַמיט מיט זיין אָרימער אומבאַהאָלפענער שפּראַך צו שילדערן איר אויסזען.

— די גרעפין יאַדוויגאַ? — האָט זיך פאַר וויקטאָרן געגומען אויסשיילן אַ בילד פון יאַנקלס צעטומלטע רייד — אוממעגלעך, ווי קומט זי צו בערטען?...

— איז זי געווען אַליין, דיין כראַבינים, יאַנקל?...

— וואָס הייסט אַליין וועט פאָרן אַזאַ גרויסע פּאַני!... — האָט יאַנקל האָט זיך וואָס אַמאָל מער צעוואַרעמט פון זיינע אַנגענעמע זכרונות — איר בעל עגלה איז געגאַנגען אָנגעטון ווי אַ גראַף מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ, און אַן עלטערער פּאַן האָט זי געפירט אונטערן אָרעם. ער האָט אַזוי נאַריש אויסגעזען מיט אַ גלעזל אין איין אויג...

— דער גראַף יאַן מיטן מאָנאָקל!... — האָט וויקטאָר מער נישט געצווייפלט, אַז די גרעפין יאַדוויגאַ מיט איר מאַן זענען דאָס געווען די באַזוכער אין בערטעס הייזקע.

— ווען זענען זיי געווען? — האָט וויקטאָר געפרעגט.

— אנומלט — האָט יאַנקל געענטפערט.

— אנומלט — האָט וויקטאָר פאַר זיך איבערגעחזרט — אַזוי איז עס. אנומלט איז זי געווען ביי בערטען און איצט זענען געקומען די זשאַנדאַרמען. איז עס נישט מער ווי אַ צופאַל?

אַ שווערער פאַרדאַכט דערוועקט זיך אין וויקטאָרן. ער נעמט שפּרייזן אַהין און צוריק איבער דעם קליינעם אַרבעטער־שטיבל. איז עס מעגלעך? — הערט ער נישט אויף זיך צו פרעגן.

ער דערמאָנט זיך איצט מיט וואָסער ברענענדיקער שנאה יאדוויגא האָט געערדט וועגן בערטען. זי האָט זיך נישט געקענט שענקען, אז עפּעס אַ יידישקע זאָל עמיצן בעסער געפעלן. זי האָט געפלאַמט פון אייפערזוכט, יאדוויגא. און זי האָט אויך געדראָעט מיט נקמה. וויקטאָר דערמאָנט זיך אָן די אַלע שעהען פון תאוה און קריגערייען, וואָס ער האָט פארבראַכט מיט יאדוויגאַן.

— זי איז פּעאיק אויף אַלץ — רעדט צו זיך וויקטאָר, באַלד כאַפּט ער זיך צוריק — אָבער מסרן?...

פון זיין רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג ווייסט וויקטאָר, אז מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק אין אַזעלכע פאַלן און אַז אָפט ווייזן זיך פאַרדאַכטן אַרוים שפּעטער צו זיין פאַלשע.

וויקטאָר דערמאָנט זיך אָן דער איינלאַדונג פון יאדוויגאַן, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן מיט עטלעכע טעג צוריק אין טעאַטער און וועגן זיין צוזאָג צו קומען צו איר.

— איך וועל גיין צו איר — אנטשליסט זיך וויקטאָר — איך וועל שוין אַרויספּילן, צי זי האָט פאַרראַטן.

עטלעכע טעג זענען וויקטאָר און יאנקל נישט אַרוים פון זייער שטיבל. ער האָט געוווּסט, אַז ביי בערטען טאָרן זיי זיך נישט ווייזן, ווייל די „שפּיצלעס" האָבן זי אויפן אויג און ער האָט איר געשיקט דאָס זאָגן.

די אַנדערע קאָנטאַקטן האָט אָבער וויקטאָר אָנגעהאַלטן און ער האָט אין דער רשימה פון די אַרעסטירטע אין די לעצטע טעג, וואָס זיינע חברים האָבן אים צוגעשטעלט, נישט געפונען קיין אייגענע מענטשן.

צופעליק האָט ער זיך אין דער ליסטע אָנגעשטויסן אויף אַ נאָמען פון אַן אַרעסטירטן רב, אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט פאַראינטער־רעסירט, וואָרום ווי האָט אים, דעם פּוילישן רעוואָלוציאָנער, געקענט איינפאַלן, אַז אַ רב באַצאָלט פאַר זיינע זינד?...

ער האָט דעריבער אַ צופרידענער געזאָגט צו יאַנקלען:

— עס איז אַלץ אין אָרדענונג, יאַנקל, זיי האָבן קיינעם נישט געכאַפּט... עפּעס אַ רב גאָר האָבן זיי אַרעסטירט...

יאַנקל, דער שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו, האָט שוין געהאַט מער אינטערעס פאַר דעם אַרעסטירטן רב, און ווען ער האָט דערהערט זיין נאָמען, איז דער יונג בלייך געוואָרן און אַ דערשראָקענער אויסגערופן:

— אָבער דאָס איז דאָך אונדזער רבי, ר׳ משהלע!...

וויקטאָר האָט, נישט ווילנדיק צו זיך אַ שמייכל געטון און געפרעגט:

— ער איז דיינער אַ באַקאַנטער, דער רב?

— ער איז דאָך אונדזער שכן, ר׳ משהלע — האָט יאַנקל גערעדט.

— וואָס האָט מען פון אים געוואָלט? ער האָט דאָך אַ פליג אויף דער וואַנט נישט אָנגערירט...

— געוויס אַ טעות — האָט אים וויקטאָר באַרואיקט — האָב נישט קיין מורא, מיט רבנים, וואָס טשעפּען נישט א פליג אויף דער וואַנט, האָבן די זשאַנדאַרמען נישט צו טון...

יאַנקל שמייסער האָט זיך אָבער נישט באַרואיקט און ער האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן ביי וויקטאָרן:

— מ׳האָט אים נאָך אַלץ נישט באַפרייט, דעם רבין?

וויקטאָר האָט גלייכגילטיק אַ צי געטון מיט די אַקסלען. ער האָט געהאַט וויכטיקערע ענינים. ער האָט געמוזט פעסטשטעלן דעם נאָמען פון פאַררעטער און די ראָלע, וואָס די שיינע יאַדוויגאַ האָט דערביי געשפּילט. דערצו האָט ער באַקומען וויכטיקע נייעס פון זיין פריינט און שעף, זיוק.

זיוק האָט אים געלאָזט וויסן, אַז עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן און דעם צאַרס חיילות וועלן מוזן פאַרלאָזן די ווייסל־שטאָט. דעריבער דאַרף מען ענדערן די טאַקטיק. ביז איצט זענען מיר געווען צופרידן, וואָס די קאַצאַפּעס לייגן די גאַנצע שולד אויף די יידן און לאָזן אונדז צו רו. איצט אָבער איז געקומען די צייט צו דערציילן דעם פאָלק דעם אמת. זאָלן אַלע וויסן, ווי אַזוי מיר קעמפן. און דו, וויקטאָר, דאַרפסט וויסן, ווי אַזוי אַזאַ דערקלערונג צו מאַכן, אויב עס וועט זיין אַ פּאַסיקע גע־לעגנהייט.

נישט ווילנדיק האָט וויקטאָר זיך דערמאַנט אָן דעם אַרעסטירטן ר׳ משהלען. ער האָט עס יאַנקלען נישט געזאָגט, אָבער אַליין האָט ער

פאַרשטאַנען, אַז דער רב איז אַרעסטירט געוואָרן צוליב אים. אפשר איז איצט דער ריכטיקער מאָמענט אַרויסצוגעבן אַזאַ דערקלערונג?

— יאָ, נאָר פריער מוז איך רעדן מיט יאַדוויגאַן...

— גיי נישט אַרויס פון שטיבל — האָט ער אָנגעזאָגט יאַנקלען — און וואַרט אויף מיין צוריקקומען.

וויקטאָר האָט עטלעכע מאָל געענדערט זיין מאַרשרוט. ווי אַ געניטער קאָנספּיראַטאָר איז ער אַריין און אַרויס פון פאַרשידענע טראַמוויען. איז אַ צייט געגאַנגען צופיס און שפּעטער אַריינגעשפּרונגען אין אַ דורכפאָרנדיקער דראָזשקע, וואָס האָט אים ענדלעך געבראַכט צו דעם פּאַלאַץ פון גראַף יאַן בראַניצקי.

דער גראַף יאַן איז אין דער היים נישט געווען. דערפאַר האָט די גרעפין יאַדוויגאַ „מיט גרויס פרייד" אויפגענומען דעם „ווידערשפּעניקן זון" און אירע אויגן האָבן אים צוגעזאָגט ליבע און גענוס.

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט וויקטאָרן אַריינגעפירט אין איר בודואַר און זיך צו אים געלאַשטשעט מיט פאַרליבטע אויגן.

אַ פאַרשיכורטער פון באַריר פון איר לייב, האָט וויקטאָר זי גענומען אין זיינע אָרעמס:

— דו ביסט אַזוי שטאַרק, מיין טייערער — האָט יאַדוויגאַ מיט אַ צעפּיעשטשעט קול זיך צוגעדריקט צו וויקטאָרן — נעם מיך פעסטער אַרום, ליבער...

שכור פון תאווה האָט וויקטאָר פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז אַהערגעקומען און וואָס ער האָט פון יאַדוויגאַן געוואָלט.

יאַדוויגאַ האָט טריאומפירט. זי האָט געפילט איר מאַכט איבער וויקטאָרן. די יידישקע, בערטע, איז אים ענדלעך שוין דערעסן. איצט איז געקומען די צייט צו היימזן וויקטאָרן צאָלן פאַר די אַלע באַליידיקונגען, וואָס זי, יאַדוויגאַ, איז אויסגעשטאַנען צוליב אים און זיין יידישקע.

יאַדוויגאַ האָט זיך פון אים אָוועקגערוקט און מיט אַ גיפטיק שמייכעלע צו אים געזאָגט:

— די יידישקע דיינע האָט דיך שוין גענוג, וויקטאָר?...

און זי האָט אים צוגעוואָרפן:

— אפשר האָט זי שוין אַ צווייטן, דיין בערטע?...

וויקטאָר האָט זיך מיטאמאָל אויסגעניכטערט. ער האָט זיך אויפ־געשטעלט, האָט זיך גלייך געמאַכט די האָר און קוקנדיק שאַרף אויף יאַדוויגאַן, אקצענטירט יעדעס וואָרט:

— האָסט זי געקענט פרעגן, יאַדוויגאַ, דו מאַכסט פונדעסטוועגן וויזיטן ביי דער זשידוווא...

וויקטאָר האָט באַמערקט, ווי עפּעס אַ שאָטן פון שרעק איז דורכ־געלאָפן יאַדוויגאַס פּנים. באַלד האָט זי ווי אַ פּייל צו אים אַ שליידער געטון:

— כ׳האָב דאָרט געזען עפּעס אַ יונג, איז ער דיין פאַרטרעטער ביי בערטען, וויקטאָר?

— צוליב עפּעס אַנדערש ביסטו דאָרט נישט געקומען? — האָט וויקטאָרס שטים אָנגענומען אַ דראָענדיקן קלאַנג.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן? — האָט יאַדוויגאַ געקוקט דרייסט אויף וויקטאָרן, וועלכער האָט אויך אין דער דרייסטקייט אַרויס־געפילט אַן אינערלעכע שרעק.

— איך מיין דערמיט צו זאָגן, — האָט וויקטאָר באַטאָנט זיינע ווערטער — אַז טיילמאָל קען נייגעריקייט נישט זיין צו געזונט און אַז מיין אָרגאַניזאַציע האָט נישט ליב צו פאַרשווייגן, ווען נישט באַרופענע מישן זיך אין אירע ענינים...

— דו דראָעסט מיר! — איז יאַדוויגאַ געווען עמפּערט — און אַלץ דערפאַר, וואָס איך האָב מיט אונדזער קאַטש צוגעפירט דיין בערטען אַהיים...

— זי פאַרענטפערט זיך... — איז ביי וויקטאָרן שטאַרקער געוואָרן דער פאַרדאַכט.

— דו ווייסט — האָט זיין בליק זיך איינגעגעסן אין יאַדוויגאַס פּנים — אַז אַ צוויי טעג שפּעטער האָבן די זשאַנדאַרמען זיך באַוויזן אין דער געגנט...

— און האָבן אַרעסטירט אַ געפערלעכן שפּיאָן, אַ רב — האָט יאַדוויגאַ זיך פונאַנדערגעלאַכט — די גאַנצע שטאָט רעדט דאָך וועגן דעם...

וויקטאָר האָט זיך דערנענטערט צו יאַדוויגאַן, זאָגנדיק:

— יאָ, זיי האָבן אַרעסטירט דעם רבֿ, אָבער געקומען זענען זיי צו מיר, און איך וועל נישט מקנא זיין דעם מסור, וואָס האָט זיי געוויזן דעם וועג!...

די לעצטע ווערטער האָבן שוין געקלונגען ווי אַן אָפענע דראָאונג... און ער האָט צוגעגעבן:

— און איך פאַרזיכער דיך, יאַדוויגאַ, אַז איך וועל אויסגעפינען דעם מסור. דיינע גענעראַלן וועלן באַלד פּאַקן זייערע וואַליזעס און דעמאָלט וועט נישט איינער באַדויערן זיין לייכטזין!...

וויקטאָר האָט מער נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און איז אַרויס פון צימער.

וויקטאָר האָט האַסטיק געשפּרייזט איבער דער גאַס. ער איז נישט געווען צופרידן מיט זיך. ער האָט זיך ווידער געלאָזט פאַרשכורן פון ליידנשאַפטן. און ער איז נישט געווען רואיק און באַהערשט, ווען ער האָט גערעדט צו יאַדוויגאַן. ער האָט צו פרי זיך פאַרראַטן מיט זיין פאַרדאַכט. איצט ווייסט ער נישט, צי יאַדוויגאַ איז שולדיק אָדער ניין. ער האָט, אמת, דאָס געפיל, אַז זי איז פאַרמישט אין דער שפּיל, אָבער קיין באַווייזן האָט ער נישט.

— מען דאַרף זי האָבן אויפן אויג — באַשליסט וויקטאָר.

ער איילט צוריק אַהיים. יאַדוויגאַ האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע שטאָט רעדט וועגן דעם געפּערלעכן שפּיאָן, דעם אַרעסטירטן רבֿ. איצט איז די צייט צו מאַכן צו שפּאָט די הויכע צאַרישע שררות. איצט איז די צייט, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל לאַכן פון דעם צאַרס זשאַנדאַרמען, וואָס אַרעסטירן עפּעס אַן אומשולדיקן רבֿ און אין דערזעלבער צייט טוען די רעוואָלוציאָנערן זייער אַרבעט אונטער דער נאָז פון גרויספירשט, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש... אַזאַ געלעכטער אין גאַס צעטומלט דעם שונא מער ווי אַלץ.

אויפן וועג צוריק צו דעם אַרבעטער-שטיבל אויף וואָליע טראַכט וויקטאָר ווי אַזוי צו שרייבן זיין דערקלערונג, אַז גענעראַל יאַנושקעוויטש זאָל ווערן צו לייטיש געלעכטער.

יאַנקל האָט אויף וויקטאָרן געוואַרט אין דעם שטיבל און ווי שטענדיק האָט ער אים באַגעגנט מיט דער פראַגע:

— ער איז נאָך נישט פריי, ר׳ משהלע?...

דאָס מאָל האָט אים וויקטאָר אָפּגעענטפערט מיט אַ פרייליכן ווינק:

— איך גרייט עפּעס פאַר דיין רבין, יאַנקל...

וויקטאָר האָט זיך געזעצט שרייבן. די ווערטער זענען ווי פון זיך אַליין געפלאָסן:

עס וועט אייך גאָרנישט העלפן, משרתים פון צאַר. די זיגרייכע רעוואָלוציע גייט איר גאַנג און קיין זאַך וועט דעם גאַנג נישט אָפּהאַלטן. די זשאַנדאַרמען לאָזן אויס זייער צאָרן צו אומשולדיקע מענטשן. אָט האַלטן זיי פאַרשפּאַרט עפּעס אַן אַלטן רב. ווילן מיר זיי מודיע זיין, אַז אין דער נאַכט, ווען עס איז פאָרגעקומען די שיסעריי אין וועלדל, האָבן די רעוואָלוציאָנערן, ווי שטענדיק, געטון זייער אַרבעט. דאָס ווייסט די גאַנצע שטאָט, וואָס לאַכט פון דעם צאַרס אַרמיי, וואָס קען נאָר באַזיגן אַן אָרימען פרומען ייד, וואָס ווייסט נישט מער ווי צו דאַווענען...

וויקטאָר איז געווען צופרידן. יאָ, דאָס מאָל וועט מען אים נישט קענען באַשולדיקן אין העלפן יידן. דאָס מאָל וועלן אַלע פאַרשטיין, אַז מען מיינט צו טרייבן קאַטאָוועס פון די פאַרהאַסטע קאַצאַפּעס.

אין עטלעכע טעג אַרום וועט די דאָזיקע דערקלערונג ווערן אויס־געקלעפּט ביינאַכט אויף אַלע גאַסן. איצט אָבער דאַרף מען עס באַזאָרגן צו עפּשטיינען, אפשר וועט עס העלפן דעם אַרעסטירטן רב.

— יאַנקל, — האָט וויקטאָר זיך געווענדט צו דעם גשזיבאָווער שמייסער־יונג, — ווּעסט קענען באַזאָרגן צו דניאל עפּשטיינען?

— געוויס — איז יאַנקל געווען צופרידן, וואָס ער קען אַרויס אויף דער גאַס.

— נאָר מוזט זיין זייער פאָרזיכטיק יאַנקל, עס איז אַ וויכטיקער בריוו און ער קען העלפן דיין רב...

— זיי רואיק, וויקטאָר — האָט יאַנקל פאַרשטעקט דעם בריוו אין זיינע בגדים.

— און געדענק, יאַנקל, קיין שום מענטש אויסער עפּשטיינען נישט צו געבן דעם בריוו!

— און טאָמער איז ער נישטאָ?

— זאָלסטו אויף אים וואַרטן.

— גוט — האָט יאַנקל געזאָגט — דאַרף איך ברענגען אַן ענטפער?

— עפּשטיין וועט דיר שוין זאָגן וואָס ווייטער צו טון.

יאַנקל האָט אַ פריילעכער זיך גענומען אָנטון צום אַרויסגיין. ער האָט זיך געלאַנגווייליקט, יאַנקל, אין דעם שטיבל. און גלאַט דרייען זיך אויף דער גאַס האָט אים וויקטאָר נישט געלאָזט. איצט וועט ער ווידער אַ קוק טון אויף די גאַסן, וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט געזען. און ער וועט אויך דורכפאָרן דעם גזשיבאָוו. אַך, ווען ער קען אַזוי אויפזוכן זיינע פריינט, די בעלי־עגלות, און זיי דערציילן וואָס אַלץ ער האָט דורכגעמאַכט!...

וויקטאָר האָט אים פאַרן אַוועקגיין נאָכאַמאָל געוואָרנט:

— טאָמער פאַרהאַלט דיך אויפן וועג די פּאָליציי, ווער פּטור פון בריוו, אַז קיינער זאָל נישט מערקן, פאַרשטייסט מיך, יאַנקל?

— איך פאַרשטיי, אָבער אַ קרענק וועלן זיי מיך כאַפּן!...

ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, ווען ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געפרעגט:

— אפשר קען מען נאָך עפּעס טון פאַר ר׳ משהלען, וויקטאָר?...

— דאָס איז אַלץ וואָס איך קען טון — האָט וויקטאָר זיך שוין גענומען צו אַן אַנדערער אַרבעט.

## קאַפּיטל 28

# די וואַך־נאַכט

דניאל עפּשטיין איז אין דעם אָוונט פֿרי אַהיימגעקומען. ווי יעדן טאָג האָט אים אַ געפֿיל פֿון פֿרייד אַרומגענומען, ווען לאַניאַ האָט אים באַגעגנט ביי דער טיר.

חדשים לאַנג באַגעגנט אים אַזוי לאַניאַ יעדן אָוונט און טראָץ דעם איז ער יעדעס מאָל איבעראַשט־גליקלעך, ווען ער דערזעט פֿאַר זיך לאַניאַן נאָכדעם, ווי ער עפֿנט די טיר פֿון זיין שטוב.

— דאָ ביסטו, מיין טייערע — לאַכן צו איר זיינע אויגן.

— דו ווייסט דאָך, אַז איך וואַרט נאָר אויף דיר, ליבער — ענטפֿערט אים אָפּ לאַניאַס בליק.

אוןביידע נעמען זיך אַרום, ווי זיי וואָלטן זיך נאָר וואָס נאָך לאַנגע זוכענישן געפֿונען.

און, ווי אין זייער ערשטער חופּה־נאַכט אויף די ברעגעס פֿון דער נעוואַ רוימט עפּשטיין איין לאַניאַן אין אויער זיין גרויסן סוד:

— ווייב מיינס...

און לאַניאַ פֿליסטערט צו אים קוים הערבאַר:

— מאַן מיינער...

אין דעם דאָזיקן שעפּטשען איז דאָ ליבע, און עס איז דאָ גליק, וואָס זיי פֿילן נאָך שטאַרקער צוליב עפּעס אַ שרעק, וואָס טרעט פֿון זיי קיינמאָל נישט אָפּ.

אַפֿילו אין די מאָמענטן פֿון העכסטן ליבע־עקסטאַז און זעלבסטפֿאַר־געסונג שטייט ביי ביידע צוקאָפּנס די שרעק.

און דעמאָלט פאַלן זיי צו איינער צום אַנדערן מיט אַ באַזונדערער ליידנשאַפט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז באַלד וועט מען זיי פונאַנ־דערררייסן און זיי וועלן זיך מער נישט געפינען.

זיי רעדן קיינמאָל נישט וועגן דעם. איינער וויל אויסבאַהאַלטן פאַרן אַנדערן דאָס דאַזיקע נישט באַרעכטיקטע געפיל פון שרעק. אָבער ביידע הערן נישט אויף וועגן דעם צו טראַכטן.

טיילמאָל זייענדיק אין גאַס כאַפּט פּלוצלינג עפּשטיינען אַרום עפּעס אַ מאָדנע שרעק:

— וואָס איז מיט לאַניאַן? — קען ער זיך נישט געפינען קיין אָרט.

ער לויפט צו צום טעלעפאָן און אָטעמט לייכטער אָפּ, ווען ער דערהערט איר שטים.

— לאַניאַ?... יאָ, יאָ, דאָס בין איך, כ'האָב אַזוי געוואָלט הערן דיין קול...

און עפּשטיינען דאַכט זיך, אַז אויך לאַניאַס שטים ציטערט פון פרייד און שרעק.

אין דער דאַזיקער אומזיכערקייט מיטן מאָרגן איז אָבער געווען אינ־טענסיווע פרייד מיט דעם היינטיקן טאָג. זייערע בליקן האָבן צו זיך גערעדט:

— ווער ווייסט, צי מיר וועלן מאָרגן זיין צוזאַמען, זאָלן מיר געניסן פון אונדזער היינטיקן גליק.

דאָס דאַזיקע געמיש פון פרייד און שרעק האָט צוגעגעבן דעם צוזאַמענלעבן פון עפּשטיינען מיט לאַניאַן אַ באַזונדערן רייץ און אינ־טענסיוויטעט. מיט דער צייט האָבן ביידע זיך צוגעוווינט צו דעם צושטאַנד פון שטענדיקער אינערלעכער אומרו און זיי וואָלטן זיך שוין געפילט אומהיימלעך אָן דעם דאַזיקן שרעק־געפיל.

אויך אין דעם אָוונט, ווען אַדאָלף בער איז פּלוצים אַרויסגערופן געוואָרן אין דער ציטאַדעל־פעסטונג, האָט דניאל עפּשטיין זיך געפילט באַזונדערס גוט. ער האָט געהאַט אַ גאַנצן פרייען אָוונט צו זיין מיט לאַניאַן אַליין און ער איז זייער נישט צופרידן געווען, דערהערנדיק אין קאָרידאָר פרעמדע טריט.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט און אין איר איז געבליבן שטיין יאַנקל, דער גזשיבאָווער שמייסער־יונג.

אין דעם מאָמענט זענען ביידע, סיי עפּשטיין און סיי לאַניא, באַ־הערשט געוואָרן פון אַ געפיל פון זיכערקייט, אַז דער שליח פון אומ־היימלעכן מאָרגן, וועלכן זיי האָבן כסדר דערוואַרט און פאַר וועלכן זיי האָבן זיך געשראָקן, האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון זייער שטוב.

עפּשטיין האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון אָרט. ער איז צוגעגאַנגען צו יאַנקלען און וואַקלענדיק געפרעגט:

— וואָס איז געשען, יאַנקל?

יאַנקל האָט אים דערלאַנגט וויקטאָרס בריוו.

— זעץ זיך, יאַנקל — איז עפּשטיין צוריקגעגאַנגען צו זיין פריער־דיקן אָרט נעבן לאַניאַן.

דניאל עפּשטיין האָט לאַנגזאַם געלייענט דעם בריוו. ער האָט גע־לייענט נישט בלויז דאָס, וואָס וויקטאָר האָט געשריבן, נאָר אויך פון צווישן די שורות אַרויסגעלייענט די סבות, וואָס האָבן איצט וויקטאָרן באַוויגן צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אַלעם, וואָס עס איז געשען אין לאַנד.

ער האָט צו גוט געקענט זיון, כדי צו פאַרשטיין, אַז נישט געפילן פון רחמנות, צי מיטלייד פאַר דעם אַרעסטירטן ר׳ משהלע ראַפּשיצער, האָבן אים באַוויגן צו דעם שריט.

— זעט אויס — האָט עפּשטיין, לייענענדיק דעם בריוו, געטראַכט, — אַז זיוק און וויקטאָר פילן זיך שוין אַזוי זיכער, אַז זיי הויבן שוין אָן אַרויסטרעטן אין דער עפנטלעכקייט. עס באַשטעטיקן זיך אַזוי אַרום די קלאַנגען, אַז די רוסישע אַרמייען גרייטן זיך אָפּצוטרעטן פון וואַרשע.

— יאָ, אַזוי איז עס... — האָט עפּשטיין צו זיך אַ שמייכל געטון — ביז איצט האָבן זיי אַלע געשריגן: „שפּיאָנען" און געוואָרפן די שולד אויף די יידן. באַלד וועט דער פאַרראַט געקרוינט ווערן פאַר אַ העלדנטאַט און דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, טאָרן די לאַרבערן נישט צופאַלן די יידן. זיוק מיט זיינע חברים וועלן צושרייבן זיך דאָס פאַרדינסט.

עפּשטיין האָט נישט געפילט קיין פאַרדראָס. די אידילישע צייטן, ווען רעוואָלוציע און אויפשטאַנד זענען אין די מוחות און הערצער פון

זייערע יונגע ענטוזיאסטישע אָנהענגער געווען איין און דאָס זעלבע, ווי גוטסקייט, יושר און גערעכטיקייט, זענען שוין פון לאַנג אוועק. די יונגע ענטוזיאַסטן זענען עלטער געוואָרן און זיי זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פאַר דעם גרויסן ציל פון אויפשטאַנד קעגן צאַר מוז מען אָפט ברענגען פאַר אַ קרבן די גוטסקייט און גערעכטיקייט. מען מוז זיין האַרט, ריקזיכטסלאָז און טיילמאָל אויך אַכזריותדיק קעגן אומשולדיקע מענטשן.

— עס איז זיי געווען באַקוועם דאָס שפּיאָנען־געיעג אויף די יידן. איצט אָבער הויבט אָן ווערן באַקוועם אַליין צו נעמען אויף זיך די שולד. נישט ר׳ משהלע ראַפּשיצער, נאָר וויקטאָר וועט זיין דער העלד... געוויס, אַנדערש פּאַסט עס נישט...

דניאל עפּשטיין האָט אָן פאַרדראָס פעסטגעשטעלט פאַר זיך דעם דאָזיקן פאַקט.

און ר׳ משהלען אַליין וועט עס אוודאי נישט פאַרדריסן. ער טראַכט איצט געוויס נישט וועגן דעם, ווי אַזוי צו ווערן אַ העלד. אַזאַ געדאַנק איז אים צומאָל נישט געקומען אין קאָפּ.

עפּשטיין האָט אָבער געהאַט ספקות, צי וויקטאָרס בריוו קען נאָך איצט העלפן דעם אַרעסטירטן ר׳ משהלע. הלוואי זאָל נישט זיין צו שפּעט. יאָ, זיזק און וויקטאָר וועלן וועגן דעם צומאָל נישט טון אַ טראַכט. פאַר דער גרויסער זאַך פון אויפשטאַנד דאַרף מען ברענגען קרבנות. אָבער בערטע טראַכט נישט אַזוי. אין אירע אויגן האָט עפּשטיין קלאָר אַרויסגעלייענט אירע געדאַנקען:

— איך בין שולדיק, איך...

עפּשטיין האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז אָט דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון בערטעס אויגן, איז פאַר אים דאָס וויכטיקסטע. צוליב דעם טראַכט ער אַזוי פיל וועגן וויקטאָרן. צוליב דעם נעמט ער זיך אַזוי צום האַרץ דעם גורל פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער. צוליב דעם גייט ער אַזוי אָפט צו אַדאָלף בערן. אַלץ צוליב איר, בערטען.

— וואָס איז, דאַניעל? — האָט לאַניאַ אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינע.

עפּשטיין האָט איר געגעבן וויקטאָרס בריוו, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט.

עפּשטיין האָט דערביי געפילט, אַז צום ערשטן מאָל מיידט ער אויס לאַניאַס בליק, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פאַר איר אויסבאַהאַלטן. ער איז געווען בייז אויף זיך:

— וואָס איז? — האָט ער געטראַכט — צי טאָר איך נישט זאָרגן פאַר בערטען? און צי וועט לאַניא נישט פאַרשטיין, אַז איך דאַרף אַלץ טון צו העלפן בערטען?...

גלייכצייטיק האָט ער אָבער געפילט, אַז ער האָט נישט די דרייסט־קייט זיך צו זאָגן דעם גאַנצן אמת. ער האָט זיך געשראָקן מודה צו זיין צו זיך אַליין, אַז עס איז נישט גלאַט זאָרג פאַר בערטען, נאָר עס איז דאָס געפיל, אַז זי, בערטע, איז ווידער געוואָרן דער מיטלפּונקט פון זיין לעבן, אזוי ווייט, אַז ער האָט אפילו ווי פאַרגעסן אַ ווײַלע אָן דער עקזיסטענץ פון לאַניאַן.

עס איז געקומען דאָס, פאַר וואָס ער האָט די גאַנצע צייט אין די טיפע באַהעלטענישן פון זיין וועזן נישט אויפגעהערט זיך צו שרעקן. עס דאַכט זיך אים, אַז יאַנקל דער שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו איז נישט דער שליח פון וויקטאָרן, נאָר ער איז דער שליח פון עפּעס אַ נישט זע־באַרער קראַפט, וואָס האָט אים געשיקט אָנזאָגן:

— עס איז געקומען די צייט צו צאָלן פאַר די מינוטן פון פרייד און גליק.

עס נעמט אים אַרום אַ געפיל פון פּאַניק. אפשר ווייסט שוין בערטע אויך דעם אינהאַלט פון וויקטאָרס בריוו. איז ווער ווייסט, וואָס זי קען טון?...

עפּשטיינען דאַכט זיך, אַז בערטע האָט געמאַכט יד אחת מיט דער געהיימניספולער קראַפט, וואָס מאָנט ביי אים חשבון און אַז ביידע טראַכטן נאָר וועגן דעם, ווי אזוי אים אָוועקצורייסן פון לאַניאַן.

— ווייסט, לאַניא, — זאָגט ער — כ׳מיין מיט יאַנקלען אַרויפ־צוגיין צו אַדאָלף בערן...

— איך וועל מיט דיר מיטגיין — שטעלט זיך לאַניא אויף.

זי ווייסט נישט וואָס, נאָר עפּעס פילט זי אַן ענדערונג אין עפּ־

שטיינען און עס דאכט זיך איר, אז ער נויטיקט זיך איצט אין איר הילף און אז טאָמער גייט זי נישט מיט אים, פארלירט זי אים אויף שטענדיק.

— גוט, קום — זאָגט צו איר עפשטיין.

און לאניא דערפילט עפעס א פרייד אין עפשטיינס קול. א פרייד פון א מענטש, וועלכער לאָזט זיך אן איינזאמער אין א וויטן וועג און פלוצלינג דערזעט ער נעבן זיך א באַגלייטער.

דער וועג צו אדאָלף בערן איז נישט געווען קיין ווייטער. עס איז געווען שוין שפעטלעך אין אָוונט. די גאסן זענען געווען טונקל. עס איז געווען נישט לייכט צו גיין אין דעם טונקעלן אָוונט אויף די שמאָלע טראָטוארן פול מיט דורכגייער.

לאניא האָט געפילט, ווי עפשטיין ציט זי מיט זיך, ווי ער גייט האלב־לויפנדיק, ווי ער וואָלט מורא געהאט, אז עמיצער יאָגט זיך נאָך אים.

לאניא האָט פעסטער ארומגענומען עפשטיינס אָרעם. זי האָט גע־האט דאָס געפיל, אז עמיצער רייסט אים אוועק פון איר און זי איז געווען אנטשלאָסן דאָס מאָל מער נישט צו לאָזן אים פון זיך אוועק־צונעמען.

זיי האָבן שווער געאָטעמט, ווען זיי זענען אַלע דריי געבליבן שטיין פאַר אדאָלף בערס וווינונג.

א יונגע סעקרעטארין האָט געעפנט די טיר. זי האָט געקענט דניאל עפשטיינען און האָט צו אים פריינטלעך געשמייכלט:

— הער בער איז, ליידער, נישטאָ, נאָר וואָס אַוועק. און איך האָב באַדארפט צו אייך באַזאָרגן א בריוו... אין קאבינעט אויפן טיש וועט איר אים געפינען...

א קורץ צעטל איז געלעגן אויפן טיש, אין וועלכן עס איז געווען געזאָגט: מען האָט מיך פלוצלינג ארויסגערופן אין ציטאַדעל. דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס".

— פארשפעטיקט — האָט עפשטיין זיך שווער אראָפּגעלאָזט אויף א שטול.

יאנקל האָט צום ערשטן מאָל זיך אָנגערופן:

— וויקטאָר האָט געזאָגט, אַז זיין ברייוו קען העלפן ר׳ משהלע ראַפּשיצער. איז אפשר קען איך אים אויפזוכן, דעם אַדוואָקאַט...

— ניין, יאַנקל, נישט דו און נישט קיין אַנדערער קען איצט אויפֿזוכן דעם אַדוואָקאַט. מירן דאָ וואַרטן. אפשר וועט ער באַלד צוריקקומען...

שווייגנדיקע זענען זיי געזעסן אין דעם קאַבינעט פון אַדאָלף בערן און יעדן פון זיי האָט זיך געדאַכט, אַז הינטער די פענצטער שטייט דער שיקזאַל און קלאַפּט עפּעס אויס מאָדנע טאַקטן אין די ציטערדיקע שויבן...

לאַניאַן איז געוואָרן שווער די שטילקייט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עפּשטיין האָט אַן איר ווי פאַרגעסן, אַז זיינע אויגן קוקן איבער איר קאָפּ, ווי ער וואָלט זי אפילו נישט געזען.

— אפשר קענסטו פּרווון זיך פאַרשטענדיקן מיטן ציטאַדעל? — האָט זי געזאָגט, נאָר וועלנדיק דערמאָנען עפּשטיינען אַן איר עקזיסטענץ.

עפּשטיין האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. פונדעסטוועגן האָט ער געפּרוווט טעלעפאָניש בעטן זיינע באַקאַנטע שׂררות, אָבער יעדער האָט אים געגעבן דעם זעלבן ענטפער:

— אוממעגלעך...

— עס איז נישט אויסגעשלאָסן — האָט עפּשטיין געפילט, אַז ער קען מער נישט פאַרטראָגן דאָס שווייגן און אַז ער מוז עפּעס זאָגן. אַלץ איינס וואָס, נאָר נישט מער שווייגן, און ער האָט איבערגעחזרט:

— עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז עס איז נאָך נישט דער פּראָצעס...

— געוויס, געוויס — האָט לאַניאַ געפּרוווט אַ שמייכל טון.

און ביידע האָבן געוווסט, אַז זיי גלויבן נישט אין זייערע אייגענע רייד, אַז פאַרקערט, זיי ביידע ווייסן, אַז טאַקע איצט ווערט ער געמשפּט, ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

און זיי זענען געזעסן ביידע איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און נעהאַט דאָס געפיל פון פיינלעכער אָנמאַכט...

יאַנקל דער שמייסער־יונג פון גזשיבאָוו האָט געגוי נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר געפילט האָט ער, אַז עפּעס וואָס

איז דאָ פאַרזוימט געוואָרן און אז ער וועט שוין מער נישט זען זיין רבין שטיין אויף דער וועראנדע און שווייגן.

און אלע דריי האָבן זיך נישט געוווּנדערט, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און אין קאבינעט זענען אריינגעקומען צוויי אַלטע לייט, ר' לוי און דער אַלטער פאַן מיכאַל.

— אַזוי, אַזוי, עטץ זענט אויך דאָ... — האָט ר' לוי זיך געריבן איין האַנט אָן דער אַנדערער, ווי עס וואָלט אים קאַלט געווען און ער האָט צוגעגעבן:

— ר' משהלעס מאַמע, די אַלטע רביצין, איז צו מיר אַריינגעפאַלן מיט אַ געשריי, אַז מען ברענגט אום איר זון און אַלע שווייגן. אַן איינפאַל פון אַ יידענע!...

ר' לוי האָט פאַר זיך אַליין נישט געוואָלט מודה זיין, אַז ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר די מאָדנע רייד פון דער רביצין הדסל.

זינט מען האָט איר צוגענומען דעם זון, האָט זי ווייניק גערעדט, די רביצין הדסל, און גאַנצע טעג געהאַלטן די אויגן ווי צוגעקלעפּט צום קרבן־מנחה־סידור. נאָר היינט איז עפּעס אָן אומרו זי באַפאַלן און זי האָט גענומען שרייען מיט ווילדע קולות:

— ראַטעוועט אים, ראַטעוועט!... איך זע, איך זע, ווי ער גייט אויס, מיין זון!...

ווייבער און גוטע יידן האָבן איר געפּרווט אויסרעדן, נאָר זי האָט זיך נאָך העכער צעשריגן:

— רשעים זענט איר אַלע, אַלע, אַלע!... איר זעט דאָך, ווי זיי פּייניקן אים!...

עס האָבן נישט געהאָלפן די טענות, אַז קיינער זעט גאָרנישט. די רביצין הדסל האָט מיט באַנומענע קולות געשריגן, אַז זי זעט אים, ר' משהלען. זיינע הענט און פיס זענען געשמידט אין קייטן. און בייזע הינט וואַרפן זיך אויף אים און פון זיין לייב רינט בלוט...

— בלוט, בלוט, בלוט! — האָט די אַלטע געקלאַפּט קאָפּ אָן וואַנט ביי ר' לוין אין שטוב, און די שטילע דבורהלע האָט מיטגעוויינט און געבעטן איר מאַן:

— לוי, טו עפּעס, אַ מאַמעס האַרץ שפּירט...

איז ר׳ לוי ארויפגעלאָפן צו זיין אַלטן פריינט, דעם פאַן מיכאל, און ביידע זענען זיי אוועק צו אַדאָלף בערן.

דעם פאַן מיכאַלס טאָכטער, מערי, האָט אַפילו געפּרוווט צוריק־האַלטן איר פאָטער קוקנדיק מיט פאַרוווּרף אויף ר׳ לוין:

— עס איז שוין שפּעט אין אָוונט — האָט זי געזאָגט — קהלס געשעפטן וועלן נישט פאַרשפּעטיקן...

— הלוואי זאָלן זיי נישט פאַרשפּעטיקן — האָבן דעם פאַן מיכאַלס אויגן מיט טרויער ארומגענומען זיין טאָכטער.

— אָבער, טאַטע, דו קענסט דאָך נישט פאַרזאָרגן אַלצדינג — האָט עפּעס א בייזקייט געקלונגען אין מערים קול — דו פארגעסט אָן זיך...

— נו, נו... — האָט דער אַלטער גענומען ארויפציען אויף זיך דעם מאַנטל.

מיט דעם „נו, נו" האָט דער פאַן מיכאַל געמיינט צו זאָגן זיין טאָכ־טער:

— נאָך וואָס רעדן איבעריקע רייד... וואָס האָב איך משטיינס געזאָגט פאַרזאָרגט אין מיין לעבן... אָבער וואָס גייט עס דיך, מערי, אָן... דו זעסט דאָך נאָר דיין שייגעץ...

ער האָט געהאַט א סך צו זאָגן, דער פאַן מיכאַל, זיין טאָכטער, אָבער עפענענדיק די טיר צום ארויסגיין האָט ער בלויז געזאָגט:

— מען דאַרף, מערי, מען דאַרף...

ער האָט אָנגענומען ר׳ לוין ביים אָרעם און אזוי זענען זיי געגאַנגען איבער דער גאַס, האַלטנדיק זיך אָנגעשפּאַרט איינער אָן דעם אנדערן.

ר׳ לוי האָט ווי צו זיך אַליין געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— א יידענע אַזאַ... וויינט און שרייט, נע...

מיט דעם „נע" האָט ר׳ לוי געמיינט אויסצומוסרן נישט בלויז די רביצין הדסל, נאָר אויך זיך אַליין. וואָרום איר געשריי איז אים נאָכ־געלאָפן אין גאַס און עס האָט זיך אים געדאַכט, אז נאָך א ווייַלע און ער אַליין וועט זיך מער נישט קענען צוריקהאַלטן און ער וועט אויך נעמען וויינען צי שרייען מיט דער יידענעס קול...

— נע... — האָט ר׳ לוי געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך אַזעלכע נאַרישע מחשבות.

— אפשר ווייסט עפּעס אדאָלף בער... — האָט דער פאַן מיכאל זיך אָנגערופן.

אוןביידע אַלטע לייט האָבן מיט איילֿיקע טריט געוואָלט פאַריאָגן פון זיך דעם אומרו און ווען זיי האָבן געעפנט ענדלעך די טיר פון אדאָלף בערס וווינונג, האָבן זיי ביידע שווער אָפּגעאָטעמט ווי נאָך אַ לאַנגער און שווערער נסיעה.

אדאָלף בערס יונגע סעקרעטאַרקע האָט געבעטן זיצן ביידע זקנים, זיי זענען אָבער געבליבן שטיין דערשראָקענע און קוקנדיק איינער אויף דעם אַנדערן געפרעגט:

— וואָס, ר'איז נישטאָ?...

די סעקרעטאַרקע האָט זיי געוואָלט בארואיקן און געזאָגט:

— עפשטיין מיט דער פרוי וואַרטן אויך...

ביידע אַלטע לייט האָבן זיך צעשמייכלט, ווי מ'וואָלט זיי אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה און דער פאַן מיכאל האָט געזאָגט:

— וועלן מיר אויך צווואַרטן...

און זיי זענען ביידע צוזאַמען אריין אין אדאָלף בערס קאַבינעט.

— נעם אַראָפּ דעם מאַנטל — האָט לאַניא געהאָלפן איר פאָטער זיך מאַכן באַקוועם.

ביידע זקנים האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

— ער קומט באַלד צוריק? — האָט דער פאַן מיכאל געפרעגט.

— כ'ווייס נישט — האָט עפשטיין געצויגן מיט די אַקסלען — מען האָט אים פּלוצלינג אַרויסגערופן אין ציטאַדעל...

— די אַלטע רביצין האָט נישט אומזיסט געוויינט — האָט ר' לוי אַ קוק געטון אויף דעם פאַן מיכאל.

— מ'קען עפּעס טון? — האָט דער פאַן מיכאל געפרעגט, קוקנדיק אויף עפשטיינען.

עפשטיין האָט געשוויגן. און דאָס שווייגן איז געווען אַ געניגנדער ענטפער.

ערשט דעמאָלט האָט ר' לוי דערזען זיצן אויף אַ שטול זיין געוועזענעם שמייסער־יונג:

— דו, יאַנקל?!

— יאנקל האָט מיר געבראַכט אַ וויכטיקע ידיעה — האָט עפּשטיין באַרואיקט זיין שוועסטער, ליידער האָב איך שוין אַדראָף בערן נישט גע-טראָפן.

ער האָט ר׳ לוין דערלאַנגט וויקטאָרס בריוו. און ביידע אַלטע לייט האָבן אָנגעטון זייערע ברילן און גענומען לייענען.

— אָבער דעם בריוו דאַרף מען דאָך באַזאָרגן צו אַדראָף בערן! — האָט אויסגערופן דער פּאַן מיכאַל.

— איך האָב שוין אַלץ געטון — האָט עפּשטיין מיד געזאָגט — ליידער אָן רעזולטאַט...

— ר׳ לוי האָט אַ מידער צוגעמאַכט די אויגן. עס האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז ער הערט דאָס געוויין פון דער אַלטער רביצין הדסל...

עס איז מער נישט געווען וואָס צו זאָגן און וואָס צו טון. זענען זיי געזעסן און — געשוויגן.

די יונגע סעקרעטאַרשע איז עטלעכע מאָל אַריין און אַרויס פון קאַבינעט. זי האָט געקענט אַלע מענטשן דאָ, אויסער יאַנקלען, און זי האָט געוווסט, אַז זיי זענען זייער אָנגעזעענע לייט און פריינט פון איר שעף. אַנישט וואָלט זי צו זיי געזאָגט:

— מיינע הערשאַפטן, עס איז שוין שפּעט, און מיין שעף וועט וואַרשיינלעך אַזוי גיך נישט צוריקקומען, וועט איר אַזוי גוט זיין און קומען מאָרגן.

זי האָט אָבער צוליב זיי נישט געוואָלט פּטרן די נאַכט. איר פריינט וואַרט אויף איר און זי וועט שוין סיי ווי קומען שפּעט, וואָס איר פריינט האָט נישט ליב.

זי איז דעריבער איינמאָל און נאָכאַמאָל אַריינגעקומען זיך מכלו-מרשט געמאַכט זוכן עפּעס און דערביי געטראַכט:

— אפשר וועלן זיי מיד ווערן צו זיצן און שוויגן און זיי וועלן אַהיימגיין.

דניאל עפּשטיין איז איר געקומען צו הילף:

— פריילין, — האָט ער געזאָגט — עס איז שוין גענוג שפּעט און ווי איך זע, וועט אייער שעף אַזוי שנעל נישט צוריקקומען...

— ווארשיינלעך — איז די יונגע סעקרעטארקע געווען אים דאנקבאר.

— און איך מיין, אז צוליב אונדז האלט איר זיך צוריק, פריילין, פון אהיימגיין...

—א, עס מאכט נישט... — האט די סעקרעטארקע זיך לייכט גערויטלט.

— לײדער אָבער מוזן מיר דאָ זיצן און ווארטן — האט עפשטיין ווייטער געזאגט.

— ביטע, ביטע, שטערט אייך נישט — איז די סעקרעטארקע שוין געווען זיכער, אז איר פריינט וועט זיין אויפגעבראכט אויף איר פאר נישט קומען.

— אָבער איר, פריילין, — האט עפשטיין א שמייכל געטון — דארפט צוליב אונדז נישט ליידן, איר קענט רואיק גיין אהיים און איך פארזיכער אייך, אז הער בער וועט נישט האבן צו אייך קיין טענה...

— זענט איר זיכער, הער עפשטיין?

— זייט רואיק, פריילין...

— איך דאנק אייך זייער, הער עפשטיין, איך אייל זיך ווירקלעך — האט די סעקרעטארקע א צופרידענע זיך געזעגנט — א גוטע נאכט, מיינע הערשאפטן...

— אייגנטלעך — האט עפשטיין ביי זיך געטראכט — וואלטן מיר אלע געמעגט גיין אהיים.

און עס איז אים פארגעקומען, אז אלע טראכטן דאס זעלבע וואס ער, נאר קיינער רירט זיך נישט פון ארט.

אין דער אלגעמיינער שטילקייט האט א קלאפ אין דער טיר אפגעהילכט ווי אן אלארם.

אלע האבן זיך מיטאמאל א ריס אויף געטון אויף זייערע פיס.

— בער איז צוריק! — האט דער פאן מיכאל הויך א זאג געטון.

לאניא איז די ערשטע ארוים אין קארידאר און געעפנט די טיר. אינסטינקטיוו האט זי זיך געטון א צי צוריק. פאר איר איז געבליבן שטיין בערטע.

אַ רואיקע און צוריקגעהאַלטענע, ווי שטענדיק, איז בערטע גע־שטאַנען, נאָר איר פּנים איז געווען אַזוי בלייך, ווי דער לעצטער טראָפּן בלוט וואָלט פון איר אַנטלאָפן.

דער אומגעריכטער צוזאַמענטרעף האָט בייביידע ווי אַפּגענומען אין ערשטן אויגנבליק דאָס לשון.

בערטע איז די ערשטע געקומען צו זיך, און איר שטים האָט נאָר לייכט געציטערט, ווען זי האָט נאָך דער ערשטער איבעררראַשונג געזאָגט:

— איך האָב זיך נישט געריכט אייך דאָ צו טרעפן, לאַניאַ...

— מיר וואַרטן אַלע אויף אַדאָלף בערן — האָט לאַניאַ ווי זיך פאַרענטפערט.

— ער איז נישטאָ?! — אין בערטעס שטים איז געווען שרעק.

דניאל עפּשטיין איז שוין געשטאַנען לעבן ביידע פרויען און ער האָט געפּרוווט צו רעדן באַהערשט:

— נו, וואָס שטייט איר אַלע אין קאָרידאָר, קומט אין שטוב. יאָ, מיר אַלע וואַרטן אויף אים, אויף אַדאָלף בערן.

בערטע האָט מיט שטאַרע אויגן געקוקט אויף ר׳ לוין און דעם פאַן מיכאל און אויף דעם צעטומלטן יאַנקל־שמייסער.

— וואָס איז געשען? — האָט בערטע זיך געווענדט צו עפּשטיינען.

דניאל עפּשטיין האָט איר שווייגנדיק דערלאַנגט דאָס צעטל פון אַדאָלף בערן.

בערטע האָט זיך אַ וואַקל געטון. עפּשטיין האָט זי אונטערגעהאַלטן און בערטע האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול לעבן יאַנקלען.

עפּשטיין איז געבליבן שטיין לעבן איר שטול. ער האָט אין דעם מאָמענט נישט געדענקט מער אָן ר׳ משהלע ראַפּשיצער און ער האָט אפילו פאַרגעסן אָן די אַלע מענטשן, וואָס געפינען זיך אין דעם צימער. ער האָט צומאָל אויף לאַניאַן נישט אַ קוק געטון. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער שטול, אויף וועלכער בערטע איז געזעסן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אָט, אָט, און זי וועט אים פאַרלאָזן.

— ער זעט מיך נישט... — האָט לאַניאַ דערפילט אַ קעלט אין איר לייב — זי איז געקומען נאָך אים...

בערטע איז געזעסן מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן. זי האָט נישט געזען קיינעם ארום זיך, זי האָט אויך נישט געזען, ווי ער, דניאל עפּ־שטיין, שטייט אָנגעשפּארט אָן איר שטול.

יאַנקל האָט עפּעס צו איר גערעדט, האָט איר דערציילט וועגן זיך און וויקטאָרן, אָבער זי האָט נישט געהערט און נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט.

איר געהער און אירע אויגן זענען געווען געווענדט א י ן ז י ך א ל יי ן . זי האָט געמאַכט מיט זיך דעם חשבון און זי האָט זיך נישט געשוינט.

— דו האָסט זיך אַליין גענאַרט, האָסט זיך געוואָלט נאַרן — האָט זי צו זיך אַליין גערעדט אומברחמנותדיק — האָסט אַלץ געוואַרט, אַז אַדאָלף בער וועט דיך רופן, הגם דו האָסט גוט געוווּסט, אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען. און איצט האָסטו פאַרשפּעטיקט, יאָ, פאַרשפּע־טיקט, אָבער סיי ווי דעם חשבון וועסטו צאָלן...

א גאַנצן טאָג האָט זי זיך געקליבן צו אַדאָלף בערן. זי האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז זי קען מער אזוי נישט לעבן, אַז זי קען מער נישט זיצן און וואַרטן, ביז ער וועט זי רופן. זי טאָר מער נישט וואַרטן. זי מוז אַראָפּוואַרפן פון זיך די לאַסט, וואָס דריקט זי. זי איז געוואָרן רואיק, ווען זי האָט זיך דערצו אַנטשלאָסן. זי האָט זיך גענומען צור־גרייטן. זי האָט ארויסגערופן צו זיך איר אַן עלטערע קרובה, וואָס האָט שטענדיק אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, ווען זי איז געווען פאַררייזט. זי האָט צו דער קרובה גערעדט רואיק און מיט ישוב הדעת:

— דיר וועט אויסקומען דאָסמאָל, אפשר, לענגער צו בלייבן מיט די קינדער — האָט בערטע גערעדט צו איר קרובה — איז טאָמער נוי־טיקסטו זיך אין עפּעס, וועסטו זיך ווענדן צו דניאל עפּשטיינען...

דאָס מאָל האָט זי דעם נאָמען ארויסגערעדט גלייכגילטיק, ווי זי וואָלט שוין נישט געהאַט מיט דעם נאָמען קיין שום שייכות, און האָט צוגעגעבן:

— עפּשטיין וועט דיר זאָגן אַלץ, וואָס דו דאַרפסט טון אין פאַל, ווען איך קום אזוי שנעל נישט צוריק — און בערטע האָט די קרובה

אַרומגעפּירט איבער אַלע שטיבער, האָט איר געוויזן, ווו יעדע זאַך געפינט זיך און האָט איר אָנגעזאָגט:

— און אויף דער קליינער רעגינקע גיב אַכטונג, זי איז אַביסל צוגעקילט...

זי האָט נאָך אַליין געלייגט די קינדער אין די בעטלעך און געוואַרט, ביז זיי וועלן איינשלאָפן. און אויך דעמאָלט, ווען זיי זענען שוין געשלאָפן, איז זי אויף רעגינקעס בעטל געבליבן זיצן, ווי די פיס וואָלטן געוואָרן פּלוצלינג צוגעשמידט צו דעם דיל.

איין שעה נאָך דער אַנדערער זענען אַריבער און בערטע האָט זיך פון אָרט נישט געקענט רירן.

— כאָטש נאָך איינמאָל צו הערן סאַמעקס שטים — האָט זי זיך מיט ביידע הענט אָנגעהאַלטן אָן דעם ראַנד פון קינדער בעטל — נאָך איינמאָל א קוק צו טון אין רעגינקעס אויגן...

די קינדער זענען געלעגן רואיקע און אַ שמייכל האָט געהאַנגען אויף זייערע פאַרמאַכטע מיילעכלעך.

בערטע האָט מיט גוואַלד זיך אַ ריס געטון פון אָרט. זי איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב, נישט אומקוקנדיק זיך מער צו די צוויי קינדער־בעטלעך.

זי האָט זיך זייער געאיילט, בערטע, ווי זי וואָלט געוווסט, אַז זי וועט פאַרשפּעטיקן.

—כ׳האָב געוואָלט פאַרשפּעטיקן — האָט בערטע צו זיך אַליין גערעדט — כ׳האָב דאָך אַלץ געטון, כדי זיך אָפּצונאַרן און צו פאַרשפּעטיקן... אָבער דעם חשבון מוזטו סיי ווי צאָלן, סיי ווי...

לאַניא איז צוגעגאַנגען צו עפּשטיינען:

— דניאל, — האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אָרעם — וואָס וועט זיין?...

— עס איז ווירקלעך שפּעט — איז עפּשטיין געווען טרוקן — אפשר וואָלסטו מיטן פאָטער געגאַנגען אַהיים...

— ער שיקט מיך אַוועק — האָט אין לאַניאס אויגן זיך אָנגעצונדן דאָס פייערל פון שטאָלץ פון ר׳ לייזערס איניקל.

א ווײַלע האָט זי געוואָלט נעמען דעם פֿאָטער און אוועקגיין. זאָל ער בלײַבן מיט איר, מיט בערטען, ער זעט דאָך איצט נאָר זי...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן. זײַן פּנים איז געװוען אײַנגעפֿאַלן. ער איז ווי איבער נאַכט אַלט געוואָרן. אַ ווארעמע כוואַליע האָט לאַניאַן אַרומגענומען. ניין, איך וועל מער נישט זײַן שטאָלץ. איך בין מער נישט ר׳ לייזערס אייניקל. איך בין דײַנע, דניאל, דײַנע אויף שטענדיק, הערסט דניאל, וואָס ס׳זאָל נישט זײַן, — דײַנע. און איך וועל נישט לאָזן דיך פֿון מיר אַוועקנעמען, נישט לאָזן אויך פֿון איר, בערטען... ביי דיר שטיי איך, ביי דיר...

לאַניא האָט הויך געזאָגט:

— ניין, דאַניעל, איך בלײַב דאָ מיט דיר...

זי האָט געוואָלט, אַז בערטע זאָל הערן און זאָל וויסן, אַז זי, לאַניא, איז שוין מער נישט דאָס אויסגעצערטלטע כלה־מיידל פֿון גזשיבאָוו, וואָס ווערט באַליידיקט און טרעט אָפּ איר אָרט פֿאַר אַנדערע. ניין, היינט טרעט איך מער נישט אָפּ מײַן אָרט...

אַ הויך שנאָרכן האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אין צימער. אַלע האָבן זיך דערשטוינטע אומגעקוקט. מיט די פּיס אויסגעצויגן איז יאַנקל שמייסער האַלב־געלעגן און האַלב־געזעסן אין דעם ווייכן פֿאָטעל און צוגעפּייפֿט מיט דער נאָז.

יאַנקל שמייסער האָט די רייכע לײַט נישט פֿאַרשטאַנען. זיצן און שווייגן. וואָס איז פֿאַר אַ שווייגעניש? אַ מאָדע אַזעלכע? יאַנקל איז געווען צו מיד צו מאַטערן זײַן קאָפּ מיט הארבע שאלות, איז ער אײַנגעשלאָפֿן.

דער פֿאַן מיכאל האָט מיט קנאה געקוקט אויף דעם שנאָרכנדיקן יאַנקל און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— מיר, ר׳ לוי, קענען שוין נישט אַזוי שלאָפֿן, הא...

און מיטאַמאָל האָט דעם פֿאַן מיכאל אָנגעכאַפּט עפּעס אַזאַ נאָגנדיקע בענקשאַפֿט. ער האָט געקוקט אויף דעם שלאָפֿנדיקן יאַנקל און אַ מאָדנער געדאַנק איז אים באַפֿאַלן:

— רײַך זײַן, יחוס, כבוד, בילדונג, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלץ אַנטקעגן דעם הויך שנאָרכנדיקן יונג...

און יאַנקל האָט ווי געוואָלט אין שלאָף ווייזן אַלע זיינע פעאיקייטן. האָט ער געגעבן א קאָנצערט פון דער שנאָרך-קונסט. כלערליי קולות זענען אַרויסגעקומען פון זיין מויל און אַמאָל האָט ער אפילו א הירזשע געטון ווי א פערד.

גוטע חלומות זענען יאַנקלען געקומען צוקאָפּנס. עס האָט זיך אים געחלומט דער גזשיבאָוו. ער שטייט אין ראָד ארומגערינגלט פון חברה בעלי עגלות. ער דערציילט זיי מוראדיקע מעשיות און זיי אַלע שטייען מיט אָפענע מיילער און הערן. און באַלד פארשווינדן די בעלי עגלות און יאַנקל געפינט זיך גאָר מיט זיינע ליבלינגען די צוויי פערד, די קאַשטאַנעס. וואָס, וואָס? די פערד ווילט עמיצער צונעמען? נישט ביי יאַנקלען!... ניין, ניין, כ׳וועל נישט לאָזן, וואָס הייסט, גלאַט אַזוי כאַפּ־לאַפּ, העי, העי, גיט צוריק די פערד, גיט צוריק!...

יאַנקל קוקט זיך אַרום מיט אָפענע אויגן. וואָס איז דאָ? ווו איז ער? ווו זענען די קאשטאַנעס?

נעבן אים זיצט בערטע און ער זעט עפשטיינען און דעם פאַן מיכאַל און ר׳ לוין און ער דערמאָנט זיך אָן ר׳ משהלע ראַפּשיצער און אָן דעם בריוו, וואָס וויקטאָר האָט אים געגעבן.

יאַנקל שמייסער רייבט זיך מיט ביידע פויסטן די פאַרשלאָפענע אויגן.

ר׳ לוי טוט א שמייכל קוקנדיק אויף דעם פאַרשלאָפענעם יאַנקל. גלייכצייטיק דערפילט ער אָבער א מידקייט אין זיין גאַנצן לייב. ער דערמאָנט זיך אין זיין שטוב. זיין ווייב דבורהלע זיצט ביים טיש און וואַרט אויף אים. זיין בעט איז שוין אויפגעבעט. א זיסע שלעפעריגקייט נעמט אים אַרום. ער פילט, ווי די אויגן נעמען זיך ביי אים קלעפּן.

מיט די לעצטע כוחות מאכט ר׳ לוי אָן אָנשטרענגונג איבער זיין מידקייט און שטעלט זיך אויף. ער וויל נישט איינשלאָפן און ער ווייסט, אַז נאָך א מינוט און ער וועט אָנהייבן כראָפּען ווי יאַנקל.

— מען דאַרף זיך איבערגיין — טוט ער א שולדיקן שמייכל צו דעם פאַן מיכאַל.

שטעלט זיך דער פאַן מיכאַל אויך אויף און שמייכלט צוריק:

— יאָ, יאָ, ר׳ לוי, נישט קיין פריילעכע זאַך אַלט צו זיין.

ביידע אַלטע לייט נעמען דרעפּטשען מיט קליינע טריטלעך איבער־דער שטוב. זיי גייען אַריין אין די אַנדערע צימערן. און קומען אַריין אין דעם גרויסן זאַל, ווו אויף די ווענט זענען אויסגעהאַנגען די בילדער פון די אַלטע רבים מיט די קאַלפּאַקעס אויף די קעפּ און די זיידענע זשופּע־צעס, וואָס הילן איין זייערע גופים.

ר׳ לוי בלייבט שטיין און זיין אַלט מויל מורמלט:

— דער פּשיסכער, און דער קאָצקער, און ר׳ יצחקל וואָרקער... אוווא... אוווא...

דער אָנבליק פון די רבים דערמאָנט ר׳ לוין אָן עפּעס. ער נעמט זוכן אין די גרויסע ספרים־שענק.

— וואָס זוכט איר, ר׳ לוי? — פרעגט אים דער פּאַן מיכאַל.

— אַ סידור, אַ תהילים... — ענטפערט ר׳ לוי.

נעמען ביידע זקנים זוכן. עס דאַכט זיך זיי, אַז פון געפינען איצט דאָ אַ תהילים הענגט אָפּ זייער אַ סך. פול מיט ביכער אויף כלערליי לשונות זענען אָנגעפּאַקט די שענק, אָבער דאָס, וואָס זיי זוכן, איז נישט צו געפינען.

— נישטאָ אַ בלעטל שמות — טוט אַ קרעכץ ר׳ לוי.

ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול אַנטקעגן דעם פּשיסכער און הייבט אָן פון אויסנווייניק זאָגן פּסוקים פון תהילים.

ער זאָגט מיט אַ וויינענדיקן ניגון און דער פּאַן מיכאַל שטייט נעבן זיין שטול און זאָגט נאָך.

טרערן גיסן פון זייערע אַלטע אויגן און זיי אַליין ווייסן נישט, וואָס זיי באַוויינען, צי ר׳ משהלע ראַפּשיצער, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין גויאישע הענט, צי זייער אייגן לעבן.

דער וויינענדיקער תהילים־ניגון טראָגט זיך איבער די אויסגעליי־דיקטע שטיבער פון אַדאָלף בערס ווינונג, און רופט אַרויס אומהיימלעכע אָפּקלאַנגען.

ר׳ לוין דאַכט זיך, אַז די געשטאָרבענע רבים שטייען דאָ נעבן אים און אויך זיי זאָגן תהילים.

צעוויינט זיך ר׳ לויס קול נאָך העכער. ר׳ לוי קוקט אויף די ביל־

דער אויף די ווענט און עס קומט אים פֿאַר, אַז זייערע מײַלער באַוועגן זיך.

און ר׳ לוי ווײַנט פֿאַר זיי אויס מיט די פּסוקים פֿון תהילים זײַן אַלטקייט און דאָס צעטומלעניש פֿון גזשיבאָוו, און עס דאַכט זיך אים, אַז ער רעדט צו זיי, צו די גוטע ייִדן:

— זעט, זעט, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז...

— דער טאַטע דאַוונט — רופֿט זיך אָן לאַניא.

עפּשטיין טוט צום ערשטן מאָל אַ שאָקל צו איר. יאָ, ער, דער אַל־טער ר׳ לוי, טוט עפּעס. ער האָט אויך איצט געפֿונען עפּעס וואָס צו טון. און מיר? איך האָב דאָך צומאָל נישט די אילוזיע פֿון טון. איך זיץ און וואַרט. אויף וואָס? אויפֿן גורל, וואָס וועט באַלד אָנקלאַפּן אין טיר?

דניאל עפּשטיין איז אין דעם מאָמענט מקנא זײַן אַלטן שווער. ער וואָלט אויך געוואָלט זיך אַוועקזעצן מיטן תהילימל אין האַנט און אויס־זינגען דעם טרויעריקן ניגון.

ער ווייסט אָבער, אַז זײַן מויל איז פֿאַרשלאָסן:

— עס דאַוונט זיך נישט — טוט ער צו זיך אַ שמייכל.

און דעמאָלט קומט פֿאַר עפּשטיינען, אַז דאָס זאָגט מען איצט תהילים נאָך אַ טויטן. אָבער ווער איז דער מת? ווו איז ער? זענען מיר אַלע שוין שאָטנס, נאָך וועלכע מען דאַרף רופֿן אַלטע ייִדן, זיי זאָלן ליכט אָנצינדן און תהילים זאָגן?...

## קאפיטל 29

# דאָס געריכט גייט!

אדאָלף בער האָט זיך צוגעבויגן צו ר׳ משהלען. ער האָט געזוכט אין זיין פארגעסענעם יידיש עפּעס אַ גוט וואָרט, אַ וואָרט פון טרייסט און בארואיקונג, אָבער אין דעם אויגנבליק האָט זיך דערהערט אַ פייערלעכער אויסרוף:

— אויפשטיין! דאָס געריכט גייט!

אדאָלף בער האָט אַ שווייגנדיקער געהאָלפן ר׳ משהלען זיך אויפשטעלן. ער האָט באוויזן אַ קוק צו טון אויף זיין האנט־זייגער. צען אזייגער — האָט ער צו זיך אַ שמייכל געטון — פינף מינוט צייט האָט מען מיר געגעבן. נו, מירן נאָך זען...

דריי עלטערע אָפיצירן מיט גרויע קעפּ און פנימער אָנגעצויגענע און שטרענגע האָבן זיך שווייגנדיקע אויסגעזעצט ביים לענגלעכן טיש.

פון אַ זייטיקער טיר איז ארייגעקומען דער באשולדיקער פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאמאראָוו. ער האָט פריינטלעך געשמייכלט צו אדאָלף בערן, ווי צו אַן אַלטן פריינט. אדאָלף בער האָט זיך געמאכט נישט זען זיין שמייכל. אַ רויטער פּאַס איז ארויסגעטרעטן אויף זיין שטערן ווי שטענדיק, ווען ער האָט זיך געגרייט אָפּצורעכענען מיט זיין קעגנער.

די געוועגלעכע געריכטס־פּראָצעדור האָט זיך אָנגעהויבן. די ריכטער האָבן אויסגעפרעגט דעם אָנגעקלאָגטן זיין נאָמען, עלטער און באַשעפטיקונג.

— לייענט דעם באַשולדיקונגס־אקט — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט צו דעם ריכטער, וועלכער איז געזעסן אויף זיין לינקער זייט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אדאָלף בער אויפגעשטעלט פון זיין אָרט:

— איך בעט — האָט ער געזאָגט מיט אַ מאַטער שטימע — אָפּצו־לייגן דעם פּראָצעס.

— מיט וואָס באַגרינדעט איר אייער ביטע? — האָט דער פּאָרזי־צער געפרעגט, נישט קוקנדיק אויף דעם אַדוואָקאַט.

— איך באַגרינד מיין פאָדערונג, געערטע הערן ריכטער, — האָט אדאָלף בערס שטים אָנגענומען אַ קלאָרן מעטאַלענעם קלאַנג — דער מיט, וואָס עס איז מיר נישט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער אָנקלאַגע און צוגרייטן די פאַרטיידיקונג.

אדאָלף בער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, דער פּאָרזיצער האָט אים איבערגעריסן, ווענדנדיק זיך צום פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו:

— וואָס האָט איר צו זאָגן, הער באַשולדיקער?

פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט, אויפשטעלנדיק זיך, אַ צי געטון מיט דער פּלייצע מיט אַ מינע פון אַ מענטש, וואָס קען נישט צוריקהאַלטן זיין שטוינען:

— די באַהויפּטונג פון דעם געערטן פאַרטיידיקער — האָבן זיינע אויגן געקוקט מיט אַן אומשולדיקן שמייכל צו דער זייט פון אדאָלף בערן — האָט מיך ווירקלעך איבעראַשט. איידער דאָס געריכט האָט זיך אָנ־געהויבן, האָט דאָך דער פאַרטיידיקער געהאַט די מעגלעכקייט נישט בלויז זיך צו באַקענען מיט דער באַשולדיקונג, נאָר אויך פריי זיך צו פאַרשטענדיקן מיטן אָנגעקלאָגטן...

— דו, מנוול איינער! — האָט אדאָלף בער דערפילט אין זיך עפּעס אַ ליידנשאַפטלעכע לוסט צוצוגיין צו קאַמאַראָוון און אָנצושפּייען אין זיין גוטמוטיק צעשמייכלט פּנים.

אדאָלף בער האָט אַ לענגערע ווײַלע געקוקט אויף דעם פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו און אין דעם בליק אַריינגעלייגט אַזאַ פאַראַכטונג און עקל, אַז קאַמאַראָוו איז מיטאַמאָל בלייך געוואָרן און אָפּגעקערט זיין קאָפּ. ערשט דאַן האָט אדאָלף בער גענומען רעדן:

— הערן ריכטער, — האָט ער אָנגעהויבן — עס איז מיר שוין אויסגעקומען אין דעם זאַל זיך צו באַגעגענען מיט פאַרשידענע באַשול־

דיקער, אָבער איך מוז זאָגן, אז צום ערשטן מאָל קומט מיר אוים זיך צו טרעפן היינט דאָ מיט אַ באשולדיקער, וועלכער דערלויבט זיך דאָ אין אייערע אויגן, הערן ריכטער, צו טרייבן חוזק פון געריכט!...

די ריכטער האָבן מיט פארכמורעטע בליקן געקוקט איינער אויף דעם אנדערן. די הענט פון פּאָלקאָווניק קאמאראָוו האָבן נערוועזע זיך געפּאָר־קעט מיט די פאפירן אויפן טיש. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן, קאמאראָוו, און ער האָט בלויז געסיקעט צווישן די ציין:

— אזאַ הינטישער זשיד!... ער נעמט זיך גאָר אָן דעם כבוד פון געריכט!...

— יאָ, הער פּאָלקאָווניק קאמאראָוו, — האָט אדאָלף בער צוגעשלאָגן זיין צעמישטן קעגנער — אזוי פירט מען נישט קיין ערלעכן קאמף. נישט מיט חוזק־טרייבן פון געריכט העלפט מען דער גערעכטיקייט. און צי איז עס נישט אַ חוזק פון געריכט, ווען מען דערלאָזט נישט דעם פּאַרטיידיקער זיך צו באקענען מיט דער באשולדיקונג, נאָר פינף מינוט, איר הערט, חשובע הערן ריכטער, גענוי פינף מינוט פארן פּראָצעס פירט מען מיך אריין אין אָט דעם זאל, וווּ איך טרעף מיין קליענט אונטער אַ שטרענגער וואך און איידער איך באַוויַיז ארויסצורעדן עטלעכע ווער־טער מיט אים און זיך צו באקענען מיט דער באשולדיקונג, הויבן זיך אָן די געריכטס־פארהאנדלונגען...

— איך פּראָטעסטיר ווי אמשארפסטן קעגן דער אומדערהערטער אינסינואציע פון דעם הער פארטיידיקער, אז די באשולדיקונג טרייבט חוזק פון געריכט — האָט פּאָלקאָווניק קאמאראָוו מיט עמפּערונג אוים־גערופן — דאָס איז...

— איך צי צוריק מיינע ווערטער, און איך בעט ביי אייך אנט־שולדיקונג, הער באשולדיקער — האָט אדאָלף בער מיט אָן איבערגעטרי־בענער העפלעכקייט אראָפּגעבויגן זיין זילבער־קאָפּ פאר דעם פון דער־שטוינונג אנטשוויגן געוואָרענעם פּאָלקאָווניק קאמאראָוו, וועלכער האָט מיט אַ טריומפירנדיקן שמייכל זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט, טראכ־טנדיק:

— ער האָט זיך דערשראָקן, דער זשיד...

אדאָלף בער האָט מיט זיין האנט אַ פּאָר געטון איבער זיין זילבער־קאָפּ, ווי שמענדיק, פארן דערלאַנגען אַן אומגעריכטן קלאַפּ זיין קעגנער און פאַרגעזעצט:

— יאָ, איך באדויער אויפריכטיק מיין וואָרט וועגן חוזק, אָבער, געערטע הערן ריכטער, אויב נישט קיין חוזק, פארוואָס האָט מיין חשובער קעגנער נישט גענומען אין אכט מיינע פילמאָליקע ווענדונגען מיר אין דער צייט מיטצוטיילן די באשולדיקונג? און פארוואָס האָט ער דאָ גאנצע צען מינוט מיט מיר געשמועסט וועגן דעם, אז ווארשע איז א שיינע שטאָט, אנשטאט מיך גלייך ארייננצופירן צו דעם באשולדיקטן? איך האָב דערויף נאָר איין ענטפער און איך האָף, אז איר, הערן ריכטער, וועט מיט מיר איינשטימען, אז מיין ענטפער איז א ריכטיקער...

אדאָלף בער האָט מיט א האסטיקער באוועגונג אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו קאמאראָוון און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן, אקצענטירט יעדעס וואָרט:

— עס זעט אויס, הער באשולדיקער, אז איר זענט אליין אזוי נישט זיכער און אַז איר אליין גלויבט נישט אין דער באשולדיקונג, און איר האָט איינפאך מורא געהאט, אז איך זאָל דאָס וויסן און נישט פאָדערן גלייך מבטל צו מאכן דעם פּראָצעס קעגן מיין קליענט!...

פּאָלקאָווניק קאמאראָוו האָט נערוועז געקלאפּט מיט א בליישטיפט איבערן טיש. ער האָט נישט געקענט קומען צו זיך פון דעם אומגעריכטן אַנגריף און אומזיסט געזוכט מיט עפּעס וואָס אָנצולערנען דעם חוצפּה־דיקן זשיד, וואָס האָט די העזה אים, אַ פּאָלקאָווניק, פאַרצוואַרפן פחדנות:

— נישט קיין וואונדער, — האָט קאמאראָוו זיך געביסן די אונטערשטע ליפּ —, אז רוסלאַנד גייט אונטער... אז אזא יידל קען פּיסקעווען, אנשטאט צו באקומען שמיץ, איז עק וועלט...

— צו וועלכן אויספיר קומט איר אליזאַ, הער פארטיידיקער, — האָט דער געריכטס־פאָרזיצער אָנגעשטעלט זיין פארכמורעטן בליק אויף אדאָלף בערן. — איך בעט עס צו מאכן קורץ!

— איך קום צום אויספיר, הערן ריכטער, אז דער פּראָצעס דאַרף אָפּגעלייגט ווערן.

— זענט איר איינשטימיק דערמיט? — האָט דער פּאָרזיצער זיך געווענדט צו דעם פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו.

— הערן ריכטער — האָט קאַמאַראָוו זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש און געקוקט אויף די פּאַפּירן, וואָס זענען פאַר אים געלעגן — איך שעץ צו הויך די צייט פון געריכט, כּדי זיך אַריינצולאָזן אין פּאָלעמיקעס מיט דעם הער פאַרטיידיקער, וועלכער האָט, זעט אויס, זייער מורא פאַר דעם פּראָצעס און דעריבער וויל ער אים אָפּלייגן. די זיכערקייט פון אונדזער געליבט פאָטערלאַנד וואָלט געשטעלט געוואָרן אין געפאַר, ווען איר זאָלט דעם פּראָצעס אָפּלייגן...

— הערן ריכטער, — האָט זיך אַדאָלף בער א ריס געטון פון אָרט — קוקט אָן דעם רב און זאָגט, צי קען ער שטעלן אין געפאַר דאָס גרויסע און מעכטיקע רוסלאַנד?! הער באַשולדיקער...

דער געריכטס־פּאָרזיצער האָט אים שטרענג איבערגעריסן:

— איר האָט שוין אַלץ געזאָגט...

אַדאָלף בער האָט שווייגנדיק זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט.

דער פּאָרזיצער האָט זיך צוגעבויגן צו דעם ריכטער אויף רעכטס און נאָכדעם צו דעם ריכטער אויף לינקס. די באַראַטונג איז געווען א קורצע און דער פּאָרזיצער האָט מיט אַ מאָנאָטאָן, גלייכגילטיק קול געמאָלדן:

— דאָס געריכט האָט באַשלאָסן צו דערקלערן אָן איבעררייס אויף פופצן מינוט כּדי צו געבן דער פאַרטיידיקונג נאָכאַמאָל די מעגלעכקייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דעם אָנגעקלאָגטן.

אַדאָלף בער האָט טרויעריק געשמייכלט צוליב זיין נצחון איבער קאַמאַראָוון. ער האָט געוווּסט, אַז דער איבעררייס וועט אים פיל נישט העלפן. זיי וועלן איצט, האָט בער געוווּסט, נאָר קענען זאָגן, אַז די פאַרטיידיקונג האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן.

אַדאָלף בער האָט נאָר געוואָרפן אַן אויבערפלעכלעכן בליק אויף דעם באַשולדיקונגס־אַקט. ער האָט אָבער שוין פון דעם ערשטן בליק דערזען, אַז די באַשולדיקונג איז אַ זייער ערנסטע.

ער האָט די צייט געוואָלט אויסנוצן זיך צו פאַרשטענדיקן מיט ר׳

משהלע ראפשיצער. דאָס מאָל האָבן אים די ווערטער נישט געשטערט צו רעדן יידיש.

— רבי, — האָט אדאָלף בער שטיל גערעדט — איך מוז אייך, לײדער, זאָגן, אז אייער משפט איז שווערער, ווי כ׳האָב גערעכנט. עס איז סכנות נפשות...

— דאָס לעבן פון יעדן מענטש איז אין גאָטס האנט — איז ר׳ משהלע געווען רואיק.

— אפשר האָט איר עפּעס אָן עדות? — האָט אדאָלף בער זיך דער־מאָנט אָן בערטען.

— הימל און ערד זענען עדות — האָט ר׳ משהלע ארויסגערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט זיי דאָ נעבן זיך געהאט און געהערט זיי עדות זאָגן.

— רבי, — האָט אדאָלף בער נאָך שטילער גערעדט — אייער א שכנטע איז ביי מיר געווען...

— פּרייטיק פארנאכט האָט זי אונדז אריינגעפירט אין דער הייזקע — האָט ר׳ משהלע ווי צו זיך אליין גערעדט — זי האָט געהאט ערלעכע אויגן, די אשה...

— זי וויל גיין צו די גויים און זאָגן, אז זי איז שולדיק — האָט אדאָלף בער קוים הערבאר ארויסגערעדט — זי איז ביי מיר געווען...

ר׳ משהלע ראפשיצער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, ניין...

— אָבער זי פילט זיך שולדיק...

ר׳ משהלע ראפשיצער קוקט מיט א באפעלערישן בליק אויף אדאָלף בערן:

— זאָגט איר אין מיין נאָמען, — ר׳ משהלעס שטים קלינגט אָפּ מיט לויטערער קלאָרקייט — אז זי איז נישט שולדיק...

— אָבער זי וויל אייך, רבי, העלפן...

— העלפן קען אונדז אלע, דער פאָטער אין הימל — רעדט ר׳ משהלע מיט א מאָדנער זיכערקייט, ווען עס וועט זיין זיין רצון...

און ער גיט צו:

— און זאָגט איר, דער שכנטע מיינער, אז אויב זי וויל מיר

העלפן, זאָל זי זיין אַ מאַמע צו אירע קינדער. אנישט וועל איך אויבן קיין מנוחה נישט האָבן...

— רבי, — קוקט אדאָלף בער מיט שטוינען אויף ר' משהלען — איך וועל איר דאָס אַלץ זאָגן, אָבער איר דאַרפט נישט זיין פארצווייפלט. עס איז פּאָרט דאָ האָפענונג...

— אַז די שאַרפקייט פון דער שווערד ליגט אויף דיין האַלדז — רעדט ר' משהלע ווי צו זיך אליין — זיי זיך נישט מיאש פון רחמים... נאָר ווען די שווערד שניידט זיך איין אין האַלדז, זיי וויסן, אַז אַזוי איז ז יי ן רצון...

אדאָלף בער רעדט מער נישט. ער ווייסט, אַז דער ייד דאָ מיט דעם צעשלאָגענעם לייב נייטיקט זיך מער נישט אין מענטשלעכער טרייסט. ס'ערשטע מאָל טרעפט ער זיך אין צענטן פּאַוויליאָן מיט אַזאַ קליענט.

אדאָלף בער דערמאָנט זיך אָן די אַלע מענטשן, וועלכע ער האָט דאָ פאַרטיידיקט. פיל פון זיי זענען געשטאָרבן ווי העלדן, מיט געזאַנג אויף זייערע ליפּן. אָבער, ער, אדאָלף בער, וואָס האָט זיי, די העלדישע קעמפער, געזען אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן, האָט געפילט די פּאַרטאַיעטע שרעק, וואָס האָט פון זייערע אויגן אַרויסגעשריגן און וואָס האָט שטום געבעטן רחמים... עס איז געווען די שרעק פאַר דעם אומ־באַקאַנטן, וואָס אויף מענטשלעך לשון הייסט עס טויט...

אין די אויגן פון ר' משהלען האָט אדאָלף בער ד י שרעק נישט געזען. שרעקט ער זיך נישט פאַר דעם אומבאַקאַנטן, וואָס לויערט הינ־טער דעם פינצטערן פאָרהאַנג? זעט ער אפשר מיט זיינע אויגן שוין י ע נ ע זייט?

— אַזוי זענען געגאַנגען אונדזערע זיידעס צו די שייטערהויפנס פון דער הייליקער אינקוויזיציע, אַזוי...

אדאָלף בער האָט מער נישט געקענט טראַכטן. ווידער האָט זיך דער־הערט דער אויסרוף:

— דאָס געריכט גייט!

אדאָלף בער איז געשטאַנען און געקוקט אויף די אריינקומענדיקע ריכטער.

ער האָט איצט געפילט זיך פיל שטאַרקער און זיכערער. די רואי־קייט פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער האָט זיך אויך אויף אים איבערגעטראָגן. ער איז געווען גרייט צו דעם פאַרמעסט:

— ווען די שאַרפקייט פון דער שווערד ליגט אויף דיין האַלדז — האָט אַדאָלף בער איבערגעחזרט ר׳ משהלעס רייד — זיי זיך נישט מיאש פון רחמים...

אַדאָלף בער האָט אַ קוק געטון אויף דעם פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו און צו זיך געזאָגט:

— יאָ, דו, קאַמאַראָוו, פאָכעסט שוין מיט דער שווערד, אָבער איך בין נאָך נישט רעזיגנירט. מירן זען, צי דיין שווערד וועט נישט טעמפּ ווערן...

קאַפּיטל 30

# זיי דיך מודה

איינער פון די אָפּיצירן־ריכטער האָט גענומען לייענען מיט א גלייכ־גילטיק מאָנאָטאָן קול די באַשולדיקונג.

ר' משהלע ראַפּשיצער האָט א ווײַלע אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דעם לייענער. באַלד אָבער איז ער, קענטיק, מיד געוואָרן צו הערן די אומ־פאַרשטענדלעכע ווערטער. האָט ער צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דעם קליינעם סידורל, וואָס ער האָט געהאַט געפונען אין דעם טלית־זעקל פון מונקל־גרינעם סאַמעט.

זיינע ליפּן האָבן זיך קוים, קוים באַוועגן און ער האָט דאָס קליינע סידורל צוגעטראָגן האַרט צו זיינע אויגן.

די ריכטער זענען געזעסן אויף זייערע הויכע שטולן מיט האַלב־פאַרשלאָסענע אויגן און עס האָט זיך געדאַכט, אז זיי האָבן איינגעדרימלט פון דעם מאָנאָטאָנעם לייענען.

די זעלנער, וואָס האָבן, באַוואָפנטע, אַרומגערינגלט דעם באַשול־דיקטן, האָבן יעדעס מאָל מיט די פויסטן זיך געריבן די אויגן, כדי נישט איינצושלאָפן.

נאָר צוויי מענטשן האָבן אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צום לייענען. פאָלקאָוויק פּיאָטר קאַמאַראָוו איז געזעסן מיט א צוגעבויגענעם קאָפּ צו דער זייט פון לייענער און געשלונגען כמעט מיט פּיזישער הנאה יעדעס וואָרט פון דער באַשולדיקונג.

ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין אַרבעט, דער פאָלקאָוויק. ער אליין האָט די באַשולדיקונג געשריבן. ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף

זיינע צוהעלפער און סעקרעטארן. גאנצע נעכט איז ער געזעסן, געטרונ־קען שווארצע קאווע, געמישט מיט קאניאק, און געשריבן, און נאך מער ווי געשריבן, האט ער געמעקט דאס אנגעשריבענע. ער האט שווער גע־הארעוועט. אבער עס איז ווערט געווען. איצט איז די באשולדיקונג א מייסטער־ווערק. גענעראל יאנושקעוויטש האט עס אים בפירוש געזאגט.

ער האט שוין פיל מאל איבערגעלייענט זיין מייסטער־ווערק, דער פאלקאווניק קאמאראוו, אבער ער איז קיינמאל נישט מיד נאכאמאל עס צו הערן לייענען. יעדעס מאל אנטדעקט ער נייע שיינקייטן אין זיין ווערק און קען זיך אליין נישט גענוג אפוואונדערן פון זיינע טאלאנטן.

אויך איצט שמייכלט צו זיך פאלקאווניק קאמאראוו:

— יא, יא, דאס האב איך טאקע אליין געשריבן, איך... נו, בין איך נישט א חברה־מאן!...

קאמאראוו טוט א קוק אויף אדאלף בערן און שמייכלט צו אים:

— הא, וואס ועסטו איצט זאגן, זשידאווסקע אדוואקאטל!...

אדאלף בער איז געזעסן מיט דער גאמבע אנגעשפארט אויף זיין האנט און זיך צוגעהערט צו דעם מאנאטאנעם לייענען.

זיין פנים איז געווארן וואס אמאל ערנסטער. ער האט נאך דערוויל נישט געהערט אין דער באשולדיקונג דערמאנען מיט איין ווארט די זינד פון דעם ארעסטירטן ר׳ משהלען... דערפאר אבער איז דארט ברייט און אויספירלעך געערדט געווארן וועגן דער גרויסער און הייליקער מלחמה, וואס רוסלאנד פירט און וועגן דעם גרויסן פאטריאטיזם פון גאנצן רו־סישן פאלק און דער העלדישקייט פון די ארמייען פון צאר באטיושקע.

דער שונא, איז אין דער באשולדיקונג ווייטער געזאגט געווארן, האט גוט געוווסט, אז אין ערלעכן אפענעם קאמף איז נישטא קיין שום מאכט, וואס קען זיך פארגלייכן מיט די זיגרייכע רוסישע חיילות און דעריבער האט ער גענומען גיין אופן וועג פון אלע פחדנים, צו דערלאנגען אונדזער פאטערלאנד מיט א מעסער אין רוקן. דערצו אבער האט דער שונא געמוזט האבן אינערלעכע פאררעטער, וואס זאלן אים העלפן.

פאלקאווניק קאמאראוו האט שטילערהייט נאכגעזאגט יעדעס ווארט פון דער באשולדיקונג און עס האט זיך אים געוואלט צוגיין צו אדאלף בערן און אים זאגן:

— עס הייבט זיך ערשט אָן, הער ווייטער...

און דער ריכטער האָט ווייטער געלייענט:

— נישט לייכט איז אָנגעקומען דעם שונא צו געפינען אין אונדזער פּאָטערלאַנד פאַררעטער. אַלע פעלקער און אַלע מענטשן לעבן גליקלעך און צופרידן און אַלע בענטשן אונדזער צאַר און זיינע העלדישע חיילות. נאָר איין שבט האָט זיך געפונען, וואָס האָט אויף זיך גענומען צו טון די פאַררעטערישע אַרבעט. דאָס איז דער יידישער שבט. טראָץ אַלע חסדים, וואָס זענען אים געטון געוואָרן, הערט ער נישט אויף צו פאַרראַטן זיינע וווילטעטער. זיי, די יידן, האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון שונא. זיי האָבן אויסגעגעבן אַלע אונדזערע סודות און צוליב זיי זענען אומגעקומען טויזנטער פון אונדזערע בעסטע זעלנער און אָפיצירן. מיר האָבן דאָס גוט געוווּסט, אָבער, ליידער, איז שווער געווען צו כאַפּן די פאַרברעכער ביי דער האַנט.

זיי זענען זייער כיטרע, די יידן, און אַנשטאָט מודה צו זיין זיך אין זייערע פאַרברעכנס און בעטן פאַרגעבונג, האָבן זיי גאָר פאַרשפּרייט אין אויסלאַנד ליגנס אויף אונדזערע חיילות און האָבן נאָך געהאַט די העזה זיך צו באַקלאָגן אויף כלומרשטע עוולות.

זיי האָבן געמיינט, די זשידעס, אַז עס וועט זיי אַזוי אָנגיין אויף אייביק און אַז זיי וועלן טאַקע בלייבן אומבאַשטראָפט.

זיי האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. נאָך לאַנגע אויספאָרשונגען איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אין דעם הויז פון דעם אַרעסטירטן ראַווין געפינט זיך די הויפּט־נעסט פון די פאַררעטער. אונדזערע זשאַנדאַרמען האָבן גענומען אויפן אויג די פאַרברעכער און זיי געוואָלט צוזאַמען אַרעסטירן. ליידער איז פיל פון זיי געלונגען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט צו אַנטלויפן און צו עפענען אַ שיסעריי אויף די זשאַנדאַרמען. דאַקעגן דעם שעף פון די פאַררעטער איז געלונגען צו פאַרהאַלטן, ווען ער האָט געגעבן צייכנס צו זיינע מיטהעלפער...

ער, דער ראַווין משהלע ראַפּשיצער, ווי זיינע אָנהענגער רופן אים, האָט אונדז געמיינט אָפּצונאַרן, פאַרשטעלנדיק זיך פאַר אַ גאָטספאָרכטיקן מאַן, וואָס ווייסט נישט מער ווי צו דאַווענען. אַזוי טאַקע האָבן אונדז יאָרן־לאַנג אָפּגענאַרט אַלע זשידאָווסקע רבנים, וועלכע האָבן אַלע

געדינט דעם שונא. צום גליק אָבער האָבן דאָס מאָל באַגלויבטע עדות געזען דעם אָנגעקלאָגטן געבן מיטביידע הענט צייכנס, און פון היינט אָן וועט די גאַנצע וועלט וויסן, אַז די יידן און זייערע רבנים זענען איין באַנדע פאַרברעכער און זיי דאַרפן אויך אַלע ווי פאַרברעכער באַהאַנדלט ווערן.

דער אָנגעקלאָגטער האָט דעריבער פאַרדינט די האַרבסטע שטראָף, וואָס וועט אפשר ווירקן אויף די אַנדערע יידן אָפּצושטעלן זייערע פאַרברעכערישע מעשים.

דאָס לייענען האָט זיך דערנענטערט צו ענדע. פּאָלקאָווניק קאַמאַ־ראָוו האָט אַ קוק געטון צו דער זייט פון דער באַשולדיקונגס־באַנק און פאַרביסן די ליפּן.

ר׳ משהלע איז געזעסן פאַרטיפט אין זיין סידורל און האָט אפילו נישט געהערט דאָס מייסטער־ווערק, איבער וועלכן ער, פּאָלקאָווניק קאַ־מאַראָוו, האָט געשוויצט גאַנצע נעכט. פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג:

— אַזוי זענען זיי, די זשידעס, — האָט קאַמאַראָוו געטראַכט — זיי וועלן קיינמאָל נישט מודה זיין, אַז איך האָב פאַרפאַסט אַ מייסטער־ווערק...

אַדאָלף בער האָט מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים:

— דאָס לעבן פון איין ייד איז פאַר זיי צו ווייניק — האָט ער געטראַכט — זיי גרייטן איצט די פּעטליע פאַר אַלע...

דאָס קול פון דעם ריכטער, וואָס האָט געלייענט די באַשולדיקונג, איז ענדלעך אַנטשוויגן געוואָרן און דער לייענער האָט מיט אַ טיכל זיך אָפּגעווישט דעם שוויים פון שטערן.

אין זאַל איז אריינגעטרעטן אַן אָנגעצויגענע שטילקייט. און אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט דראָענדיק אָפּגעקלונגען דאָס הילצערנע קול פון פּאָרזיצער, וועלכער האָט געפרעגט דעם אָנגעקלאָגטן:

— ביסט זיך מודה צו די באַגאַנגענע פאַרברעכנס?

ר׳ משהלע האָט זיך אומגעקוקט אומבאַהאָלפן, ווי ער וואָלט ביי עמיצן געזוכט שוץ.

אַדאָלף בער האָט זיך געווענדט צום געריכט:

— דער אָנגעקלאָגטער נויטיקט זיך אין אַן איבערזעצער און אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך עס טון.

— ביטע — האָט דער פּאָרזיצער געטון אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ.

אַדאָלף בער האָט ר׳ משהלען פּאַרטייטשט די פראַגע. ר׳ משהלע האָט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן געקוקט אויף די פאַרשלאָסענע פּנימער פון די ריכטער און ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון:

— עמץ ווייסט דאָך אַליין, אַז דאָס אַלץ איז ליגן...

אַדאָלף בער איז געבליבן זיצן פאַרשטיינערט. ער האָט געוווּסט, אַז מיט אַזאַ רעדן און אַזאַ באַליידיקן דאָס געריכט פּאַרציט ר׳ משהלע נאָך שטאַרקער די פּעטליע איבער זיין האַלדז און ער האָט געפּרוווט אָפּראַטעווען די לאַגע, זאָגנדיק צו ר׳ משהלען:

— נישט דאָס האָט מען אייך געפרעגט, רבי, דאָס געריכט וויל נאָר וויסן, צי איר זייט אייך מודה...

דער פּאָרזיצער האָט געטון אַ שטרענגן קוק אויף אַדאָלף בערן.

— פאַרוואָס זעצט איר נישט גלייך איבער?

אַ רעזיגנירטער האָט אַדאָלף בער אויסגעפירט דעם באַפעל. די קאַליר אויף די ריכטערס פּנימער האָט זיך געביטן ביי יעדן וואָרט, וואָס אַדאָלף בער האָט אַרויסגערעדט. פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט נישט גע־קענט באַהאַלטן זיין פרייד. דער פּאָרזיצער האָט שווער זיך אויפגעשטעלט און מיט דער גאַנצער מאַסיווקייט פון זיין קערפּער זיך איבערגעבויגן איבער דעם שטייענדיקן ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

— דו האָסט געוואַגט צו באַליידיקן דאָס געריכט!... — האָט דער ריכטער אַ דונער געטון.

ר׳ משהלע האָט רואיק פאַרנומען דאָס שרייען פון דעם ריכטער און מיט אַ גמרא ניגון גערעדט:

— הויכער שר, כ׳האָב דיך נישט געוואָלט, חלילה, באַליידיקן, נאָר דו ווייסט: עס איז דאָ איין שר, וואָס איז איבער אַלע שררות און אויך איבער דיר... דאָס איז דער שר פון אמת, און אים טאָר מען אוודאי נישט באַליידיקן... און נאָך זיי וויסן, גרויסער שר, אַז ווען אַ געריכט זעצט זיך צום משפּט, נידערט אַראָפּ די שכינה צו ריכטער־טיש — איז ווי

קען מען פֿאַרשעמען די הייליקע שכינה מיט ליגנערישע רייד, גרויסער־שר...

— אַ משוגענער, צי אַ הייליקער? — האָט דער פּאַרזיצער אָנגע־קוקט די אַנדערע צוויי ריכטער און ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו דעם אָנגעקלאָגטן:

— זעץ זיך!...

פֿאַלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט זיך געווענדט צום פּאַרזיצער:

— איך האָב עטלעכע פֿראַגעס...

— ביטע...

קאַמאַראָוו איז צוגעגאַנגען נאָענט צו ר׳ משהלע ראַפּשיצער מיט אַ גוטמוטיק צעשמייכלט פּנים און געפֿרעגט:

— איר זענט אַ צדיק? — דאָס וואָרט „צדיק" האָט קאָמאַראָוו אַרויסגערעדט מיט אַ לאַכעלע צו דעם ריכטער טיש.

— ניין, איך בין נישט קיין צדיק.

— זענט איר, הייסט עס, אַ פֿאַלשער ראַווין?

— דאָס האָב איך נישט געזאָגט...

אַדאָלף בער האָט זיך אַריינגעמישט:

— איר מיינט דערמיט צו זאָגן, רבי, אַז איר אַליין האַלט זיך נישט פֿאַר אַ צדיק, אָבער די קהלה באַטראַכט אייך פֿאַר איר ראַווין, ריכטיק?

— יאָ, אַזוי איז עס...

פֿאַלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט מיט אַ חוזק שמייכעלע גערעדט צו די ריכטער:

— מיין גויאישער קאָפּ קען נישט באַגרייפֿן די דריידלעך פֿון אָט די צוויי צדיקים...

— דאָס גלויב איך אייך, הער באַשולדיקער, אַז איר קענט נישט פֿאַרשטיין — איז אַדאָלף בער נישט שולדיק געבליבן אין ענטפֿער — כ׳זע, אַז מיין קליענטס רייד וועגן אמת האָבן געהאַט אַ ווירקונג...

— אָן פּאָלעמיקעס, מיינע הערן, איר האָט נאָך פֿראַגעס? — האָט אַ זאָג געטון דער פּאַרזיצער.

— יאָ, — האָט קאָמאַראָוו ווידער זיך געווענדט צו דעם אָנגע־

קלאָגטן — איר האָט דאָ אַזוי שיין זיך דערקלערט אין ליבע צום אמת, איז פאַר וואָס דערציילט איר נישט די הערן ריכטער, אַז איר האָט זיך פאַר מיר מודה געווען אין אַלע פאַרברעכנס און שפּעטער חרטה געהאַט.

ר׳ משהלע ראַפּשיצער האָט נישט געענטפערט. ער האָט מיט ביידע אויגן זיך איינגעגעסן אין קאַמאַראָווס פּנים און באַזונדערס לאַנג האָט זיין דערשטוינטער בליק זיך פאַרהאַלטן אויף קאַמאַראָווס קורצן שטערן.

עס איז געווען אין ר׳ משהלעס בליק עפּעס אַזוינס, וואָס האָט, נישט ווילנדיק, געצווונגען די ריכטער און אַדוואָקאַט בערן און אפילו די וועכטער נאָכצופאָלגן דעם אַנגעקלאָגטנס בליק.

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם פון אַלע־מענס בליקן. ער האָט נערוועז מיט דער האַנט זיך אַ וויש געטון דעם שטערן און מיט אַ שטרענגער שטימע געזאָגט:

— פאַר וואָס ענטפערסטו נישט און קוקסט אויף מיר...

— איך זע דעם שקר אויסגעקריצט אויף דיין שטערן, הויכער שר — האָט ר׳ משהלע רואיק געענטפערט.

ס׳ערשטע מאָל האָט אַ שמייכל זיך באַוויזן אויף די פאַרכמורעטע פּנימער פון די ריכטער און קאַמאַראָוו האָט בייז אַ זאָג געטון:

— איך האָב מער נישט קיין פראַגעס צו דעם פאַרברעכער...

— אָבער איך האָב וואָס צו פרעגן — האָט אַדוואָקאַט בער זיך אויפ־געשטעלט — אפשר קענט איר מיר זאָגן, הער ראַווין, ווי אַזוי האָט דער־הער פאַלקאָווניק — דאָ האָט בער מיט דער האַנט אַ וויַיז געטון אויף קאַמאַראָוון — געפּרוּווט אַרויסבאַקומען פון אייך, אַז איר זאָלט זיך מודה?

— ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאַפּיר און מיך געהייסן אונטערשרייבן.

— האָט ער אייך פאָרגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע?

— ניין, ער האָט בלויז געהייסן אונטערשרייבן.

— און איר האָט אונטערגעשריבן?

— ניין, איך האָב נישט געוואָלט זיך אונטערשרייבן אונטער אַ ליגן...

— האָט אפשר דער הער פאַלקאָווניק באַנוצט אויך אַנדערע מיט־

לען, כדי איר, הער ראווין, זאָלט זיך מודה זיין? האָט מען אייך געשלאָגן אין צענטן פּאַוויליאָן?

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַ שטעל אויף געטון דער פּאָרזיצער און שטרענג געזאָגט:

— איך באַזייטיק די פראַגע.

אַדאָלף בער האָט זיך אַ נויג געטון פאַרן ריכטער־טיש און ווייטער געפרעגט ר׳ משהלען:

— איז אפשר קענט איר מיר זאָגן, צי זענט איר גלייך נאָך דער אויספאָרשונג געווען שווער קראַנק?

— איך באַזייטיק די פראַגע.

— איז אפשר, ראווין, קען איך וויסן, צי מען האָט אייך בעת דער אויספאָרשונג געמוזט אָפּמינטערן מיט קאַלט וואַסער?

— איך באַזייטיק די פראַגע.

— וויפל מאָל, הער ראווין, איז צו אייך געקומען אַ דאָקטאָר און ווי האָט ער געפונען אייער צושטאַנד?

— איך באַזייטיק די פראַגע, הער פאַרטיידיקער — איז געוואָרן שטרענגער די שטים פון פּאָרזיצער.

— אויב אזוי — האָט אַדאָלף בער ווייטער גערעדט — וואָלט איך וועלן וויסן, הער ראווין, צי די ווונדן אויף אייער לייב זענען היינט צו טאָג שוין פאַרהיילט?

— הער פאַרטיידיקער — האָט דער פּאָרזיצער אים אָפּגעשטעלט — איך וועל מער נישט דערלאָזן אַזעלכע פראַגעס, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צום ענין.

— איך דאַרף מער נישט פרעגן — האָט אַדאָלף בער אַ שמייכל געטון צום פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוון און צוגעגעבן:

— דער זייער געערטער הער באַשולדיקער האָט דאָ געזאָגט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך מודה געווען און שפּעטער חרטה געהאַט. איך האָב דעריבער געוואָלט וויסן, צי מיט שלאָגן און פּייניקן האָט דער הער באַשולדיקער געמיינט אויסצופרעסן פון...

— הער פאַרטיידיקער, איר האָט מער נישט דאָס וואָרט! — האָט דער פּאָרזיצער אים אָפּגעשטעלט.

### אין שטורעם

— אָבער הערן ריכטער...

— זעצט אייך אויף אייער אָרט, הער פּאַרטיידיקער!

אַדאָלף בער האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער איז געווען צופרידן. דער באַשולדיקער, פּאַלקאָווניק קאָמאַראָוו, האָט אין געוויסע מינוטן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָנגעקלאָגטן, וועלכן דער פאָרזיצער מוז ראַטעווען פון אַ נישט אָנגענעמער לאַגע.

## קאפיטל 31

# עדות

— הער באַשולדיקער — האָט דער פּאָרזיצער זיך געווענדט צום פּאָלקאָווניק קאמאראָוו — זענען די עדות דאָ אין געריכט?

— יאָ, זיי וואַרטן, מיינע עדות — האָט קאָמאראָוו געענטפערט.

— הערן ריכטער! — האָט אַדאָלף בער זיך אויפגעשטעלט פון אָרט — איך בעט צו נעמען אין אַכט, אַז איך האָב אויך אַ ריי פּאַרטיי־דיקונגס־עדות.

— האָט איר זיי געבראַכט אין געריכט, הער פאַרטיידיקער?

— הערן ריכטער — האָט אַדאָלף בער פונאַנדערגענומען ביידע הענט — די טויערן פון דער ציטאַדעל־פעסטונג זענען פאַרשלאָסן פאַר מיינע עדות צום באַדויערן...

— צו אונדזער גליק... — האָט פּאָלקאָווניק קאָמאראָוו בייסיק צוגעוואָרפן.

— יאָ, איר האָט רעכט, הער פּאָלקאָווניק — האָט אַדאָלף בער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט כלומרשט צוגעשטימט צו קאָמאַ־ראָווס רייד — געוויס, איז עס פאַר אייך, הער פּאָלקאָווניק אַ גליק, וואָס מיינע עדות זענען איצט נישטאָ. זיי וואָלטן דאָך גלייך באַוויזן די לעכערלעכקייט פון אַלע אייערע באַשולדיקונגען און...

— צו דער זאַך, הער פאַרטיידיקער! — האָט אים דער געריכטס פּאָרזיצער איבערגעריסן — וואָס איז אייער פאַרשלאַג?

—איך בעט איבערצורייסן די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען אויף עט־

לעבע שעה לכל הפחות — האָט אדאָלף בער גערעדט — און מיר געבן א דערלויבעניש צו ברענגען אין ציטאַדעל די עדות פון דער פאַרטיידיקונג.

— וואָס דאַרפן אייערע עדות באַווייזן? — האָט געפרעגט איינער פון די ריכטער.

— מיינע עדות, הערן ריכטער, וועלן באַווייזן, אַז דער רב, וועמען דער הער פּאָלקאָווניק האָט אוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרברענגט אין לערנען די הייליקע יידישע ספרים און אין דאַווענען און אַז ער האָט נישט געקענט האָבן די מינדסטע אנונג וועגן די אַלע זאַכן, אין וועלכע ער ווערט באַשולדיקט!...

— איך בין קאַטעגאָריש קעגן איבעררייסן די געריכטס־פאַרהאַנדלונ־גען — האָט קאָמאַראָוו גערעדט — דער פאַרטיידיקער זוכט נאָר אַ מיטל אָפּצושלעפּן דעם פּראָצעס. זעט אויס, אַז ער האָט אַ גרונט מורא צו האָבן פאַר דעם אורטייל פון געריכט...

און קאָמאַראָוו האָט צוגעגעבן:

— די עדות פון דער פאַרטיידיקונג וועלן אונדז גאָרנישט געבן. מיר קענען גוט די זשידאָווסקע עדות, זייער „טאַלמוד" (תלמוד) דערלויבט זיי דאָך פאַלש צו שווערן פאַר אַ געריכט פון גויים, נישט ריכטיק, הער פאַרטיידיקער?...

— איך פּראָטעסטיר...

— איר האָט נישט דאָס וואָרט, הער פאַרטיידיקער.

די דריי ריכטער האָבן איינער צום אַנדערן צוזאַמענגעבויגן די קעפּ און דער פּרעזיצער האָט געמאָלדן:

— דאָס געריכט באַשליסט פאָרצוזעצן די פאַרהאַנדלונגען.

אַ הויכער שטאַב־אָפיציר איז געווען דער ערשטער עדות. ער האָט פאַרן געריכט געמאָלן אַ גרויל־בילד פון יידישן פאַרראַט. אַלע שטעט און שטעטלעך זענען פול מיט די יידישע פאַררעטער. קהל און די רבנים פירן אָן מיט דער אַרבעט.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ אזוי גענוי, הער מאַיאָר? — פרעגט דעם אָפיציר אדאָלף בער — אפשר וועט איר פאַרן געריכט דערקלערן די קוועלע פון אייערע אינפאָרמאַציעס?

דער אָפיציר קוקט פרעגנדיק אויף די ריכטער און דער פאָרזיצער קומט אים צו הילף, זאָגנדיק:

— איר זענט נישט פארפליכטעט צו ענטפערן, אויב עס איז אַ מיליטערישע געהיימניש.

— און אפשר איז נישט קיין מיליטערישע געהיימניש — קלינגט אָפּ אַדאָלף בערס שטים מיט בייסיקער איראָניע — צי האָט איר שוין געכאַפּט עמיצן פון קהל אָדער פון די רבנים ביי זייערע פארברעכנס, ווי איר דריקט זיך אויס?...

— געוויס, ענטפערט דער שטאַב אָפיציר — מיר האָבן נישט איינעם אויך באַשטראָפט...

— אַז איר האָט באַשטראָפט ווייס איך — באַטאָנט אַדאָלף בער יעדעס וואָרט — אָבער צי קענט איר אונדז זאָגן, אַז עס זענען פאָרגעקומען פראָצעסן קעגן די, וועלכע איר האָט באַשטראָפט?

— די פראַגע האָט נישט קיין שייכות צו דעם פראָצעס — מישט זיך אריין דער פאָרזיצער.

— עס האָט אַ שטאַרקע שייכות — פרוווט אַדאָלף בער פּראָטעסטירן.

— כ׳בעט מיט מיר נישט צו פאָלעמיזירן — רייסט אים איבער דער פאָרזיצער.

און דער אָפיציר דערציילט ווייטער, אַז די הויפּט־נעסט פון פאַרראַט האָט זיך געפונען אין דעם הויז פון דעם ארעסטירטן ראַווין, וועלכער ווערט איצט געמשפּט.

אַדאָלף בער גייט צו צו דעם עדות און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן, פרעגט ער:

— הער מאַיאָר, טוט אַ קוק אויף דעם מענטש, וועלכער זיצט דאָ אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און זאָגט מיר — איך דערמאָן אייך, אַז איר האָט געשוווירן צו זאָגן דעם אמת! — צי דערקענט איר אין אים דעם שרעקלעכן פאַרברעכער, וואָס אין זיין הויז האָט זיך געפונען די הויפּט־נעסט פון פאַרראַט?

— איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך קען אים — ענטפערט דער אָפיציר — איך האָב אָבער געהערט...

— געהערט! — האָט אַ דונער געטון אַדאָלף בער — הערן ריכטער, דער עדות האָט „געהערט", און פון דעם „הערן", ווייסט איר צו באַשולדיקן אַ מענטש, וועלכן איר זעט צום ערשטן מאָל און שיקן אים צו דער תליה!...

— אַלע זשידעס זענען ווערט די תליה... — סיקעט צווישן די ציין דער אָפיציר.

— איך דאַנק אייך, הער מאַיאָר, פאַר אייער אָפנהאַרציקייט — רעדט שוין אַדאָלף בער מיט אַ רואיקער שטים און ער ווענדט זיך צום געריכט — ניין, הערן ריכטער, איך האָב מער נישט קיין פראַגן צו אַ זאַ עדות, וואָס איז גרייט צו שיקן אַלע זשידעס צו דער תליה. איך בעט נאָר זיינע ווערטער אריינצוטראָגן אין פּראָטאָקאָל...

— הויכער געריכט — שטעלט זיך אויף דער באַשולדיקער — איך מוז ווי אַמשאַרפסטן פּראָטעסטירן קעגן דער גרינגשעצנדיקער באַציאונג פון דער פאַרטיידיקונג צו דעם עדות, וואָס האָט דעם כבוד צו טראָגן דעם מונדיר פון אונדזער העלדישער...

— איר וואָלט בעסער פּראָטעסטירט, הער פּאָלקאָווניק, קעגן די, וואָס פאַרשוועכן דעם אָפיצירן־מונדיר מיט זייערע...

— גענוג, הער פאַרטיידיקער! — שטעלט אים אָפּ דער פּאָרזיצער — איך האָב עטלעכע מאָל שוין געמוזט אייך אָפּשטעלן און איך וואָרן אייך, אַז איך וועל זיין געצוווּנגען אָנצונעמען דיסציפּלינאַרע מיטלען...

אַדאָלף בער האָט זיך שווייגנדיק פאַרנויגט פאַר די ריכטער און זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט געשטעלט דעם עדות נאָך אַ ריי פראַגן. אויך דער פּאָרזיצער האָט געהאַט פראַגן צו דעם ערשטן עדות. נאָר אַדאָלף בער האָט אָפּגעקערט זיין געזיכט פון ריכטער־טיש און האָט געקוקט אָן אַ זייט, ווי ער וואָלט מער נישט געוואָלט הערן דאָס עדות־זאָגן פון דעם שטאַב-אָפיציר.

ערשט צום צווייטן עדות האָט בער ווידער ארויסגעוויזן אַן אינטערעס.

אַ יונגער זשאַנדאַרמען־אָפיציר איז געשטאַנען פאַר דעם עדות־

שטענדער און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט די שבועה, וואָס דער פאַר־זיצער האָט פאָרגעלייענט.

דער אָפיציר איז געבליבן שטיין פאַרן ריכטער־טיש אויסגעצויגן ווי א סטרונע.

— דערציילט, ווי אַזוי איר האָט אַרעסטירט דעם אָנגעקלאָגטן — האָט דער פאָרזיצער צו אים געזאָגט.

— איך האָב באַקומען אַ באַפעל — האָט דער עדות אָנגעהויבן — צו נעמען מיינע מענטשן און ארויסגיין מיט זיי אויף דער וואך אין דער געגנט פון אָנגעקלאָגטן, און צו פאַרהאַלטן אַלע פאַרדעכטיקטע פאַרשוי־נען. כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט, האָב איך און מיינע צו־העלפער, זיך באַהאַלטן אין שכנותדיקן וועלדל. עס איז צוגעפאַלן אַ פינצטערע נאַכט. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט טריט.

— שטיין בלייבן! — האָב איך באַפוילן.

אנשטאָט צו בלייבן שטיין, האָבן מיר געהערט אַ לויפן. איך האָב געעפנט אַ פייער אויף די אַנטלויפנדיקע און זיי האָבן צוריקגעשאָסן. עס איז געווען אַזוי פינצטער, אַז עס איז שווער געווען נאָכצויאָגן די פאַר־ברעכער, און עס איז זיי געלונגען פאַרשווינדן צו ווערן אין דער פינצ־טערניש פון דער נאַכט.

— און וואָס איז ווייטער געשען?

— מיר האָבן געזען, ווי די פאַרברעכער זענען ארויס פון דעם ראַווינס הייזקע — האָט דער עדות פאָרגעזעצט — זענען מיר אריין אין הויף און האָבן אים אַרעסטירט אין דעם מאָמענט, ווען ער איז געשטאַנען און געגעבן צייכנס צו די פאַרברעכער.

— איר האָט גענוי געזען, ווי דער ראַווין האָט געגעבן צייכנס? — האָט דער פאָרזיצער איבערגעפרעגט.

— יאָ, — האָט דער זשאַנדאַרמען אָפיציר געענטפערט — ער איז געשטאַנען אויף דער וועראַנדע מיטן פנים צום גאָרטן און האָט געהאַלטן ביידע הענט אויסגעשפּרייט פאַר זיך און דערביי נאָך געמאַכט באַוועַ־גונגען מיט זיין גאַנצן קערפּער.

— האָט איר נאָר דעם ראַווין אַרעסטירט? — האָט געוואָלט וויסן אַ צווייטער ריכטער.

— ליידער, איז זיינע צוהעלפער געלונגען אין דער פינצטערניש צו אנטלויפן.

— האָט ער עפּעס גערעדט, דער ראווין, ווען איר האָט אים ארעס־טירט?

— וואָס האָט ער געזאָלט רעדן! — האָט דער עדות זיך צופרידן אַ ציפּ געטון די קורץ צוגעשוירענע וואָנצע — אַז כ'האָב אים געכאַפּט ביי דער האַנט, האָט ער געמוזט שווייגן.

— האָט איר פראַגן צו דעם עדות? האָט דער פּאָרזיצער זיך געווענדט צום באַשולדיקער.

— ניין, — האָט פּאַלקאָווניק קאָמאַראָוו מיט טריומף געענטפערט

— דער עדות האָט אזוי קלאָר פעסטגעשטעלט די שולד פון דעם אָנגע־קלאָגטן, אַז איך האָב מער נישט קיין פראַגע...

— און איך האָב גראַד יאָ וואָס צו פרעגן — איז אַדאָלף בער צוגעגאַנגען צום עדות־שטענדער — עס איז געווען פינצטער אין דער נאַכט, האָט איר געזאָגט?

— יאָ, זייער פינצטער...

— און איר האָט אין דער פינצטער נישט געקענט זען די פּאַרשוינען, וואָס האָבן נישט געפאָלגט אייער באַפעל זיך אָפּצושטעלן...

— אין אַזאַ פינצטערניש — האָט דער עדות געענטפערט — איז אוממעגלעך געווען עפּעס צו זען...

— אַזוי, — האָט אַדאָלף בער פריינטלעך געשמייכלט צו דעם יונגן זשאַנדאַרום — אַזש אזוי פינצטער איז אין דער נאַכט געווען?...

— יאָ, — יאָ...

— נו, אויב אַזוי, ווי זשע האָט איר אין אַזאַ פינצטערניש געקענט זען, אַז די פאַרברעכער זענען אַרויס פון דעם ראַווינס גערטנדל?!

אַדאָלף בער איז געשטאַנען אַ צעשמייכלטער איבער דעם צעטומלטן פון דער אומגעריכטער פראַגע זשאַנדאַרמען־אָפיציר און גערעדט צו אים:

— ענטפערט, ענטפערט...

— איך, איך — האָט דער עדות געשטאַמלט — כ'מיין, אַז ס'האָט זיך מיר געדאַכט...

— עס איז אַלזאָ נישט אמת, וואָס איר האָט פריער געזאָגט, אַז איר האָט געזען, נאָר עס האָט זיך אייך געדאכט...

— יאָ, געדאַכט...

— און איצטער ענטפערט מיר אויף אַ צווייטער פראַגע: אויב איר האָט נישט געזען, נאָר עס האָט זיך אייך בלויז געדאַכט, איז פאַר וואָס זענט איר נישט נאָכגעלאָפן די פאַרברעכער אין וועלדל, הגם איר האָט גוט געוווּסט, אַז זיי זענען דאָרט?

דער עדות איז געשטאַנען אַ באַדעקטער מיט שווייס און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

— אפשר, — האָט אדאָלף בער ווייטער געפרעגט דעם עדות — זענט איר נישט נאָכגעלאָפן די פאַרדעכטיקע פאַרשווינען אין וועלדל, ווייל איר האָט איינפאַך מורא געהאַט, דאַקעגן האָט איר גוט געוווּסט, אַז אין דעם הויף פון אָט דעם ראווין דראָעט אייך נישט קיין שום געפאַר?...

דער זשאַנדאַרמען־אָפיציר איז געוואָרן רויט אויפן פנים און עפּעס געשטאַמלט.

— איך פּראָטעסטיר! — האָט פאָלקאָווניק קאַמאַראָוו זיך אַ ריס געטון פון אָרט — דער פאַרטיידיקער וויל צעטומלען דעם עדות...

— איך באַזייטיק די פראַגע — האָט אויך דער געריכטס־פּאָרזיצער זיך ארייינגעמישט — און איך וואָרן אייך צום צווייטן מאָל, הער פאַר־טיידיקער.

— פאַרצייאונג, הערן ריכטער — האָט אַדאָלף בער זיך פאַרנויגט פאַר ריכטער־טיש — איך זע, ווירקלעך, אַז דער עדות האָט אַ שוואַכקייט לייכט צעטומלט צו ווערן.

— הער פאַרטיידיקער!... — האָט שטרענג אַ זאָג געטון דער פּאָרזיצער.

— איך וועל דעריבער זיין פאָרזיכטיקער — האָט אַדאָלף בער פאַרענדיקט — מיט מיינע ווייטערדיקע פראַגעס.

און ווענדנדיק זיך צום זשאַנדאַרמען־אָפיציר געפרעגט:

— וואָס האָט דער באַשולדיקטער רב געטון אויף דער וועראַנדע?

— ער האָט געגעבן צייכנס — האָט דער עדות געענטפערט.

## אין שטורעם

— צו וועמען?
— צו זיינע צוהעלפער.
— איר האָט עס אַליין געזען?
— יאָ.
— איר האָט עס געזען, כאָטש די נאַכט איז געווען א פינצטערע?
— כ׳האָב געזען... — האָט דער אָפיציר זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע.
— אפשר איז געשען א נס, — האָט אַדאָלף בער געשמייכלט — און די זון האָט מיטאַמאָל אויפגעשיינט אין מיטן דער נאַכט, כדי איר זאָלט קענען זען?...

דער עדות האָט געשוויגן און זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן.

— נו, — האָט ווייטער געפרעגט אַדאָלף בער — אויב איר האָט שוין יאָ אַזעלכע אויגן, וואָס זעען אין דער פינצטער, אפשר האָט איר אויך געזען די צוהעלפער פון דעם רבי?

— ניין, זיי האָב איך נישט געזען — האָט דער עדות געענטפערט.

— פאַרוואָס?

— עס איז געווען פינצטער...

אַדאָלף בער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט; און ווענדנדיק זיך צום געריכט, געזאָגט:

— הערן ריכטער, איך האָב נאָך איין פראַגע צו דעם דאָזיקן עדות, וועלכער באַזיצט אַזאַ מאָדנע ראיה.

און אומקוקנדיק זיך צום עדות, געפרעגט:

— האָט אייך עמיצער געהייסן ליגן זאָגן?!

— הער פאַרטיידיקער — האָט דער פאָרזיצער בייז אים אָפּגע-שטעלט — איר ווערט באַשטראָפט דיסציפּלינאַריש.

אַדאָלף בער האָט שוויגנדיק אראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געזאָגט נאָכהער:

— צו אַזאַ עדות האָב איך מער נישט קיין פראַגעס.

מיט וואַקלענדיקע טריט איז דער זשאַנדאַרמען־אָפיציר אַרויס פון געריכט־זאַל און דאָס אָרט ביים עדות שטענדער האָבן איינער נאָכן אַנדערן פאַרנומען זיינע געהילפן.

זיי האָבן מיט זייער עדות זאָגן נישט אַריינגעבראַכט קיין נייעס.

זיי האָבן זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי די טענות פון זייער שעף, דעם אָפיציר, און האָבן נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן, אַז זיי האָבן געזען, ווי דער אַרעסטירטער האָט געגעבן אין דער פינצטער צייכנס.

אַדאָלף בער האָט געפּרווט אויפווייזן, אַז זיי זאָגן ליגן, אַז קוים האָבן זיי אין דער פינצטערניש נישט געקענט זען דעם רבס בלומרשטע צוהעלפער, האָבן זיי דאָך נישט געקענט זען די צייכנס, וואָס ער גיט. פאַר די דאָזיקע באַמיאונגען האָט אים אָבער דער פאָרזיצער כסדר גע־רופן צו אָרדענונג און אים עטלעכע מאָל דיסציפּלינאַריש באַשטראָפט מיט געלט־שטראָפן.

אַדאָלף בער האָט נישט איינמאָל זיך געוואָלט אויפשטעלן און זאָגן:

— הערן ריכטער, איך קען מער נישט מיטמאַכן די דאָזיקע קאָמעדיע פון גערעכטיקייט. איר ווייסט דאָך פונקט ווי איך, אַז די אַלע עדות זאָגן ליגן און האָבן פאַלש געשווירן, אויב איר דערלאָזט צו אַזאַ חוזק־פּראָצעס, בין איך געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון דער פאַרטיידיקונג.

עס איז אים אָבער פאַרגעקומען, אַז ער וויל אַנטלויפן און איבער־לאָזן ר' משהלע ראַפּשיצער אַן איינזאַמען און עלנטן צו זיין גורל.

—מיין אָרט איז דאָ ביזן סוף — האָט אַדאָלף בער צו זיך געזאָגט און ווידער געפּרווט צודריקן די עדות צו דער וואַנט און פעסטשטעלן די פאַלשקייט פון זייערע באַשולדיקונגען.

איינמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ענדלעך האָט ער דערגרייכט זיין ציל. ער האָט פּלוצלינג אַ פרעג געטון איינעם פון די זשאַנדאַרם־עדות:

— האָט איר געוווסט, אַז דער אַרעסטירטער איז אַ ייד?...

— ווי דען... — האָט דער זשאַנדאַרם אָפּגעענטפערט מיט אַ לאַכעלע.

— און ווייל ער איז אַ ייד, האָט זיך אייך אויסגעדאַכט, אַז ער גיט צו עמיצן צייכנס, ריכטיק?

— ריכטיק, — האָט דער זשאַנדאַרם צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָרום אין אַזאַ פינצטערניש האָט איר אַלע גאָרנישט געזען,

נאָר אזוי ווי איר האָט געזען, אַז אַ ייִד שטייט מיט אויסגעשפּרייטע הענט אין דער הויך, האָט איר גערעכנט, אַז ער גיט צייכנס, ריכטיק?

— ריכ... — האָט דער זשאַנדאַרם נאָכאַמאָל אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

אין דעם אויגנבליק איז קאַמאַראָוו צו צו דעם עדות און מיט אַ באַפעלערישער שטים צו אים געזאָגט:

— איר ווילט זאָגן, אַז איר האָט ריכטיק געזען די צייכנס פון דעם אַנגעקלאָגטן, אמת?

— אמת — האָט דער זשאַנדאַרם געהאָרכזאַם צוגעשטימט.

— אַבער... — איז אַדאָלף בער אויפגעשפּרונגען.

דער פּאָרזיצער האָט אים געגעבן אַ צייכן צו שווייגן און געזאָגט:

— דער עדות האָט גענוג קלאָר אַלץ געזאָגט און עס האָט נישט קיין צוועק צו שטעלן אים ווייטערדיקע פראַגעס...

און ווענדנדיק זיך צום עדות צוגעגעבן:

— איר זענט מער דאָ נישט נויטיק...

אַדאָלף בער האָט אַ קוק געטון אויף ר׳ משהלען און געזען, ווי ער זיצט מיט די אויגן פאַרטיפט אין אַ ספר און זיינע ליפּן באַוועגן זיך שטיל, ווי עס וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר פאַר זיינע אויגן.

— אַלע עדות זענען אויסגעהערט געוואָרן — האָט דער פאָרזיצער געמאָלדן — און דאָס געריכט וועט איצט צוטרעטן אויסצוהערן די דער־קלערונגען פון דער באַשולדיקונג און פאַרטיידיקונג.

— געערטע הערן ריכטער, — האָט אַדאָלף בער נישט געוואָלט דורכלאָזן דעם לעצטן שאַנס — איך בין געצווונגען נאָכאַמאָל צו בעטן אָפּצולייגן דעם פּראָצעס. איך וועל ברענגען עדות, וואָס וועלן באַווייזן, אַז די נאַכט איז געווען אַזאַ פינצטערע, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו זען דעם באַשולדיקטן געבן כלומרשט צייכנס...

— דאָס געריכט האָט אייער פאַרשלאָג, הער פאַרטיידיקער, שוין אָפּגעוואָרפן — האָט דער פאָרזיצער געענטפערט — און זיך געווענדט צום פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו: — איר, הער באַשולדיקער, האָט דאָס וואָרט.

פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו האָט אָפּגעהוסט. ענדלעך איז גע־

קומען די גרויסע מינוט אין זיין לעבן. ער האָט געזען, ווי הינטער דער שטול פון פאָרזיצער האָבן זיך אוועקגעזעצט צוויי הויכע אָפיצירן פון גענעראַל־שטאַב.

פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט געוווסט, אַז די דאָזיקע צוויי אָפיצירן זענען די שליחים פון גענעראַל יאַנושקעוויטש און זיי וועלן אָפּגעבן אַ באַריכט פון יעדן וואָרט זיינעם. ער האָט זיך נישט געשראָקן. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט די ערע צו האָבן אַזעלכע חשובע צוהערער.

— עס זעט אויס — האָט פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו געטראַכט — אַז אין די גאָר הויכע פענצטער איז מען שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם פּראָצעס.

— איך מוז ווייזן, וואָס איך קען — האָט קאָמאַראָוו געטון אַ בליק צו דעם ריכטער־טיש און אָנגעהויבן זיין באַשולדיקונגס־רעדע.

## קאַפּיטל 32

# דער פאַרמעסט

— זייער געערטע הערן ריכטער — האָט פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו אָנגעהויבן זיין רעדע ביי אַ פייערלעכער שטילקייט — דער דאָזיקער טרויעריקער פּראָצעס קומט פאָר אין אַ שווערער גורל־צייט פון אונדזער פאָטערלאַנד. אַ נידערטרעכטיקער שונא האָט דערקלערט קריג אונדזער גנעדיקן הערשער און שוין חדשים לאַנג ווערן פאַרגאָסן טייכן בלוט פון אונדזערע בעסטע זין.

פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט געשילדערט אַ רירנדיק בילד פון דעם גרויסן פּאַטריאָטיזם, וואָס הערשט אין גאַנצן לאַנד. אַלע צאַנקערייען זענען פאַרגעסן געוואָרן. נישטאָ מער קיין אונטערשיידן צווישן אָרים און רייך, צווישן דעם פּויער און אדלמאַן, צווישן דעם אַרבעטער און דעם פאַבריקאַנט. אַלע האָבן נאָר איין פאַרלאַנג און איין תפילה: צו באַזיגן דעם שונא.

— און מיר וועלן אים באַזיגן, דעם נידערטרעכטיקן שונא! — האָט קאָמאַראָוו מיט דער פויסט אַ זעץ געטון אין טיש.

עס איז קיין שום צווייפל נישט, אַז מיר וועלן זיגן.

דער רעדנער איז געווען טיף גערירט פון זיינע אייגענע ווערטער. טרערן זענען אים געקומען אין די אויגן, ווען ער האָט געמאָלן אַ בילד פון דער גרויסער צוגעבונדנקייט און געטריישאַפט פון רוסישן פאָלק צו זיין גרויסן הערשער, דעם פון גאָט געזאַלבטן צאַר, וואָס איז אַ פאָטער צו יעדן מענטש און רק ער טראַכט צו מאַכן גרויס און מעכטיק אונדזער טייער און געליבט פאָטערלאַנד.

די טרערן האָבן געשטיקט דעם רעדנער אין האַלדז. האָט ער מיט אַ טיכל זיך געווישט דעם שוויים פון שטערן און שפּעטער דאָס טיכל אויך צוגעלייגט צו זיינע אויגן.

אַ לענגערע ווײַלע האָט ער געשוויגן און שפּעטער מיט גרויס פּאַטאָס אויסגערופן:

— הערן ריכטער, מיין שפּראַך איז צו אָרים אויסצודריקן די געפילן פון יעדן ערלעכן רוסישן מענטש אין דער איצטיקער צייט. אָבער איך ווייס, הערן ריכטער, אַז איר רעכנט זיך נישט מיט מיינע אומבאַהאָלפענע ווערטער, נאָר איר הערט אייך צו צו דער שטים פון מיין האַרץ און איר ווייסט, פּונקט ווי איך, אַז יעדער בירגער פון אונדזער לאַנד איז גרייט צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט...

— ביזן לעצטן טראָפּן בלוט — האָט אַדאָלף בער צו זיך אַ שמייכלגעטון און עס האָט אים באַהערשט אַ מאָדנער ווילן אויפצושטעלן זיך און צו זאָגן:

— זייער געערטע ריכטער, הערט זיך צו צום יעדן וואָרט פון דעם באַרעדעוודיקן באַשולדיקער, וועלכער האָט אָבער פאַרגעסן צו דערמאָנען אַזאַ גרויסן פּאַטריאָט, וועלכער איז, ווי באַקאַנט, איצט זייער באַשעפטיקט מיט טרייסטן אונדזער גנעדיקע האַרין, די קיסרינע פון הייליקן רוסלאַנד... זאָל איך אייך דערציילן עפּעס וועגן דעם?...

אַדאָלף בער האָט פאַרביסן די ליפּן און זיך בלויז אין געדאַנק פאָרגעשטעלט די פּנימער פון די ריכטער ביים הערן דערמאָנען דעם נאָמען פון „פּאָטערל ראַספּוטין".

— הערן ריכטער, — האָט טיף אָפּגעאָטעמט דער באַשולדיקער — איר ווייסט אַלע דאָס וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער ערד, אויף וועלכער מיר קעמפן איצט. איר ווייסט גוט, אַז די פּאָליאַקן האָבן נישט פאַרשטאַנען די גרויסקייט פון אונדזער גנעדיקן הערשער און זיי האָבן זיך געבונטעוועט און אויך באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף. פונדעסטוועגן איצט האָבן אויך זיי זיך געשטעלט הינטער דעם צאַר און קעמפן צוזאַמען מיט אונדז קעגן דעם פיינט.

פּיאָטר קאַמאַראָוו האָט אָפּגעהוסט און דאַן, טייטלענדיק מיטן פינגער צו ר' משהלע ראַפּשיצער, אויסגערופן:

— נאָר איין שבט איז פאַראַן אויף דער הייליקער ערד פון רוס־לאַנד, איין שבט, וואָס ברענט מיט פאַרברעכערישער שנאה צו אונדזער לאַנד און הערשער, אָט דאָ זיצט ער, דער פאָרשטייער און ראָווין פון דעם דאָזיקן שבט!...

קוקט זיך צו צו אים, צו דעם דאָזיקן ראָווין. אָט זיצט ער דאָ שעהען לאַנג אויף איין אָרט, שאָקלט זיך פרום, מאַכט דעם אָנשטעל פון דאַווענען, אָבער אין דער אמתן טראַכט ער נאָר פון ווייטערדיקע פאַרברעכנס. און אַזעלכע זענען זיי אַלע, אַלע זין פון דעם דאָזיקן פאַר־שאָלטענעם שבט!...

אדאָלף בער האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט:

— הערן ריכטער — האָט ער מיט בלייך־געוואָרענע ליפּן אָנגעהויבן.

— שמערט נישט! — האָט דער געריכטס־פּאָרזיצער אויף אים אַ בייזן קוק געטון.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט צופרידן אַ שמייכל געטון. אדאָלף בער האָט אים נישט געשוינט מיט זיינע כלומרשט איידעלע אָבער שפּי־זיקע באַמערקונגען. פּיאָטר קאָמאַראָוו האָט געוווסט, אַז ער קען זיך נישט פאַרמעסטן מיט דעם זשידאָווסקע אַדוואָקאַט. ער האָט דעריבער אדאָלף בערן פיינט באַקומען מיט דער שנאה פון אַ מענטש, וואָס פילט זיך נידעריק און געשלאָגן. ער וואָלט מיט גרויס פאַרגעניגן אויך אים, אדאָלף בערן, אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און אָנגעע־לערנט דעם זשיד דרך־ארץ... ער איז געווען צופרידן צו זען, אַז זיינע ווערטער, וועגן דעם פאַרשאָלטענעם יידישן שבט, האָבן זיין קעגנער ווי געטון.

פּיאָטר קאָמאַראָוו האָט מיטן פּנים זיך אויסגעדרייט צו אדאָלף בערן און מיט אַ פרום שמייכעלע געזאָגט:

— גלויבט מיר, הער פּאַרטיידיקער...

— ווי אַזוי זאָל איך אייך גלויבן, — האָט אים אדאָלף בער איבער־געריסן — אַז איר אַליין גלויבט נישט אין אייערע אייגענע רייד!...

דער געריכטס־פּאָרזיצער האָט זיך אויפגעשטעלט שווער פון זיין אָרט און קוקנדיק אויף אדאָלף בערן געזאָגט:

— איר, הער פּאַרטיידיקער, דערלויבט אייך שוין צופיל און רעכנט

זיך נישט מיט די פילע וואָרענונגען פון געריכט. איך מיין, אַז דאָס געריכט וועט זיין געצוווּנגען אייך צו באַזייטיקן פון פּראָצעס.

— דאַרף איך פאַרלאָזן דעם זאַל — האָט אַדאָלף בער זיך אויפ־געשטעלט פון אָרט און אָנגעהויבן צוזאַמענעמען זיינע פּאַפּירן.

אַדאָלף בער איז געווען צופרידן פון דעם אינצידענט. אויב דאָס געריכט באַזייטיקט אים, וועט מען מוזן אָפּלייגן דעם פּראָצעס, כדי צו באַשטימען אַן אַנדערן פאַרטיידיקער.

און וועגן דעם איז אַדאָלף בערן געגאַנגען:

— נאָר אָפּלייגן, נאָר אָפּשטופּן... — האָט ער געטראַכט.

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט אָבער פאַר קיין פּרייז נישט געוואָלט אָפּלייגן דעם פּראָצעס. ער האָט געהאַט אַ קלאָרן און שטרענגן באַפעל פון גענעראַל יאַנושקעוויטש צו דערפירן דעם פּראָצעס ביזן סוף אין איין נאַכט.

— געערטע הערן ריכטער — האָט קאָמאַראָוו געזאָגט — איך אַפּעליר צו אייך נישט אָנצונעמען דאָס שטרענגסטע מיטל קעגן דעם פאַרטיידיקער און נישט באַזייטיקן אים פון דעם פּראָצעס. איך וויים, אַז איר, הערן ריכטער, מעגט מיט רעכט אים באַשטראָפן, אָבער אין דעם פאַל וועט די שטראָף נאָר זיין אַ געווינס... איך האָב דעם איינ־דרוק, אַז דער פאַרטיידיקער וויל באַזייטיקט ווערן פון פּראָצעס, זעענדיק, אַז ער וועט פאַרשפּילן... איך וואָלט נישט געוואָלט הערן, אַז דער באַשולדיקטער איז נישט ווי געהעריק פאַרטיידיקט געוואָרן...

די ריכטער האָבן זיך אַ ווײַלע צווישן זיך באַראַטן און דאַן געמאָלדן, אַז אַדאָלף בער קען פאָרזעצן די פאַרטיידיקונג.

אין דעם אויגנבליק האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער אויפרייס און באַלד דערנאָך האָט אַ פינצטערניש איינגעהילט דעם געריכטס־זאַל.

דער אויפרייס איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז איינער פון די ריכטער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער שטול. אין די ערשטע מינוטן איז גרויס געווען דער טומל. מען האָט געמיינט, אַז אַ באָמבע איז געפאַלן אין דער געביידע.

אַדאָלף בער האָט אין דער פינצטער צו זיך געשמייכלט:

— אפשר וועט איצט אָפּגעלייגט ווערן דער פּראָצעס.

די ריכטער זענען געווען גרייט אָפּצולייגן דעם פּראָצעס, נאָר די אָפיצירן פון גענעראַל־שטאַב, וועלכע זענען הינטער זיי געזעסן, האָבן איינגערוימט דעם פּאָרזיצער:

— כ׳האָב אַ באַפעל נאָך היינט צו פאַרענדיקן...

האָט מען אויף דעם טיש אָוועקגעשטעלט גרויסע ליכט, וואָס האָבן געוואָרפן אַ שוואַכן שיין אויף דעם זאַל.

אַ לענגערע ווײַלע האָבן זיך די מענטשן געשושקעט וועגן דער באָמבע:

— אַ צעפּעלין האָט געוואָרפן אַ באָמבע אויפן ציטאַדעל — האָט מען צווישן זיך שטיל גערעדט — ווער ווייסט, וואָס עס וועט נאָך זיין...

פאָלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו האָט פאַרגעזעצט זיין רעדע. ער האָט גערעדט וועגן יידן. אַ פאָלק, וואָס ווייסט נישט פון קיין דאַנקבאַרקייט צו זיינע ווויילטעטער. אפילו צו זיי, די אומגלויביקע, איז גוט די מאַמע רוסלאַנד. אפילו צו זיי איז דער גנעדיקער צאַר אַ געטרייער פאָטער. זיי זענען געוואָרן רייך אין רוסלאַנד. די גרעסטע באַנקירן זענען זיי, און די גרעסטע מסחרים מאַכן זיי. זיי נאָגן אוים דעם מאַרך פון די ביינער פון דער אָרימער קריסטלעכער באַפעלקערונג. זיי זענען אָבער קיינמאָל נישט צופרידן. זיי ווילן באַהערשן די גאַנצע וועלט און אומברענגען אַלע גוטע און געטרייע קריסטן. און זיי ווייסן, אַז דער צאַר וועט דערצו נישט דערלאָזן. דעריבער מאַכן זיי פאַרשווערונגען, רופן ארוים בונטן און אָרגאַניזירן אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס.

נישט קיין וווּנדער, וואָס טיילמאָל פּלאַצט אונדזער געדולד און דעמאָלט הויבן זיי גאָר אָן, די יידעלעך, צו וויינען און צו קלאָגן, ווי זיי וואָלטן נישט געווען שולדיק אין אַלע צרות...

פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט אויפגעהויבן זיין שטים. איצט האָט ער שוין געדונערט: וואָרום קען מען שווייגן אַז מען זעט פאַרברעכערס פאַרמעסטן זיך אויף אונדזער שטאָלץ און אונדזער רום — דער אַרמיי.

פאָלקאָווניק קאָמאַראָוו האָט געמאָלן אַ גרויל־בילד פון יידישן פאַרראַט.

— אונדזערע סאָלדאַטן — האָט קאָמאַראָוו אויסגערופן — זענען אָדלערס אין אָפענעם און ערלעכן קאַמף, אָבער פאַר פאַררעטער מוזן מיר

זיי שיצן. און אַט זיצט ער פאַר אייך דער הויפּט פון די פאַררעטער. זיין שולד איז קלאָר באַוויזן געוואָרן. איך פאָדער דעריבער פון אייך, הערן ריכטער, אין נאָמען פון דער גערעכטיקייט און אין נאָמען פון אונדזער העלדישער אַרמיי, די העכסטע שטראָף פאַר אַט דעם פאַר־ברעכער.

— הערן ריכטער — האָט קאַמאַראַוו גערעדט מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט — איך פאָדער פאַר דעם פאַררעטער אַ טויט־אורטייל. זאָל ער אויף דער תּליה אָפּקומען פאַר זיינע מוראַדיקע זינד, זאָל זיין תּליה זיין אַ וואָרענונג צו אַלע שונאים פון אונדזער פאָטערלאַנד!...

אין זאַל איז געוואָרן שטיל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער האַלב־טונקלקייט שאָטענען זיך עפּעס פון אַ ווינקל אַרום די שוואַרצע פליגל פון מלאך המוות.

אַדאָלף בער האָט אין דעם האַלב־טונקל געקוקט אויף ר' משהלע ראַפּשיצער. ער האָט געהאַלטן שוין פאַרמאַכט דאָס ספר. אין האַנט און זיינע אויגן זענען געווען פאַרקוקט אין אַזעלכע ווייטקייטן, וואָס האָבן, דאַכט זיך, שוין נישט קיין שייכות מיט דעם זאַל, און מיטן פּראָצעס און מיט די ריכטער, און מיט זייער אָנטייל.

— ער באַלאַנגט שוין צו יענער זייט — איז אַדאָלף בערן דורכגע־לאָפן אַ געדאַנק.

ער האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט די מחשבות:

— ניין, ניין, — האָט ער צו זיך געזאָגט — איך טאָר אַזוי נישט טראַכטן. ער מוז לעבן, ער מוז!...

אַזוי האָט אַדאָלף בער יעדעס מאָל צו זיך געזאָגט, ווען ער האָט באַדאַרפט האַלטן זיין פאַרטיידיקונגס־רעדע.

אַדאָלף בער האָט אַ קוק געטון צום ריכטער־טיש. די פּנימער פון די ריכטער זענען געווען פאַרכמורעט און פאַרשלאָסן.

אַדאָלף בער האָט דערפילט אַ טרוקנקייט אויף דער צונג. אַזוי פילט ער יעדעס מאָל, איידער ער הייבט אָן רעדן.

דער פּאָרזיצער האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיין קאָפּ און געווענדט זיין בליק אויף דעם פאַרטיידיקער און אַדאָלף בערן איז פאָרגעקומען, אַז מיט דעם דאָזיקן בליק זאָגט צו אים דער ריכטער:

— מאַך עס שנעל!... צוליב עפּעס אַ זשיד איז אַ שאָד צו פּטרן אַ נאַכט!...

אַ געפיל פון טראַציקייט האָט באַהערשט אַדאָלף בערן. זיינע אויגן האָבן געקוקט גלייך אויף די פאַרשלאָסענע פּנימער פון די ריכטער און צו זיי ווי געזאָגט:

— איר וועט היינט מוזן אויסהערן פיל נישט אנגענעמע זאַכן, מיינע הערן!...

אַ שטאַרק ליכט האָט מיטאמאָל אַ בלענד געטון אַדאָלף בערס אויגן. די אויסגעלאָשענע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן זיך צוריק אָנגעצונדן. אַ העלע ליכטיקייט האָט אַרומגענומען דעם קליינעם געריכטס־זאַל. די מענטשן האָבן געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן מיט פאַרווונדערטע אויגן, ווי זיי וואָלטן ס'ערשטע מאָל אין לעבן זיך געזען.

אַדאָלף בערס בליקן האָבן זיך לענגער פאַרהאַלטן אויף דעם אָפענעם פולן פּנים פון פּאָלקאָווניק פיאָטר קאָמאַראָוו.

אַ צופרידענער שמייכל איז געווען אויסגעגאָסן אויף דעם פּנים. קאָמאַראָווס אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך רואיקע, זיכערע, גוטמוטיקע.

— אַ גוטמוטיקער מערדער — האָט אַדאָלף בער דערפילט אַ קאַלטע שנאה צו דעם באַזיצער פון די דאָזיקע רואיקע און גוטמוטיקע אויגן.

— ביטע, הער פאַרטיידיקער — האָט דער פאָרזיצער זיך פאַר־שטעלט מיט דער האַנט דאָס מויל און געטון אַברייטן געניץ.

אַדאָלף בער האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ רואיקער און באַהערשטער האָט ער מיט זיין בליק אַרומגענומען דעם זאַל.

שטיל, קוים הערבאַרע, קומען אַרויס די ערשטע ווערטער פון זיין מויל. עס דאַכט זיך, ווי דאָס קול פון אַדאָלף בערן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַ הויכן באַרג. דאָס קול באַמיט זיך אַרויפצוקלעטערן אויף דעם באַרג, נאָר פאַלט צוריק אין אָנמאַכט. די ריכטער בויגן צו זייערע קעפּ, כדי בעסער צו הערן. דער באַשולדיקער פאַרוואָרפט אַ צופרידענער דעם קאָפּ אויף אַ זייט, שפּאַרט מיט דער האַנט אונטער זיין גלאַטע גאָמבע און טראַכט:

— איך האָב אים פאַרמאַכט דאָס מויל!...

קאָמאַראָוו פאַרגעסט אין דעם מאָמענט אן אַלעם, וואָס האָט אים

געבראַכט אין דעם זאַל. ער לעבט איצט נאָכאַמאָל איבער זיין גרויסן רעדנער־טריומף און ער קוקט מיט אַ רחמנות בליק אויף זיין קעגנער.

מיטאַמאָל ציטערט ער אויף. ער דערפילט אַ ווייטיק אין אונטערשטן טייל פון קאָפּ, ווי פון אַן אומגעריכטן האַמער־זעץ. ער פּרוווט מיט דער האַנט אָנרירן דאָס אָנגעווייטיקטע אָרט, אָבער אין דעם אויגנבליק קומט אים פאָר, אַז עס פאַלן אויף אים קלעפּ פון אַלע זייטן, קלעפּ מוראדיקע, וואָס באַטויבן און צעמישן...

קאָמאַראָוו כאַפּט אויף אַ וויילע דעם אָטעם. די האַמער־קלעפּ האָבן אויפגעהערט. ער גלייכט זיך אוים אויף זיין שטול, נאָר אָט דערפילט ער אַ ווייטיקלעכן שטאָך, וואָס דרינגט אריין אַלץ טיפער אין זיין לייב. קאָמאַראָוו פארבייסט די ליפּן נישט צו שרייען פון ווייטיק. ער קאָרטשעט איין זיין לייב. ער וויל ווערן אַזוי קליין און נישט אָנזעעוודיק, אַז די שטעכיקע שפּיז זאָל צו אים מער נישט טרעפן. און ער דערפילט מיט־אַמאָל טויזנטער שטעך איבער זיין גאַנצן לייב, וועלכע רייצן זיך מיט אים, פארשווינדן אויף אַ וויילע, כדי אין אַ מינוט שפּעטער נאָך טיפער זיך צו קענען איינעסן אין זיין לייב.

מיט אויסגעשפּרייטע הענט שטייט איבער אים אַדאָלף בער. ער רעדט נישט. נאָר פון זיין מויל קאַלערן זיך ארוים דונערן, צונויפגעמישט מיט בליצן, און אַלע פאַלן זיי מיט אַ סטיכישער קראַפט אויפן שלאַבדיק געוואָרענעם לייב פון פאָלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו.

— ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן, הערן ריכטער, — זאָגט אַדאָלף בער — געפין איך זיך אין אַ לאַגע נישט צו קענען פארטיידיקן אַ מענטש, וועלכן דער באַשולדיקער האָט אוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. וואָרום ווי אַזוי קען מען פארטיידיקן אַ באַשולדיקטן, ווען איר, הער פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו, האָט פארגעסן צוצושטעלן דעם געריכט — די באַשולדיקונג?

— וווּ איז זי, אייער באַשולדיקונג, הער פּאָלקאָווניק, קענגן אָט דעם ייד, וואָס זיצט דאָ אין דעם געריכטס־זאַל?! — האָבן אַדאָלף בערס צוויי הענט זיך אויפגעהויבן איבער קאָמאַראָווס קאָפּ — איר פארלאַנגט אי־בערצוגעבן דעם מענטש אין די הענט פון הענקער און איר טוט אייך צומאָל נישט די מי פעסטצושטעלן זיין שולד?!...

אַדאָלף בער דערציילט וועגן זיינע אומזיסטע באַמיאונגען זיך צו דערוויסן פאַר וואָס מען האָט ר׳ משהלע ראַפּשיצער אַרעסטירט.

— איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין, — רעדט אַדאָלף בער — פאַר וואָס דער הער פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו לאָזט מיך נישט צו צו דעם אָנגעקלאָגטן און באַהאַלט פון מיר אויס, ביז דער לעצטער מינוט, די באַשולדיקונג. איצט אָבער וווּנדער איך זיך מער נישט אויף אייך, הער באַשולדיקער. איצט פאַרשטיי איך אייך, און פיל אייך מיט, הער פאַל־קאָווניק. איר האָט איינפאַך געהאַט מורא פאַר מיר, מורא געהאַט, אַז איך וועל פרעגן:

— וווּ זענען אייערע באַווייזן?...

— יאָ, פאַר מיר האָט איר מורא געהאַט, אָבער פאַר גאָט האָט איר שוין גאָרנישט קיין מורא און איר זענט גרייט אויסצופירן אַ יוסטיץ־מאָרד איבער אַ מענטש, הגם איר ווייסט פונקט אַזוי גוט ווי איך, אַז ער איז אומשולדיק!...

— הער פאַרטיידיקער, איך בעט אייך צו רעכענען זיך מיט די ווערטער — האָט אים אָפּגעשטעלט דער פאָרזיצער.

— הערן ריכטער, — האָט אַדאָלף בער געווענדט זיין בליק צום ריכטער־טיש — איך באַמי זיך צו באַנוצן מיט די מילדסטע ווערטער, אָבער, אדרבה, הערט זיך איין צו דעם, וואָס עס זאָגן די עדות, וואָס ער, דער פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו, האָט געבראַכט פאַרן גערי‍כט. וואָס דערציילן זיי? יאָ, זיי זאָגן, אַז מען האָט אין דער נאַכט געשאָסן. ווער האָט גע־שאָסן? זיי ווייסן דערויף נישט צו ענטפערן. עס איז געווען פינצטער, אַז עס איז אוממעגלעך געווען עפּעס צו זען. נו ,און וואָס איז ווייטער געשען?

אַך, ווייטער איז געשען אַ מוראדיקע זאַך: אָט דער ראַווין, וואָס זיצט דאָ נעבן אונדז, איז געשטאַנען אויף דער וועראַנדע פון זיין הייזקע און געגעבן צייכנס דעם שונא.

אַ מאָדנער פאַררעטער איז ער, דער דאָזיקער ראַווין. ער הערט אַ שיסעריי. ער הערט קולות פון זשאַנדאַרמען. ער הערט זייערע טריט נעבן זיין וועראַנדע. עס איז אַזוי פינצטער אַרום, אַז ער קען אַריינגיין רואיק צו זיך אין שטוב און קיינער וועט נישט וויסן, אַז ער האָט געגעבן

צייכנס דעם שונא. אָבער ער טוט נישט אזוי. ער גייט נישט אריין אין שטוב. ער לאָזט צומאָל נישט אראָפּ די הענט. ניין! ער שטייט און וואַרט, אַז די זשאַנדאַרמען זאָלן קומען, זאָלן אים זען שטיין מיט אויסגעשפּרייטע הענט. זאָלן אים כאַפּן ,הייסט עס, ביי דער האַנט!...

און איך פרעג, הערן ריכטער, האָט איר שוין ווען עס איז געזען אַזאַ פאַרברעכער? האָט איר געזען אַ פירער פון שפּיאָנען, וואָס זאָל שטיין און וואַרטן, ביז די זשאַנדאַרמען וועלן קומען און אים אַרעסטירן?!..

און געדענקט נאָך עפּעס, הערן ריכטער, ביי פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו קומט אויס, אַז אַט דער אַרעסטירטער רב איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע פאַרדרעטער, און איצט זעט, זעט נאָר זעט: אַלע פאַרברעכער נוצן אויס די פינצטערניש פון דער נאַכט און פאַרשווינדן, נאָר גראַד זייער פירער און אָרגאַניזאַטאָר איז אַזאַ טויגעניכטס, אַז ער רירט זיך צומאָל נישט פון אָרט, הגם אויך ער האָט דאָך געקענט לייכט פאַר־שווונדן ווערן.

געווייס, פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו קען דערויף ענטפערן, אַז דער ראַווין האָט נישט געטאָרט אַנטלויפן, ווייל ער האָט געמוזט געבן צייכנס זיינע מענטשן. אָבער אפשר וועט מיר דער געערטער באַשולדיקער אויפקלערן, ווי אַזוי גיט מען צייכנס אין אַזאַ פינצטערער נאַכט, ווען דאָס וואַכזאַמע אויג פון אַ זשאַנדאַרם זעט פאַר זיך גאָרנישט?!...

איר האָט דאָ געהערט, הערן ריכטער, די זשאַנדאַרמען־עדות — האָט אַדאָלף בער ווייטער גערעדט — די איינציקע עדות אין דעם דאָזיקן פּראָצעס. איך האָב נישט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצופאָרשן די עדות אַזוי ווי איך האָב געוואָלט, אָבער פון דעם וואָס מיר האָבן פון זיי געהערט, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי עס איז געקומען צום אַרעסט פון דעם באַשולדיקטן. די זשאַנדאַרמען האָבן זיך נישט גוט געפילט. זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן פאַרברעכער און האָבן דעם באַפעל נישט געקענט אויספירן צוליב דער נאַכט־פינצטער־ניש. זיי וואָלטן צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט און דאָס איז נישט אַנגענעם. קיין קאָמפּלימענטן האָט זיי דערפאַר נישט דערוואַרט. און דאָ דערזעען זיי פאַר זיך אַ „זשיד", ער שטייט מיט אויסגעשפּרייטע הענט!... אַ זשיד מיט אַ באָרד און פּיאות!... פאַר וואָס אַזאַ איינעם

נישט מיטנעמען מיט זיך?... קודם כל קומט מען נישט מיט לײדיקע הענט און אַ ייד צו אַרעסטירן און דערלאַנגען אַ קלאַפּ איז דאָך גלאַט אַ מצוה... זיי האָבן געװיס אַליין צװישן זיך געלאַכט פון זייער נאַכט־פאַנג... און ערשט שפּעטער זיך גענומען איינרעדן, אַז דער „זשיד" האָט געגעבן צייכנס...

הערן ריכטער, װאָלט דער אָנגעקלאָגטער געװען אַ זון פון אַן אַנדער פאָלק, װאָלט געװיס צו דעם פּראָצעס נישט געקומען. אָבער דער באַשול־דיקטער איז אַ ייד און פאַר אַ ייד עקזיסטירן אַנדערע געזעצן. איר, הערן ריכטער, האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דער רעדע פון באַשול־דיקער און איר האָט פּונקט װי איך לײכט געקענט פעסטשטעלן, אַז דעם פאָלקאָװניק קאָמאַראָװ גייט אייגנטלעך װייניק אָן דער גורל פון מיין קליענט. ער האָט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק געװאָלט אװעקזעצן נישט עפּעס איין ייד, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. נאָר איין זאַך האָט ער פאַרגעסן, דער געערטער באַשולדיקער, אַז צו דער דאָזיקער אויפגאַבע מוז מען זיין װי געהעריק צוגעגרייט.

אַדאָלף בער האָט געשטורעמט. ער האָט איצט פאַרגעסן אָן קאָמאַ־ראָװן און אָן די ריכטער אין זאַל. ער האָט איצט געקעמפט קעגן דער גאַנצער שװאַרצער מאַכט, װאָס האַלט אין איין פאַרגיסן יידיש בלוט.

ער האָט געמאָלן בילדער פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט, פון נגישות און פאַרפאָלגונגען, פון גירושים, פון פאַרװאַנדלען הונדערט־טויזנטער מענטשן אין װאַנדערער אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

— מענער און פרויען, זקנים און קינדער, װאַנדערן איצט איבער די װעגן פון גרויסן רוסלאַנד. הונגעריקע, באָרװיסע, װאַנדערן זיי װאָכנ־לאַנג. מיט געװאַלד האָט מען די דאָזיקע מענטשן אַרויסגעטריבן פון זייערע שטיבער און פון זייערע שטעט, װוּ זייערע אבות האָבן הונדערטער יאָר געלעבט און געאַרבעט. הונדערטער פון זיי זענען אין מיטן װעג געפאַלן פון הונגער און קראַנקהייטן, פון קוילן און פון פּאָגראָמען!...

— הער פאַרטיידיקער!... — רייסט אים שטרענג איבער דער ריכטער.

— איך צי צוריק מיין װאָרט — שמייכלט אַדאָלף בער — אָבער לײדער קען זי, די טרויעריקע װירקלעכקייט, נישט אַנדערש װערן אויך

נאָכדעם, ווי איך צי צוריק מיין וואָרט. יאָ, הערן ריכטער, אַ גאַנץ פאָלק ווערט איצט געטריבן און געיאָגט און געפייניקט. און פאַרוואָס?! אויף דער פראַגע איז נישטאָ קיין פאַרענטפער, נישט פאַר דעם אייגענעם געוויסן און נישט פאַר די אָנפראַגעס פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. דעריבער מערן זיך איצט די בלבולים און ליגנס, וואָס פאַלן אויף יידישע קעפּ. מיט די ליגנס וויל מען אָפּנאַרן אַלע פרעגער און מיט די בלבולים וויל מען באַרואיקן דאָס אייגענע געוויסן. נישט מער, וואָס ביז היינט האָבן די דאָזיקע ליגנער און פאַרלוימדער נישט געוואָגט איבערצוטרעטן די שוועל פון געריכט. זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט פאַרשפּרייטן זייערע ליגנס אין די שענקען און קנייפּעס און העצן דעם פינצטערן המון קעגן יידן.

אַדאָלף בער האָט אויסגעשפּרייט זיין האַנט צו קאַמאַראָוון און אויסגערופן:

— אָט האָט איר פאַר זיך דעם מענטש, וואָס האָט דער ערשטער געוואַגט צו ברענגען די ליגנס פון שענק אין געריכט אריין!... איך גראַטוליר אייך, פּאָלקאָווניק, די מענטשן וואָס האָבן אייך געשיקט, מעגן זיין שטאָלץ מיט אייך, אָבער צי דאָס רוסישע געריכט וועט שטאָלצירן מיט אייער היינטיקן ארויסטריט, דערלויב איך מיר צו צווייפלען.

אַדאָלף בער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דעם באַשולדיקער, ווי ער וואָלט מער פאַר אים נישט עקזיסטירט.

איצט האָט ער זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף די פאַרכמורעטע פּנימער פון די דריי ריכטער.

מיט אַלע מיטלען פון זיין אויסערגעווענלעכן אָראַטאָרישן טאַלאַנט האָט ער זיי געפּרוווט איבערצייגן אין דער אומשולד פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

ער האָט גערעדט צו זייער שכל הישר און ער האָט אַפּעלירט צו זייערע הערצער און זייערע געפילן.

ער האָט געשטורעמט און געדונערט, און ער האָט געשטאָכן מיט די שפּיזן פון איראָניע די פאַרהאַרטעוועטע הערצער און ער האָט געבעטן און געגלעט און געצערטלט מיט זיין שטים.

— לאָזט אייך נישט באַהערשן פון געפילן פון שנאה צו אַן אומ־

גליקלעך פּאָלק, הערן ריכטער, — האָט אדאָלף בער געבעטן — שטייט אויף דער וואַך פון מענטשלעכקייט, היט דעם גוטן נאָמען פון געריכט און די הויפּט זאַך, דערלאָזט נישט צו אַ קאַלט־אויסגערעכנטן מאָרד פון אן אומשולדיקן מענטש. איר גייט באַלד אריין אין אייער ריכטער־צימער, דאָרט איז מער נישטאָ קיין פּארטיידיקער און באשולדיקער. דאָרט איז נאָר פאַראַן אייער געוויסן. זאָל זשע דאָס געוויסן וואַכן איבער אייך, הערן ריכטער, און איר זאָלט קענען צו אַלע מענטשן זאָגן: אונדזערע הענט האָבן דאָס בלוט נישט פארגאָסן!

אדאָלף בער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך שווער אוועקגע־זעצט אויף זיין אָרט נעבן ר' משהלע ראַפּשיצער.

ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט דאָסמאָל געהאַלטן איינע פון זיינע בעסטע רעדעס, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט איבערן לאַנד.

נישט ווילנדיק איז זיין בליק געפאַלן אויף דעם פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו. דאָס פּנים פון קאָמאַראָוון האָט געפלאַמט און ער האָט גע־האַלטן אין איין ווישן דעם שווייס פון זיין שטערן.

— ער האָט באַקומען ס'זייניקע... — האָט אדאָלף בער טיף אָפּ־געאָטעמט.

ער האָט געפּרוווט עפּעס ארויסלייענען פון די ריכטערס פּנימער. זייערע געזיכטער זענען געווען נאָך מער פארכמורעט און אָנגעצויגן און זיי האָבן עקשנותדיק אויסגעמיטן זיינע בליקן.

אדאָלף בער האָט דערפילט אַ ביטערן טעם אין מויל. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז אַלע זיינע באַמיאונגען זענען געווען אומזיסט.

— נאָך וואָס האָסטו זיך געריסן דעם האַלדז — האָט ער פון זיך אַליין געלאַכט — האָסטו דען פון דער ערשטער מינוט אָן נישט געוווּסט, אַז דער אורטייל איז אָנגעשריבן געוואָרן, נאָך איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן?...

זיי שעמען זיך צו קוקן מיר אין די אויגן, האָט אדאָלף בער גע־טראַכט, זיי ווייסן דאָך נישט ווייניקער, ווי איך, אַז ר' משהלע איז אומשולדיק. און דאָך וועלן זיי אים פאַראורטיילן. יאָ, אָן ספק, איך לייען דאָך אַראָפּ דעם אורטייל פון זייערע בייזע פּנימער. פאַר וואָס? דערפאַר ווייל זיי האָבן באַקומען אַזאַ באַפעל. דער ייִד מוז זיין שולדיק.

אַזוי ווי דער גרויספּירשט. דערמיט ווערן פֿאַרענטפֿערט אַלע זיינע מפּלות אויפֿן שלאַכט־פֿעלד. און ווער ווייסט, אפשר איז אויך דער קאַמאַראָוו נישט אַזאַ טיפּש ווי ער רעדט. אויך ער האָט באַקומען אַ באַפֿעל. און אַדאַלף בער האָט געטראַכט, אַז אייגנטלעך האָט ער איצט באַדאַרפֿט זיך אויפֿשטעלן און זאָגן:

— געערטע הערן ריכטער, אַנטשולדיקט מיר זייער, וואָס צוליב מיר האָט איר געפּטרט אַ גאַנצע נאַכט. נו, אויף וואָס זשע וואַרט איר? נעמט אַרויס פֿון מאַש דעם צוגעגרייטן אורטייל, און לייענט אים פֿאַר...

## קאפיטל 33

# ר׳ משהלעס לעצט וואָרט

דער פּאָרזיצער האָט מיט אַ מאָנאָטאָנער שטים, האַלטנדיק די אויגן אראָפּגעלאָזט צום טיש, דערקלערט, אַז די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען זענען שוין פאַרענדיקט, אַז באַלד וועט דאָס געריכט אוועק צו דער באַראַטונג און אַז איצט קענען נאָך ביידע צדדים מאַכן זייערע מעלדונגען צום גע־ריכט, אָבער זיי מוזן זיין קורץ געפאסט.

— האָט איר נאָך עפּעס צוצוגעבן? — האָט ער זיך געווענדט צום פּאָלקאָווניק קאמאראָוו.

— ניין — האָט קאָמאַראָוו אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— און איר? — האָט ער געפרעגט אַדאָלף בערן.

— איך באַניי מיין פאַרשלאָג אָפּצולייגן דעם פּראָצעס — האָט אַדאָלף בער געוווּסט, אַז ער וועט הערן אַן אָפּזאָג.

דער פּאָרזיצער האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף בערן און געזאָגט:

— עס איז נישט געשען קיין שום נייעס, אַז דאָס געריכט זאָל ענדערן זיין פריערדיקן באַשלוס.

דער פּאָרזיצער האָט דאַן אַ זאָג געטון:

— זאָל דער באַשולדיקטער אויפשטיין!

ר׳ משהלע ראַפּשיצער האָט רואיק פאַרמאַכט דאָס ספרל און זיך אויפגעשטעלט.

— די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען זענען געשלאָסן — האָט דער ריכטער גערעדט נישט קוקנדיק אויף ר׳ משהלען — דאָס לעצטע וואָרט באַלאַנגט צום באַשולדיקטן. וויל ער זיך באַנוצן מיט זיין רעכט?...

אַדרבה בער האָט וואָרט ביי וואָרט איבערגעחזרט און פאַרטייטשט אויף יידיש דעם פאָרזיצערס ווערטער.

אין זאַל האָט געהערשט אַן אָנגעצויגענע שטילקייט. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו ר׳ משהלע ראפּשיצער. ער איז געשטאַנען גלייך פאַרן ריכטער־טיש, נאָר זיינע אויגן האָבן געקוקט איבער די קעפּ פון די ריכטער. אַ ווייל האָט זיך געדאכט, אַז ער הערט גאָרנישט, וואָס מ׳רעדט צו אים און אַז זיין געהער פאַרנעמט איצט קלאַנגען, וואָס קומען פון אַנדערע וועלטן.

אַדרבה בער האָט ווידערהאָלט דעם פאָרזיצערס פראַגע און דעמאָלט האָט זיך אין דער אַלגעמיינער שטילקייט דערהערט אַ קלאָרע מעטאַלענע שטים:

— יאָ, איך האָב עפּעס צו זאָגן...

— די זעלנער, וועלכע האָבן באַוואַכט ר׳ משהלען, האָבן זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן און ר׳ משהלע האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ ניגון:

— פון ערשטן טאָג אָן, ווען די שררות האָבן מיך ביינאַכט אוועקגענומען פון מיין הויז, האָב איך געוווּסט, אַז מיין צייט איז געקומען, און פון דעמאָלט אָן הער איך דעם רוף פון מיינע אבות.

אַדרבה בער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ביים פענצטער קלאַפּט נישט דער ווינט, נאָר די פליגל פון מלאך המוות זאָגן אָן, אַז די צייט איז געקומען.

— און נישט כדי צו ראַטעווען מיין לעבן, נאָר צו ראַטעווען אייך פון זיין מערדער, זאָג איך אייך נאָכאַמאָל: איך בין נישט שולדיק. איר ווייסט אַלע , אַז איך זאָג דעם אמת. איר האָט דאָס פון דער ערשטער מינוט געוווּסט. איך האָב געזען דעם גלאַנץ פון רציחה אין אייערע אויגן. אָבער יעדער מענטש קען גובר זיין דאָס שלעכטע אין זיך. איר האָט נאָך צייט תשובה צו טון און נישט צו זיין רוצחים. איך האָב רחמנות אויף אייך. איך גיי אַוועק נאָר פון אַ וועלט מיט הבלים. די רוצחים פאַרלירן אַלע וועלטן. דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן...

ר׳ משהלע ראפּשיצער האָט גערעדט יידיש. אַדרבה בער האָט זיינע ווערטער איבערגעזעצט וואָרט ביי וואָרט. ער האָט געזען, ווי די פאַרב

פון די ריכטערס פּנימער בייט זיך פון מינוט צו מינוט. אַט זענען זיי רויט און אָנגעלאָפן מיט בלוט, און באַלד ווערן זיי בלייך, די געזיכטער פון די ריכטער, און זייערע הענט וואָס ליגן אויפן טיש טרייסלען זיך נערוועזע.

דער באַשולדיקער פּיאָטר קאָמאַראָוו איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל און אין זיינע אויגן איז געלעגן שרעק.

אַדאָלף בער האָט געענדיקט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אין זיך געטראַכט:

— ווי מיט אַ ביימש איבער די פּנימער האָט ער זיי געשמיסן און דערביי אפילו נישט געוווסט דערפון... ער האָט דאָך באמת רחמנות אויף זיי, אויף די מערדער...

די ריכטער האָבן איינער נאָכן אַנדערן פאַרלאָזט דעם זאַל.

ר׳ משהלע האָט זיך אויסגעדרייט צו אַדאָלף בערן און געזאָגט:

— נו, איר דאַרפט נישט האָבן קיין עגמת נפש, איר האָט געטון אַלץ, וואָס מען דאַרף.

— איר מיינט, רבי... — האָט אַדאָלף בער זיך צוריקגעהאַלטן פון אַרויסזאָגן זיינע אייגענע פאַרדאַכטן.

— דאָס האַרץ פון מלכים און שררים איז אין גאָטס האַנט — האָט ר׳ משהלע געריעדט, ווי צו זיך אַליין — נאָר אַ מענטש קען אויך אויס־ווילן צווישן גוטס און שלעכטס... און זיי האָבן אויסגעקליבן דאָס שלעכטס... איך פיל דעם ריח פון רציחה...

— און איר האָט אויף זיי רחמנות, אויף די רוצחים, רבי? — האָט אַדאָלף בער זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון פרעגן.

— אויף זיי איז דער גרעסטער רחמנות, רצחנען דעם אייגענעם צלם אלקים — וואָס קען נאָך מער זיין?...

— ר׳ משהלע האָט זיך צעשאָקלט און אויסגעצויגן פאַר זיךביידע הענט...

— אַזוי איז ער געשטאַנען אין יענער נאַכט — האָט אַדאָלף בער פאַר זיך געטראַכט — אַזוי האָט ער געגעבן צייכנס דעם שונא...

ר׳ משהלע האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און געזאָגט:

— אויב איר וועט זי זען, די מאַמע מיינע, זאָגט איר, דער רביצין, אַז זי זאָל זיך נישט מצער זיין און מיין שכנה זאָגט, אַז איך האָב גאָר־נישט וואָס איר מוחל צו זיין. נאָר אויב זי וויל דווקא, בין איך איר אַלץ מוחל, אויב זי וועט בלייבן צוזאַמען מיט אירע קינדער. און ר׳ ברוך שמש זאָגט, אַז ער זאָל פאַרקויפן מיינע ספרים און באַצאָלן די חובות...

און ר׳ משהלע האָט מיטאַמאָל אַ שמייכל געטון צו אַדאָלף בערן און געזאָגט:

— מ׳וועט אייך פרעגן וואָס און ווען, זאָגט זיי, אַז כ׳בין אַוועק צופרידן. יאָ, צופרידן. כ׳בין געווען מיד, שוין. זייער מיד, כ׳ווייס נישט, צי איר פאַרשטייט מיך?... און כ׳בין חלילה נישט מהרהר, אַזוי, אַזוי...

און מיטאַמאָל האָט ר׳ משהלע אַ זאָג געטון:

— טלית און תפילין נעמט ביי זיי צו... גיט עס צוריק דער מאַמען, ס׳איז נאָך פון טאַטן זכרונו לברכה, יאָ...

ס׳ערשטע מאָל האָט אַדאָלף בער דערזען אַ טרער אין ר׳ משהלעס אויגן...

קאפיטל 34

# אין באַראַטונגס-צימער פון געריכט

צוויי זעלנער אין פולער באוואפענונג זענען געשטאַנען אויף דער וואך ביי אַ שמאָלער טיר אין צענטן פּאוויליאָן.

שווייגנדיקע, אומבאוועגלעכע, ווי סטאַטועס, זענען זיי געשטאַנען, די שומרים, מיט פּנימער אָן אַן אויסדרוק און שטאַרע בליקן אין זייערע גרויע קאַלטע אויגן.

זיי האָבן געהיטן די טיר, הגם יעדער האָט געוווּסט, אַז אין דער ציטאַדעל־פעסטונג איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל וואַגן איצט צו פּרוּוון עפענען די פאַרמאַכטע טיר, וואָס פירט צו דעם קליינעם צימער, ווו דאָס געריכט האַלט אָפּ זיין באַראַטונג און דאַרף באַלד באַשליסן, צי ר׳ משהלע ראַפּשיצער דאַרף נאָך זען מיט זיינע אויגן די זון פון מאָרגנדיקן טאָג, אָדער ער דאַרף איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון הענקער.

ביי אַ שמאָלן לענגלעכן טיש זיצן דריי מענטשן. זיי טראָגן אַלע אָפיצירן־מונדירן באַהאַנגענע מיט דריי רייען אויסצייכענונגען און מע־דאַלן, וועלכע זאָגן עדות, אַז זייערע באַזיצער זענען געטרייע און איבער־געגעבענע דינער פון דעם גאָט־געזאַלבטן הערשער, דעם גרויסן צאַר, וועלכער וואַכט איבערן לעבן פון זיינע הונדערט און פערציק מיליאָן אונטערטאַנען, און וועלכער האָט איצט באַפוילן זיי, די דריי עלטערע אָפיצירן, צו משפּטן ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

די דריי אָפיצירן שווייגן. שוין עטלעכע מינוט זענען אַפּגעלאָפן זייט זיי האָבן פאַרלאָזט דעם געריכטס־זאַל און זיי, די דריי ריכטער, האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין זייער חדר, און ביז איצט האָט נאָך קיינער

פון זיי נישט איבערגעריסן דאָס שווייגן, הגם יעדער פון זיי ווייסט, אַז פיל צייט איז זיי נישט געבליבן...

אויבן אָן זיצט דער פאָרזיצער. ער איז שוין אין די הויכע זעכציקער. ווען נישט דער קריג, וואָלט ער איצט מיט דער ראַנג פון אַ דימיסיאָנירטן גענעראַל געזעסן אין זיין גוט אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע און געהאָדעוועט די בייטן בלומען, וואָס נעמען אַרום פון אַלע זייטן זיין בלוי־געמאָלט הויז און ביינאַכט וואָלט ער געשפילט אין קאָרטן, זופנדיק אַ הייסן פּאָנטש, צוזאַמען מיט זיינע שכנים, די גוטבאַזיצער פון דער געגנט.

אַ בענקשאַפט נעמט אַרום דעם עלטערן אָפיציר. ער וואָלט שוין געוואָלט זיין צוריק אין זיין שטיל הויז און פרייען זיך מיט די בלומען. פאַר זיך אַליין איז ער זיך מודה, אַז ער איז שוין נישט יונג. פאַרפאַלן. אַזוי איז עס, אַז די זקנה רוקט אָן. ווען די פיס ציט צו די שטעקלאַטשן. עס ווילט זיך פונאַנדערקנעפּלען דעם ענגן מונדיר. געגוג אַרומגעהוליעט, אַלטיטשקער, נישט וואַר?...

יעדן טאָג אינדערפרי מאַכט דער פּאָלקאָווניק איוואַן יעפימאָוו אַ לאַנגן מאַסאַזש איבער זיין פּנים צו פאַרדעקן פאַר זיינע ייִנגערע קאָלעגן די קנייטשן אונטער די אויגן און ביי די מויל־ווינקלען.

עס ווערט אים דעמאָלט אין די פרימאָרגן־שעהען פון טאָג אומעטיק אויפן האַרץ. ער זעט, אַז די קנייטשן אויף זיין פּנים ווערן וואָס אַמאָל טיפער און באַקומען שוין דאָס אויסזען פון גריבער און אונטער די אויגן הענגען אים שוין נאָך אַזעלכע אָנגעשוואָלענע רויטע זעקעלעך.

ער בייזערט זיך דעמאָלט און שרייט אויף זיין דינער, הגם ער ווייסט, אַז ער, דער דינער, טוט וואָס ער קען, רייבט זיין פּנים מיט כלערליי שמירעכצער און באַשמעקט עס מיט כלערליי שמעקעוודיקע אָדעקאָלאָנען.

און שפּעטער הייסט ער אפילו זיין דינער אַרויסגיין פון שטוב און דעמאָלט פרעסט ער זיין שטאַרצנדיקן בויך איין אין די ווייטיקלעכע צוואַנגען פון קאָרסעט...

פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו טוט אַ קוק אויף זיינע צוויי ריכטער קאָלעגן.

זיין, פאַר זיי דאַרף ער זיך נישט היטן. זיי זענען נישט ייִנגער פאַר אים. און זייערע פּנימער זענען נישט ווייניקער מיד און צעקנייטשט.

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו דערמאַנט זיך אָן זיין קליין אייניקל. ער וואָלט איצט, יאָ, גראַד איצט וואָלט ער עס געוואָלט זען, דאָס אייניקל זיינס. האָט עס שוין ציינדלעך? באַלד, באַלד, ער מוז זיך דערמאַנען. עפּעס האָט דאָך אים זיין ווייב געשריבן וועגן די ציינדלעך. עס דאַכט זיך אים, אַז טאָמער דערמאַנט ער זיך נישט איצט וועגן די ציינדלעך פון זיין אייניקל, וועט דעמאָלט, יאָ, וואָס וועט דעמאָלט זיין?...

— ...עס איז אַ רחמנות אויף די מערדער... זיי פאַרלירן אַלע וועלטן... קלינגט פּלוצלינג אָפּ אין פּאָלקאָווניק יעפימאָוס אויערן.

און מיטאַמאָל ווערט פאַר דעם פּאָלקאָווניק יעפימאָוו קלאָר, אַז די גאַנצע צייט הערט ער נישט אויף צו טראַכטן וועגן דעם זשידאָווסקען ראַווין.

אַ כעס באַהערשט דעם אַלטן צאַרסקען אָפיציר. נישט אָפּצוזאָגן זיך פון די דאָזיקע זשידעס!... באמת אַ פאַרשאָלטן שבט!... לאָזן קיינעם נישט צו רו... ער איז שוין עטלעכע און זעכציק... פופציק יאָר דינט ער שוין דעם צאַר... צייט כאָטש ביינאַכט צו קענען רואיק שלאָפן... קומט אַ זשיד און לאָזט אים צומאָל נישט פרייען זיך מיט זיין אייניקל!...

נישט אומזיסט קלאָגן זיך אַלע אויף דער זשידאָווסקער חוצפּה... און צוליב וואָס? ווייל עפּעס אַ באַפּאַהטער זשיד וויל נישט שטאַרבן!... טויזנטער ערלעכע געטרייע רוסישע מענטשן פאַלן יעדן טאָג פון שונאס קוילן... זיי שטאַרבן רואיק, שטיל, קיינער הערט נישט, און קיינער ווייסט נישט, און קיינער רעדט נישט וועגן דעם... און אַזאַ זשיד מאַכט אַ גאַנץ וועזן פון זיין נאַריש אומזיניק לעבן...

דער כעס שטאַרקט זיך אין פּאָלקאָווניק יעפימאָוו. ער האָט ווייניק געהאַט צו טון מיט די ייִדן ביז היינט. אין זיין געגנט, אין יעקאַטערי־נאָסלאַוו, זעט מען ווייניק ייִדן. ער, יעפימאָוו, האָט נאָר געהערט רעדן וועגן זיי, די ייִדן. נישט קיין גוטע רייד זענען עס געווען. און נישט איינמאָל האָט ער פאַר זיך געטראַכט, אַז אפשר זענען זיי גאָרנישט אַזוי שולדיק, די ייִדן.. .איצט זעט ער שוין אַליין איין, אַז די ערלעכע רוסישע

מענטשן זענען געוועזן. איין יידל אַזאַ לאָזט אים נישט צו רו... וואָס איז ער, דאָס יידל, בעסער פאַר מיר, וואָס?

איך בין פּאָלקאָווניק יעפימאָוו און אין צוויי מלחמות האָב איך געקעמפט און איך האָב אַ ווייב און קינדער און אַ קליין אייניקל, וואָס די ציינדלעך הויבן שוין אָן אין קינדערישן מײַלעכל זיך ארויסצושיילן און איידער די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך ווערן גענעראַל... נישט אוועקצומאַכן מיט דער האַנט דעם פּאָלקאָווניק יעפימאָוו... און פונדעסטוועגן בין איך דען נישט גרייט אַליין אוועקצוגעבן מיין לעצטן טראָפּן בלוט און צו שטאַרבן פאַרן פאַטערלאַנד?...

— ביסט טאַקע גרייט צו שטאַרבן? — האָט יעפימאָוו דערפילט עפּעס אַ שוידער אין זיינע ביינער — מ'וועט דיך אוועקלייגן אין נאַסן קאַלטן גרוב און פאַרשיטן דיך, פאַרשיטן...

יעפימאָוו האָט צוגעמאַכט די אויגן. נאָר נישט שטאַרבן, נאָר נישט...

ניין, ניין, ער וויל נישט שטאַרבן, ער וויל נישט... ווי אַלט איז ער דאָס אינגאַנצן... ער וויל נאָך אַהיימקומען, יאָ, קומען אין דעם בלויען הויז און האָדעווען די בלומען... ער האָט אַזעלכע שיינע רויזן און די כריזאַנטעמען האָבן זיך מיט אַ יאָר צוריק אַזוי שיין צעוואַקסן. איז פאַר וואָס זאָל ער שטאַרבן? ער איז נאָך ביי די כוחות, האַ, האַ!... און עס וואַרט אויף אים אין דער היים אַ הייסער פאַנטש און, זופנדיק דעם געשמאַקן געטראַנק וועט ער דערציילן זיינע שכנים, די גוטבאַזיצערס, וואָס אַלץ ער האָט מיטגעמאַכט אין קריג. יאָ, יאָ, כ'וועל זיי אַלץ דערציילן...

— אַלץ? — דאַכט זיך — פּאָלקאָווניק יעפימאָוון, אַז ער הערט אין זיין אינגעווייד אַ שפּאָטיש געלעכטער — וועסט טאַקע דערציילן זיי, דיינע שכנים, זופנדיק דעם הייסן פאַנטש, אויך וועגן דער היינטיקער נאַכט?... און ווי וועט זיין, ווען זיי, דיינע שכנים, וועלן אַ קוק טון אויף דיינע הענט און וועלן אויף זיי דערזען די צייכנס פון מאָרד?...

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו נעמט שנעל אַראָפּ די הענט פון טיש, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זיינע שכנים דאָ אין צימער זאָלן עפּעס נישט דערזען אויף זיי...

## אין שטורעם

ערשט איצט כאַפּט ער זיך, אַז זיי אַלע דריי זיצן שוין ביים טיש אַ לענגערע ווײַלע און האָבן נאָך נישט אַרויסגערעדט צווישן זיך קיין איין וואָרט.

ער דערפילט אין האַרץ אַ בייזקייט אויף זיינע צוויי ריכטער־קאָלעגן. וואָס זיצן זיי, ווי די גולמס, וואָס!... שטום זענען זיי געוואָרן, צי וואָס!...

ער טוט אַ קוק אויף זיינע שכנים ביים ריכטער־טיש און עס דאַכט זיך אים, אַז זיי באַהאַלטן איינער פאַרן אַנדערן זייערע אויגן.

— דריי מערדער זיצן ביים טיש — הערט אין זיך פּאָלקאָווניק יעפימאָוו דאָס פריערדיקע שפּאָטיש געלעכטערל — און האָבן מורא צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, כע־כע־כע!...

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו פילט עפּעס אַ מאָדנע פאַרגעניגן. ער פילט אַ פאַרגעניגן פון אַ מענטש, וואָס טאַרעט זיך אין אַ בלאָטע, מיאוסט זיך מיט זיינע שמוציקע הענט און פיס, ווײַל זיך אָפּטרייסלען פון זיין אייגן לייב און פּלוצלינג דערזעט ער, אַז ער איז נישט איינער אַליין. ער האָט שותפים. ער זעט נעבן זיך מענטשן מיט פאַרקרימטע פון עקל צו זיך אַליין פּנימער.

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו שמייכלט צו זיינע קאָלעגן און דער שמייכל זיינער זאָגט צו זיי:

— נו, מיינע הערן, פאַרפאַלן... מען טאָר אין לעבן נישט זיין אַ פיינשמעקער... טאַרעט אייך, טאַרעט, ווי איך, אין דער בלאָטע... ס׳מאַכט נישט אויס... גענעראַל יאַנושקעוויטש וועט פון אונדז זיין צופרידן...

די טיר פון ריכטער־צימער עפנט זיך שטיל. אַ זעלנער קומט אַריין טראָגנדיק אין די הענט אַ גרויסע טאַץ מיט עסנוואַרג. נאָך אים גייט נאָך אַ צווייטער זעלנער האַלטנדיק מיט ביידע הענט אַ גרויסן קופּערנעם סאַמאָוואַר. זיי שטעלן שווייגנדיק אַוועק אויפן טיש דעם סאַמאָוואַר און די טאַץ און פאַרמאַכן גלייך הינטער זיך די טיר.

דער קאָכעדיקער סאַמאָוואַר זשומעט אויס אַ געמיטלעך פייפעריי. די פּנימער פון די ריכטער באַקומען אַ צוגעלאָזענעם גוטמוטיקן אויסדרוק. זייערע פאַרכמורעטע אויגן צעשמייכלען זיך, יעדער פון זיי דערפילט מיטאַמאָל אַ שטאַרקן געזונטן הונגער.

— צייט צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין — גיסט זיך אָן אַ גלאָז טיי פון סאַמאָוואַר פּאַלקאָווניק יעפימאָוו און פאַרטראַכט זיך ערנסט, וועלכער סאַנדוויטש עס וועט אים בעסער שמעקן.

די אַנדערע צוויי ריכטער טוען נאָך זיין ביישפּיל. עטלעכע מינוט זענען אַלע דריי ערנסט באַשעפטיקט מיט דער טאַץ סאַנדוויטשעס און דעם זידיקן סאַמאָוואַר. זייערע פּנימער צעוואַרעמען זיך, ווערן מילדער און גוטמוטיקער. און מיטאַמאָל הויבן זיי אָן רעדן. זיי דערמאָנען זיך אין אַלטע קאַזאַרמע־אַנעקדאָטן און געפּעפּערטע וויצן און זיי לאַכן מיט אַ ברייט געלעכטער.

פּאַלקאָווניק יעפימאָוו דערציילט זיינע קלאָגן וועגן די שיינע בלומען, וואָס וואַקסן אַרום זיין הויז אין זיין גוט אין יעקאַטערינאָס־לאַווער גובערניע און וועגן זיין אייניקל, וואָס זיין טאָכטער שרייבט אים, אַז באַלד וועלן אים אָנהויבן אַרויסוואַקסן ציינדלעך.

די אַנדערע צוויי אָפיצירן קענען, פאַרשטייט זיך, נישט דערלאָזן, אַז נאָר יעפימאָוו אַליין זאָל זיך גרויסן מיט זיין הויז. נישט קשה, אויך זיי האָבן פיינע באַלעבאַטישע הייזער. אויך זיין האָבן פרויען און טעכ־טער און אייניקלעך. און יעדער פון זיי האָט עפּעס וואָס צו דערציילן פון זיין שטוב און פון דער שטאָט, פון וועלכער ער קומט.

דער שמועס ביים טיש ווערט וואָס אַמאָל וואַרעמער און אינטימער. זייערע אויגן בליצן אויף, ווען זיי הערן אויף צו רעדן וועגן די אייגענע פרויען און נעמען רעדן וועגן פרעמדע ווייבער. האַ, האַ!... מ׳האָט עפּעס אויפגעטון, ווען מען איז געווען יונג. און יעדער פון זיי, דרייענדיק זיך שטאָלץ די וואָנצן, דערציילט וועגן זיינע אַמאָליקע גרויסע דערפאָלגן ביי פרויען. דערביי גיבן זיי אויך מיט אַ שעלמישן ווונק אין די אויגן אָנצוהערן, אַז אַפילו היינט נאָך זענען זיי נישט אַבי ווער, און זיי נעמען זיך נאָך אונטער צו פאַרדרייען דעם קאָפּ אַ שיינער באַרישניע...

די אויגן פון די דריי ריכטער אין אָפיצירן־מונדירן זענען פון דעם שמועס יינגער געוואָרן. זיי געדענקען איצט נישט, אַז עטלעכע טריט ווייטער זיצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק דער זשידאָווסקע ראַוויןן און וואַרט אויף זיין אורטייל.

— כאַפּט אים דער רוח, דעם זשיד! — גיסט זיך יעפימאָוו אָן

נאָך אַ גלאָז טיי און טוט אַ קלער, אַז אַ גלעזל וואָדקאַ וואָלט איצט אוודאי צו נוץ געקומען.

— ווארט צו אַ ווײַלע — טוט ער מיט אַ ווינק אַ זאָג צו זײַנע קאָלעגן און גייט אַרויס פון צימער.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען מיט אַ טריומף־פירנדיקן שמייכל און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פלאַש בראָנפן:

— כ'האָב עס ארויסבאַקומען פון דעם ציטאַדעל־נאַטשאַלניק — זאָגט ער מיט אַ ווינק צו זײַנע קאָלעגן.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — צעגלאַנצן זיך די אויגן פון די אָפיצירן — עך, ביי אַ גלעזל אמתדיקע רוסישע וואָדקאַ ווערט מען אַ פרישער מענטש.

די אָפיצירן האָבן געטרונקען איין כוסה נאָך דער אַנדערער און די שטימונג אין ריכטער־צימער איז געוואָרן אַ געהויבענע.

זיי האָבן געטרונקען לחיים פאַר דעם גנעדיקן צאַר און פאַר דעם הויפּט־קאָמאַנדיר, דעם גרויספירשט ניקאָליי ניקאָלייעוויטש, און פאַר דער העלדישער רוסישער ארמיי און צום סוף פאַרן געזונט פון געריכטס־פאָרזיצער, דעם פּאָלקאָווניק יעפימאָוו.

ווען די פלאַש בראָנפן איז געבליבן שטיין אַ ליידיקע אויפן טיש, האָט יעפימאָוו זיך אָפּגעווישט די וואָנצן און געזאָגט:

— מײַנע הערן, מיר מוזן איצט פאַרענדיקן די אַרבעט...

דער ריכטער־טיש איז געווען אָנגעוואָרפן מיט רעשטלעך פלייש, הערינג, סאַרדינען און ברויט.

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו האָט געוואָלט ארײַנרופן אַ דינער און אים הייסן אָפּרוימען דעם טיש, באַלד אָבער האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַ ברום געטון:

— ניטשעוואָ!...

ער האָט אַ מיש געטון די פּאַפּירן, נישט אַרײַנקוקנדיק אין זיי, און ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון:

— נו, איך מיין אַז די זאַך איז קלאָר...

— געוויס — האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ דער מאַיאָר איוואַנאָוו — פולשטענדיק קלאָר.

— עס איז באַוויזן געוואָרן — האָט גערעדט יעפימאָוו — אַז

דער זשידאָווסקע קהל האָט געפירט אַ פאַרברעכערישע און פאַררעטערישע אַרבעט...

— ריכטיק! — האָט צוגעשטימט דער מאַיאָר איוואַנאָוו.

— אַ שאָד נאָר, וואָס מען האָט געכאַפּט דעם ראַווין אַליין...

— ווירקלעך אַ גרויסער שאָד — האָט ווידער מאַיאָר איוואַנאָוו געגעבן זיין הסכמה.

— דעם דאָזיקן זשידס שולד אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל — האָט דער פאָלקאָווניק גערעדט אַזוי, ווי ער וואָלט עמיצן געוואָלט איבערצייגן — ער איז ביינאַכט געשטאַנען אויף דער וועראַנדע, יאָ, ער אַליין לייקנט נישט, אַז ער איז געשטאַנען...

— פּראַווילנאַ, ער איז געשטאַנען... — האָט מאַיאָר איוואַנאָוו גע־קוקט מיט גלעזערנע אויגן פאַר זיך.

— און ער האָט געהאַלטן די הענט אויסגעשפּרייט אין דער הויך — האָט פאָלקאָווניק יעפימאָוו ווייטער גערעדט — ריכטיק, הער מאַיאָר?

— ריכטיק — האָט איוואַנאָוו צוגעשטימט.

— הייסט עס, ער האָט געגעבן צייכנס דעם שונא — האָט פאָל־קאָווניק יעפימאָוו מיט טריאומף אויסגערופן.

— ווי דען — האָט ווידער זיך אָנגערופן מאַיאָר איוואַנאָוו.

— עס פרייט מיר זייער, וואָס די שולד פון אָנגעקלאָגטן — האָט פאָלקאָווניק יעפימאָוו פאַרגעזעצט — איז אַזוי קלאָר באַוויזן געוואָרן און איך מיין, אַז איר אַלע זענט מיט מיר איינשטימיק, אַז דעם פאַררע־טער קומט די העכסטע שטראָף...

— אוודאי זענען מיר אַלע איינשטימיק — האָט ווידעראַמאָל זיך דערהערט די באַס־שטים פון מאַיאָר איוואַנאָוו.

— איך דערלויב מיר אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, הער מאַיאָר, אַז איר האָט דאָס רעכט צו רעדן נאָר אין אייער נאָמען, דאַ!...

פאָלקאָווניק יעפימאָוו און מאַיאָר איוואַנאָוו זענען אין ערשטן אויגנבליק געבליבן זיצן מיט האַלב צעעפנטע פון דערשטוינונג מיילער.

— איך פאַרשטיי נישט, הער קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו — האָט דער פאָלקאָווניק אָנגעשטעלט אַ פאַרכמורעטן בליק אויף דעם דריטן ריכטער — וואָס הייסט?...

## אין שטורעם

— עס הייסט, הער פּאָלקאָווניק, אַז איך בין נישט איינשטימיק!...

קאַפּיטאַן באַגדאַנאַוו האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך די ווערטער, ווי איינער שליידערט אַראָפּ פון פּלייצע אַ נישט דערטרעגלעכע לאַסט.

קאַפּיטאַן באַגדאַנאַוו איז געווען דאָס שטילע שעפּעלע צווישן זיינע אָפיצירן־קאָלעגן. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער משפחה און ער האָט זיך געפילט נידעריק צווישן די אָפיצירן, וואָס האָבן זיך געגרויסט מיט זייער אַדעליקן אָפּשטאַם און מיט זייער יחוס.

קאַפּיטאַן באַגדאַנאַוו האָט אויך נישט געהאַט קיין פּלייצעס, וואָס זאָלן אים שטיצן און קיין פּראָטעקטאָרן וואָס זאָלן זאָגן פאַר אים אַ גוט וואָרט. האָט מען אַן אים פאַרגעסן און אויף דער עלטער איז ער נאָך אַלץ געווען אַ קאַפּיטאַן.

אַ פאַרביטערטער און אַן אַנטוישטער האָט קאַפּיטאַן באַגדאַנאַוו זיך פאַרשלאָסן אין זיך. זעלטן ווען האָט מען געהערט זיין שטים און זעלטן האָט עמיצער געהערט אים אַרויסזאָגן אַן אייגענע מיינונג.

טיף אין האַרץ האָט באַגדאַנאַוו שווער געליטן פון די עוולות, וואָס מען איז, לויט זיין מיינונג, קעגן אים באַגאַנגען. ער האָט זיין פאַרבי־טערטקייט פאַרבאָרגן אין זיך. אָבער טיף אין האַרץ האָט אַלץ אין אים זיך געבונטעוועט קעגן זיינע קאָלעגן, וואָס שעצן אים גרינג און רעכענען זיך נישט מיט אים.

ער איז געווען צופרידן, ווען מען האָט אים באַשטימט אַלס ריכטער אין אַזאַ וויכטיקן פּראָצעס. ענדלעך, האָט ער געטראַכט, הויבט מען זיך אָן אויף מיר צו דערקענען און ער האָט זיך געפילט חשובער און געהוי־בענער אין די אייגענע אויגן, ווען ער איז געזעסן אויף דער הויכער שטול ביים ריכטער־טיש.

ער האָט נישט געוווּסט, דער קאַפּיטאַן באַגדאַנאַוו, אַז פּאָלקאָווניק יעפּימאָוו האָט אים פאַרגעלייגט צו באַשטימען אַלס ריכטער טאָקע דער־פאַר, ווייל אַלע האָבן געוווּסט, אַז מיט באַגדאַנאַוון דאַרף מען זיך נישט רעכענען און אַז ער וועט נישט וואַגן צו האָבן אַן אייגענע מיינונג.

באַגדאַנאַוו האָט דעריבער דערפילט אַ ביטערע שנאה צו די אַנדערע צוויי ריכטער. זיי רעכענען זיך אויך דאָ, אין ריכטער צימער, נישט מיט אים. זיי, יעפּימאָוו און איוואַנאָוו, רעדן צווישן זיך אַזוי, ווי ער, באַגדאַ־

נאוו, וואָלט אינגאַנצן נישט עקזיסטירט. עס פאַלט זיי אפילו נישט איין אויסצוהערן זיין, באגדאנאַווס, מיינונג. ניין! דאָס איז שוין צופיל. ער וועט מער נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס זיין ווירדע. גענוג! זאָלן זיי איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן, אַז קאַפּיטאַן באגדאנאוו האָט זיין מיינונג און האָט נישט מורא זיין מיינונג אַרויסצוזאָגן.

און באגדאנאוו האָט נאָכאַמאָל ווידערהאָלט:

— ליידער קען איך מיט אייך נישט מסכים זיין. איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דעם גאַנג פון פּראָצעס און איך קען נישט זאָגן, אַז די שולד פון דעם ראַווין איז דערוויזן געוואָרן.

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו האָט פאַרביסן די ליפּן. אוודאי איז אויף זיין צונג געלעגן אַ פּילגאָרנדיקע רוסישע קללה. אזאַ טיפּש!... רעדט זיך אזוי ברייט!... נו, נו, מ׳וועט זיך מיט דיר אָפּרעכענען שפּעטער. אָבער דער־וויל וואָס טוט מען מיט דעם פאַרשוין?...

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו האָט געפּרוווט מיט גוטע רייד איינגעמען דעם קאַפּיטאַן:

— עס איז זייער שיין פון אייער זייט, הער קאַפּיטאַן, וואָס איר זענט אזוי געוויסנהאַפט — האָט יעפימאָוו גערעדט — נאָר גלויבט מיר, אַז אויך איך און מאַיאָר איוואַנאָוו פאַרשטייען עפּעס...

קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו האָט זיך געפילט געשמייכלט. אָט איצט רעכנט מען זיך שוין מיט אים, מ׳רעדט שוין צו אים, מ׳וויל אים שוין איבער־ציינגן. אָבער ער האָט אַ טעות, דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו, אַז מיט צוויי גוטע ווערטער קען מען אים פאַררעדן די ציין. ניין פון היינט אָן וועלן אַלע וויסן, אַז מיטן קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו איז נישט אזוי לייכט.

— הער פּאָלקאָווניק, — האָט ער העפלעך אָבער אַנטשידן געענט־פערט — איך האָב מיר אין דער פראַגע אַ קלאָרע און פעסטע מיינונג...

— איך קען זיך נישט צוגלייבן, הער קאַפּיטאַן — האָט מאַיאָר איוואַנאָוו שוין אויך באַוויליקט זיך אַריינצומישן אין געשפּרעך — אַז איר זאָלט האַלטן מיט די זשידעס?...

— הער מאַיאָר, — האָט אים באָגדאַנאָוו שאַרף געענטפערט — איך גלייב, אַז איר צווייפלט נישט אין מיין פּאַטריאָטיזם?!...

— גאָט באַהיט! — האָט פּאַלקאָווניק יעפּימאָוו געוואָלט אויסמיידן אַ קריגעריי צווישן די צוויי ריכטער — ווער וואגט אזעלכעס צו זאָגן, ווייל מיר קענען אייך, הער קאַפּיטאַן, פאַר דעם גרויסן און אמתדיקן רוסישן פּאַטריאָט, וווּנדערט מיך וואָס איר גלייבט די רייד פון דעם זשידאָווסקע אדוואָקאַטל און פון דעם פאַררעטערישן ראַווין?...

— איך גלייב מיין פאַרשטאַנד, הער פּאַלקאָווניק — האָט קאַפּי־טאַן באַגדאַנאָוו געפּילט אַ באַזונדער פאַרגעניגן, אַרויסרעדנדיק די ווער־טער. — און מיין שכל זאָגט מיר, אז דער פּראָקוראָר קאמאַראָוו האָט נישט ווי געהעריק צוגעגרייט די באַשולדיקונג. עס איז מיר איינפאך געווען אַ חרפּה צו הערן די רייד פון דעם זשידאָווסקע אַדוואָקאַט קעגן אונדזערס אַ מענטש...

— צווישן אונדז גערעדט האָט איר רעכט, הער קאַפּיטאַן, וואָס אַנ־באַלאַנגט קאַמאַראָוון. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעשמיסן יינגל און ווען איך ראַטעווע אים נישט, וואָלט דער בער פון אים געמאַכט אַש און בלאָטע...

— זעט איר, הער פּאַלקאָווניק!...

— יאָ, דערמיט בין איך מיט אייך מסכים, הער קאַפּיטאַן, אָבער דער ראַווין איז דאָך סיי ווי אַ פאַררעטער... אַלע יידן זענען פאַררעטער...

קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוון זענען אַנגעגאַנגען, וואָס דער אמת, די יידן ווי דער פאַראַיאַריקער שניי, אָבער אין דעם פאַל האָט ער געמוזט ווייזן דעם פּאַלקאָווניק, אז ער, באַגדאַנאָוו, וואגט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג.

— הער פּאַלקאָווניק, — האָט ער געזאָגט — וואָס די יידן זענען, זענען זיי, אָבער אַ געריכט מוז זיין אַ געריכט...

— וואָס־זשע ווילט איר? — האָט פּאַלקאָווניק יעפּימאָוו געפּילט, אז ער פאַרלירט דאָס געדולד.

— איך מיין, אז מען דאַרף דעם פּראָצעס אָפּלייגן און באַשטימען אַן אַנדערן באַשולדיקער — האָט קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו געזאָגט.

— דאָס איז אוממעגלעך; — האָט אויסגעשריגן יעפּימאָוו — דער הויפּט קאָמאַנדיר פאָדערט היינט צו פאַרענדיקן, איר פאַרשטייט, קאַ־פּיטאַן?!

קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו איז געווען איינגעשפּאַרט. וואָס מער זיינע

קאַלעגן ריכטער האָבן אים געוואָלט איבערצייגן, אַלץ איינגעשפּאַרטער איז ער ביי זיך געוואָרן, דער קאַפּיטאַן.

— ער איז פאַררוקט, דער טיפּש! — האָבן געקוקט אויף איב מיט שטוינען זיינע קאַלעגן.

באָגדאַנאָוו האָט זיך געפילט, ווי דער הויפּט־העלד אין אַ דראַמע און זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע:

— איך האָב מיר מיין מיינונג און איך קען אַנדערש נישט.

דער געריכטס־פּאָרזיצער, פּאָלקאָווניק יעפימאָוו, האָט נישט געוווסט, אַז ער אַליין טראָגט אין אַ גרויסער מאָס די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אומגעריכטן בונט פון דער שטענדיק אַזוי שטילן קאַפּיטאַן באָגדאַ־נאָוו.

די פלאַש בראָנפן, וואָס ער, יעפימאָוו, האָט אוועקגעשטעלט אויפן טיש, האָט דאָס געגעבן מוט דעם קאַפּיטאַן אַזוי אָפן און עקשנותדיק זיך קעגנצושטעלן דעם ווילן פון זיינע חשובע קאָלעגן ריכטער.

קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו איז נישט געווען געוווינט צום ביטערן טראָפּן. ער האָט אין זיין פּאָלק געלעבט אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע אָפיצירן און האָט אין זייערע הוליאַנקעס זיך נישט באַטייליקט. די עטלעכע גלעזלעך וואָדקאַ, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען ביים טיש, האָבן אים באַרוישט און אים צוגעגעבן קוראַזש.

אונטער דעם איינפלוס פון בראָנפן האָט דאָס מינדערוווערטיקייט־געפיל, פון וועלכן באָגדאַנאָוו האָט געליטן, אָנגענומען די פאָרעם פון דרייסטקייט און העלדישקייט.

קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו האָט זיך דערפילט אין דער ראָל פון אַ ריטער פון גערעכטיקייט. ער האָט זיך דערפילט שטאַרק און מוטיק און ער איז געווען גרייט צו קעמפן און — אַזוי יעדנפאַלס האָט ער אַליין געגלייבט — אפילו צו ליידן.

ער האָט מיט ביידע הענט זיך געקלאַפּט אין האַרץ און גערעדט מיט אַ שיכורלעכן קול:

— איך בין אַן ערלעכער רוסישער מענטש און איך קען נישט... יעי באָגו, איך קען אַנדערש נישט...

— אָבער פאַרשטייט, קאַפּיטאַן — האָט פּאָלקאָווניק יעפימאָוו גע־

פּרוווט איבערצייגן נישט בלויז דעם ווידערשפּעניקן באַגדאַנאָוון, נאָר אויך באַרואיקן זיין אייגן געוויסן — מיר זענען אויך מענטשן און האָבן אויך הערצער... נאָר וואָס?... אז עס זענען דאָ העכערע מלוכה־אינטע־רעסן... איר פאַרשטייט, העכערע זאכן, און דעמאָלט טאָר מען זיך נישט רעכענען מיטן לעבן פון א מענטש... יעי באָגו, קאַפּיטאַן, אַז מיר איז אויך נישט לייכט, נאָר זייט וויסן, אַז זייער הויכע פּערזענלעכקייטן זענען אין דעם פּראָצעס פאַראינטערעסירט און זיי ווייסן בעסער פאַר אונדז, וואָס עס איז רעכט פאַר אונדזער פאָטערלאַנד.

קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און יעפימאָוו האָט געמיינט, אַז ער איז שוין מיט אים פאַרטיק און אַ קלאַפּ געבנדיק דעם קאַפּיטאַן איבער דער פּלייצע געזאָגט מיט אַ פּראָטעקציאָנעל שמיי־כעלע:

— נו, איר הייבט אָן ענדלעך פאַרשטיין, קאַפּיטאַן...

דאָס שמייכעלע און די פּראָטעקציאָנעלע רייד פון פּאָלקאָווניק האָבן באָגדאַנאָוון ערשט רעכט צערייצט. וואָס מיינט ער מיט זיך, דער גאַנ־צער יעפימאָוו!... ווי וואַגט ער צו רעדן מיט אַזאַ פּראָטעקציאָנעלן טאָן צו אים, דעם קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו, וואָס האָט אין איין פינגער מער פאַרשטאַנד, ווי צען יעפימאָווס!... ניין, ניין... ער וועט מער נישט פאַר־שוויגן די עוולות און די באַליידיקונגען.

טרערן זענען געקומען אין די אויגן פון קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו, ווען ער האָט זיך דערמאַנט אָן דער גרינגשעצונג פון די אָפיצירן צו אים אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן:

— איך קען נישט, יעי באָגו, ס'האַרץ לאָזט נישט... — האָט אַ טרער זיך אַראָפּגעקייקלט פון באָגדאַנאָווס אויג — עך, עך... עס קען נישט קיינער דעם קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו, קיינער. און עס ווייסט נישט קיינער, וואָס עס טוט זיך אָט דאָ, דאָ — האָט באָגדאַנאָוו מיט דער פויסט געזעצט אין זיין האַרץ — אַ פייער ברענט, אַ פייער... און עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל דעם פלאַם לעשן, נישטאָ...

באָגדאַנאָוו האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטון פון אָרט און געזאָגט:

— קומט מיט מיר, מיינע הערן, קומט!... איך וועל אייך פירן, איך!...

— זעצט אייך, קאַפּיטאַן, זעצט אייך... — האָט מאַיאָר איוואַנאָוו זיך איבערגעקוקט מיט דעם פּאָלקאָווניק יעפימאָוו.

— פאַרוואָס ווילט איר נישט גיין? פאַרוואָס? — האָט קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו מיט פאַרטערטע אויגן געקוקט אויף די אַנדערע צוויי ריכ־טער — צו זיין קייזערלעכער הויכקייט, דעם גרויספירשט אליין וויל איך אייך פירן... יעי באָגו, איך האָב נישט קיין מורא... צו די פיס וועל איך אים פאַלן און וועל צו אים זאָגן: טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט... שיק מיך אויפן פראָנט... הייס מיך איינער אליין ארויסטרעטן קעגן די דייטשן... שיס מיך און איך וועל קיין פינטל מיטן אויג נישט טון... נאָר מיין נשמה לאָז צורו!... דער קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו האָט א גרויסע נשמה, אזוי וועל איך אים זאָגן, און זי, די נשמה מיינע, טאָר איך נישט פאַראומרייניקן מיטן ברענגען טויט צו אַן אומשולדיקן מענטש... אָט דאָס וועל איך אים זאָגן... קומט־זשע מיט מיר, קומט...

קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו האָט זיך אזוי איבערגענומען מיט זיינע איי־גענע רייד, אז ער האָט פּלוצלינג זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר דעם פּאָלקאָווניק יעפימאָוו:

— איך באַשווער אייך — האָט ער זיך געצלמט — לאָמיר לאָזן לעבן דעם זשיד, לאָמיר...

קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו איז געבליבן זיצן אויף די קני שווייגנדיק.

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו האָט אים מיט שווערקייט אויפגעהויבן:

— וואָס טוט איר, קאַפּיטאַן — האָט ער א מורמל געטון און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ווידער איז א שווער שווייגן איינגעטרעטן אין ריכטער־חדר.

מאַיאָר איוואַנאָוו האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף דעם קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו.

— אַ צעקראָכן נפש, — האָט דער מאַיאָר איוואַנאָוו געטראַכט — קאָן זיך נישט באַהערשן, כליפּעט ווי אַן אַלטע פרוי.

מאַיאָר איוואַנאָוו האָט זיך געהאַלטן פאַרן שטאַרקן מאַן, וועלכער דאַרף טראַכטן פאַר אַלע.

— און אויך דער יעפימאָוו קען זיך נישט קיין עצה געבן — האָט מאַיאָר איוואַנאָוו געקוקט מיט א צופרידענעם שמייכל אויף דעם גע־

ריכט־פּאַרזיצער, וועלכער איז געזעסן אויבן־אָן און קענטיק נישט גע־וווּסט וואָס ווייטער צו טון.

— הער פּאָלקאָווניק, — האָט מאַיאָר איוואַנאָוו זיך צו אים גע־ווענדט — מיר האָבן שוין נישט פיל צייט...

— ריכטיק — האָט פּאָלקאָווניק יעפימאָוו זיך אַ רייב געטון דעם שטערן, ווי איינער וואָס וויל פון זיין פּנים פאַרטרייבן אַ זלידנע פליג — צייט צו מאַכן אַן ענדע.

ער האָט נאָכאַמאָל אויפגעמישט די פּאַפּירן, האָט געטון אַ קורצן בליק אויף זיי און מיט אַ געשעפטמעסיקן טאָן זיך אָנגערופן:

— איך דאַנק אייך זייער, מיינע הערן, פאַר אייערע זייער ריכטי־קע און אָלזייטיקע באַמערקונגען אַרום דעם דאָזיקן טרויעריקן ענין. אָבער איך מיין, אַז עס איז צייט צו קומען צו אַן ענדגילטיקן באַשלוס. וואָס איז אייער מיינונג, מאַיאָר איוואַנאָוו?

— איך מיין, אַז די פראַגע איז אָלזייטיק אויפגעקלערט געוואָרן — האָט מאַיאָר איוואַנאָוו אָנגעהויבן מיט אַן ערנסטער שטים — געוויס, וואָלטן מיר געלעבט אין פרידנס־צייט, וואָלט איך נישט געהאַט דאַקעגן, אַז עס זאָל פאָרגעזעצט ווערן די אויספאָרשונג און איך וואָלט צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו געווען פאַר אָפּלייגן דעם פּראָצעס. אין קריגס־צייט טאָרן אָבער אַזעלכע זאַכן נישט געשען. מען מוז האַנדלען שנעל און ענערגיש. די פיינט פון פאָטערלאַנד מוזן וויסן, אַז די שטראָף וועט קומען אַ באַלדיקע און שווערע. און געוויס דאַרפן מיר אַזוי האַנדלען אין דעם פאַל. עס איז פאַר מיר נישט קיין שום צווייפל, אַז דער זשי־דאָווסקע ראַווין איז שולדיק אין פאַרראַט און דעריבער מוז ער פאַר־אורטיילט ווערן.

— און די שטראָף? — האָט דער געריכטס־פּאַרזיצער געפרעגט.

מאַיאָר איוואַנאָוו האָט זיך גלייך געמאַכט די וואָנצעס און געענט־פערט מיט אַ קלאָרער און פעסטער שטים:

— פאַר אַ פאַררעטער פון פאָטערלאַנד איז דאָ נאָר איין שטראָף — די תּליה!...

— איך דאַנק אייך, הער מאַיאָר — האָט פּאָלקאָווניק יעפימאָוו געזעדט, האַלטנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו די פּאַפּירן, וואָס זענען

געלעגן אויפן טיש — פאַר אייער קלאָר פאָרמולירטער שטעלונג, מיט וועלכער אויך איך בין מסכים.

פאַלקאָווניק יעפימאָוו האָט אָפּגעהוסט און זיך געווענדט צו קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו:

— הער קאַפּיטאַן, — האָט ער זיך באַמיט צו רעדן מיט א מילד־צוגעלאָזענער שטים — איך האָב זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו־געהערט צו אייערע אַרגומענטן און איך פאַרשטיי אייערע מאָטיוון. איר האַלט זיך ביי דעם הומאַנעם פּרינציפּ, אַז עס איז גלייכער צו באַפרייען ניין שולדיקע, איידער צו פאַראורטיילן איין אומשולדיקן. אָבער איך האָף, אַז איר וועט נעמען אין אכט די אומגעוועגלעכע אומשטענדן פון קריג און איר וועט איינשטימען מיט דער מערהייט פון געריכט.

— ניין, איך בין נישט איינשטימיק, הער פּאַלקאָווניק!...

— איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, הער קאַפּיטאַן — האָט די אונ־טערשטע ליפּ פון פּאַלקאָווניק יעפימאָוו גענומען ציטערן — אַז אייער „וועטאָ" וועט נישט ענדערן דעם אורטייל. איר וועט דעם באַשולדיקטן נישט העלפן. עס וועט נאָר זיין א דעמאָנסטראַציע קעגן אייערע קאָלעגן פון געריכט און קעגן דער פירערשאַפט פון אונדזער העלדישער ארמיי. איך וואָלט אייך געראָטן זיך ערנסט צו פאַרטראַכטן, הער קאַפּיטאַן!...

די לעצטע ווערטער פון פּאַלקאָווניק יעפימאָוו האָבן געקלונגען ווי א דראָאונג.

קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו האָט זיך שוין געהאַט אויסגעטשוכעט פון די עטלעכע גלעזלעך בראָנפן. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין דרייסטקייט און פאַר זיינע חוצפּהדיקע רייד און עס האָט זיך אים געדאכט, אַז די צוויי אָפיצירן ביים טיש זעען שוין די שרעק אויף זיין פּנים און זיי וועלן צומאָרגנס אויסלאכן זיין בלומרשטן מוט.

עס וועט אים אויסקומען צו ליידן נאָך גרעסערע חרפּות, אויב ער וועט איצט נאָכקומען דעם פאָרשלאָג פון פּאַלקאָווניק יעפימאָוו.

קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו האָט געוווסט, אַז זיינע פריערדיקע חוצפּה־דיקע רייד וועלן סיי ווי נישט פאַרגעסן ווערן. פּאַלקאָווניק יעפימאָוו און מאַיאָר איוואַנאָוו וועלן צושטעלן א גענויען באַריכט וועגן זיין פאַר־

האַלטן זיך אין ריכטער חדר. איז נאָך וואָס אויך האָבן די חרפּה פון אונטערגעבן זיך?...

— איך קען נישט ענדערן מיין שטעלונג — האָט לייכט געציטערט דאָס קול פון קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו.

פאַלקאָווניק יעפימאָוו איז געבליבן זיצן נישט אַנטשלאָסן.

ער האָט געוווּסט, יעפימאָוו, אַז אויך ער וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם פאַרהאַלטן זיך פון דעם נאַרישן קאַפּיטאַן. ער, יעפימאָוו, האָט דאָך אַרויסגערוקט די קאַנדידאַטור פון באָגדאַנאָוון, זאָגנדיק:

— דער קאַפּיטאַן וועט טון אַלץ, וואָס איך הייס...

יאָ, קיינער דאַרף נישט וויסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אָפּגעשלאָסענעם ריכטער־חדר און דער וועטאָ פון איין ריכטער דאַרף נישט דערמאָנט ווערן אינעם אורטייל פון א קריגס־געריכט. פאַר דער וועלט וועט עס קענען הייסן, אַז אַלע ריכטער האָבן אַנערקענט פאַר שולדיק דעם זשידאָווסקע ראַבין.

אָבער אין דעם באַריכט, וואָס ער, יעפימאָוו, וועט דאַרפן צושטעלן צו דער הויפּט־קוואַרטיר, טאָר מען דאָך נישט פאַרהוילן דעם אמת. און דעמאָלט... ווער ווייסט, טאָמער לייענט דער גרויספירשט דעם באַריכט!...

פון דעם געדאַנק איז יעפימאָוון געוואָלט קאַלט און הייס.

ער האָט געטראַכט נאָכאַמאָל צו רעדן מיט באָגדאַנאָוון, אים צוזאָגן נישט צו דערמאָנען זיין גאַנצע האַלטונג, אבי ער זאָל איצט קומען צום שכל...

ער האָט זיך אָבער געשראָקן פאַר דעם מאַיאָר איוואַנאָוו. ווער ווייסט, צי איוואַנאָוו וועט נישט צושטעלן אַן אייגענעם פאַרטרוילעכן באַריכט און אויך אים, יעפימאָוון, אַריינציען אין דער בלאָטע...

ניין, ניין, שוין בעסער צו שווייגן און זאָל שוין א סוף נעמען צו דעם זשידאָווסקע עסק...

פאַלקאָווניק יעפימאָוו האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער. יאָ, עס איז שוין זייער שפּעט, צייט, צייט צו ענדיקן די באַראַטונג...

— איך מיין, אַז מיר דאַרפן ענדיקן — האָט זיך אָנגערופן מאַיאָר איוואַנאָוו.

— געווים — האָט יעפימאָוו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — שרייבט דעם אורטייל, הער מאיאָר.

מאיאָר איוואנאָוו האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. זיין האַנט איז זיכער און פעסט געלאָפן איבער דעם ווייסן בויגן פּאַפּיר.

ער, מאיאָר איוואנאָוו, האָט געפילט אַ טיפע פאַראַכטונג צו די אַנדערע צוויי ריכטער. ער האָט אויפן פּנים פון פּאָלקאָווניק יעפימאָוו דערקענט זיינע אינערלעכע וואַקלענישן.

— יעפימאָוו איז נישט בעסער פאַר דעם טיפּש באָגדאנאָוו — האָט מאיאָר איוואנאָוו אין זיך געטראַכט — מיך וועט ער, יעפימאָוו, נישט נאַרן... ער האָט בלויז נישט גערעדט. אָבער אין זיך האָט אויך יעפימאָוו געטראַכט דאָס זעלבע ווי דער קאַפּיטאַן... צוויי אַלטע צעקראָכענע וויי־בער...

מאיאָר איוואנאָוו איז געווען צופרידן פון זיך. ער ווייסט קלאָר, וואָס ער וויל און וווהין ער גייט. ער ווייסט נישט פון קיין ספקות און וואַקלענישן. ער ווייסט, אַז דער זשיד דאַרף איבערגעגעבן ווערן צום תּלין. דאָס איז די אויפגאַבע פון געריכט. איז וואָס דרייען זיך און אַנדערע אַ קאָפּ...

ער ווייסט אויך, דער מאיאָר איוואנאָוו, אַז נישט אין דעם קאָפּ פון דעם ראַבין אַליין גייט עס. עס האָט אים קיינער דאָס נישט געזאָגט, אָבער פונדעסטוועגן ווייסט ער, אַז דער עיקר איז, אַז אַלע זשידעס אין גאַנצן לאַנד זאָלן אַרויס פון דעם פּראָצעס שולדיקע. און אַזוי שרייבט ער דעם אורטייל. נישט עפּעס אַן אורטייל איבער איין יידל. ער שרייבט דעם אורטייל איבער דעם גאַנצן זשידאָווסקען שבט...

— ווער ווייסט, — טראַכט דער מאיאָר שרייבנדיק — צי דער נאָמען פון דעם שרייבער פון דעם אורטייל וועט נישט אַריין אין דער געשיכטע און צי די קומענדיקע דורות וועלן נישט דערמאָנען אים, דעם מאיאָר איוואנאָוו, ווי דעם באַפרייער פון זשידאָווסקען יאָך...

מאיאָר איוואנאָוו ענדיקט מיט אַ שמייכל זיין אַרבעט. ער איז צו־פרידן פון זיין קלאָרן סטיל און זאָגט מיט גרויס חשיבות:

— געענדיקט!

קאפיטל 35

# דער אורטייל

פֿאַלקאָווניק יעפימאָוו נעמט דעם געריכט באַשריבענעם בויגן פּאַפּיר אין זיין האַנט.

ער לייענט לאַנגזאַם מיט אַ געדעמפּט קויל די לאַנגע זאַצן פֿון דעם אורטייל.

די האַנט פֿון פֿאַלקאָווניק יעפימאָוו ציטערט לייכט, האַלטנדיק דעם בויגן פּאַפּיר.

נאָכן לייענען רעדט קיינער מער אַ וואָרט נישט. שטילשווייגנדיק ליגן פֿאַלקאָווניק יעפימאָוו און מאַיאָר איוואַנאָוו זייערע חתימות אויף דעם אורטייל. שטילשווייגנדיק שרייבט קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו זיין קורצן וועטאָ און ווען ער חתמעט זיך אונטער דעם וועטאָ, באַדעקט אַ טויטע בלייכקייט זיין געזיכט.

פֿאַלקאָווניק יעפימאָוו שטעלט זיך אויף. נאָך אים שטעלן זיך אויף די אַנדערע צוויי ריכטער.

מיטן באַשריבענעם בויגן פּאַפּיר לאָזט זיך פֿאַלקאָווניק יעפימאָוו צו דער קליינער שמאָלער טיר. נאָך אים גייען לאַנגזאַם מאַיאָר איוואַנאָוו און קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו.

שאַרכלאָז עפֿנט זיך די טיר אין קליינעם געריכט־זאַל.

איצט איז דער געריכט־זאַל העל באַלויכטן. טראָץ אָבער דער העלער ליכטיקייט דאכט זיך, אז דער זאַל איז ווי אויסגעשטאָרבן. די עטלעכע מענטשן וואָס זיצן אויף די ערשטע בענק זעען אויס ווי שאָטנס.

זייערע פּנימער זענען טויט בלייך און זיי זיצן אויף זייערע ערטער אומבאַוועגלעך, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט.

— אויפשטעלן זיך, דאָס געריכט גייט! — דערהערט זיך ווידער דאָס הייזעריקלעכע קול פון געריכט־דינער.

איינציקווייז, איינער נאָכן אַנדערן, פאַרנעמען די ריכטער זייערע ערטער ביים לענגלעכן טיש, וועלכער איז באַדעקט מיט אַ טונקל גרינעם טוך.

די פּנימער פון די דריי ריכטער זענען אומבאַוועגלעך און מאַכן דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעהאַקט פון טונקל־געלבלעכן שטיין.

אַדאָלף בער מאַכט איצט נישט מער קיין באַמיאונג צו באַהאַלטן זיין אומרו. ער פילט ווי זיין האַרץ קלאַפּט און ווי פון זיין מויל וויל זיך אַרויסרייסן עפּעס אַן אויסגעשריי פון אומגעדולד און שרעק.

פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו באַמיט זיך צו זיין קאַלטבלוטיק און רואיק. זיינע אומרואיקע הענט פאַרראַטן אים אָבער. די הענט זיינע עפּעס הערן נישט אויף צו פּרווון לויז מאַכן דעם ענגן קאָלנער פון זיין מונדיר ווי עס וואָלט עפּעס אים געשטיקט אין האַלדז.

נאָר ר׳ משהלע ראַפּשיצער שטייט אַ רואיקער און גלייכגילטיקער. ער זעט אויס, ווי ער וואָלט דאָ אין דעם זאַל געווען אַ פרעמדער, וואָס האָט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט און עס גייט אים נישט אָן דאָס פאָרען זיך פון די מענטשן אַרום אים.

דער געריכטס־פּאָרזיצער, פּאָלקאָווניק יעפימאָוו, לייענט אַרויס מיט אַ גלייכגילטיק מאָנאָטאָנער שטים פון דעם פּאַפּיר וואָס באַוועגט זיך אין זיין האַנט.

די זאַצן זענען לאַנגע, וויקלען זיך איינע אין די אַנדערע, און עס דאַכט זיך, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט ענדיקן.

אַדאָלף בער בייגט אָן זיין קאָפּ צום ריכטער־טיש. ער וויל הערן יעדעס וואָרט. אָבער די לאַנגע פאַרוויקלטע זאַצן און דאָס מאָנאָטאָנע קול פון פּאָרזיצער שאַפן עפּעס אַ כאַאָס אין בערס קאָפּ. ער הערט ווייטער ווערטער אָן אַ סוף און ער פאַרשטייט נישט זייער מיין.

— ווען וועט זיך דאָס ענדיקן, ווען... — פילט אַדאָלף בער דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ.

און מיטאמאָל דערהערט ער די ווערטער, פאַר וועלכע ער האָט זיך אַזוי געשראָקן.

דאָס קול פון פּאָרזיצער באַקומט פייערלעכע קלאַנגען, ווען ער לייענט... דער באַשולדיקטער ווערט פאַרמשפּט צום טויט דורך הענ־גען...

די עטלעכע מענטשן אין זאַל ציטערן אויף, הערנדיק די ווערטער.

די זעלנער, וואָס רינגלען ארום ר׳ משהלע ראַפּשיצער, רוקן זיך פון אים אינסטינקטיוו אָפּ, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז אָט, אָט וועלן די שוואַרצע פליגל פון מלאך־המות אויך זייערע לייבער באַרירן...

פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו רייסט מיט ביידע הענט דעם ענגן מונ־דיר אַרום זיין האַלדז, ווי ער וואָלט אויף זיין אייגענעם האַלדז דערפילט די פּעטליע פון הענקער.

אַדאָלף בער האַלט זיך מיט ביידע הענט אָן אין דער באַנק, כדי נישט אומצופאַלן.

ר׳ משהלע ראַפּשיצער שטעקט ביידע הענט אַריין אין דעם גאַרטל, וואָס נעמט אַרום זיין לייב. זיין מויל איז האַלב צעעפנט און עס דאַכט זיך אים, אַז איצט הערט ער קלאָר און דייטלעך דאָס קול פון אַלטן קאָצקער:

— האַלט זיך אָן אין מיין גאַרטל, משהלע, האַלט זיך פעסט אָן...

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו לאָזט אַרויס דעם בויגן פּאַפּיר פון זיין האַנט. דאָס פּאַפּיר בלייבט ליגן אויפן טיש און ווייסט זיך אויף דעם טונקל־גרינעם טישטוך.

נאָר עטלעכע ווערטער זאָגט איצט דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו צום פאַרמשפּטן. ער זאָגט אים, אַז קעגן דעם אורטייל פון אַ קריגס־געריכט איז נישטאָ קיין אַפּעלאַציע. ער זאָגט אים אויך, אַז דער אורטייל פון אַ קריגס־געריכט מוז אויסגעפירט ווערן נישט שפּעטער ווי אין 24 שעה נאָכן אַרויסטראָגן דעם אורטייל. איין מעגלעכקייט אָבער האָט ער נאָך, דער פאַרמשפּטער. ער קען זיך ווענדן מיט אַ ביטע צום העכסטן אַרמיי־קאָמאַנדיר און בעטן באַגנעדיקונג.

עס ווערט שטיל אין זאַל. די ריכטער נעמען צונויף זייערע פּאַ־

פירן פון טיש. דער באשולדיקער פּיאָטר קאַמאַראָוו קוקט מיט גלעזערנע אויגן פאַר זיך. אַדאָלף בער רעדט מיט אַ הייזעריקער שטים:

— אין נאָמען פון פאַרמשפּטן וועל איך גלייך איבערגעבן דעם געריכט אַ ביטע וועגן באַגנעדיקונג און איך וויל נאָר בעטן, אַז דער אורטייל זאָל נישט אויסגעפירט ווערן, ביז וואַנען עס וועט נישט אָנקומען דער ענטפער אויף דער באַגנעדיקונגס־ביטע...

— הער פאַרטיידיקער, — ענטפערט אים דער פאָרזיצער מיט אַ טרוקענער שטים — איר ווייסט דאָך, אַז די געריכט־פּראָצעדור דערלאָזט נישט אַזעלכע באַוואָרעניש.

אַדאָלף בער לאָזט שווייגנדיק אַראָפּ זיין זילבער־קאָפּ. יאָ, ער ווייסט דאָס אַלץ. ער ווייסט אָבער אויך, אַז עס איז דאָ אַ שטילער אָפּמאַך צווישן דעם הענקער און זיין קרבן צו וואַרטן מיט דער תליה ביזן ענטפער אויף דער ביטע... דאָס מאָל איז אָבער דער קרבן אַ יידישער רב, — צי וועט דער תלין אויך אין דעם פאַל רעספּעקטירן דעם שטילן נישט געשריבענעם אָפּמאַך?...

— הער פאָרזיצער, — רעדט ווידער אַדאָלף בער — וועל איך קענען צוליב דער קורצער צייט נאָך איצט אייך אין האַנט איבערגעבן די ביטע?

— יאָ, — ענטפערט פאַלקאָווניק יעפימאָוו — איך וועל וואַרטן אין ריכטער־חדר.

צום לעצטן מאָל דערהערט זיך דער רוף פון געריכט־דינער:

— אויפשטעלן זיך, דאָס געריכט גייט!

די דריי ריכטער שטעלן זיך אויף און פאַרשווינדן איינער נאָכן אַנדערן הינטער דער קליינער שמאָלער טיר.

די זעלנער ווילן אַרויספירן פון זאַל ר' משהלע ראַפּשיצער.

— איין מאָמענט! — פאַרהאַלט זיי אַדאָלף בער — איך דאַרף נאָך האָבן זיין אונטערשריפט.

פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו קומט צו הילף אַדאָלף בערן און זאָגט צו ר' משהלעס שומרים:

— וואַרט דאָ און מאַכט נישט קיין שוועריקייטן דעם פאַרטיידיקער זיך צו פאַרשטענדיקן מיטן פאַרמשפּטן.

ער איז זייער העפלעך, דער פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו, און ער זאָגט נאָך צו אַדאָלף בערן:

— אָט דאָ ביטע, הער בער, זעצט אייך צו צו דעם טישל, וועט אייך זיין באַקוועם צו שרייבן.

אַדאָלף בער זעצט זיך אַוועק, נאָר דער פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו טרעט פון אים נישט אָפּ און זאָגט:

— ביז איצט זענען מיר געווען קעגנער און איינער דעם אַנדערן נישט געשוינט אין היץ פון קאַמף, אָבער איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, גאַספּאָדין בער, אַז איך בין אַ טיפער פאַרערער אייערער און עס איז געווען פאַר מיר אַ כבוד צו האָבן אייך אַלס מיין קעגנער...

פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו איז צופרידן מיט זיך. ער וועט מאָרגן אין אָפיצירן־קלוב קענען זיך באַרימען:

— איך האָב באַזיגט דעם גרויסן אַדאָלף בער און שפּעטער האָבן מיר ווי צוויי דזשענטעלמענער זיך געדריקט די הענט...

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט אַ ברייטן זשעסט צו אַדאָלף בערן.

די האַנט זיינע איז אָבער געבליבן הענגען אין די לופטן.

אַדאָלף בער האָט שוין געשריבן זיין ביטע און זיך נישט געמאַכט זען די אויסגעשטרעקטע צו אים האַנט.

פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט זיך האַסטיק אַוועקגעדרייט, ברומענדיק צו זיך:

— אַזאַ זשיד... אָן מאַניערן...

אַדאָלף בער איז שנעל פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט און איז צוגעגאַנגען צו ר׳ משהלע:

— שרייבט עס אונטער רבי...

— מען דאַרף עס? — האָט ר׳ משהלע איבערגעפרעגט.

— יאָ, רבי, מען דאַרף אַלץ טון...

האָט ר׳ משהלע אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּיר און דערביי אונטער־געברומט אַ ווייטיקלעך־טרויעריקן ניגון.

אַדאָלף בער איז מיט דער ביטע אַוועק אין ריכטער־חדר. דאָרט איז

געזעסן נאָר פּאָלקאָווניק יעפימאָוו אַליין. די אַנדערע צוויי ריכטער זענען שוין אַוועק אַהיים.

— ביטע, הער פּאָרזיצער — האָט בער איבערגעגעבן יעפימאָוון די ביטע.

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו האָט צוגענומען דאָס פּאַפּיר פון אַדאָלף בערס האַנט.

אַדאָלף בער האָט געטון אַ קוק אויף דעם צעקנייטשטן פּנים פון פּאָלקאָווניק יעפימאָוו.

נאָך אַן אָנשטרענגונג פון לאַנגע שעהען האָט די זיקנה פאַרנומען איר אָרט אויף דעם פּנים פון געריכט־פּאָרזיצער. הינטער זיינע אויגן האָבן נאָכגעהאָנגען שלאַבריק געשוואָלענע רויטע זעקעלעך. די אויגן האָבן פאַר זיך געקוקט מידע, הילפלאָזע.

— און דער מענטש, — האָט אַדאָלף בער געטראַכט — וועלכער שטייט שוין אַליין מיט איין פוס אין קבר, האָט מיט עטלעכע מינוט צוריק אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל, האָט רואיק און קאַלטבלוטיק איבערגעענטפערט אַ צווייטן מענטש אין די הענט פון תּלין...

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו האָט איצט נישט געמאַכט מער קיין אָנשטרענגונג איבער זיך אויסצווייזן יונג. אַזוי איז יעדע נאַכט. ער נעמט דאַן אַרויס פון זיין מויל די פאַלשע ציין און ער נעמט אויך אַראָפּ פון זיין פּנים די מאַסקע פון יונגקייט. די אויגן קלעפּן זיך ביי אים פון מידקייט. עס ציט אים צום וואַרעמען ווייכן בעט. ער ווייסט, אַז דער שלאָף קומט נישט צו אים אַזוי שנעל. אָבער ער קען צומאַכן די אויגן און טראַכטן פון זיינע בלומען, פון די שיינע רויזן און די איידעלע כריזאַנטעמען, וואָס אַרום זיין בלוי געמאָלט הויז און ער קען טראַכטן פון זיין אייניקל, וואָס די ציינדלעך נעמען איצט אַרויסשפּראָצן אין זיין מיילעכל...

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו מאַכט שווער אויף די אויגן. אַהאָ? ווו איז ער? וואָס זיצט עפּעס דאָ נעבן אים אַ פרעמדער פאַרשוין מיט אַ זיל־בער־קאָפּ?

פּאָלקאָווניק יעפימאָוו לייגט אַרויף זיינעביידע הענט אויפן טיש און קוקט זיך איין אין מידן פּנים פון אַדאָלף בערן.

יאָ, יאָ, איצט דערמאָנט ער זיך, דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו, אַז

אַלעם. ער דערפילט אַ ביטערן טעם אויף דער צונג. ער איז שטענדיק אַזוי נישט פאַרזיכטיק. דער דאָקטאָר האָט אים שוין פיל מאָל אָנגעזאָגט נישט צו טרינקען קיין וואָדקא ביינאַכט. דאָס האַרץ איז ביי אים אָפּגע־שוואַכט. ער האָט מיט אַ יאָר צוריק געהאַט דעם ערשטן אַטאַק. און דער דאָקטאָר האָט אים געוואָרנט, אַז דאָס צווייטע מאָל קען זיך ענדיקן פיל ערגער.

פאָלקאָווניק יעפימאָוו שוידערט אויף. ער האָט מורא פאַרן טויט. יאָ, איצט מעג ער זיך אַליין זאָגן, ר׳האָט מורא...

איצט איז שוין אַלץ קלאָר פאַר דעם פאָלקאָווניק יעפימאָוון. איצט ווייסט ער שוין צוליב וואָס דער פאַרשוין מיטן זילבער־קאָפּ זיצט דאָ אַנטקעגן אים. ווי הייסט ער? אַדאָלף בער. יאָ, יאָ, אַ זשיד, ווי דער ראַ־ווין... אַלע זשידעס האַלטן איינער מיטן אַנדערן און דער דאָ אויך... מ׳קען נישט זאָגן, ער האָט געטון אַלץ צו ראַטעווען דעם ראַווין, און ער האָט דעם נאַרישן קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוון איינגאַנצן צעמישט...

פאָלקאָווניק יעפימאָוו דערפילט איצט אַ מיפע שנאה צו דעם קאַ־פּיטאַן באָגדאַנאָוו. אַזאַ שוטה!... מיינט, אַז נאָר ער האָט אַ נשמה, אַז נאָר ער האָט אַ געוויסן און אַ האַרץ... אויך איך, יעפימאָוו, פיל, אויך איך לייד... אויך איך ווייס, ווי זינדיק איך בין...

וואָס האָט ער געזאָגט, דער ראַווין, אין זיין לעצט וואָרט? יאָ, יאָ, איך געדענק יעדעס וואָרט זיינס... כאָטש אַ זשיד און פילט מיט מיט אַ זינדיקן מענטש, האָט רחמנות אויף אַ מערדער... אַזוי האָט ער געזאָגט, דער ראַווין, אַזוי...

פאָלקאָווניק יעפימאָוו באַקומט רחמנות אויף זיך אַליין. וואָס, משטיינסגעזאָגט, האָט ער פון זיין לעבן?... אפילו אביסל בראָנפן ביי־נאַכט טאָר ער שוין נישט נעמען אין מויל. און די יונגע באַרישניעס קוקן זיך צומאָל נישט אום אויף אַזאַ אַלטוואַרג ווי ער, מעג ער איינ־פּרעסן זיין גראָבן בויך אין ענגן קאָרסעט... און איצט האָט ער אויף זיין נשמה גענומען אַזאַ שווערע זינד... געשיקט אַ זשיד, אָבער פאָרט אַ מענטש, צו דער תליה... אַלץ, אַלץ איז ער, יעפימאָוו, מקריב פאַר דעם היים־געליבטן פאָטערלאַנד. אַלץ גיט ער אוועק פאַר דעם גאָט־געזאַלבטן צאַר. אפילו זיין נשמה, אפילו זיין געוויסן. אפילו זיין גוט האַרץ. אַלץ.

פּאַלקאָווניק יעפימאָוו פילט וואָס אמאָל שטאַרקער רחמנות אויף זיך און אויף זיין זינדיקער נשמה.

און ער וויל זאָגן עפּעס א גוט וואָרט אדאָלף בערן, וואָס זיצט אנטקעגנאיבער אים און שווייגט.

פּאַלקאָווניק יעפימאָוו נעמט נאָכאמאָל אין האנט דאָס פּאַפּיר מיט דער ביטע פון באַגנעדיקונג.

ער שפּאַרט זיך אָן אויף זיינע צוויי הענט, וואָס ליגן אויפן טיש. אָנגעשוואָלענע בלויע אָדערן טרעטן אַרויס אויף די הענט.

אדאָלף בער קוקט אויף די הענט און טראַכט אין זיך:

— די הענט האָבן אונטערגעשריבן דעם טויט־אורטייל, הענט פון אַ מערדער...

פּאַלקאָווניק יעפימאָוו הוסט אָפּ און זאָגט:

— זייט רואיק, גאַספּאָדין בער, איך וועל אייער ביטע גלייך אי־בערשיקן...

ער בלייבט שטיל אַ לענגערע ווײַלע און גיט דאַן צו מיט אַ גע־דעמפּטער שטים:

— און איך ווינטש אייך דערפּאָלג דאָס מאָל... יאָ, גאַספּאָדין בער, איך וועל זיין צופרידן, אז אייער ביטע וועט אָנגענומען ווערן...

נאָכן אַרויסרעדן די ווערטער פילט זיך פּאַלקאָווניק יעפימאָוו דער־הויבענער אין די אייגענע אויגן. ער האָט ס'זייניקע געטון. ער האָט גע־ווונטשן דעם פּאַרטיידיקער דערפּאָלג. איצט קען ער שוין אַ רואיקער גיין אהיים שלאָפן. זיין געוויסן איז איצט ריין.

אדאָלף בער שטעלט זיך אויף. ער געזעגנט זיך מיטן געריכט־פּאָר־זיצער. אין דער טיר טרעפט ער זיך צונויף מיט דעם באַשולדיקער, דעם פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו.

— איין מאָמענט, הער בער — איז קאַמאַראָוו זייער פריינטלעך — איך וועל גלייך זיין צו אייער דינסט.

פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו בלייבט אליין מיטן געריכט־פּאָרזיצער. אַ ווײַלע קוקן זיי איינער אויפן אנדערן שווייגנדיק.

פּאַלקאָווניק יעפימאָוו דערלאַנגט קאַמאַראָוון אדאָלף בערס באַגנע־דיקונגס־ביטע.

— איך שיק די ביטע גלייך איבער צום הויפּט־קאָמאַנדיר — זאָגט קאַמאַראָוו.

— אינמיטן נאַכט? — וווּנדערט זיך יעפימאָוו.

— אַזוי איז דער באַפעל — ענטפערט קורץ קאַמאַראָוו.

— עס הייסט?... — קוקט יעפימאָוו אויף דעם פולן רויטלעכן פּנים פון פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו.

— יאָ... — זאָגט קורץ קאַמאַראָוו.

ביידע פאַרשטייען זיך אָן איבעריקע ווערטער.

פאַלקאָווניק יעפימאָוו שטעלט זיך שווער אויף פון אָרט. זיין קאָפּ איז עטוואָס געבויגן:

— צייט צו גיין אהיים, — זאָגט ער ווי צו זיך אליין.

— און אויף מיר ווארט נאָך פיל אַרבעט — קוקט קאַמאַראָוו מיט גרינגשעצונג אויף דעם אַלטן צעקנייטשטן פּנים פון דעם געריכט־פאָרזיצער.

מיט אַ לייכטן נייג געזעגנט ער זיך. אין צווייטן צימער וואַרטן אויף אים די אָפיצירן פון שטאַב. זיי נעמען צו בערם בקשה און שמייכלען:

— מירן שנעל צוריק זיין, הער פאַלקאָווניק.

— איך האָף, אַז איר וועט אונדז נישט לאָזן לאַנג וואַרטן — ענטפערט זיי אָפּ מיט אַ שמייכל קאַמאַראָוו.

ער גייט שנעל אַריין אין געריכט־זאַל. דער זאַל איז ליידיק. אין אַ ווינקל דערזעט ער שטיין אַדאָלף בערן.

— אינדרויסן וואַרט שוין אויף אייך, גאַספּאַדין בער, די ברישקע...

— אַ דאַנק, הער פאַלקאָווניק — זאָגט אַדאָלף בער — כ׳האָב אָבער געוואָלט פריער זיך געזעגענען מיטן ראַווין. ווען איך בין געווען ביים פאָרזיצער, האָט מען אים אַרויסגעפירט.

— איך באַדויער זייער, הער בער — איז קאַמאַראָוו זייער העפלעך — אויב איר ווילט, וועל איך אים הייסן צוריקברענגען, אָבער עס וועט מוזן דויערן.

ד ו ד   פ ל י נ ק ע ר

אַדאָלף בער אנטשליסט זיך שנעל. ניין, ער האָט נישט קיין צייט צו ווארטן. יעדע מינוט איז טייער און ער זאָגט:

—איך קען לײדער נישט ווארטן, איך מוז ווי אמשנעלסטן זיין אין שטוב.

— ביטע — באגלייט קאמאראָוו אדאָלף בערן ביז צו דער בריטשקע און ווארט ביז זי רירט פון אָרט.

## קאפיטל 36

# דער לעצטער פרווו

אין קאמאראָווס אויגן צינדן זיך קאַלטע פייערלעך, ווען ער קוקט נאָך דער בריטשקע וואָס פארשווינדט אין דער פינצטערניש.

— העי, — זאָגט אַדאָלף בער צו דעם זעלנער, וואָס טרייבט די פערד — וועסט באַקומען אַן עקסטרע דרייערל, אויב דו וועסט אונטער־יאָגן די פערדלעך!...

— איך וועל זיך באַמיען, באַרין — טוט דער זעלנער פרייליך אַ שמיץ די פערד.

אדאָלף בער ברענט פון אומגעדולד. איצט מוז ער אמשנעלסטן זיין ביי זיך אין שטוב. געציילטע שעהען זענען געבליבן, און אין דער צייט מוז מען די גאנצע שטאָט שטעלן אויף די פיס. זאָלן די רבנים און די דאָזאָרעם אוועק צום הויפט־קאָמאַנדיר, זאָלן זיי בעטן רחמים. אדאָלף בער האָט פארשפילט. ער האָט געקעמפט פאר גערעכטיקייט און פאַרן לעבן פון אַן אומשולדיקן מענטש און האָט פארשפילט. איז אפשר וועלן טרערן און געוויין העלפן.

אדאָלף בער קוקט אויף די אויסגעליידיקטע גאסן, אָבער ער זעט פאר זיינע אויגן ר׳ משהלע ראָפשיצער, ווי ער שטייט פארן ריכטער־טיש און רעדט צו זיי, צו זיינע שופטים, ווי ע ר וואָלט ז יי ע ר ריכטער געווען.

— ס׳ערשטע מאָל זע איך אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין מורא פארן טויט — טראַכט אדאָלף בער — ניין, עס איז עפּעס אנדערש, ווי נישט מורא האָבן... דאכט זיך, אז ער אנערקענט נישט דעם טויט,

אז ער זעט שטענדיק המשך, ער זעט בלויז דעם איבערגאנג פון איין וועלט אין די אַנדערע... דעריבער איז ער אַזוי רואיק, ר׳ משהלע, דערי־בער, יאָ, דעריבער...

אַדאָלף בער רעדט צום פערד־טרייבער:

— אום גאָטעס ווילן, אייל זיך צו, עס גייט וועגן א מענטשס לעבן!..

דער זעלנער נעמט נאָך האסטיקער טרייבן די פערד. ער ווייסט וועגן וואָס עס גייט. ער האָט געזען היינט, ווי דעם הענקערס געהילפן פאָרען זיך ביים בערגל אין דער ציטאַדעל־פעסטונג.

דער זעלנער צלמט זיך איבער און אויסדרייענדיק זיך צו אַדאָלף בערן, זאָגט ער:

— איך פארשטיי, באַרין, איך פארשטיי...

די פערד לויפן איצט אין אַ שטארקן גאַלאָפּ איבער די אויסגע־שטאָרבענע גאסן.

אַדאָלף בער ברענגט אין אָרדענונג זיינע געדאנקען און כדי זיך צו באַרואיקן, חזרט ער פאַר זיך אַליין איבער, וואָס ער האָט צו טון אריינ־קומענדיק אין שטוב.

— קודם כל טעלעפאָנירן צו דניאל עפשטיין, — טראַכט אַדאָלף בער — ער, עפשטיין, האָט אַ קלאָרן פארשטאַנד און מיט אים איז גוט זיך צו בּאַראַטן...

אַדאָלף בער דערמאָנט זיך אָן בערטען. יאָ, ער האָט איר צוגע־זאָגט. איצט איז געקומען די צייט צו דערפילן זיין צוזאָג. וואָס זאָל ער איר זאָגן, בערטען? ער טאָר פאַר איר נישט לייקענען. און ווער ווייסט וואָס זי וועט דאַן טון, ווער ווייסט...

אַדאָלף בער דערשרעקט זיך פאַר זיין צוזאַמענטרעפן זיך מיט בער־טען. זי, בערטע, האָט באַלד פון דער ערשטער מינוט נישט געגלויבט אין דעם דערפאָלג פון זיינע באַמיאונגען.

— און דו אַליין האָסט יאָ געגלויבט? — פרעגט אַדאָלף בער זיך אַליין.

און עס דאַכט זיך אים, אַז די גרינלעכע אויגן פון בערטען קוקן איצט אויף אים אין דער פינצטערער נאַכט. זיי לויפן אים נאָך, די אויגן,

און שרייען צו אים — יאָ, יאָ, אויגן קענען טייל־מאָל שרייען... האַ, וואָס שרייען זיי צו אים, די אויגן?...

און אַדאָלף בערן דאַכט זיך, אַז ער הערט הינטער זיך אַ שטום געשריי:

— דו האָסט מיך גענאַרט... דו האָסט געוווּסט, אַז דו קענסט אים, ר' משהלען, נישט העלפן און האָסט זיך דערצו נישט געוואָלט מודה זיין...

מיטאַמאָל דאַכט זיך אַדאָלף בערן, אַז נעבן אים שטייט ר' משהלע ראַפּשיצער און ער הערט זיין שטיל קול:

— האָסט גוט געטון, גוט, זי, די שכנה מיינע, האָט צוויי קליינע קינדער און זי איז נישט שולדיק, נישט שולדיק... זאָג עס איר אין מיין נאָמען און זאָג איר אויך, אַז כ'האָב נישט צו איר קיין פאַרדראָס...

אַדאָלף בער דערמאָנט זיך איצט יעדעס וואָרט, וואָס ר' משהלע האָט צו אים גערעדט.

און מיטאַמאָל כאַפּט זיך אַדאָלף בער, אַז ער טראַכט פון ר' משהלע ראַפּשיצער, ווי וועגן אַ מענטש, וואָס איז שוין נישטאָ:

— ניין, ניין! — טרייבט ער אָוועק פון זיך די געדאַנקען — עס איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן... ער, דער הויפּט־קאָמאַנדיר, קען באַגנע־דיקן... און עס איז נאָך דאָ כמעט אַ גאַנצער מעת־לעת צו פּרווּון ראַ־טעווען...

איז וועמען זאָל ער צו זיך נאָך היינט אַרויסרופן? יאָ, אויך אים, דעם אַלטן פאַן מיכאַל.

ער וועט זיך דערשרעקן, דער אַלטער, אויפגעוועקט צו ווערן אין מיטן דער נאַכט, אָבער וואָס קען מען מאַכן...

צוליב אים, דעם אַלטן פאַן מיכאַל, האָט ער, אַדאָלף בער, גענומען אויף זיך די פאַרטיידיקונג, כאָטש ער האָט פון אָנהייב אָן געפילט, אַז די זאַך איז פאַרשפּילט... זאָל ער זשע איצט קומען, דער אַלטער. זאָל ער גיין צו זיינע פריינט, די פּוילישע כראַביעס, וואָס באָרגן ביי אים געלט... זיי, די גראַפן, האָבן דאָך אַ צוטריט צו דעם אַלמעכטיקן גענע־ראַל יאַנושקיעוויטש, אפשר וועלן זיי קענען אָפּבעטן און אָפּווענדן דעם קרבן פון תּלינס הענט...

יאָ, און אויך אים, דעם אַלטן ר׳ לוי, דאַרף מען האָבן. ער איז אויס־געקאָכט מיט די רבישע הויפן. און אין די רבישע הויפן ווייסט מען טײַלמאָל גאָר נישט שלעכט, ווי אַזוי צו טרעפן צו די צאַרסקע גענעראַלן...

אדאָלף בער האָט ביטער צו זיך געשמייכלט. אַזוי איז עס. א לעבן לאַנג געווען א קעמפּער. געמיינט מיט שטורעם און דראַנג צו ברענגען די ישועה. און געענדיקט. יאָ — מיט וואָס געענדיקט? מיט תחנונים, מיט געבעט, מיט לויפן צו די פּריצים, מיט פאַלן צו די פיס פון שיכורע גענעראַלן...

אדאָלף בער האָט דאָס מאָל זיך נישט געוואָלט נאַרן. אָבער מערק־ווירדיק, אַז דער טרויעריקער אמת האָט אים נישט געערגערט. יאָ, אַזוי איז עס. צו ראַטעווען דאָס לעבן פון איין מענטש איז אַלץ כדאי. מעג מען בעטן און מעג מען פאַלן צו די פיס. אַזוי וואָלט געטון מיין באָבע תמרל, און מיין זיידע בערעק און מיין פעטער ר׳ מאירל — איז וואָס בין איך אַנדערש פון זיי...

יאָ, געווען א צייט אַמאָל, ווען ער, אדאָלף בער, האָט געמיינט, אַז ער איז אַנדערש פון זיי, פון די אַלטע יידן, מיט די גרויסע און לאַנגע ווייסע בערד. איצט ווייסט ער, אַז ער איז דער זעלבער, ווי זיי, יאָ, דער זעלבער...

די ברישקע טוט זיך האַסטיק א שטעל אָפּ.

אדאָלף בער רירט זיך נישט פון אָרט, ווי ער וואָלט איינגעדרימלט.

— באַרין... — דרייט זיך צו אים אויס דער זעלנער — מיר זע־נען שוין פאַר אייער הויז...

— יאָ, יאָ... — מורמלט ווי אין דרימל אדאָלף בער.

דער זעלנער העלפט אים אַראָפּגיין פון דער ברישקע.

אדאָלף בער נעמט אַרויס פון טאַש א גאָרשט קליינגעלט און שטופּט עס אין זעלנערס האַנט.

די ברישקע רירט פון אָרט און פאַרשווינדט אין א זייטיק געסל.

אדאָלף בער קוקט זיך אַרום מיט דערשטוינטע אויגן, ווי ער וואָלט נישט דערקענט די גאַס און דאָס הויז זיינס.

א ווײַלע שטייט ער, ווי ער וואָלט נישט געוווסט, וואָס ווייטער

צו טון. באַלד דערמאַנט ער זיך קענטיק, ווו ער איז, און לאָזט זיך מיט שווערע טריט צום טויער.

ערשט איצט דערפילט ער אַ מידקייט אין זיין לייב. די פיס זיינען שלעפּן זיך קוים אויף די טרעפּ, ווי זיי וואָלטן געווען אָנגעגאָסן מיט בליי.

פאַר זיין טיר בלייבט ער שטיין. די הענט זוכן לאַנג און קענען נישט געפינען אין טאַש דעם שליסל צו דער טיר.

ענדלעך טאַפּן אָן די הענט זיינע דעם קאַלטן שטאָל פון קליינעם שליסעלע, ער עפנט די טיר. אין קאָרידאָר איז ליכטיק. אויך פון די שטי־בער שיינט אַרויס ליכט.

אַדאָלף בער וווּנדערט זיך נישט. ער וווּנדערט זיך שוין מער נישט אויף קיין שום זאַך.

עס פאַלט אים אפילו נישט איין זיך צו פרעגן, ווער האָט געמאַכט ליכטיק אין זיינע ליידיקע צימערן.

יאָ, אַמאָל זענען זיינע שטיבער ליכטיק געווען. ווען איז עס גע־ווען? ווען?...

אַדאָלף בער וויל וועגן דעם נישט טראַכטן. די וווּנד אין זיין האַרץ האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרהיילט. ער האָט מיט גוואַלד פאַרטריבן פון זיך דאָס בילד פון זיין לילי... יאָ, ווען זי, לילי, איז געווען, דעמאָלט זענען שטענדיק ליכטיק געווען זיינע שטיבער. אָבער עס איז געקומען ער, דער שיינער וויעניאַווע, וועמען אַדאָלף בער האָט פון דער תליה אַוועקגעריסן און איז אַוועק מיט זיין לילי... בע־בע־בע... דאָס איז גע־ווען דער האָנאָראַר, וואָס וויעניאַווע האָט באַצאָלט זיין אַדוואָקאַט... ניין, ניין, ער טאָר וועגן דעם נישט טראַכטן... נאָר פון דעמאָלט אָן זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די לאָמפּן אין די שטיבער. פאַרלאָשן גע־וואָרן אויף שטענדיק. און איצט ברענען זיי ווידער.

נאָר איצט וווּנדערט זיך צומאָל נישט אַדאָלף בער. איצט האָט ער נאָר איין פאַרלאַנג: אַוועקצולייגן זיין מיד לייב און נישט טראַכטן. וועגן גאָרנישט טראַכטן, נאָר צומאַכן די אויגן און ליגן אומבאַוועגלעך.

אַדאָלף בער גייט לאַנגזאַם פון שטוב צו שטוב און פּלוצלינג דער־פילט ער אויף זיך אָנגעשטרענגטע בליקן פון אַלע זייטן.

בערטע, דניאל עפשטיין, לאניא, דער אלטער פאן מיכאל, ר׳ לוי,... אלע שטייען זיי ארום. זיי רעדן נישט ארוים קיין איינציק וואָרט, נאָר זייערע בליקן פרעגן, פאָדערן, מאָנען...

און מיטאמאל אנטלויפן פון אים די בליקן. דאָס אש־גרויע פנים פון אדאָלף בערן האָט זיי שוין געזאָגט אלץ, וואָס זיי דארפן וויסן... איז נאָך וואָס פרעגן? נאָך וואָס רעדן?...

לאָניא רירט זיך די ערשטע פון אָרט. זי זעט, ווי אדאָלף בער וואקלט זיך אויף די פיס, ווי א נעפל וואָלט זיך פארצויגן איבער זיינע אויגן.

לאניא האלט אים לייכט צו ביים אָרעם, העלפט אים אויסוויקלען זיך פון זיין פאלטא, נעמט אים אראָפ דעם הוט פון קאָפ און רוקט בענטער צו אים צו א שטול.

אדאָלף בער לאָזט זיך שווער אראָפ אויף דער שטול. ער פארמאכט די אויגן און פון זיין מויל רייסט זיך ארוים א קרעכץ:

— זיי האָבן אים פארמשפט!...

בערטע האלט זיך מיט ביידע הענט אָן ביים ראנד פון טיש. ר׳ לוי מאכט זיך גלייך דאָס סאמעטענע קאפל אויפן קאָפ און זיינע ליפן שעפטשען עפעס ווי צו זיך. דער אלטער פאן מיכאל קוקט מיט פינטל־דיקע אויגן אויפן בילד פון דער באבע תמרל און באגרייפט נישט דאָס מאָל איר שמייכל. לאניא שפארט זיך לייכט אָן עפשטיינס אָרעם, און ער, דניאל עפשטיין, נעמט אראָפ די ברילן און פארגעסט זיי דאָס מאָל צו ווישן מיט זיין טיכל.

זיי האָבן עס אויך פריער געוווסט. א גאנצע נאכט האָבן זיי דאָך נאָר וועגן דעם געטראכט. און ווען זיי האָבן אים, אדאָלף בערן, דערזען, האָבן זיי שוין קלאָר און אָן צווייפל געוווסט, אז דאָס ערגסטע איז גע־שען. און דאָך זענען זיי געבליבן ווי פארשטיינערט, ווען דאָס, וואָס זיי אלע האָבן געוווסט, האָט באקומען דעם קלאנג פון וואָרט.

לאניא איז די ערשטע געקומען צו זיך. זי איז אויף א ווייל פאר־שוווּנדן אין א צווייטער שטוב און איז צוריקגעקומען, האלטנדיק אין האנט א קליין גלעזל אָנגעגאָסן מיט קאָניאק.

זי האָט דאָס גלעזל צוגעטראָגן צו אַדאָלף בערס מויל, ווי מען גיט אַ רפואה אַ חולה און געוואַרט, ביז ער וועט דאָס גלעזל אויסטרינקען. ערשט דאַן האָט זי געזאָגט:

— מען טאָר נישט אויפגעבן די האָפענונג פון באַגנעדיקונג!...

אַדאָלף בער האָט זיך אויסגעגלייכט אויף זיין שטול. דער שאַרפער אַלקאָהאָל האָט וואָך געמאַכט זיינע חושים. און זי, לאַניא, האָט אים דערמאָנט וואָס ער דאַרף טון.

מיט קלאָרע ווערטער האָט ער גענומען דערציילן וועגן דער נאַכט אין דער ציטאַדעל־פעסטונג. ער האָט דערציילט ווי דער באַשולדיקער האָט אים ביז דער לעצטער מינוט נישט געוואָלט זאָגן, אין וואָס ר׳ משהלע ווערט באַשולדיקט, און ער האָט צוגעגעבן:

— איך האָב שוין געהאַט צו טון מיט פּראָקוראָרן, נאָר אַזאַ מנוול, ווי דער פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו...

— פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו, האָט איר געזאָגט? — האָט עפּשטיין האַסטיק איבערגעפרעגט.

— יאָ, פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו — האָט אַדאָלף בער איר בערגעחזרט.

— עס איז דער זעלבער! — האָט עפּשטיין אויסגערופן.

— איר קענט אים, עפּשטיין? — האָט אַדאָלף בער געפרעגט.

— יאָ, איך קען אים, — האָט עפּשטיין געענטפערט — ער פלעגט אָפט קומען צו מיר אין שטוב מיט אַנדערע אָפיצירן.

די אויגן פון דניאל עפּשטיין און בערטען האָבן זיך צוזאַמענגע־טראָפן. דער נאָמען פון פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו האָט זיי דערמאָנט אָן די טעג און נעכט, ווען זיי האָבן צוזאַמען אין זייער אַמאָליקער וווי־נונג אויפגענומען געסט. ער, קאַמאַראָוו, איז געווען אָן אָפטער גאַסט ביי די עפּשטיינס.

עפּשטיין דערמאָנט זיך, אַז ער, קאַמאַראָוו, האָט אפילו זיך אַמאָל געפּרוווט דערקלערן אין ליבע בערטען און נאָכן באַקומען אַ שאַרפן אָפּזאָג, זיך געטרייסט דערמיט, וואָס פון צייט צו צייט האָט ער באַ־קומען אין האַנט אריין פון עפּשטיינען פונקט ווי די אַנדערע צאַרישע שררות. ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, קאַמאַראָוו, און עפּ־שטיין פלעגט אים שיקן אין שטוב אַריין פון דעם מין...

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן פריער נישט געוווסט, אַז קאַמאַראָוו איז דער באַשולדיקער, — טראַכט עפּשטיין — אפשר וואָלט מען מיט אים געקענט זיך פאַרשטענדיקן...

אַדאָלף בער דערציילט וועגן אורטייל און זאָגט:

— עס איז אַן איינפאַכער מאָרד... און כ'האָב דעם איינדרוק, אַז די ריכטער אַליין ווייסן דאָס... דער געריכט־פאָרזיצער האָט מיר געווונטשן אפילו דערפאָלג אין די באַמיאונגען פאַר באַגנעדיקונג.

אַדאָלף בער האָט געענדיקט זיין באַריכט זאָגנדיק:

— פיל צייט האָבן מיר נישט... נישט קיין גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה...

ערשט דאַן האָט עפּשטיין זיך דערמאָנט אָן דעם בריוו פון וויקטאָרן, וואָס יאַנקל שמייסער האָט אים געבראַכט.

— אָט די מעלדונג האָט מיר וויקטאָר צוגעשיקט — האָט עפּשטיין דערלאַנגט אַדאָלף בערן וויקטאָרס בריוו.

אַדאָלף בער איז שנעל דורכגעלאָפן מיט די אויגן זיין אינהאַלט:

— ווען האָט איר דעם בריוו באַקומען? — האָט אַדאָלף בער האַסטיק געפרעגט.

— ער — האָט עפּשטיין אָנגעוויזן אויף יאַנקלען — האָט מיר דעם בריוו געבראַכט, אָבער ליידער זענט איר שוין נישט געווען אין שטוב.

ערשט איצט האָבן אַלעמענס אויגן זיך געווענדט צו יאַנקלען. ער איז געזעסן האַלב אויסגעצויגן אין אַ פאָטעל און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין האַנט געשמאַק געשלאָפן.

אַדאָלף בער האָט זיך טיף פאַרטראַכט. אַלע בייזע כוחות האָבן זיך פאַראייניקט, האָט ער געטראַכט, קעגן ר' משהלען. ווער ווייסט, ווען איך האָב די מעלדונג ביים פּראָצעס, צי זיי וואָלטן געוואַגט אַרויסצוטראָגן אַ טויט־אורטייל... זאָל־זשע כאָטש מאָרגן אינדערפרי די מעלדונג ווערן אויסגעקלעפּט אין די גאַסן. אפשר וועלן זיי צוליב דעם זיך צוריקהאַלטן פון אויספירן דעם מאָרד...

— שרייבט אים, וויקטאָרן, — האָט אַדאָלף בער געזאָגט צו עפּשטיינען — אַז זיי זאָלן זיך צואיילן מיטן פאַרעפנטלעכן די מעלדונג, אפשר וועט דאָס העלפן...

עפּשטיין האָט שנעל אויפגעצייכנט עטלעכע ווערטער צו וויקטאָרן און אויפגעוועקט יאנקל שמייסער.

יאנקל האָט מיט דערשטוינטע אויגן געקוקט אויף עפּשטיינען. ער האָט נאָר וואָס געחלומט, אז ער שפּאנט איין די צוויי קאשטאן־פערד אויפן גזשיבאָוו צו ר' לוים קאָטש...

— לויף שנעל אראָפּ אין גאס און כאפּ אַ דראָשקע צו וויקטאָרן — האָט אים עפּשטיין געמונטערט — געדענק, עס איז זייער וויכטיק, ר' משהלע ראָפּשיצער איז אין אַ גרויסער געפאר!...

— ר' משהלע? וואָס איז מיט ר' משהלען? — איז יאנקל געוואָרן אויסגעניכטערט פון זיין חלום.

— נישטאָ איצט קיין צייט צו רעדן, מען דארף אים ראטעווען, ר' משהלען... גיי שנעל!

יאנקל האָט פארשטעקט עפּשטיינס בריוו אין זיין טאש און זיך געלאָזט צו דער טיר.

אַ פיבערהאפטע ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן אין אדאָלף בערס ארבעט־צימער. די טעלעפאָנען האָבן פארשלאָפענע מענטשן ארויסגע־שלעפּט פון זייערע בעטן.

אדאָלף בער און עפּשטיין, דער אלטער פאן מיכאל און ר' לוי האָבן געהאט גרוים באקאנטשאפטן אין דער שטאָט.

אין מיטן דער נאכט צו וועקן מענטשן פון שלאָף איז געוויס נישט שיין. אָבער וואָס קען מען טון. עס גייט אין לעבן פון אַן אומשולדיקן מענטש און יעדע מינוט איז טייער.

פארשלאָפענע שטימען האָבן זיי אָפּגעענטפערט. הא? וואָס איז? א קריגס־געריכט? א טויט־אורטייל? זייער טרויעריק, זייער טרויעריק... אָ, ניין, עס פארדריסט נישט, געוויס, געוויס, אַז מען דארף ראטעווען אַ מענטש...

גלייכגילטיק האָבן געקלונגען די ענטפערס, וואָס פארשלאָפענע שטי־מען האָבן געגעבן דורכן טעלעפאָן.

די ענטפערס זענען געווען קורצע, אָפּגעהאקטע, העפלעכע און קאל־טע. אַן איינפאל פון יידן נישט צו לאָזן שלאָפן רואיק ביינאכט. און

צוליב וואָס? צוליב וועמען? צוליב עפּעס אַ זשיד, וואָס ווער ווייסט, וואָס אַזוינס ער איז...

אַזוי האָבן געטראַכט די בייזע שׂררות, צו וועלכע מ'האָט זיך גע־ווענדט נאָך הילף פאַר ר' משהלע ראַפּשיצער.

זיי האָבן זיך צוריקגעלייגט אין בעט און עפּעס בייז צו זיך גע־מורמלט.

נאָר איין שטים האָט טיפער אויפגעציטערט. דניאל עפּשטיין האָט זיך פאַרבונדן מיטן ביסקופּן־פּאַלאַץ.

— אַנטשולדיקט, פּאַטער אַנטאָניוס, — האָט עפּשטיין געוועדט — עס האַנדלט זיך וועגן דעם אַרעסטירטן רב... יאָ, איר, פּאַטער אַנטאָניוס, האָט אונדז געבראַכט די ערשטע ידיעה... ער איז פאַראורטיילט צו טויט...

— איך קום גלייך צו אייך — האָט געציטערט די שטים פון פּאַטער אַנטאָניוס.

— נישט צו מיר, פּאַטער אַנטאָניוס, נאָר צום אַדוואָקאַט אַדאָלף בער — האָט אים עפּשטיין געגעבן דעם אַדרעס.

— גוט, איך קום באַלד — האָט דער פּאַטער אַנטאָניוס געענט־פערט.

אינדרויסן האָט גענומען גרויען אַ נייער טאָג.

אין אַדאָלף בערס צימער האָבן נאָך לאַנג געקלונגען די טעלעפאָנען און קיינער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווען בערטע איז אַוועק.

### קאַפּיטל 37

## דער רוף פון שיקזאַל

בערטע האָט נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט, זינט אַדאָלף בער איז אַריינגעקומען. זי האָט זיך אויך נישט צוגעהערט צו די רייד פון די אַנדערע.

זי האָט נישט באַדאַרפט רעדן און נישט פרעגן. דאָס אַש־גרויע פּנים פון אַדאָלף בערן האָט איר אַלץ געזאָגט.

ווי שטענדיק איז זי, בערטע, געווען רויִק. די רויִקייט אירע איז אָבער דאָס מאָל געווען פון אַזאַ סאָרט און האָט צוגעגעבן איר פּנים אַזאַ אויסדרוק, וואָס האָט אָנגעוואָרפן פּחד.

נישט מער, וואָס קיינעם איז אין דעם מאָמענט נישט איינגעפאַלן אַ קוק צו טון אויף בערטען. אַפילו דניאל עפּשטיין האָט פאַרגעסן, אַז זי געפינט זיך אין שטוב. אַלעמענס געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיטן גורל פון ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

נאָר זי, בערטע, אַליין האָט אין די מינוטן נישט געטראַכט וועגן שכן אירן ר׳ משהלען. און נישט וועגן איר שולד אין זיין גורל.

בערטע איז אין די מינוטן נישט געווען פעאיק צו טראַכטן וועגן אַנדערע. איר וועזן איז געווען פול מיט זיך אַליין.

נאָך מיט עטלעכע שעה פריער, ווען זי, בערטע, איז געקומען אין דער וווינונג פון אַדאָלף בערן, איז זי געווען פול מיט חרטה און שולד־באַוווּסטזיין צו ר׳ משהלע ראַפּשיצער, וואָס איז געווען איר שכן.

זי האָט געטראַכט וועגן אים, האָט זיך געזאָרגט פאַר זיין גורל,

האָט געהאַלטן זיך פאר שולדיק און האָט געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אים צו העלפן.

זי האָט דעמאָלט געהאט פאַרדראָס אויף אַדאָלף בערן, וועלכער האָט איר אַליין נישט געלאָזט טון דאָס, וואָס זי האָט פאַרשטאַנען פאַר ריכ־טיק.

איצט אָבער האָט בערטע וועגן דעם אַלעם נישט געטראַכט. זי האָט מער נישט געפילט קיין חרטה און קיין פאַרדראָס און קיין שולד. דאַקעגן האָט זי אַן אַנדער געפיל באַהערשט. אַ מאָדנע געפיל, פאַר וועלכן עס איז שווער צו געפינען אַן אויסדרוק. אַ געפיל פון צונויפטרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט איר שיקזאַל.

זי האָט געפילט דעם שיקזאַל, ווי מען נעמט אויף אַ פיזיש וועזן, און עס איז איר פאַרגעקומען, אַז זי פילט אויף איר לייב דעם פיזישן באַריר פון דעם וועזן און אַז זי הערט אפילו זיין שטים:

— קום, עס האָט אָנגערוקט דיין צייט...

און זי האָט געוווסט, בערטע, אַז דאָס איז אַ באַפעל, וועלכן מען מוז זיך אונטערגעבן און קעגן וועלכן עס איז אומזיניק זיך צו בונטע־ווען.

פאַרוואָס מוז מען זיך אונטערגעבן, האָט בערטע נישט געטראַכט. זי האָט אָבער געוווסט, אַז אַזוי איז עס, און אַז עס האָט נישט קיין צוועק זיך צו פּרווון אַקעגנשטעלן דעם דאָזיקן באַפעל.

וואָלט עמיצער אַ דרויסנדיקער עפּעס געפאָדערט און באַפוילן צו בערטען, וואָלט זי אפשר געפונען אין זיך גענוג כוח זיך קעגנצושטעלן. שלעכט אָבער איז, ווען אַ באַפעל שפּראָצט און וואַקסט אַרויס פון דיין אייגן וועזן, פון דיין אינגעווייד און באַהערשט דיין ווילן, און דיין מוח, און דיין האַרץ. אַזאַ באַפעל ווייסט נישט פון קיין ווידערשטאַנד און קיין קעגנשטעלן זיך אים.

בערטע האָט דעריבער נישט געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט ווי־דערצושפּעניקן דעם באַפעל. זי האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם פּאַלטאָ און האָט צום לעצטן מאָל אַ קוק געטון אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך אין אַדאָלף בערס קאַבינעט געפּאָרעט ביי די טעלעפאָנען.

זי האָט איצט געפילט אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט צו זיי אַלע. זי האָט געזען, ווי עפּשטיין הענגט ביים טעלעפאָן־טרייבל, שרייט עפּעס אריין, בעט, גיט צו פּארשטיין און דערביי האַלט ער אין איין רוקן ארויף און אַראָפּ זיינע ברילן מיט אזא קאָמישער באַוועגונג, אַז זי, בערטע, טוט, נישט ווילנדיק, אַ שמייכל.

ער איז איר איצט פאַרגעקומען פרעמד, גלייכגילטיק, אביסל לע־בערלעך. און זי האָט מיט עפּעס אַ קאַלטער גלייכגילטיקייט געטראַכט, אַז אָט דער מענטש איז אַמאָל געווען איר מאַן, אַז צוליב אים האָט זי טיילמאָל געוואָלט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט און איז נעכט גאַנצע נישט געשלאָפן.

זי האָט אויך געקוקט מיט גלייכגילטיקע אויגן אויף לאַניאַן. איצט האָט זי לאַניאַן מער נישט פיינט. וואָס גייט זי אָן לאַניא, איר, בערטען? זי האָט ביי איר צוגענומען עפּשטיינען? נו, יאָ, איצט זענען איר ביידע פרעמד און גלייכגילטיק.

זי האָט זיך מיט קיינעם פון זיי נישט געזעגנט. וואָס גייען איר אָן די דאָזיקע פרעמדע מענטשן, וואָס טומלען מיט רויטע נישט אויסגע־שלאָפענע אויגן?...

דניאל עפּשטיין און אַדאָלף בער זענען שפּעטער געווען איבער־צייגט, אַז בערטע האָט זיך פון זיי, ווי אַרויסגעגנבעט שטילערהייט, מורא האָבנדיק, אַז מען וועט זי צוריקהאַלטן פון איר שריט.

דאָס איז אָבער נישט געווען ריכטיק. יעדנפאַלס האָט זי, בערטע, דערפון נישט געוווסט און דערפון זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכנשאַפט.

זי האָט פשוט נישט געהאַט — אַזוי האָט זיך איר געדאַכט — מער קיין שום געמיינזאַמעס מיט די מענטשן און דעריבער האָט זי גע־עפנט די טיר און איז אַראָפּ אויף די פינצטערע טרעפּ.

זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם פאַרענטש פון די טרעפּ, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אומצופאַלן און האָט אפילו נישט געטראַכט, וואָס ווייטער צו טון.

ערשט אַראָפּקומענדיק אויף דער גאַס, האָט בערטע געוווסט, אַז זי דאַרף גיין צום פאָלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו.

זי געדענקט גענוי די גאַס, וווּ ער, קאַמאַראָוו, וווינט. זי געדענקט

עס פון די ציטן, ווען זי פלעגט אויף די ווייַנאַכטן שיקן אים צוזאַמען מיט אַ ווונטש אַ קויש וויין און קאָניאַק.

בערטע גייט איבער דער גאַס און דערמאַנט זיך מיט גליקלעכקייט אָן דער דאָזיקער צייט. קאַמאַראָו איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געטרונקען זייער וויין. אויך די אַנדערע צאַרישע שררות האָבן באַקומען צוגעשיקט ווייַנאַכט־מתנות פון די עפּשטיינס, און בערטע האָט זיך מיט דעם געפּאָרעט. צוליב דעם געדענקט זי קאַמאַראָווס אַדרעס.

יאָ, צוליב דעם, אָבער נישט בלויז צוליב דעם. עס איז געווען נאָך עפּעס צוליב וואָס זי, בערטע, געדענקט אַזוי גוט קאַמאַראָוון.

ער, פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו, פלעגט אָפטער, ווי אַנדערע צאַרישע שררות אַרויפקומען צו די עפּשטיינס. דניאל האָט אָפט צו אים פאַרשפּילט אין קאָרטן און דערפון איז קאַמאַראָוו, קענטיק, געווען זייער צופרידן און איז אפילו דאַנקבאַר געווען דעם ייִד, וואָס גיט אים אויף אַזאַ איידעלן אופן אין יד אַריין. יאָ, צוליב דעם איז ער געווען אַזאַ אָפטער גאַסט, קאַמאַראָוו, אָבער איר, בערטען, האָט ער פאַרזיכערט, אַז נאָר צוליב איר קומט ער...

בערטע האָט זיך פון דער דאָזיקער קאַצאַפּישער ליבע ווייניק געמאַכט. ער איז איר געווען אַזוי גלייכגילטיק, אַז זי האָט קיינמאָל וועגן אים נישט געטראַכט. אָבער ווי יעדע פרוי, איז איר געווען אַנגענעם צו פילן איר מאַכט אויף די מענער און זי האָט בלויז געשמייכלט אויף קאַמאַראָווס קאָמפּלימענטן.

איינמאָל איז ער געקומען צו זיי, ווען עפּשטיין איז אין דער היים נישט געווען. זי האָט עס אים גלייך געזאָגט, אַז היינט וועלן ליידער קיין קאָרטן נישט זיין. קאַמאַראָוו האָט זיך אָבער נישט געקליבן אַוועקצוגיין. זיינע קאָמפּלימענטן פאַר בערטען זענען געוואָרן נאָך שטאַרקערע און הייסערע.

בערטע האָט אים געפּרוווט צוריקהאַלטן, אָבער קאַמאַראָוו האָט זי געפּרוווט קושן.

די רויִקע, שטענדיק שמייכלדיקע בערטע האָט דעמאָלט מיט איר האַנט באַרויִקט דעם צעהיצטן קאַמאַראָוו און אויף זיין פּנים איז געבליבן אַ רויטער צייכן פון בערטעס פּאַטש...

א לענגערע צייט האָט ער זיך מער ביי זיי נישט געוויזן. שפּעטער האָט ער זי אין קאַפּע איבערגעבעטן און ווידער אָנגעהויבן אַרויפקומען.

וועגן דעם האָט געטראַכט בערטע גייענדיק איבער דער גאַס.

זי איז געגאַנגען שנעל און האַסטיק, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן און האָט אפילו נישט באַמערקט די בליקן פון די איינ־צלנע דורכגייער, וואָס האָבן מיט פאַרוווּנדערונג נאָכגעקוקט דער איינ־זאַמער פרוי, וואָס לויפט שנעל איבער דער גאַס, ווי געיאָגט פון עמיצן.

פון אַ שענק זענען אַרויס עטלעכע יונגע מענטשן אין אַ בגילופנדיקן צושטאַנד.

זיי זענען געשטאַנען איבער דער גאַנצער ברייט פון טראָטואַר און שיכּורלעך געזונגען.

זיי האָבן זיך דערפרייט, דערזעענדיק בערטען קומען זיי אַנטקעגן.

זיי האָבן אויסגעשפּרייט זייערע הענט צו איר און גענומען זינגען דעם פּאָפּולערן שלאַגער: „אין מיינע אָרעמס קום, קום...״

בערטע איז אַ ווייל געבליבן שטיין, נישט ווִיסנדיק, וואָס צו טון.

— קום, קום!... — האָבן די שיכּורים איר געלאַכט אין פּנים אַריין.

— פּאַנאָוויע... — האָט בערטע פאַרלוירן אַרויסגעשטאַמלט.

די שיכּורים האָבן זי מיט געלעכטער אַרומגערינגלט.

— קום, קום! — האָבן זיי צו איר געזונגען — אין די אָרעמס פון בראָנפן, קום!...

בערטע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טראָטואַר אויף דער גאַס און גע־נומען שנעל לויפן.

— קום צוריק! — האָבן די שיכּורים איר נאָכגעשריגן, נאָר אַליין פון אָרט זיך נישט גערירט.

בערטע האָט נישט אויפגעהערט צו לויפן און געהערט, ווי די שיכּור־רים שיקן איר נאָך ניבול־פּהדיקע זידלערייען.

בערטען האָט פאַרפעלט אָטעם. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַרום האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיק נפש.

די שטילקייט פון דער נאַכט האָט בערטען אַרומגענומען. די לבנה האָט זיך געזילבערט איבער די ציגל־דעכער אַ גלייכגילטיקע און פרעמדע.

בערטע האָט זיך אַרומגעקוקט. עס איז איר פאָרגעקומען, אַז לויפנ־דיק האָט זי פאַרבלאָנדזשעט.

אַ ווייל איז זי געשטאַנען נישט אנטשלאָסן. זי האָט שווער גע־אָטעמט. איר בליק איז געפאַלן אויף אַ קליינער גאָטישער קירכע, וואָס האָט זיך געשלענגלט אין שאָטן פון דער נאַכט.

זי זעט פון דער קירכע אַרויסגיין אַ הויכן שלאַנקן מאַן אין גלחישע קליידער.

— דער פאָטער אנטאָניוס — דערקענט אים בערטע און פאַרקי־רעוועט שנעל אין אַ זייטיק געסל.

איצט ווייסט שוין בערטע, אַז זי געפינט זיך נעבן דעם ביסקופן־פּאַלאַץ און אַז עס איז שוין נישט ווייט צו דער וווינונג פון פּאַלקאָווניק קאַמאַראָוו.

פון דעם געסל קוקט בערטע נאָך דעם פאָטער אנטאָניוס און עס פאַלט איר איין, אַז פּונקט ווי זי, אַזוי גייט אויך ער איצט אַן איינ־זאַמער אנטקעגן זיין גורל.

באַלד פאַרשווינדט דער פאָטער אנטאָניוס פון אירע אויגן און בער־טע לאָזט זיך ווייטער אין וועג, איר וועג. זי קוקט זיך גוט אַרום כדי נישט פאַרבייצוגיין דאָס הויז אין וועלכן עס וווינט פּאַלקאָווניק קאַמאַ־ראָוו.

בערטע שפּאַרט זיך אָן אין דער מויער פון הויז און בלייבט שטיין אַ פאַרגליווערטע. דאָ וועט זי וואַרטן אויף אים, אויף דעם פּאַלקאָווניק קאַמאַראָוו, דאָ... זי הערט זיך צו צו דעם אָטעם פון דער איינגעשלאָפע־נער גאַס. אירע אויגן זענען האַלב פאַרשלאָסן און עס דאַכט זיך איר מיטאַמאָל, אַז זי הערט דאָס קול פון איר קליינעם סאַמעק, וואָס רופט צו איר:

— מאַמע... מאַמע...

באַלד קלינגט אָפּ אין אירע אויערן דאָס געוויין פון דער קליינער רעגינקע. זי האָט זיך צוגעקילט, דאָס קינד, וויל בערטע צולויפן צו איר בעטל... ניין, ניין, זי טאָר זיך איצט פון דאַנען נישט רירן... אירע פינ־גער האַלטן זיך פעסט אין דער מויער פון הויז און אירע ליפּן באַוועגן זיך שטיל:

— ניין, סאמעק, איך קען איצט נישט... איך מוז דאָ שטיין און וואַרטן...

אָ, איצט זעט זי שוין נישט בלויז אירע צוויי קינדער. עפּשטיין און לאַניא, וויקטאָר און יאַנקל שמייסער, אַדאָלף בער און דער אַלטער פּאַן מיכאַל, ר׳ לוי און דער פּאַטער אַנטאָניוס רינגלען זי אַרום און ווילן זי מיט געוואַלד פון דער מויער אַוועקרייסן.

וואָס ווילן זיי פון איר, וואָס?... האַ, וואָס ווילט איר אַלע?... איך בין דאָך אַנטלאָפן פון אייך, איך קען דאָך מער נישט זיין מיט אייך אַלע...

אַ ניי געשטאַלט וואַקסט אויס פאַר בערטעס אויגן. ר׳ משהלע ראַפּשיצער אין אַ ברייטער זיידענער זשיפּיצע און אַ קאַלפּאַק אויפן קאָפּ שטייט אַ שווייגנדיקער מיט זיינע פונאַנדערגעשפּרייטע הענט.

בערטעס ליפּן באַוועגן זיך האַסטיקער:

— כ׳האָב נישט פאַרגעסן, כ׳האָב נישט... און כ׳וועל זיי נישט האַרגן... כ׳וועל נישט אַוועק פון דער וואַנט... אָט איז סאַמעק שטיל געוואָרן... ער פאַרשטייט, מיין קינד, אַז די מאַמע קען איצט נישט צוגיין צו זיין בעטל... און רעגינקע איז איינגעשלאָפן — שלאָף, שלאָף, טאָכטער מיינע, איך מוז דאָ שטיין און וואַרטן אויף אים, אויף דעם פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו...

בערטע רייסט אויף די אויגן. עס באַפאַלט איר אַ שרעק. אפשר איז ער שוין דורכגעגאַנגען, דער פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו?...

עס פאַרשווינדן אַלע געשטאַלטן, וואָס האָבן זי נאָר וואָס אַרומגערינגלט. זי איז ווידער איינע אַליין און אָטעמט אין זיך איין דעם הויך פון דער אויסגעשטאָרבענער גאַס.

פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו גייט מיט וואַקלדיקע טריט איינער אַליין אויפן טראָטואַר.

ער האָט פונאַנדערגעקנעפּלט זיין מונדיר און עס איז אים ווייטער היים. ער קומט איצט פון יאַסלס שענק פאַרן אייזערנעם טויער.

גלייך פון ציטאַדעל איז ער אַוועק צו יאַסלס שענק. ער האָט געמוזט באַגיסן זיין זיג איבער דעם זשידאָווסקע ראַווין, דער פּאָלקאָווניק קאַמאַ-

ראָוו, און ער האָט געוווסט, אַז יאָסלס שענק פאַרן אייזערנעם טויער איז אויך שפּעט ביינאַכט גאַסטפריינטלעך פאַר געסט אין אַפּיצירן־מונדירן.

פאַלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו איז אַ ווייל שטיין געבליבן ביי דעם שטאַנג פון אַ גאַס־לאַמטערן און זיך פונאַנדערגעלאַכט. יאָ, איצט מעג ער לאַכן פון אַדאָלף בערן. דער כיטרער זשידאָווסקע אַדוואָקאַט... ער האָט געמיינט אים, קאַמאַראָוון, צו פירן פאַר דער נאָז... ער האָט געמיינט, אַז מ׳וועט טאַקע וואַרטן 24 שעה מיטן אורטייל און געבן זיי, די זשידעס, צייט צו וויינען, און צו קלאָגן, און צו בעטן... כע־כע־כע!... דאָס אַדוואָקאַטל האָט פאַרגעסן, אַז ער, קאַמאַראָוו, האָט אויך אַ קאָפּ אויפן קאַרק... כ׳האָב אים גלייך משלח געווען אַהיים. כע־כע־כע!... און אַלץ איז געגאַנגען ווי געשמירט... גענעראַל יאַנושקיעוויטש האָט גע־וואַרט און דער גרויספּירשט האָט, ליגנדיק אין בעט, באַשטעטיקט דעם אורטייל... און דער הענקער האָט דערווייל געטון זיין אַרבעט און דעם ראַווין האָט מען אַרויסגעפירט צום בערגל... נאָר ער, קאַמאַראָוו, האָט אין אַ צייט געוואַרט... יאָ, עס האָט אַלץ געקלאַפּט אויפן זייגער... און צו דער באַשטימטער מינוט איז דער שליח צוריקגעקומען מיטן באַ־שטעטיקטן אורטייל... עס קען קיינער אים גאָרנישט פאַרוואַרפן. אַלע פאַרשריפטן פון געזעץ זענען אָפּגעהיט געוואָרן. ער, קאַמאַראָוו, האָט דעם באַשטעטיקטן אורטייל פאַרגעלייענט און אַז זיין קול האָט אַביסל געציטערט, איז וואָס?... פאַרט ס׳ערשטע מאָל געזען אַזאַ זאַך... עס איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען מיינט... און דער זשידאָווסקע ראַווין האָט, וואָס דער אמת, זיך געפירט אָרנטלעך. איז געווען שטיל די גאַנצע צייט, האָט געטון וואָס מען הייסט אים און האָט בלויז זיך נישט געלאָזט פאַרשטעלן די אויגן... יאָ, יאָ, אין דער לעצטער מינוט האָט ער עפּעס אויסגעשריגן דער ראַווין... אויף זיין זשידאָווסקע לשון עפּעס אויסגעשריגן... אַ געבעט אַזעלכעס, מסתמא, וואָס די זשידעס זאָגן אין אַזאַ צייט...

ער, פּיאָטר קאַמאַראָוו, פאַרשטייט אפילו אַביסל דאָס זשידאָווסקע לשון, נאָר דאָס מאָל האָט ער נישט גוט געהערט און ער קען נישט נאָכזאָגן די לעצטע ווערטער. אַ שאָד, וואָס ער געדענקט נישט די לעצ־טע ווערטער... עפּעס איז אַ שווידער דורכגעלאָפן זיינע ביינער, ווען ער

האָט צום לעצטן מאָל דערהערט דעם זשידס קול... ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, דער פּאָלקאָוניק קאמאראָוו. וואָס איז זיך דאָ וואָס אײַבערצונעמען... וועט זיין מיט איין זשיד ווייניקער... יאָ, געוויס, איז עס אַזוי... פונדעסטוועגן האָט אזא קעלט ארומגענומען זיין לייב, אַז ער איז גלייך אַוועק צו יאָסלס שענק פאַרן אייזערנעם טויער... אַ, יאָסלס בראָנפן איז נישט צו באַצאָלן... עס טוט אזא ברען און עס ווערט גלייך פריילעך אויפן הארץ...

פּאָלקאָוניק קאמאראָוו נעמט ווידער שטעלן וואַקלדיקע טריט אײַבער דעם ליידיקן טראָטואר. ער וויל שוין זיין ביי זיך אין שטוב און אויסציען זיך אויפן בעט. אך, ווי גוט עס איז אוועקצולייגן דעם קאָפּ אויפן ווייכן קישן, ווען דער זשידאָווסקע ראַווין דאָרט... בררר...

פאר זיין טויער דערזעט פּאָלקאָוניק קאמאראָוו אן אומבאַוועגלעכע פרויען־געשטאַלט, אין האַלב טונקל דערזעט נישט פּאָלקאָוניק קאמאראָוו דאָס פּנים פון דער פרוי. זיינע נאָז־לעכער ציטערן אויף:

— קום ארויף צו מיר, טייבעלע — וויל ער זי אַרומנעמען.

די פרוי טרייסלט אָפּ פון זיך זיינע הענט און זאָגט:

— איך בין געקומען צו אייך, פּאָלקאָוניק קאמאראָוו...

ער בלייבט שטיין נישט אנטשלאָסן. דאָס קול פון דער פרוי איז אים באַקאַנט. ער קען זיך אָבער נישט דערמאנען, ווען און ווו ער האָט דאָס קול געהערט.

ער קוקט זיך אויפמערקזאמער איין אין פּנים פון דער פרוי און טוט זיך אין מאָמענט פון ערשטער איבערראשונג אַ צי צוריק:

— מאדאם בערטע? — גלויבט ער נישט זיינע אייגענע אויגן.

— איך בין געקומען צו אייך, פּאָלקאָוניק קאמאראָוו... — חזרט בערטע איבער אירע פריערדיקע ווערטער.

— ביטע, ביטע — דערלאַנגט איר קאמאראָוו זיין אָרעם און פירט זי איבער די טונקעלע טרעפּ צו זיין וווינונג.

פּאָלקאָוניק קאמאראָוו טוט אַ דריי גאַווהדיק זיין וואָנסע. זיין שטערן שיינט אויף. ער האָט ענדלעך באַזיגט דאָס הארץ פון דער שיינער יידישקע. אין מיטן דער נאַכט איז זי געקומען צו אים. נישט געקענט זעט אויס מער לעבן אָן אים. ער איז פונדעסטוועגן פּאָזיטיק,

דער פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו, נישט איבערצושרעקן צו פרי דאָס פייגעלע, וואָס איז אַליין געקומען צו פליען אין זיין נעסט. איבעריקנס, וואָס האָט ער זיך איצט צו איילן. זי איז דאָך שוין ביי אים אין שטוב. דאַרף ער זיין אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער און זיין געדולדיק.

פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו מאַכט ליכט אין שטוב און וויל העלפן בערטען אַראָפּציען דעם מאַנטל.

בערטע ציט זיך אינסטינקטיוו צוריק. זי בלייבט שטיין אין מאַנטל און זאָגט:

— איך בין געקומען צו אייך, פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו, וועגן דעם אַרעסטירטן רב...

פּאָלקאָווניק קאַמאַראָוו דערפילט זיך אנטוישט און אָפּגענאַרט. נישט צו אים, הייסט עס, איז זי געקומען, נישט צוליב איר ליבע צו אים, נאָר צוליב אַ זשיד, שטערט מען אים רואיק צו שלאָפן כאָטש עטלעכע שעה.

ער דערפילט אַ כעס אויף בערטען און דערמאַנט זיך אָן דעם פּאַטש פון איר, וואָס האָט זיך אַמאָל אַראָפּגעלאָזט אויף זיין באַק.

— איך באַדויער זייער, מאַדאַם, — רעדט ער מיט אַ קאַלטער העפלעכקייט — אָבער איר זענט געקומען צו שפּעט...

— איך ווייס, אַז ער איז געוואָרן פאַרמשפּט — האָט בערטע שטיל גערעדט — אָבער ער איז אומשולדיק.

— לײַדער האָט דאָס געריכט געהאַט אַן אַנדער מיינונג, מאַדאַם — האָט אַ חוזק־טאָן אָפּגעקלונגען אין קאַמאַראָווס קול.

— אָבער דאָס געריכט האָט נישט געוווּסט דאָס, וואָס איך ווייס — האָט בערטע געקוקט גלייך אין קאַמאַראָווס אויגן.

— וואָס ווייסט איר, מאַדאַם? — האָט קאַמאַראָוו אָנגעשפּיצט די אויערן.

— איך בין געקומען צו אייך, הער פּאָלקאָווניק, איר זאָלט מיך אַרעסטירן, איך בין די איינציק שולדיקע...

— מאַדאַם, איר ווייסט מיינע געפילן צו אייך — איז קאַמאַראָוו צוגעגאַנגען נענטער צו בערטען — איך האָב דעריבער גאַרנישט געהערט. און איר מעגט זיין רואיק. דעם רב קאָנט איר סיי ווי שוין נישט העלפן...

— איר האָט אים דערמאָרדעט!... — איז בערטע בלייך געוואָרן.

— דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן — האָט קאמאראָוון זיך געדאכט, אז ער רעדט מיט א פרעמדער שטים.

— מערדער!...

— איר זענט אזוי שיין, ווען איר בייזערט זיך — האָט קאמאראָוו זי א נעם געטון אין זיינע אָרעמס.

דער באריך פון איר ליבע האָט אים פארשיכורט. זיין מויל האָט זיך איינגעביסן אין איר האלדז.

בערטע האָט זיך געווערט, זי האָט אים געפרווט אָפּשטויסן פון זיך, האָט זיך געריסן פון זיינע הענט און געשריגן:

— מערדער!... מערדער!...

איר ווערן זיך האָט נאָך מער צערייצט קאמאראָוון.

— שריי, שריי — האָט ער זי א הויב געטון אין דער הויך און א וואָרף געטון אויף זיין בעט.

מיט דער גאנצער משא פון זיין ליב האָט ער זי צוגעדריקט צום בעט. זיינע הענט האָבן האסטיק געריסן פון איר די קליידער.

בערטע האָט זיך געפרווט אויפשטעלן, איר ווידערשטאנד האָט קאמאראָוון ווילד געמאכט. פון צווישן אירע צעריסענע קליידער האָבן ארויסגעשיינט אירע אָנטבלויזטע בריסטן. קאמאראָווס ביידע הענט האָבן זיי מיט רציחהשער תאווה געקנאָטן מיט די פינגער.

— ניין, ניין, — האָט ער שיכור פון תאווה און בראָנפן געכאָרכלט

— היינט וועט דיר שוין גאָר נישט העלפן, היינט ווערסטו שוין זיין מיינע, מיינע!...

זיינע פיס האָבן מיט די קניען געדריקט איר ליב און ווי צעריסן איר בויך. בערטע האָט געפילט, אז די כוחות גייען פון איר אויס. זי האָט פארמאכט די אויגן. זי האָט זיך שוין אפילו ווערן נישט געקענט. זי איז געבליבן ליגן אויפן בעט א הילפלאָזע און האָט געפילט, ווי קאמאראָווס הענט רייסן שטיקער פון אירע קליידער, רייסן זיך צו איר נאקעט ליב.

בערטע האָט שוין נישט געהאט אפילו קיין ווילן זיך צו ווערן. נאָך וואָס? עס איז שוין אלץ איינס. זי באלאנגט שוין סיי ווי נישט צום

לעבן. זי האָט זיך נאָר געוווּנדערט אויף אים, אויף קאַמאַראָוון. וואָס וויל ער פון איר? וואָס רייסט ער פון איר די קליידער? וואָס ברענען זיינע הענט ביים באַריר פון איר ליב? צי ווייסט ער נישט, צי פילט ער נישט, אַז ער קושט און נעמט אַרום אַ מת? אַז אירע גלידער זענען טויט? אַז איר ליב איז טויט?

קאַמאַראָוו האָט געפילט בערטעס נאָכגיביקייט. ער האָט טריומפירט. זיין מענערישער שטאָלץ האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט זי באַזיגט, אַז איצט וויל זי אים שוין, אַז איצט וואַרט זי שוין אויף זיינע אומאַרמונגען.

ער האָט לויזער געמאַכט דעם דרוק פון זיין ליב. איצט וועט ער זי נעמען ווי אַ געהאַרכזאַמע געליבטע.

ער האָט אויף אַ ווייל זיך אָפּגעריסן פון איר ליב און האָט גענומען לאַנגזאַם אַראָפּציען פון איר די רעשט קליידער.

ווי אַ געפאַנגענע וואַלד־חיה אין שטייג דערזעט מיטאַמאָל די אָפענע טיר פון איר שטייג, אַזוי האָט בערטע זיך אַ ריס געטון פון בעט. פלינק ווי אַ קאַץ איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

— אַך, דו! — איז קאַמאַראָווס פּנים אָנגעלאָפן מיט בלוט.

בערטעס אויגן זענען צוגעפאַלן צום נאַכט־טישל, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ בראַונינג. זי איז צוגעפאַלן צום נאַכט־טישל מיט אַ ווילדן שפּרונג און גלייך האָבן זיך אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אַריינגעריסן צוויי שאָסן.

קאַמאַראָוו האָט זיך אַ וואַקל געטון און זיין קערפּער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן דיל.

צוגעדריקט צו דער וואַנט מיטן בראַונינג אין דער האַנט איז בערטע געבליבן שטיין און געקוקט מיט שטוינענדע בליקן אויף דעם קערפּער פון פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאַמאַראָוו, וועמענס אויגן עס האָבן נאָר וואָס געגליט אויף איר נאַקעט ליב.

אין עטלעכע שעה שפּעטער האָבן זשאַנדאַרמען אַרויסגעפירט בערטען פון פּאָלקאָווניק קאַמאַראָווס וווינונג און זיך מיט איר אַריינגעזעצט אין אַ פאַרמאַכטער דראָשקע.

### קאַפּיטל 38

## מיטן עשאַלאָן

אַ געדיכטע קייט פון באַוואָפנטע זעלנער און פּאָליציי־לייט האָט צוריקגעהאַלטן אַ גרופּע פון עטלעכע צענדליק מענטשן צוצוגיין נענטער צו דעם טערעספּאַליער באַן־הויף. דער גרעסטער טייל פון דער גרופּע איז באַשטאַנען פון עלטערע און יונגע פרויען מיט פאַרוויינטע אויגן. די קליינע צאָל מענער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

— נעמט אייך צוריק! — האָבן די פּאָליציילייט מיט די ביקסן־קאָלבעס צוריקגעשטויסן די פרויען.

— דער עשאַלאָן! דער עשאַלאָן!... — איז אַ ציטער דורכגעלאָפן די מענטשן.

די ווייבער האָבן זיך צעכליפּעט. עס האָבן זיך געהערט אויסגע־שרייען:

— גאָט, מען פירט זיי!...

אונטער אַ שווערער וואַך האָט מען פון פאַרמאַכטע וואַגאָנער אַרויס־געפירט מענטשן, וואָס יעדער פון זיי האָט געטראָגן אַ זעקל אויף די פּלייצעס.

— מיין מאַן!... מיין זון!... מיין קינד! — זענען די ווייבער זיך פאַרגאַנגען אין אַ געיאָמער.

די מענטשן אונטער דער וואַך האָבן פאַרלוירן געשמייכלט און זע־נען איינער נאָכן אַנדערן פאַרשוואונדן הינטער די פּלייצעס פון זייערע שומרים.

פון וואָגן איז אַרויס אַ פרוי געקליידט אין שוואַרצן. מיט אַ גע־בויגענעם קאָפּ צו דער ערד האָט זי געטראָגן אויף דער פּלייצע אַ קליינעם רוקזאַק.

— בערטע... — האָבן עפּשטיינס ליפּן צו זיך שטיל אַ פּליסטער געטון.

לאַניא האָט אים פעסטער אָנגענומען ביים אָרעם, נאָר ער האָט איר האַנט נישט געפילט.

— בערטע... — האָט ער אַרויסגעקרעכצט.

— צעגיין זיך, צעגיין!!! — האָבן די פּאָליציי־לייט זיך צעשריגן.

אַ לאַנגער פייף האָט אָנגעזאָגט, אַז דער עשאַלאָן האָט אָנגעהויבן זיין לאַנגן, לאַנגן וועג צום ווייטן סיביר.

מיט געבויגענע קעפּ זענען די מענטשן זיך צעגאַנגען.

דניאל עפּשטיין איז געשטאַנען, ווי צוגעשמידט צום אָרט און זיינע אויגן האָבן געהאַנגען אויף דער ברייטער טיר, הינטער וועלכער בערטע איז נאָר וואָס פאַרשוווּנדן.

— העי, דו, ריר זיך פון אָרט! — האָט אים אַ זעלנער ברוטאַל אַ שטויס געטון.

עפּשטיין האָט גענומען שמעלן שווערע, לאַנגזאַמע טריט. לעבן אים איז געגאַנגען לאַניא, אָבער זי האָט געוווּסט, אַז ער זעט זי נישט מער.

און לאַניא האָט זיך דערמאַנט אָן דעם אָוונט, ווען זיי זענען צוזאַ־מען געשטאַנען אויף דעם באַנהויף און ער, דניאל, האָט אַ גליקלעכער איר איינגערוימט אין אויער זיין גרויסן סוד:

—ווייב מיינס...

און זי האָט אַ צעשיינטע אים אָפּגעענטפערט:

— מאַן מיינער...

איצט גייט זי ביי זיין זייט און זי ווייסט, אַז ער איז איצט אין עשאַלאָן צוזאַמען מיט בערטען...

איבערן הימל האָבן זיך צעצונדן פון אַלע זייטן רויטע פייערלעך מיט אַ בייז־דראָענדיק זשומען. באַלד האָבן מיט אַ פייפעריי זיך צע־ברומט די האַרמאַטן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע בייזע רוחות האָבן אָנגעהויבן זייער מאַרש אויף דער שטאָט.

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו


## ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן ־ וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: הײמלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון װאַרשעװער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (לידער)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשטשינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טײטלבוים: װאַרשעװער הייף
24) טאַניא פוקס: א װאַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן װאַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ
31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאַבריק פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף װאָלף: לייענענדיק פּרצן...

36) צפורה קאצענעלסאָן - נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר ח. שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פארביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאק: יאָרן אין וואנדער (לידער)
48) ש. איזבאן: פאמיליע קארפּ: (ראָמאן) ערשטער באנד
49) ש. איזבאן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) צווייטער באנד
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאס טורקאָוו: אין קאמף פארן לעבן
54) יצחק פערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאן)
55) פנחס ביזבערג: שבת־יומטובדיקע יידן
56) שלום אש: פּעטערבורג (ראָמאן)
57) שלום אש: ווארשע (ראָמאן)
58) שלום אש: מאָסקווע (ראָמאן)
59) ד״ר פיליפּ פרידמאן: אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען: טלאָמאצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאן) ערשטער באנד
62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאן) צווייטער באנד

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

חיים גראדע: שיין פון פארלאָשענע שטערן
יאנוש קאָרטשאק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
מרדכי שטריגלער: ווערק „צע״
אליהו טראָצקי: גלות דייטשלאנדא
בעלכאטאָוו: (זאמלבוך)
רבקה קוויאטקאָווסקי: פון לאגער אין לאגער

## עס גרייט זיך צום דרוק:

רבקה קוויאטקאָווסקי: פון לאגער אין לאגער
קאדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
ד״ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאָר

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ת. וויטאַל שרייבט וועגן דעם בוך „נע־ונד“ פון פרידע זרובבל („פאָרווערטס“, ניו־יאָרק, 7טער מערץ 1948):

מיר אַלע, וועלכע האָבן אין די יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג פאַרלאָזט אונדזערע אַלטע היימען אין אייראָפּע און דערגרייכט זיכערע ברעגן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָדער ארץ־ישראל, אין דרום־אַמעריקע אָדער אויסטראַליע, מיר אַלע טראָגן דעם פּיל־קלינגענדיקן נאָמען „פּליטים“. מיר אַלע זענען אַ געוויסע צייט געווען נע־ונדניקעס, געוואַנדערט פון איין לאַנד אין צווייטן, געלאָפן פון איין אָרט צו אַן אַנדערן, געיאָגט פון שרעק, פון נויט, פון פאַרצווייפלונג.

פרידע זרובבל אין איר בוך „נע ונד“, וואָס איז איצט אַרויס אין אַרגענטינע, גיט אויסדרוק צו אַזאַ וואַנדערונג, אירע איבערלעבונגען און איינדרוקן פון אָנהייב פון דעם צווייטן וועלט־קריג. די פאַרפאַסערין איז אין דער הינזיכט געווען אַ גליקלעכע. זי איז פאַרהעלניסמעסיק ניט לאַנג געווען אַ נד־ונדניצע און האָט זיך נישט לאַנג געוואַלגערט איבער שטעט און שטעטלעך, עפּעס מער ווי אַ האַלב יאָר. די אַנדערע פּליטים איז דער וואַנדערונגס־וועג פון וואַרשע קיין ארץ־ישראל געווען אַ סך אַ

לענגערער, האָט געדויערט אַ סך מער צייט. און האָט זיי אפילו געפירט איבער די מיידאַנעקס און

טרעבלינקעס. אָבער אויך איר וועג איז געווען גאַנץ דראַמאַטיש. זי האָט צוגעזען דעם אָנהייב פון חורבן. דעם אָנהייב פון חורבן פּוילן און דעם אָנהייב פון גרויסן יידישן אומגליק, וואָס האָט זיך צוערשט אויסגעדריקט אין דעם בהלהדיקן לויפן איבער אייראָפּע און נאָכער אַזוי טרויעריק פאַרענדיקט. זי האָט געזען דעם אַריינמאַרש פון די נאַציס אין דער ערשטער פון זייו חרוב־געמאַכטער אייראָפּעאישער הויפּטשטאָט, און האָט איבערגעלעבט די ערשטע מאָנאַטן פון דער קאָמוניסטישער באַהערשונג פון דעם צעטיילטן פּוילן.

פרידע זרובבל איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע שריפטשטעלערין, און זי האָט אויך נישט די פּרעטענזיעס דאָס צו זיין. זי דערציילט אירע איבערלעבונגען איינפאַך, אָן די שרייבערישע פּליטערלעך. דער סטיל אירער איז אַ זויבערער, אָבער נישט קיין געשליפענער. דער אינהאַלט איז זייער אינטערעסאַנט. און דער עיקר: זי פאַרמאָגט די וויכטיקסטע באַגאַבונגען, וואָס זענען נייטיק צו פאַראינטערעסירן דעם לעזער — אַ שאַרף, דורכדרינגענדיק אויג און אַ חוש פאַר הומאָר. אירע באַמערקונגען פון קלייניקייטן מאַכן אַ סיטואַציע, אַ פּאַסירונג אַ סך בולטער.

דאָס בוך „נע ונד״, וואָס ליגט פאַר אונדז איצט אין יידיש, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, איז מיט איינינקע יאָר צוריק שוין דערשינען אין העברעאיש, אין ארץ־ישראל.

זי הייבט אָן אירע איבערלעבונגען מיט דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1939, דורך די נאַציס. אַ שרעקלעכער מאָנאַט איז דאָס געווען פאַר אַלע איינוווינער פון דער שטאָט. אָבער נאָך מער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. די דייטשן האָבן געזוכט הויפּטזעכלעך צו טרעפן די יידישע קוואַרטאַלן. אַ סך טויזנטער יידן זענען דאַן באַגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות פון זייערע הייזער. די איינוווינער האָבן געגראָבן קברים אין מיטן דער שטאָט. דערשאָסענע פערד האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, און אַמשרעקלעכסטן איז געווען צוצוזען ווי אַזוי וואַרשע ברענט פון אַלע זייטן.

אין די ערשטע וואָכן, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן באַזעצט די פּוילישע הויפּטשטאָט, איז נישט געווען גאָר לייכט אַרויסצובאַקומען זיך פון וואַרשע. איר מיט נאָך אַ חברטע איז דאָס געלונגען. זייער ריכטונג איז געווען צום מזרח פון לאַנד, און זיי האָבן דעם וועג ס׳רוב

דורכגעמאַכט צופוס. אין וואַרשע איז פרידע זרובבל געווען צופעליק. זי איז געקומען אויף אַ באַזוך צו איר משפחה, און זי האָט געוואָלט צוריק זיך דערשלאָגן צו איר מאַן און קינדער אין ארץ־ישראל. אויפן וועג האָט מען די צוויי פרויען אָנגענומען נישט אַלס יידישע, נאָר אַלס אַרישע; אָפטמאָל אַלס דייטשקעס און אָפטמאָל אַלס פוילישע, און צוליב דעם האָבן זיי געהאַט מער גליק.

שוין גלייך אין אָנהייב פון דער דייטשער אָקופאַציע האָבן די פאָליאַקן דערשמעקט, אַז די מערדער מיינען נישט זיי, נאָר די יידן, און זיי האָבן וועגן דעם אָפן גערעדט. אין דער ערשטער צייט האָבן די דייטשן געזוכט פוילישע סימפאַטיעס אויפן חשבון פון די יידן, און דאָס האָט זיי, די פאָליאַקן, געגעבן קוראַזש צו רויבן יידיש האָב און גוטס, אפילו ביי די אומגליקלעכע פליטים. זיי האָבן אפילו אַראָפגעצויגן שיכלעך פון די פיס פון די יידישע קינדער. איר ערשטע גרעסערע סטאַנציע איז געווען די שטאָט ביאַליסטאָק.

מיט די אויגן געווענדט צו ארץ־ישראל — האָט פרידע זרובבל זיך צוערשט געלאָזט אין דער ריכטונג נעענטער צו דער רומענישער גרעניץ, קיין לעמבערג. סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט שוין דאַן געהאַט צוגענומען דעם טייל פוילן, און די שרייבערין גיט דאָ זייער אַן אינטערעסאַנטן קאַפיטל: אירע דעמאָלסטיקע דערפאַרונגען אונטער דער קאָמוניסטישער הערשאַפט. צעשפרייט איבער אַלע שטעט און שטעטלעך האָט פרידע זרובבל געהאַט פריינט, פאַרטייחברים, לינקע פועלי־ציוניסטן. קיינער האָט פון איר אָבער נישט געוואָלט וויסן. מ׳האָט פון איר געווייכט ווי פון אַ פעסט. מ׳האָט מורא געהאַט זי אפילו אַרויפצולאָזן אויף אַ שוועל.

די יידן, אין די דורך רוסלאַנד־אָקופירטע געביטן, האָבן זיך געשראָקן פאַר דער נייער סאָוועטישער מאַכט. מ׳האָט שוין דאַן אָנגעהויבן צו אַרעסטירן ציוניסטן און אויך פועלי־ציוניסטן. די מאַכט האָט די אַרעסטירטע געשיקט אין די קוילן־גרובנס פון דאָן־באַס (דאָניעצקי באַסעין). האָט יעדער זיך באַמיט צו זיין דער כשרסטער מענטש. יעדער איינער האָט געזוכט זיך אָפצוטרייסלען פון די פריערדיקע „חטאים". די מענטשן האָבן זיך אַליין פאַרלייקנט.

אַ מוראַדיקע שטימונג פון קאַלטקייט, פון צוריקגעהאַלטנקייט האָט דאַן געהערשט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון דער סאָוועטישער גאַליציע. און די יידישע קאָמוניסטן האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע געלע־

גנהייט, כדי צו ווערן „גרויס” און
„שטאַרק”...

זי דערציילט וועגן אירע באַגע־
גענישן אויפֿן וועג מיט אייניקע
יידישע שרייבער פֿון פּוילן: — „אַ
צווייטער יידישער שרייבער —
שרייבט פרידע זרובבל, — בערלינ־
סקי, דערציילט מיר, אַז אויפגעצי־
טערטער, וועגן אַ צוזאַמענטרעף,
וואָס דער יידיש־רוסישער שרייבער־
קלוב האָט איינגעאָרדנט פֿאַר די
יידישע קאָלעגן־פּליכטלינגען פֿון
פּוילן. דעם אָוונט האָט געעפֿנט אַ
יונגער רוסישער שרייבער מיט אַ
קורצער באַגריסונג. נאָך אים האָט
גערעדט אַ יידישער שרייבער פֿון
ראַטנפאַרבאַנד, שוין גאָר אַן „אויפ־
קלערנדיקע” רעדע: ער האָט גע־
ווונטשן זיינע יידישע קאָלעגן פּראָ־
דוקטיווע אַרבעט פאַר דעם סאָוועט־
טישן לאַנד. אָבער פריער — האָט
ער געזאָגט — מוזט איר אויסמעקן
אַלץ, וואָס איר האָט ביז איצט גע־
שריבן, און אָנהייבן אויפסניי... גע־
פּלעפטע זענען געזעסן די יידישע
שרייבער. עס האָבן געענטפערט די
שרייבער קאַציזנע און מיין דערציי־
לער בערלינסקי”... דער קאָלעגע
פֿונעם ראַטנפאַרבאַנד איז געווען
קנאַפּ באַהאַוונט אין דער יידישער
ליטעראַטור פֿון פּוילן.

אַלטער קאַציזנע האָט זיך גע־
ווענדט צו דער ראַטן־מאַכט — דער־
ציילט פרידע זרובבל — וועגן אַ
דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אין לעמ־
בערג אַ וואָכנבלאַט אָדער אַ חודש־
זשורנאַל אין יידיש. מען האָט אים
אָפּגעזאָגט, און דער ענטפער איז
געווען: לעמבערג דאַרף זיין אַ אוּר־
קראַינישע שטאָט און עס איז דער־
ווייל נישטאָ קיין פּלאַץ און צייט
פאַר יידישע צייטונגען; שפּעטער
וועט מען זען (זייט83).

זי גיט אויך איבער זייער אַ טרויַ־
עריק־אינטערעסאַנטע באַגעגעניש,
וואָס זי האָט געהאַט מיט אַ געווע־
זענעם פּאַרטיי־חבר אין דעם שטע־
טל קאָלאָמיי, פֿון פאַך אַן אַדוואָ־
קאַט. זעענדיק, אַז איר נאָמען מאַכט
אויף אים נישט קיין רושם, האָט זי
אים איבערגעגעבן גרוסן פֿון זיינע
פריינט אין לעמבערג און פֿון זיין
שוואָגער אין קאַסאָוו. אָבער ער האָט
אַלץ פאַרלייקנט, אַז ער האָט נישט
קיין פריינט מיט די נעמען, אַז ער
האָט נישט קיין שוואָגער אין קאַ־
סאָוו.

און ביים אַדוואָקאַט אויפֿן טיש
איז געלעגן אויסגעלייגט, ווי אין אַ
שויפֿענצטער, נאָר וואָס דערשינע־
נע נייע ביכער, אַלע סאָוועטישע
בראָשורן אין דער פּוילישער שפּראַך.
זיי ליגן נישט איינע אויף דער
צווייטער, נאָר יעדע באַזונדער אויף
דער גאַנצער ברייט פֿון טיש!

ווען דער זעלבער אַדוואָקאַט איז

אַוועק פון שטוב, האָט אים זיין פרוי נאָכגעשריגן:

— „אַדאָלף, אַדאָלף, פאַרגעס נישט די קאָנסטיטוציע!" און די שרייבערין באַמערקט: „ווי אַ בלום זעצט ער אַריין די בראָשור אין לאַץ פון זיין מאַנטל אַזוי, אַז מען זאָל אָנזען די אויפשריפט „סטאַלין־קאָנסטיטוציע" (זייט 94).

אַזוי האָבן זיך מענטשן דאַן מאַסקירט פאַר דער נייער, סאָוועטישער מאַכט.

איר ציל, ארץ־ישראל, האָט זי דערגרייכט, אָבער נישט דורך רומעניע. זי האָט זיך געמוזט אומקערן צוריק צום מזרח און שוואַרצן די גרעניץ קיין ליטע. אין ווילנע איז זי געווען פון די ערשטע פליכטלינגען. פון דאָרט געלינגט איר אַרויסצורייסן זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין. איבער ריגע, שטאָקהאָלם, מאַלגע, קאָפּענהאַגן, אַמסטערדאַם, בריסל, פּאַריז, מאַרסעל קומט זי אָן קיין ארץ־ישראל.

דאָס בוך „נע ונד" איז אַ פיינער ביישטראַג צו דער ליטעראַטור פון דער יידישער וואַנדערונג אין אונדזער צייט.

**מ. מאָן** שרייבט וועגן דעם בוך „קינדער־מארטיראָלאָגיע", וואָס נח גריס האָט באַאַרבעט („נייוועלט", תל אביב, 25טער פעברואר 1949):

אין דעם גרעסערן אַריינפיר צו דעם בוך שרייבט דער מחבר, נח גריס: „קיין וויסטע פאַנטאַזיע פון א מענטש איז אָבער נישט געווען אין שטאַנד אויסצוטראכטן אזעלכע פארברעכנס, ווי ס'איז באַגאַנגען דער היטלעריזם, דעריבער פעלן אונדז נאָך די פּאסיקע באצייכענונגען פאר די אומגעהויערע פיזישע אויסראָטונגען און מאָראלישע פאַרוויסטונגען, ראפינירטע בעסטיאלישקייטן און סאדיסטישע פּייניקונגען, וואָס די האקנקרייץ העלדן האָבן פאראורזאכט".

הונדערטער יוריסטן, אַ גאַנצער שטאַב פון רעכט־קענער, האָבן געזוכט אַ רעכטלעכן גרונט אין דער אונ״אָ, כדי צו געפינען אַ פאָרמולע, וואָס זאָל פאַראורטיילן דעם היטלעריסטישן מאָרד. חדשים־לאַנג האָבן געדויערט זייערע „מיזאמע פאָרשונגען״ — און לסוף האַלטן זיי נאָך באַם אָנהייב. איך דערמאָן דאָס דערפאַר, ווייל עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט קינדער באַלד נאָך דער מפּלה פון היטלעריזם און איך האָב זיך אָנגעהערט אָן אַ שיעור אויפטרייסלענדיקע איבערלעבונגען פון געראַטעוועטע קינדער. אַ טייל פון זיי האָב איך נאָך אין די וועלדער געטראָפן און דערנאָך זיי געזען אויף די שולבענק פון באַנייטן פוילן. איך האָב אָפט געטראַכט וועגן די איבערלעבענישן פון די קינדער, וואָס זאָלן דורך אַ האַנט פאַרצייכנט ווערן, אַז עס זאָל בלייבן פאַר די קומענדיקע דורות.

גוט האָט דערפאַר געטון נח גרים, וואָס ער האָט די פליכט פון אַ יידישן פעדאַגאָג און דערציער דערפילט.

און דערפילט האָט ער זי מיט פּיעטעט, אחריות און ליבע צום יידישן קינד.

שוין די קליינע בראָשור, וואָס איז דערשינען אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע פון פוילן, נאָך אין די ערשטע חדשים נאָך דער באַפרייאונג: „אַריינפיר צו מעטאָדישע אָנווייזונגען אויסצופאָרשן קינדער נאָכן חורבן״ — וועמענס מחבר עס איז נח גרים — האָט אָנגעזאָגט, אַז עס מוז קומען די אַרבעט, וואָס זאָל וואַרפן אַ ליכט אויף די ליידן און מאַרטירערשאַפט פון יידישן קינד.

גרים האָט פאַרשטאַנען, ווי עס פאַרשטייען עס פעדאַגאָגן, אין דער ערשטער רייע צו לאָזן די קינדער אַליין דערציילן.

„קינדער־מאַרטיראָלאָגיע״ איז אַ זאַמלונג פון עדות־דערקלערונגען און טאָג־ביכער פון יידישע קינדער. און דאָך פילט זיך די גרויסע מי, וואָס עס האָט אַריינגעלייגט דער מחבר, כדי די אַלע גבית עדות צונויפצוזאַמלען, סאָרטירן און מאַכן די נויטיקע אויספירן.

אוודאי וואָלט נח גרים געקענט אָנשרייבן אַ דיק בוך שטיצנדיק זיך אויף ציטאַטן און באַמערקונגען פון די צענדליקער דאָקומענטן און דערקלערונגען פון קינדער.

מען מוז מודה זיין, אַז עס איז שווער צו לייענען די פּשוטע קינדערישע שילדערונגען. מען ווערט ממש אויפגעטרייסלט ביז די טיפענישן. אָנהייבנדיק פון די רירנדיקע שילדערונגען פון מאַניע לעדער, אַ קינד פון אַכט יאָר, וואָס איז אַנטלאָפן

פון לאגער אין וואלד, פון דער 11־יעריקער אסתר בעלער, וואָס געפינט זיך אין קראקע און האָט זיך אויסבאהאלטן אין אַ בונקער, אָדער פון עמנואל קריגעל, וואָס איז דעמאָלט אלט געווען ניין יאָר און דערציילט פון די ליידן אין אוקריינע.

דווקא די קינדער האָבן מיט זייער פּראָסטער קינדערישער שפּראַך אויסגעדריקט דעם שטאַרקסטן און אויפטרייסלענדיקסטן באַשולדיקונג־וואָרט, וואָס איז מיר ביז איצט אויסגעקומען צו הערן, קעגן דעם נאַציזם.

דער אַריינפיר צום בוך איז אַן ערשטער פּרוּוו אין דער יידישער פאָרשונג פון היטלער־חורבן צו געבן אַ קלאָר בילד פון מצב פון די יידישע קינדער אין יענער צייט.

מיט קענטעניש און געשטיצט אויף דאָקומענטן איז אָנגעשריבן דאָס קאַפּיטל „די היטלער־פּאָליטיק לגבי יידישע קינדער", די גענויקייט און וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג פון מחבר צו דער זאַך קען אויך עדות זאָגן, אז אפילו „די אויסצוגן פון דער באַשפּייזונג־פאַראָרדענונג", וואָס זענען אָנגעווענדט געוואָרן דורך די דייטשן לגבי יידן און יידישע קינדער זענען אָנגעגעבן געוואָרן.

דאָס פּראָבלעם „גאסן ־ קינדער" איז אַזוי פיל מאָל שוין באהאנדלט געוואָרן דורך די יידישע און נישט יידישע שרייבער, וואָס זענען לעבן געבליבן אין פּוילן און אויך אויסער פּוילן. אפילו קינסטלער, וואָס האָבן געלעבט אין די געטאָס האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גאַנצע גאַלעריע קינדער־טיפּן, קינדער־בעטלער, קינדער־שמוגלער, קינדער־גנבים און קינדער הויף־זינגער — אויך נח גרים באהאנדלט גענוי דאָס פּראָבלעם, וואָס האָט אגב אין יענע טעג אָנגענומען אַ מאסן־כאַראַקטער.

דער מחבר גייט נישט שטילשווייגנדיק אַדורך דעם געזעלשאַפטלעכן קינדער־שוץ, „שול־וועזן".

„די מאָראַל פון אונדזערע קינדער" — דאָס איז אַ טעמע אויף אַ גרעסערע אַרבעט, דאָך גיט גרים אויפן סמך פון די געזאַמלטע מאַטעריאַלן אַ קלאָר בילד פון אומגעבראָכענעם מאָראַלישן צושטאַנד פון לעבנגעבליבענעם יידישן קינד.

„קינדער מאַרטיראָלאָגיע" באַהאַנדלט דעם פיזישן און פּסיכאָלאָגישן מצב פון יידישן קינד, וואָס האָט זיך געפונען אין די נעגל פון בלוט־דורשטיקן היטלעריזם. עס איז די פליכט אַרויסצוברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט דאָס צווייטע בוך, — קינדער אין קאַמף. עס איז

אַ גרויסע און פאראנטוואָרטלעכע אויפגאבע, וואָס עס האָט זיך גע־שטעלט נח גרים, לאָמיר האָפן, אַז ער וועט זי בשלימות דערפילן, פּונקט ווי עס איז דערפּילט געוואָרן דער גרויסער חוב לגבי די קינדער־מארטירער דורכן דערשיינען פון בוך קינדער־מארטיראָלאָגיע".

דוד פלינקער

# אין שטורעם

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע יידנטום

62

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

Este libro fué terminado el 15 de Marzo de 1950
Año del Libertador General San Martín
en los Tall. Gráficos de Zlotopioro Hnos.
G a s c ó n 1 2 3 1 — Buenos Aires